STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03893

MABL

Henryk Sienkiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1423
מ· 97

הענריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

יידיש: משה בליישטיפט

פערטער טייל

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ

וואַרשע, 1927

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי י. הענדלער, וואַרשע, דליגע 26

P O T O P
HENRYKA SIENKIEWICZA
WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

1929

1 קאַפּיטל.

קמיטשיצן און די קעמליטשס האָבן די פערד גיך געטראָגן צו דער שלעזישער גרעניץ. זיי זענען געפאָרן פאָרזיכטיק, כדי זיך מיט עפעס אַ שוועדישער אָפּטיילונג נישט צונויפצוטרעפן, ווייל הגם די ביטרע קעמליטשס האָבן געהאַט „פּעסער”, אַרויסגעגעבן דורך קוקלינאָווסקין און אונטערגעשריבן דורך מילערן, האָט מען אָבער די זעלנער, אַפילו די, וואָס זענען געוועזן פאַרזעען מיט אַזעלכע דאָקומענטן, געוויינלעך חוקר-ודורש געוועזן און אַזאַ חקירה-ודרישה האָט געקאָנט שלעכט אויספאַלן פאַרן הער אַנדזשעי און זיינע חברים. זיי זענען בכן געפאָרן איילִיק, כדי וואָס גיכער די גרעניץ אַריבערצוגיין און טיף אין קייזערלעכן לאַנד זיך אַריינצולאָזן. די גרעניץ-בערגעס גופא זענען אויך נישט געוועזן באַוואָרנט פאַר די שוועדישע רוצחים, און אָפטמאָל האָבן אויך גאַנצע רייטער-אָפּטיילונגען זיך אַריינגעלאָזט קיין שלעזיע, כדי אויפצוכאַפּן די, וועלכע האָבן זיך צו יאַן קאַזשימיעזשן אַריבערגעקליבן. אָבער די קעמליטשס, וועלכע האָבן אין משך פון זייער אויפהאַלטן זיך בײַ טשענסטאָכאָוו כסדר זיך פאַרנומען מיט אויפכאַפּן איינצעלנע

שוועדן, האָבן זיך שוין גוט באַקענט מיט דער גאַנצער סביבה, מיט אַלע גרעניץ-וועגן, שטעגן און דורכגענג, אויף וועלכע דער פאַנג פלעגט זיין באַזונדערס בשפעדיק און ווו זיי זענען געווען ווי בּאַ זיך אין דער היים.

אונטערוועגס האָט דער אַלטער קעמליטש דערציילט דעם הער אַנדזשעי, וואָס עס הערט זיך אין דער רעפובליק, און הער אַנדזשעי, וועלכער איז אַזאַ לאַנגע צייט געווען פאַרשפאַרט אין דער פעסטונג, האָט די דאָזיקע נייעס גיריק געהערט און אין די אייגענע יסורים פאַרגעסן, ווייל זיי זענען פאַר די שוועדן געווען זייער אומגינסטיק און האָבן אָנגעזאָגט דעם שוין נאָענטן סוף פון דער שוועדישער ממשלה אין פוילן.

– דעם חייל זענען שוין נמאס געוואָרן די שוועדישע גליקן און די שוועדישע חברותא – האָט דער אַלטער קעמליטש געזאָגט – און די אייגענע זעלנער, וואָס האָבן אַנומעלט די העטמאַנעס געדראָט מיטן טויט, ווען זיי וואָלטן נישט וועלן זיך באַהעפטן מיט די שוועדן, ווענדן איצט אָן שתדלנות פּאַם האַר פּאָטאָצקי און שיקן אַרויס דעפּוטאַציעס, אַז ער זאָל די רעפובליק פון דעם ענגעניש אַרויסראַטעווען, צושווערנדיק אים בייצושטיין ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. איינִיקע פּולקאָווניקעס האָבן אויף אייגענער אחריות גענומען די שוועדן שלאָגן.

און ווער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן ?

– האַר זשעגאָצקי, באַבימאָסטער סטאַראָסטע, מיטן האַר קולעשאַ. זיי האָבן אין גרויספוילן אָנגעהויבן און טוען אָן די שוועדן גרויסע צרות, אַ סך קלענערע אָפּטיילונגען איז נאָך פאַרהאַן אין גאַנצן לאַנד, אָבער די נעמען פון די אָנפירער איז שווער צו געדענקען, ווייל זיי זאָגן זיי בכיון נישט אויס, און דאָס דעריבער, ווייל זיי ווילן זייערע משפחות און פאַרמעגנס פון דער שוועדישער נקמה אָפּראַטעווען. פון חייל האָט דער ערשטער אין די שוועדן מורד געווען דער פּולק, מיט וועלכן עס פירט-אָן האַר וואָינילאָוויטש.

– גאַבריעל ?.. ער איז דאָך מיין קרוב, הגם איך קען אים נישט !

— דאָס איז אַ ווילער זעלנער. ער האָט דאָס פּאַרטיזאַנען דעם בוגד פּראַצקיס מחנה, וועלכע האָט די שוועדן געדינט און אים אַליין האָט ער דערשאָסן, און איצט איז ער אַוועק צו די מיראַדיקע בערג, וואָס ליגן הינטער קראָקע; דאָרט האָט ער אַ שוועדישע אָפּטיילונג אויסגעקוילעט און מציל געווען די בערג־לייט, וואָס זענען די שוועדישע נגישות אויסגעשטאַנען...

— האָבן שוין אויך די בערג־לייט גענומען די שוועדן שלאָגן?

— זיי האָבן די ערשטע אָנגעהויבן; נאָר היות דאָס זענען נאַרישע פּויערן, האָבן זיי באַלד געוואָלט קראָקע מיט העק אָפּנעמען, גענעראַל דוגלאַס האָט זיי אָבער צעטריבן, ווייל אין די טאָלן האָבן זיי קיין שום סיגול נישט זיך צו שלאָגן, דערפאַר אָבער איז פון די פּאָר אָפּטיילונגען, וואָס זענען אין די בערג געשיקט געוואָרן, קיין איינער ניט צוריק געקומען. איצט האָט האַר וואָינילאָוויטש יענע פּויערן אַרויסגעהאָלפן און אַליין איז ער אַוועק צום האַר מאַרשאַל קיין לובאָמיל און מיט זיינע חיילות זיך פּאַראייניקט.

— שטעלט זיך דען דער הער מאַרשאַל לובאָמירסקי אַקעגן די שוועדן?

— פאַרשיידענע זאַכן האָט מען וועגן אים דערציילט, דאָ אַז ער נייגט זיך אויף דער זייט, דאָ אויף יענער זייט, אָבער אַז מ׳האָט שוין אין גאַנצן לאַנד גענומען אויפן פערד זיך זעצן, איז ער אויך געוואָרן אַ פאַרביסענער קעגנער פון די שוועדן, דאָס איז אַ גרויסער תּקיף און ער קאָן זיי אַ סך שלעכטס טאָן! ער איינער אַליין וואָלט געקאָנט מיטן שוועדישן קעניג מלחמה־האַלטן. מענטשן זאָגן אויך, אַז ביז פרילינג וועט קיין איין שוועד נישט זיין אין דער רעפּובליק...

— הלוואי, עס זאָל אַזוי געשען!

— ווי קאָן דען אַנדערש זיין, גנעדיקער האַר, אַז צוליב דער באַלאַגערונג אין טשענסטאָכאָוו זענען אַלע זיי געוואָרן פאַרביסענע שונאים. דאָס חייל בונטעוועט זיך, די שליאַכטע שלאָגט זיי שוין, וווּ זי קאָן, די פּויערן נעמען זיך צונויף אין קופּעס, אין דערצו

נאָך גייען די טאַטערן, עס גייט דער כאַן בכבודו-ובעצמו, וועלכער האָט כמיעלניצקין און די קאָזאַקן צעקלאַפּט און צוגעזאָגט זיי צו פאַרטיליקן ביז איינעם, אויב זיי וועלן קעגן די שוועדן נישט מאַרשירן.

— אָבער אויך די שוועדן האָבן נאָך באַדייטנדיקע אָנהענגער צווישן די שררות אין דער שלאַכטע?

— עס האַלט זיך ביי זיי נאָר דער, וואָס מוז, אָבער אויך אַזעלכע קוקן נאָר אויס אויף אַ שעת-הכושר. איין ווילנער וואָיעוואָדע איז צו זיי פעסט צוגעשטאַנען, האָט ער אָבער דערפאַר טייער באַצאָלט.

קמיטשיץ האָט אַזש דאָס פערד איינגעהאַלטן און גלייכצייטיק פאַר דער זייט זיך אָנגעכאַפּט, ווייל אַ שאַרפער ווייטיק האָט אים אַ שטאָך-געטון.

— באַ גאָט! — האָט ער אויסגערופן, דערשטיקנדיק דעם קרעכץ — זאָג-זשע מיר, וואָס איז מיט ראַדזיווילן? זיצט ער נאָך אַלץ אין קיידאַני?

— טורעם פון העלפאַנט-ביין! — האָט דער אַלטער געזאָגט — איך ווייס נאָר דאָס, וואָס מענטשן דערציילן, און גאָט ווייסט, וואָס די מענטשן דערציילן אַלץ נישט. אַ טייל זאָגן, אַז דער פירשט וואָיעוואָדע לעבט שוין נישט; אַנדערע, אַז ער שטעלט זיך נאָך אַקעגן דעם האַר סאַפּיעהאַ, אָבער קוים ער ציט דעם אָטעם. אַ סברה, אַז זיי האָבן זיך אין פּאָלעסיע געשלאָגן און האַר סאַפּיעהאַ איז אים בייגעקומען, ווייל די שוועדן האָבן דעם פירשט וואָיעוואָדע נישט געקענט ראַטעווען... איצט שמועסט מען, אַז ער איז אין טיקאָטשין דורכן האַר סאַפּיעהאַ באַלאַגערט געוואָרן און אַז עס איז שוין נאָך אים.

— געלויבט איז גאָט! די ערלעכע מענטשן טריומפירן איבער די בוגדים!... געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!

קעמליטש האָט פון אַ זייט אַ קוק-געטאָן אויף קמיטשיצן און האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טראַכטן. ס'איז דאָך באַוווּסט געווען אין דער גאַנצער רעפּובליק, אַז אויב ראַדזיוויל האָט אין אָנהויב טריומפירט איבער זיינע אייגענע חיילות און

איבער דער שלאַכטע, וועלכע האָט די שוועדישע ממשלה נישט געוואָלט, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס געשען אַ דאַנק קמיטשיצן און זיינע מענטשן.

אָבער דער אַלטער קעמליטש האָט מיטן דאָזיקן געדאַנק זיך נישט אַרויסגעכאַפּט פאַר זיין פּולקאָווניק און זיי זענען ווייטער געפאָרן שטילשווייגנדיק.

— און וואָס איז מיטן פירשט שטאַלמייסטער? — האָט הער אַנדזשעי צום סוף געפרעגט.

— איך האָב וועגן אים גאָרנישט געהערט, גנעדיקער האַר — האָט קעמליטש געענטפערט — אפשר איז ער אין טיקאָטשין און אפשר באַם קורפירשט. איצט איז דאָרט מלחמה און דער שוועדישער קעניג איז בכבודו-ובעצמו קיין פּרייסן אַרויסגעפאָרן, און מיר קוקן דערווייל אויס אויף אונזער האַר. הלואי ער זאָל קומען! ווארום זאָל ער זיך באַווייזן, וועלן אַלע אָן אויסנאַם זיך שטעלן אויף זיין זייט און דאָס הייל וואָלט תיכף די שוועדן פאַרלאָזט.

— איז עס זיכער אַזוי?

— גנעדיקער האַר! איך ווייס נאָר דאָס, וואָס עס האָבן געזאָגט די זעלנער, וועלכע האָבן באַ טשענסטאָכאָוו מיט די שוועדן געמוזט שטיין. פאַרהאַן דאָרט אַ פיינע קאַוואַלעריע אונטער דער קאָמאַנדע פון האַר זבראָשעק, פון האַר קאַלינסקי און אַנדערע פּולקאָווניקעס. איך נעם זיך די העזה צו זאָגן אייך, גנעדיקער האַר, אַז קיינער דינט דאָרט נישט מיטן גוטן ווילן, סיידן קוקלינאָווסקיס גזלנים, וועלכע האָבן זיך מיט די יאַסנאָגורער אוצרות געוואָלט אָנשטאָפּן. אָבער די ערלעכע זעלנער האָבן רק געיאָמערט און איינער פאַרן צווייטן באַקלאָגט זיך: „מיר האָבן שוין גענוג דידאָזיקע יידישע דינסט! זאָל נאָר אונזער האַר מיט אַ פּוס די גרענעץ אַריבערטרעטן, וועלן מיר באַלד די שוועדן אָקעגן די פּיוועדן אַקער-טון, אָבער כּל-זמן ער איז נישטאָ, וואָס זאָלן מיר טאָן, זוּ זאָלן מיר גיין?" אַזוי האָבן זיי זיך באַקלאָגט, און אין די אַנדערע פּולקן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער קאָמאַנדע פון העטמאַנעס, איז נאָך ערגער. דאָס

ווייס איך אויף זיכער, ווייל עס זענען געקומען פון זיי דעפּוטאַטן צום האַר זבראָזשעק אים איבערערדן און דאָרט האָבן זיי אין די נעכט בסוד אסיפות אָפּגעהאַלטן, וועגן וואָס מילער האָט נישט געוווּסט, הגם אויך ער האָט געפילט, אַז ס'איז שלעכט אַרום אים.

— און דער ווילנער וואָיעוואָדע איז אין טיקאָטשין באַלאַגערט ? — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט.

קעמליטש האָט ווידער אומרויִק אַ קוק-געטון אויף קמיטשיצן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז די היץ מוז אים אַוודאי אָנכאַפּן, אויב ער הייסט זיך צוויי מאָל איבערחזרן איין און די זעלבע ידיעה, וועגן וועלכער ס'איז נאָר וואָס גערעדט געוואָרן, פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט :

— באַלאַגערט דורכן האַר סאַפּיעהאַ.

— גאָטס משפט איז גערעכט ! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ער, וועלכער איז מיט זיין מאַכט צו מלכים געווען געגליכן !... איז קיינער ביי אים נישט געבליבן ?

— אין טיקאָטשין שטייט אַ שוועדישער גאַרניזאָן. און באַם פירשט וואָיעוואָדע גופא איז אפשר נאָר אַ הייפל פון די געטרייעסטע הויף-לייט פאַרבליבן.

קמיטשיצס ברוסט איז פול געוואָרן מיט שמחה. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון שרעקלעכן מאַגנאַט איבער אָלענקאַן, און הגם ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער האָט מיט זיינע דראָונגען דידאָזיקע נקמה פאַרהיטן, האָט אים דאָך כסדר געפּייניקט דער געדאַנק, אַז פאַר אָלענקאַן און אַלע בילעוויטשס וואָלט בעסער און זיכערער געווען צו וווינען אין אַ לייבן-גרוב, איידער אין קיידאַני, אונטער דער האַנט פון פירשט, וועלכער האָט קיינמאָל קיינעם נישט פאַרגעבן. איצט אָבער, אַז ער איז געוואָרן אַ יורד, האָבן זיינע קעגנער דערמיט אַליין געמוזט טריומפירן ; איצט, אַז ער איז באַרויבט געוואָרן פון די כּוחות, באַדייטונג, אַז ער איז געווען בעל-הבית נאָר איבער אַ נישטיקן שלעסל, אין וועלכן ער האָט דאָס אייגענע לעבן און פרייהייט פאַרטיידיקט, האָט ער דאָך נישט געקענט קלערן וועגן נקמה ; זיין האַנט האָט אויפגעהערט צו דריקן די שונאים.

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט! — האָט קמיטשיץ איבערגעחזרט.

און זיין קאָפּ איז אַזוי געווען אַריינגעטון אין דערדאָזיקער ענדערונג פון ראַדזיווילס גורל און אין דעם, וואָס עס האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין טשענסטאָכאָוו פאַרלאָפן און אין דעם, ווו עס איז די, וואָס זיין האַרץ האָט ליב באַקומען און אין דעם, וואָס עס איז מיט איר געשען, אַז ער האָט צום דריטן מאָל געפרעגט קעמליטשן:

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז דער פירשט איז צעבראָכן?

— צעבראָכן ווי אַ שאַרבן - האָט דער אַלטער געענטפערט — איז דער גנעדיקער האַר נישט קראַנק?

— די זייט ברענט נאָר. דאָס איז גאָרנישט! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

און ווידער זענען זיי שטילשווייגנדיק געפאָרן. די אויסגעמאַטערטע פערד האָבן גענומען גיין וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער, ביז זיי האָבן צום סוף גענומען לאַנגזאַם שפּרייזן. דידאָזיקע אומפאַרענדערלעכע באַוועגונג האָט איינגעשלעפערט דעם טויטמידן העַר אַנדזשעי און ער איז געשלאָפן לאַנג, שאָקלנדיק זיך אויפן זאָטל. ס'האָט אים ערשט אויפגעוועקט דאָס העלע טאָגליכט.

ער האָט זיך מיט פאַרוואונדערונג אַרומגעקוקט, ווייל ס'האָט זיך אים אין דער ערשטער רגע געדוכטן, אַז אַלץ, וואָס ער האָט די נאַכט איבערגעלעבט, איז נאָר געווען אַ חלום; צום סוף האָט ער געפרעגט:

— דאָס זענט איר, די קעמליטשס? מיר פאָרן פון לעבן טשענסטאָכאָוו?

— אַוודאי, גנעדיקער האַר!

— און ווו זענען מיר?

— אָהאָ! שוין אין שלעזיע. די שוועדן וועלן אונדז שוין דאָ נישט כאַפּן!

— איז גוט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, קומענדיק אינגאַנצן צו זיך — אוז ווו רעזידירט אונדזער גנעדיקער האַר קעניג?

— אין גלאַגאָוו.

— אַהין וועלן מיר טאַקע פאָרן, דעם האַר צו די פיס זיך בוקן, אונדזער דינסט פאַרלייגן אָבער הער נאָר, אַלטער!

— כ'הער, גנעדיקער האַר!

אָבער קמיטשיץ האָט זיך פאַרטראַכט און נישט מיטאַמאָל גענומען רעדן. אַ פּנים, ער האָט עפּעס אין קאָפּ זיך איבער־געלייגט, געקווענקעלט, מיישב געווען, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין!

— כ'הער, גנעדיקער האַר! — האָט קעמליטש איבערגעחזרט.

— נישט פאַרן קעניג, נישט פאַר אַן אַנדערן פון די הויף־לייט זיך מיט קיין פּיפּס נישט אַרויסכאַפּן, ווער איך בין!... כ'הייס באַבּיניטש, און מיר פאָרן פון טשענסטאָכאָוו. וועגן האַרמאַט און וועגן קוקלינאָווסקין קענט איר דערציילן... אָבער מיין נאָמען נישט דערמאַנען, כדי מ'זאָל דאַרט מיינע כוונות פּונקט קאַפּויר נישט אויסטייטשן און פאַר אַ בוגד מיך נישט האַלטן, ווייל איך האָב אין פאַרבלענדעניש צום ווילנער וואָיעוואָדע געדינט און אים נאָך געהאָלפן, וועגן וואָס מ'האָט אין הויף אַוודאי געהערט.

— הער פּולקאָווניק! נאָך דעם, וואָס איר האָט בּאַ טשענסטאָכאָוו אויפגעטון...

— און ווער וועט ערב זיין, אַז דאָס איז אמת, כּל־זמן דאָס קלויסטער איז באַלאַגערט?

— עס וועט געשען, ווי דער גנעדיקער האַר באַפעלט.

— ס'וועט קומען אַ צייט, ווען דער אמת וועט אין די הויך אַרויפשווימען — האָט קמיטשיץ ווי צו זיך אַליין געזאָגט — אָבער צום ערשט מוז אונדזער האַר אַליין זיך איבערצייגן... ער וועט אויך שפּעטער פאַר מיר ערב זיין!

דאָ איז דער שמועס אָפּגעהאַקט געוואָרן. דערווייל איז געוואָרן גרויסער טאָג. דער אַלטער קעמליטש האָט גענומען זינגען שעה־געבעטן, און קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבן אים באַגלייט מיט זייערע באַס־שטימען. דער וועג איז געווען אַ שווערער, ווייל סהאָט אָנגעהאַלטן אַ קנאַקעדיקער פראָסט, און דערביי האָט מען די פאָרנדיקע כסדר פאַרהאַלטן אויפן וועג

און אויסגעפרעגט וועגן נייעס, און בפרט וועגן דעם, צי טשענס-
טאָכאָוו פאַרטיידיקט זיך נאָך. קמיטשיץ האָט געענטפערט, אַז זי
פאַרטיידיקט זיך און וועט דעם שונא בייקומען, אָבער צו די
שאלות האָט גאָר קיין עק נישט גענומען די טראַקטן האָבן
געווימעלט פון פאָרנדיקע, די גאַסט-הייזער אויפן וועג זענען
אומעטום געווען פאַרנומען. אַ טייל זענען פון די גרעניץ-געביטן
פון דער רעפּובליק אַנטלאָפן טיף אין לאַנד פאַר די שוועדישע
נגישות, אַ צווייטער טייל האָט געשטראָמט צו די גרענעצן נאָך
ידיעות פון לאַנד; פון צייט צו צייט האָט מען באַגעגענט
שלאַכטשיצעס, וועלכע האָבן שוין געגוג געהאַט די שוועדן און
זענען, ווי קמיטשיץ, געפאָרן צום אַרויסגעטריבענעם קעניג זייער
דינסט פאָרלייגן. צייטנווייז האָט מען אויך געטראָפן שררהשע
סוויטעס, גרעסערע אָדער קלענערע אָפּטיילונגען פון זעלנער,
פון יענע חיילות, וועלכע זענען גוטוויליק, אָדער אויפן סמך פון
אַן אָפּמאַך מיט די שוועדן אַריבער די גרענעץ, ווי, למשל, דאָס
חייל פון קיעווער קאַשטעלאַן. די ידיעות פון לאַנד האָבן שוין
געהאַט באַלעבט די האָפענונגען פון די דאָזיקע „אויסוואַנדערער״
און אַ סך האָבן זיך מכין געווען צו אַ באַוואָפנטען צוריקקער. אין
גאַנץ שלעזיע, און באַזונדערס אין די ראַטיבאַרער און אָפּאָלער
פירשטנטומס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל; שליחים זענען געפלויגן
מיט בריף צום קעניג און פון קעניג, צום קיִעווער קאַשטעלאַן, צום
פרימאַס, צום הער קאַנצלער קאָריטשינסקי, צום הער וואַרשיצקי,
צום קראָקאָווער קאַשטעלאַן, צום ערשטן סענאַטאָר פון דער רעפּובליק,
וועלכער האָט קיין איין רגע נישט פאַרלאָזט יאַן קאַזשימיעזשן.
די דאָזיקע הערן האָבן אין פאַרשטענדיקונג מיט דער
גרויסער קעניגין, וואָס איז אין דער עת־צרה נישט דערשיטערט
געוואָרן, זיך פאַרשטענדיקט אי מיט זיך און אי מיטן לאַנד און
אי מיט די חשובסטע מענטשן, וועגן וועלכע מ׳האָט געוווסט, אַז
זיי וואָלטן גערן געוואָלט דינען צום אמתדיקן האַר. פון זייער
זייט האָבן געשיקט שליחים אויך דער הער קרוין-מאַרשאַל און
די העטמאַנעס און דאָס חייל און די שלאַכטשיצעס, וועלכע האָבן
זיך געגרייט צו כאַפּן זיך צום געווער.

געווען איז דאָס ערב דער אַלגעמיינער מלחמה, וועלכע איז אין מאַנכע ערטער שוין אויסגעבראָכן. די שוועדן האָבן ערטערווייז דערשטיקט די דאָזיקע אויסברעכן סיי מיט געווער, סיי מיט דער האַק פון תלין, אָבער דאָס פייער, וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן אין איין אָרט, האָט זיך תיכּף אָנגעצונדן אין אַ צווייט אָרט. אַ מוראדיקער שטורם איז געהאָנגען איבער די קעפּ פון די סקאַנדינאַווישע אָנפאַלער; די ערד אַליין, הגם זי איז געווען באַדעקט מיט שניי, האָט גענומען בריִען זייערע פיס! סכּנה און נקמה האָבן זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, די אייגענע שאָטנס האָבן אויף זיי אַן אימה אָנגעוואָרפן.

זיי זענען בכן אַרומגעגאַנגען ווי צעדולטע. די טריִומף-לידער, וואָס זיי האָבן ערשט נישט לאַנג געזונגען, זענען זיי אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן און זיי האָבן זיך אַליין געפרעגט מיט דער גרעסטער פאַרווּנדערונג: „איז דאָס דאָס זעלבע פאָלק, וועלכעס האָט נאָך נעכטן פאַרלאָזט דעם אייגענעם קעניג, זיך אונטערגעגעבן אָן אַ שלאַכט?" ס'טייטש? די שררות, די שלאַכטע, דאָס חייל זענען אויף אַן אופן, וואָס האָט אין דער געשיכטע זיין גלייכן נישט, אַריבער צום זיגער; די שטעט און די שלעסער האָבן געעפנט די טויערן! דאָס לאַנד איז געווען פאַרנומען. קיינמאָל נאָך האָט אַן אונטעריאָכונג נישט געקאָסט אַזוי ווייניק כּוחות און בלוט. די שוועדן אַליין, וועלכע ס'האָט געחידושט די לייכטקייט, מיט וועלכער זיי האָבן פאַרנומען די מעכטיקע רעפּובליק, האָבן נישט געקענט באַהאַלטן זייער פאַראַכטונג פאַר די באַזיגטע, וועלכע האָבן אויפן ערשטן גלאַנץ פון דער שוועדישער שווערד זיך אָפּגעזאָגט פון קעניג, פאָטערלאַנד, אַבי צו קענען פון לעבן און פאַרמעגן במנוחה נהנה-זיין, אָדער אין דער בהלה נאָך גאָר נתעשר ווערן. דאָס, וואָס ווזשעשטשאָוויטש האָט אַנומלט געזאָגט דעם קייזערלעכן שליח ליסאָלאַ, האָט איבערגעחזרט דער קעניג אַלין און אַלע שוועדישע גענעראַלן: „דאָס דאָזיקע פאָלק ווייסט נישט פון קיין מוט. פון קיין באַשטענדיקייט, פון קיין סדר, פון קיין גלויבן און פון קיין פּאַטריאָטיזם! – עס מוז אונטערגיין!"

זיי האָבן פאַרגעסן, אַז דאָסדאָזיקע פאָלק האָט נאָך איין געפיל, טאַקע דאָס, וואָס זיין ערדישער אויסדרוק איז געווען יאַסנאַ גוראַ.

און אין אָט דעם געפיל איז געווען זיין גאולה.

דאָס האַרמאַטן-געקנאַל, וואָס האָט געהילכט ביים הייליקן אָרט, האָט טאַקע אָפּגעהילכט אין די הערצער פון די מאַגנאַטן, שלאַכטשיצעס, בירגער און פויערן, אַן אויסגעשריי פון גרויל האָט זיך געטראָגן פון די קאַרפּאַטן ביז צום באַלטישן ים און דער ריז האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרשטאַרטקייט.

— דאָס איז אַן אַנדער פאָלק! — האָבן מיט פאַרווונדערונג געזאָגט די שוועדישע גענעראַלן.

און אָנהויבנדיק פון אַרפּואיד וויטעמבערגן און אויסלאָזנדיק אויף די קאָמענדאַנטן פון די באַזונדערע שלעסער, האָבן אַלע געשיקט צו קאַרל גוסטאַוון, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פּרייסן, באַאומרויִקנדיקע ידיעות.

די ערד האָט זיך זיי אַוועקגערוקט פון אונטער די פיס; אָנשטאָט די אַמאָליקע פריינט, האָבן זיי אומעטום באַגעגנט פיינט; אָנשטאָט הכנעה, אַ ווידערשטאַנד; אָנשטאָט מורא, אַ ווילדן און אויף אַלץ גרייטן מוט; אָנשטאָט ווייכהאַרציקייט, אכזריות; אָנשטאָט סבלנות, נקמה.

און דערווייל האָט פון האַנט צו האַנט אין דער גאַנצער רעפּובליק אין די טויזנטער געוואַנדערט יאַן קאַזשימיעזשס מאַניפעסט, וועלכער האָט לכתחילה, שוין פון שלעזיע אַרויסגעגעבן, קיין אָפּקלאַנג באַלד נישט געפונען. איצט, להיפך, האָט מען אים געזען אין די נאָך נישט פאַרנומענע שלעסער. ווו נאָר די שוועדישע האַנט האָט נישט גערדריקט, דאָרט האָט די שלאַכטע זיך צונויפגענומען אין קופּעס און אין קופּקעלעך און זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין, הערנדיק די הויכע ווערטער פון פאַרטריבענעם קעניג, וועלכער האָט פאָרוואַרפנדיק די חסרונות און די חטאים, באַפוילן נישט צו פאַרלירן די האָפנונג און זיך צו נעמען צו דער רעטונג פון דער געפאַלענער רעפּובליק.

„ס'איז נאָך נישט אַריבער די צייט (האָט יאַן קאַזשימיעזש

געשריבן) — הגם דער שונא איז שוין אַזוי ווייט אַוועק — אַז מיר זאָלן די פאַרלוירענע פּראָווינצן און שטעט נישט קענען צוריק געווינען און גאָט דעם געהעריקן שבח אָפּגעבן, אַז מיר זאָלן נישט קענען די פאַרשוועכטע קירכעס מיטן פיינטלעכן בלוט אָנ־זעטיקן און די אַמאָליקע פרייהייטן און רעכט צוריק שטעלן און די אַלטפּוילישע אָרדנונג איינפירן; אַבי עס זאָל נאָר אָפּגעהיטן ווערן די אַלטפּוילישע צדקות און די גוטע מדות פון אייערע פאַרצייטישע אָבות און עס זאָל צוריקקערן די ליבע, מיט וועלכער אונדזער זיידע זיגמונט דער ערשטער האָט זיך פאַר פאַרשידענע פעלקער גרויסגעהאַלטן. ס'איז שוין צייט, אַז נאָך אייערע ערשטע עברות זאָלט איר איצט אַרויף אויפן דרך־הישר. דער, וואָס גאָט און זיין הייליקע אמונה זענען אים טייערער פון אַלץ, זאָל זיך אויפהויבן אַקעגן דעם שוועדישן שונא. וואַרט נישט אויף קיין פירער און וואָיעוואָדעס, אָדער אויף אַזאַ אָרדנונג, וואָס איז אין די עפנטלעכע רעכט באַשריבן. דער שונא האָט שוין איצט צווישן אייך דידאָזיקע אַלע זאַכן צעמישט; אָבער זאָל איינער צושטיין צום צווייטן, אַ דריטער צו צוויי, אַ פערטער צו דריי, אַ פינפטער צו פיר און אַזוי ווייטער, זאָל אויך יעדער מיט די אייגענע אונטערטאַנען זיך צונויפקלייבן און ווו ס'איז מעגלעך גרייט־צו־עפּעס אַ ווידערשטאַנד. דאָרט ערשט וועט איר זיך אַ פירער אויס־קלויבן. זאָל איין קופּע זיך מיט דער צווייטער באַהעפטן און נאָכדעם, ווי איר וועט שוין האָבן פון זיך אַ חיל צונויפגעשטעלט און אַ חשובן פירער איבער זיך אויסגעקליבן, זאָלט איר וואַרטן אויף אונדזער פּערזאָן, נישט דורכלאָזנדיק קיין געלעגנהייט, אויב זי וועט זיך טרעפן, צו שלאָגן דעם שונא. מיר, וויבאַלד מיר וועלן נאָר הערן וועגן דער געלעגנהייט און גרייטקייט און גענייגט־קייט אייערער צו אונדז, וועלן מיר תיכף קומען און אונזער לעבן מקריב זיין דאָרט, ווו עס וועט נויטיק זיין צו פאַרטיידיקן די גאַנצקייט פון פאָטערלאַנד".

דעמדאָזיקן אוניווערסאַל האָט מען געלייענט אַפילו אין קאַרל גוסטאַווס לאַגער, אַפילו אין די שלעסער, וואָס האָבן שוועדישע גאַרניזאָנען און אומעטום, ווו עס האָבן זיך נאָר

פוילישע פולקן געפונען. די שלאַכטע האָט מיט טרערן באַגאָסן יעדעס וואָרט פון קעניג, באַדויערנדיק דעם גוטן האַר, און זיך אַ שבועה געגעבן אויפן צלם, אויף די בילדער פון דער הייליקסטער בתולה און אויף די רוויזיערענץ זיין רצון צו דערפילן. און כדי זייער גרייטקייט בפועל צו באַווייזן, כל־זמן די התלהבות האָט אין די הערצער געטליעט און די טרערן זענען נאָך נישט געווען פאַרטריקנט, האָט מען, נישט לאַנג וואַרטנדיק, דאָ און דאָרט אויפן פערד זיך געזעצט און „וואַרעמערהייט" נאָך זיך אויף די שוועדן געוואָרפן.

אויף אַזאַ אופן האָבן קלענערע שוועדישע אָפּטיילונגען אָנגעהויבן פאַרשווינדן און אומקומען. געשען איז דאָס אין ליטע, זשאַמעט, מאַזאָוויע, גרויס־און קליין־פוילן. נישט איינמאָל האָט די שלאַכטע, פאַרזאַמלענדיק זיך בײַ אַ שכן אויף אַ טויף־צערעמאָניע, נאָמען־טאָג, אויף אַ חתונה אָדער אַ סעודה, אָן שום קריגערישע כוונות, געענדיקט די פערווײַלונג דערמיט, וואָס זי האָט שכורערהייט ווי אַ דונער אַריינגעשלאָגן און אויסגעקוילעט ביז איינעם די נאָענטסטע שוועדישע קאָנאַנדע. דערנאָך איז דער עולם, בײַ געזאַנג און אויסגעשרייען, צונעמענדיק אויפן וועג די, וואָס האָבן זיך געוואָלט „לוסטיק מאַכן", ווייטער געפאָרן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט־דורשטיקע מחנה, פון אַ מחנה אין אַ „פאַרטיע", וועלכע האָט שוין גענומען פירן אַ שטענדיקע מלחמה. די אונטערטעניקע פויערן און דינער זענען אין גאַנצע מחנות צוגעשטאַנען צו דער פאַרווײַלונג; אַנדערע האָבן מודיע געווען וועגן איינצלנע שוועדן אָדער קלענערע אָפּטיילונגען, וואָס זענען איבער די דערפער געווען צעלייגט. און די צאָל פון די „סעודות" האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג. פריילעכקייט און אויפגערוימטקייט, מיט וועלכע דאָס פאָלק צייכנט־אויס, האָבן זיך צוגעמישט צו דידאָזיקע בלוטיקע פאַרווײַלונגען.

מ'האָט זיך גערן פאַרשטעלט פאַר טערקן, וואָס זייער נאָמען אַליין האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די שוועדן, ווײַל עס זענען צווישן זיי אַרומגעגאַנגען משונהדיקע ידיעות און מעשיות וועגן דער ווילדקייט און שרעקלעכן און גרויזאַמען מוט פון דידאָזיקע

קינדער פון די קרימער סטעפּעס, מיט וועלכע די סקאַנדינאַוויער האָבן זיך ביז איצט קיינמאָל נישט באַגעגנט. און אַזוי ווי אַלעמען איז געווען באַקאַנט, אַז דער כאַן גייט מיט קיילעכדיקע הונדערט טויזנט זעלנער יאַן קאַזשימיערזשן צו הילף, און די שלאַכטע האָט געליאַרעמט, אָנפאַלנדיק אויף די קאָמאַנדעס, איז דערפון נולד געוואָרן אַ מאָדנע צעמישעניש.

די שוועדישע פּולקאָווניקעס און קאָמענדאַנטן זענען אין אַ סך ערטער געווען באמת איבערצייגט, אַז די טאָטערן זענען שוין אָנגעקומען און זיי האָבן זיך אין גרעסטן איילעניש אין די גרעסערע פעסטונגען אָדער לאַגערס צוריקגעצויגן, פאַנאַנדער־טראָגנדיק אומעטום די פאַלשע ידיעה און אַ בהלה. דערווייל האָבן די געגנטן, וועלכע זענען אויף אַזאַ אופן פון שונא פטור געוואָרן, גענומען זיך באַוואָפּענען, און די אומגעהאָרכזאַמע מאַסע איז אין אַ דיסציפּלינירטער אַרמיי פערוואַנדלט געוואָרן.

נאָך געפּערלעכער פון די שלאַכעצקע סעודות און פון די טאָטערן אַפילו זענען פאַר די שוועדן געווען די פויערישע באַוועגונגען. פון לאַנג אָן, פון ערשטן טאָג, וואָס טשענסטאָכאָוו איז באַלאַגערט געוואָרן, האָט גענומען ברויזן צווישן פאָלק, און די ביז איצט רויִקע און געדולדיקע אַקערער. האָבן דאָ און דאָרט גענומען שטעלן אַ ווידערשטאַנד און דאָ און דאָרט זיך כאַפּן פאַר די קאָסעס און צעפּעס און דער שלאַכטע העלפן. די דורכגעטריבענערע שוועדישע גענעראַלן האָבן מיט דער גרעסטער מורא געקוקט אויף דידאָזיקע כמאַרעס, וועלכע האָבן אַ ליאַדע רגע געקענט זיך פערוואַנדלען אין אַן אמתן מבול און פאַרשלינגען די אָנפאַלער אָן רעטונג.

דאָס אָנשרעקן האָבן זיי געהאַלטן פאַר דעם פּאַסיקסטן מיטל אויף צו דערשטיקן אין שורש די שרעקלעכע סכנה. קאַרל גוסטאַוו האָט נאָך געגלעט און מיט חנופות איינגעהאַלטן יענע פּוילישע פּולקן, וועלכע זענען אים קיין פּרייסן נאָכגעגאַנגען. ער האָט אויך נישט געשפּאָרט קיין חנופות דעם הער כאָראָנזשי קאָניעצפּאָלסקי, דעם באַרימטן קאָמענדאַנט פון זבאַראַזש. דער איז געשטאַנען באַ זיין זייט מיט זעקס טויזנט אומפאַרגלייכלעכע

רייטער, וועלכע האָבן באַם ערשטן פײַנטלעכן צוזאַמענשטויס מיטן קורפירשט פֿונאַנדערגעטראָגן אַזאַ אימה און חורבן צווישן די פּרייסן, אַז דער קורפירשט האָט אָפּגעלאָזט די שלאַכט און וואָס גיכער אויף אונטערהאַנדלונגען מסכּים געווען.

דער שוועדישער קעניג האָט אויך צו די העטמאַנעס, צו די מאַגנאַטן און שלאַכטשיצעס געשיקט בריוו, פֿול מיט חסדים, הבטחות און צורעדענישן, אַז זיי זאָלן אים טריי בלײַבן. גלײַכ-צײַטיק אָבער האָט ער זײַנע גענעראַלן און קאָמענדאַנטן אַרויס-געגעבן באַפֿעלן צו דערשטיקן מיט פֿײַער און שווערד יעדן ווידערשטאַנד אין לאַנד גופֿא און באַזונדערס צו פֿאַרטיליקן די פּוילישע קופּעס. ס'האָט זיך בכן אָנגעהויבן אַ תּקופֿה פֿון אַן אײַזערנער זעלנערישער ממשלה. די שוועדן האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די למראית-עינדיקע פֿרײַנטשאַפֿט. שווערד, פֿײַער, גזלות, נגישות האָבן פֿאַרביטן די פֿריִערדיקע אָנגעשטעלטע צוגענייגטקייט. פֿון די שלעסער האָט מען אַרויסגעשיקט מעכטיקע אָפּטיילונגען פֿון רייטער און פֿוס-גייער צו פֿאַרפֿאָלגן די, וואָס האָבן געפּראַוועט די סעודות. מ'האָט מיט דער ערד אויסגעגליכן גאַנצע דערפֿער, פֿאַרברענט הויפֿן, קירכעס. די געפֿאַנגענע שלאַכטשיצעס האָט מען איבערגעגעבן אין די הענט פֿון תּליינים; די פּויערן, וואָס זענען גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, האָט מען אָפּגעהאַקט די רעכטע הענט און אָפּגעלאָזט אַהיים.

באַזונדערס האָבן דידאָזיקע אָפּטיילונגען געווילדעוועט אין גרויספּוילן, וועלכע האָט זיך די ערשטע אונטערגעגעבן, זי האָט אָבער די ערשטע זיך אַקעגנגעשטעלט דער פֿרעמדער ממשלה. דער קאָמענדאַנט שטיין האָט דאָרט איינמאָל באַפֿוילן אָפּצוהאַקן די הענט בײַ העכער דריי הונדערט פּויערן, וועלכע מ'האָט געכאַפּט מיט געווער אין דער האַנט. אין די שטעטלעך האָט מען אויפֿגעשטעלט שטענדיקע תּליות און יעדן טאָג האָט מען זיי באַצירט מיט נײַע קרבנות. דאָס אייגענע האָט געטון מאַגנוס דע לאַ גאַרדי אין ליטע און זשאַמעט, ווו די קליינע פּריצים און דערנאָך די פּויערן האָבן זיך צום כּלי-זיין געכאַפּט. און אַזוי ווי אין דער מהומה איז די שוועדן בכלל שווער געווע־

פונאַנדערצושיידן די אייגענע פאַרטיידיקער פון די שונאים, האָט מען דעריבער קיינעם נישט געשוינט.

אָבער דאָס פייער, געגערט דורך בלוט, האָט אָנשטאָט זיך צו לעשן, נאָך וואָס אַמאָל מער זיך פאַרשטאַרקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה, אין וועלכער ס'איז ביידע צדדים שוין נישט געגאַנגען בלויז וועגן נצחונות, וועגן שלעסער און שטעט אָדער פּראָווינצן, נאָר וועגן טויט און לעבן. די אכזריות האָט פאַרשטאַרקט די שנאה און מ'האָט גענומען נישט קעמפן, נאָר איינער דעם צווייטן אומברחמנותדיק אויסראָטן.

קאַפּיטל 2

דידאָזיקע אויסראָטונג-מלחמה האָט ערשט געהאַט זיך אָנגעהויבן, ווען הער קמיטשיץ צוזאַמען מיט די דריי קעמליטשס האָט נאָך דער צוליב זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט שווערער נסיעה אָנגעשפּאַרט קיין גלאָגאָוו. זיי זענען אָנגעקומען באַנאַכט. די שטאָט איז געווען איבערפולט פון חייל, שררות, שלאַכטשיצעס, קעניגלעכע און מאַגנאַטישע דינער, און די גאַסט-הייזער זענען געווען אַזוי פאַרנומען, אַז דער אַלטער קעמליטש האָט מיט דער גרעסטער מי אויסגעבעטן אַ קוואַרטיר פאַרן הער אַנדזשעי, בּאַ אַ שטריק-מאַכער, וואָס האָט געוווינט שוין הינטער דער שטאָט.

דעם דאָזיקן גאַנצן טאָג איז הער אַנדזשעי געלעגן אין יסורים און אין היץ פון דער אָפּגעבריטער זייט. וויילנווייז האָט ער געמיינט, אַז עס וועט אים אויסקומען שווער, מסוכנדיק קראַנק צו ווערן. אָבער די אייזערנע נאַטור איז די יסורים בייגעקומען. אין דער צווייטער נאַכט איז אים גרינגער געוואָרן, און פאַרטאָגס האָט ער זיך שוין אָנגעטון און איז אַוועק אין די קירך דאַנקען גאָט פאַר זיין וווּנדערבאַרער רעטונג.

דער גראָער און שנייִקער ווינטער-באַגינען האָט קויב געהאַט די פינסטערניש פאַרטריבן. די שטאָט איז נאָך געשלאָפן, אָבער דורך דער טיר פון דער קירך האָט מען שוין געזען ליכט אויפן אָלטאַר און ס'האָבן זיך צו אים דערטראָגן טענער פון אָרגל.

קמיטשיק איז אַריין אינעווייניק. דער קסיאָנדז פאַרן אָלטאַר האָט אָפּגעריכט די תּפֿלה, אין דער קירך איז נאָך געווען ווייניק מתפּללים. אין די בענק האָבן געקניט אַ צוואַנציק גע-שטאַלטן מיט פנימער פאַרבאָרגן אין די הענט, און אַ חוץ דעם האָט הער אַנדזשעי, ווען זיינע אויגן האָבן זיך שוין געהאַט צו-געוווינט צו דער פינסטערניש, דערזען עפּעס אַ געשטאַלט, וואָס איז געלעגן ווי אַ צלם האַרט פאַר די גלחים-בענק אויף אַ קליינעם טעפּיך, וואָס איז געווען אויף דער ערד אויסגעשפּרייט. הינטער אים האָבן געקניט צוויי בחורים מיט רויטלעכע און כּמעט מלאכישע, קינדישע פנימער. דערדאָזיקער מענטש איז געלעגן אומבאַוועגלעך און נאָר פון דער ברוסט, וואָס האָט זיך כּסדר געהויבן פון די שווערע קרעכצן, איז קענטיק געווען, אַז ער שלאָפט נישט, אַז ער איז מתפּלל הייס און מיט דער גאַנצער נשמה. קמיטשיק האָט זיך אויך פאַרזונקען אין אַ דאַנק-תּפֿלה; אָבער נאָך די פאַר-ענדיקטע תּפֿלות האָבן זיינע אויגן אומגערנווילִיק זיך אַ קער-געטון צו יענעם מאַן, וואָס איז געלעגן ווי אַ צלם, און זיי האָבן זיך שוין נישט געקענט פון אים אָפּרייסן, אַזוי זענען זיי עפּעס ווי צוגעשמידט געוואָרן צו אים. די זיפצן, וואָס זענען ענלעך געווען אויף קרעכצן און האָבן הויך אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער קירך, האָבן כּסדר אויפגעטרייסלט דידאָזיקע געשטאַלט. די געלע שיין פון די ברענענדיקע ליכט פאַרן אָלטאַר, צוזאַמען מיטן טאָג-ליכט, וואָס האָט געבלאַנקט אין די שויבן, האָבן זי אַרויסבאַקומען פון דער פינסטערניש און זי געמאַכט וואָס אַמאָל אָנזעעוודיקער.

הער אַנדזשעי האָט פון דער הלבשה זיך באַלד משער גע-ווען, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ חשוב, ווייל אויך אַלע בייגעווענע, נישט אויסשליסנדיק דעם קסיאָנדז, וואָס האָט די תּפֿלה אָפּגעריכט,

האָבן זיך אים געקוקט מיט רעספּעקט און דרך-ארץ. דער אומ-באַקאַנטער איז איינגעגאַנצן געווען אָנגעטון אין שוואַרצן סאַמעט, אונטערגעניייט מיט סויבל-פעלץ, נאָר אויף די אַקסלען האָט ער געהאַט אַן אומגעלייגטן שפּיצן-קראַגן, פון אונטער וועלכן ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען גילדענע רינגען פון אַ קייט; אַ שוואַרצער קאַפּעלוש מיט שוואַרצע פעדערן איז געלעגן דערלעבן און איינער פון די פּאַזשן, וואָס האָט געקניט הינטערן קליינעם טעפּיך, האָט געהאַלטן די הענטשקעס און אַן אויף בלאָ געשמעלצטע שפּאַדע. דאָס פּנים פון אומבאַקאַנטן האָט הער קמיטשיץ נישט געקענט זען, ווייל ס׳איז געווען פאַרבאָרגן אין די פאַלדן פון טעפּיך, און דערביי האָבן עס פולשטענדיק פאַרשטעלט די אַרום קאָפּ צעלאָזטע לאָקן פון אומגעוויינלעך געדיכטן פּערוק.

הער אַנדזשעי האָט זיך צוגערוקט האַרט צו די גלחים-בענק, אַזוי, אַז ווען דער אומבאַקאַנטער וועט זיך אויפהויבן, זאָל ער זיין פּנים קענען דערזען. דערווייל האָט די תּפלה זיך געהאַלטן ביים ענדיקן. דער קסיאָנדז האָט שוין געזונגען Pater noster, די מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט זיין בײַ דער צווייטער תּפלה, זענען אָנגעקומען דורך דער הויפּטאַריינגאַנג-טיר. די קירך איז ביסלעכווייז פול-געוואָרן מיט פיגורן מיט אונטערגעגאָלטע קעפּ, אָנגעטון אין אויבער-רעק, אין זעלנערישע בורקעס, אין פעלצן און קאַפּאָטעס פון גאָלד-שטאָף. ס׳איז געוואָרן נישקשהדיק ענג. דעמאָלט האָט קמיטשיץ אַ שטויס-געטאָן דעם דערלעבן שטייענדיקן שלאַכטשיץ אין עלנבויגן און שטיל געפרעגט:

— זייט מיר מוחל, גנעדיקער הער, וואָס איך שטער אייך אין מיטן דאַווענען, אָבער די נייגעריקייט איז שטאַרקער. ווער איז אָט דער?

דאָ האָט ער מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף דעם הער, וואָס איז געלעגן ווי אַ צלם.

— איר מוזט אַוודאי זיין פון מרחקים געקומען, אויב איר ווייסט נישט, ווער דאָס איז? — האָט דער שלאַכטשיץ גע-ענטפערט.

— איך בין טאַקע געקומען פון מרחקים און דערפאַר פרעג

איך אין דער האָפנונג, אַז אויב איך וועל האָבן געטראָפן אויף אַ לייטישן מענטש, וועט ער מיר קיין תשובה ניט קאַרגן.

— דאָס איז דער קעניג.

— גאָט מייגער! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

אָבער אין דער רגע האָט דער קעניג זיך אויפגעהויבן, ווייל דער קסיאָנדז האָט גראָד אָנגעהויבן צו לייענען די עוואַנגעליע.

הער אַנדזשעי האָט דערזען אַ פּנים אַן אָפּגעמאָגערטס, אַ געלס און אַ דורכזיכטיקס ווי קירך-וואַקס. דעם קעניגס אויגן זענען געווען פייכט און די לידערס רויט. וואָלסט געמיינט, אַלע צרות פון לאַנד האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויפן דאָזיקן איידעל פּנים, אַזוי פיל ווייטאָק, ליידן, דאגות זענען אויף אים געווען אויסגעגאָסן. די שלאָפלאָזע נעכט, וואָס זענען געווען איינגעטיילט צווישן תּפילות און גרימעניש, די שרעקלעכע אַנטוישונגען, די וואָגלעניש, פאַרלאָזנקייט, די דערנידעריקטע מאַיעסטעט פון דאָזיקן זון, אייניקל און אור-אייניקל פון מעכטיקע מלכים, די ביטערניש, וועלכע ס'האָבן אים אַזוי בשפע געגעבן צו טרינקען זיינע אייגענע אונטערטאַנען, די אומדאַנקבאַרקייט פון לאַנד, פאַר וועלכן ער איז גרייט געווען דאָס בלוט און דאָס לעבן מקריב צו זיין, דאָס אַלץ האָט מען ווי פון אַ בוך פון דאָזיקן פּנים געקענט אַרויסלייענען. פונדעסטוועגן האָט פון אים געשלאָגן נישט בלויז אַ פאַרליב-נעמען, וואָס איז געוואָרן געוואָרן דורך אמונה און תּפילות, נישט בלויז אַ מאַיעסטעט פון אַ קעניג און אַ גאָט-געזאַלבטן, נאָר אויך אַזאַ גרויסע, אומאויסגעשעפּטע גוטסקייט, אַז ס'איז קענטיק געווען, עס וועט געגוג זיין, אַז די גרעסטע אָפּטריניקע, די גרעסטע שולדיקע זאָלן בלויז אויס-שטרעקן די הענט צום דאָזיקן פאָטער, און דערדאָזיקער פאָטער וועט זיי אויפנעמען, פאַרגעבן און די אייגענע עוולות פאַרגעסן.

קמיטשיצן האָט אויף זיין אָנבליק זיך געדוכטן, אַז עמעצער האָט אים מיט אַן אייזערנער האַנט דאָס האַרץ פאַרקלעמט. אַ צער האָט אויפגעברויזט אין דער הייסער נשמה פון יונגען ריטער. חרטה, רחמנות און יראת-הכבוד האָבן אים דעם אָטעם פאַר-

שפּאַרט אין האַלז, דאָס געפיל פון אומגעהייערער שולד האָט אים די קני אונטערגעהאַקט, אַז ער האָט אַזש מיטן גאַנצן גוף גע־נומען ציטערן און מיט אַמאָל איז אַ נייַ, אומבאַקאַנט געפיל אַנטשטאַנען אין זיין ברוסט. אין איין רגע האָט ער דידאָזיקע געפייניקטע מאַיעסטעט אַזוי ליב באַקומען, אַז ער האָט דער־שפּירט, אַז עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ עפּעס טייערערס פון דעם דאָזיקן פאָטער און האַר, אַז ער איז גרייט פאַר אים אַוועקצוגעבן זיין בלוט, זיין לעבן, אַריבערצוטראָגן מאַטערנישן און אַלץ אין דער וועלט. ער וואָלט וועלן זיך וואַרפן צו דידאָזיקע פיס, אַרומנעמען די קני און בעטן צו פאַרגעבן די זינד. דער שלאַכטשיץ, דער עזותדיקער היץ־קאָפּ איז אין אים אין איין רגע אָפּגעשטאָרבן, און ס׳איז געבוירן געוואָרן דער ראָיאַליסט, וואָס איז בלב־ונפש איבערגעגעבן זיין קעניג.

— דאָס איז אונזער האַר! אונזער אומגליקלעכער האַר! — האָט ער זיך איבערגעחזרט, גלייך ווי ער וואָלט מיטן מויל וועלן באַשטעטיקן דאָס, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און זיין האַרץ האָט געפילט.

דערווייל האָט יאַן קאַזשימיעזש נאָך דער עוואַנגעליע ווידער אַנידערגעקניט, צענומען די הענט, די אויגן אין די הויך אויפגעהויבן און זיך פאַרזונקען אין דער תפלה. דער קסיאָנדז איז צום סוף אַוועקגעגאַנגען, ס׳איז געוואָרן אַ גערודער אין דער קירך, דער קעניג האָט אַלץ געקניט.

ביז יענער שלאַכטשיץ, וועלכן קמיטשיץ האָט פאַרטשעפּעט, האָט איצט אַ שטויס געטון דעם הער אַנדזשעי אין די זייט אַריין.

— און ווער זענט איר? — האָט ער געפרעגט.

קמיטשיץ האָט נישט באַלד פאַרשטאַנען די פראַגע און נישט באַלד געענטפערט, אַזוי ווייט איז זיין האַרץ און זיין מוח געווען פאַרנומען מיט דער פּערזאָן פון קעניג.

— און ווער זענט איר? — האָט יענער חשוב איבער־געפרעגט.

— אַ שלאַכטשיץ, פּונקט ווי איר! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט, אויפכאַפּנדיק זיך ווי פון שלאָף.

— און ווי הייסט איר?

— ווי איך הייס? כ'הייס באַבינישש, און כ'ביז פוו ליטע, פון לעבן וויטעבסק.

— און איך בין לוגאָווסקי, אַ קעניגלעכער הויף-מאַן!... פאָרט איר, הייסט עס, אַזש פון ליטע, פון לעבן וויטעבסק?

— ניין... כ'פאָר פון טשענסטאָכאָוו.

דעם הער לוגאָווסקי איז אויף אַ ווײַלע אַזש דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן פון פאַרווּנדערונג.

— אויב אַזוי, זײַט-זשע באַגריסט, זײַט באַגריסט, ווײַל איר וועט אונז דערצײַלן נײַעס! דעם גנעדיקן קעניג איז שיער נישט דאָס חיות אויסגעגאַנגען פון דאגה, וואָס ער האָט אין משך פון דרײַ טעג קיין שום זיכערע ידיעה נישט געהאַט. אַזוי גאָר? איר זענט אפשר פון זבראַזשעקס פולק, אָדער פון קאַלינסקיס, אָדער פון קוקלינאָווסקיס? פון לעבן טשענסטאָכאָוו?

— נישט פון לעבן טשענסטאָכאָוו, נאָר פון קלויסטער גופא, גלײַך פון דאָרט!

— איר מאַכט אַוודאי ליצנות? וואָס איז דאָרט? וואָס הערט מען? פאַרטיידיקט זיך נאָך יאַסנאַ גוראַ?

— זי פאַרטיידיקט זיך און זי וועט זיך פאַרטיידיקן. די שוועדן האַלטן שוין באַם אָפּטרעטן!

— באַ גאָט! דער קעניג וועט אײַך באַגילדן! פון קלויסטער גופא, זאָגט איר, פאָרט איר?... ווי אַזוי-זשע האָבן די שוועדן אײַך דורכגעלאָזט?

— איך האָב זיי וועגן אַ דערלויבעניש נישט געבעטן, אָבער זײַט מיר מוחל, וואָס איך קען אײַך אין דער קירך קיין באַריכותדיקן באַריכט נישט געבן.

— ריכטיק, ריכטיק — האָט הער לוגאָווסקי געענטפערט — דערבאַרעמדיקער גאָט... פון הימל זענט איר אונדז אַראָפּגעפאַלן... אין דער קירך פּאַסט נישט... ריכטיק! וואָרט-זשע צו. באַלד וועט דער קעניג זיך אויפהויבן, פאַרן פרישטיקן פאַר דער הויכער תפלה... היינט איז זונטאָג... קומט, איר וועט צוזאַמען מיט מיר זיך אַוועקשטעלן באַ דער טיר און באַלד באַם אַרײַנגאַנג וועל

אין אייך פאַרשטעלן פאַרן קעניג... קומט, קומט, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין צייט!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געלאָזט גיין און קמיטשיק איז אים נאָכגעגאַנגען. קוים האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט באַ דער טיר, ווו ס׳האָבן זיך צוערשט באַוויזן צוויי פּאַזשן און נאָך זיי איז געלאָסן אַרויסגעגאַנגען יאַן קאַזשימיעזש.

— גנעדיקער קעניג! — האָט הער לוגאָווסקי אַ געשריי־געטון — פאַרהאַן ידיעות פון טשענסטאָכאָוו!

יאַן קאַזשימיעזשס וואַקסן פּנים איז מיט אַמאָל באַלעבט געוואָרן.

— וואָס? ווו? ווער איז דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— אָט דער שלאַכטשיץ! ער זאָגט, אַז ער פאָרט פון קלויסטער גופא.

— איז דען דאָס קלויסטער שוין איינגענומען? — האָט דער קעניג אַ געשריי־געטון.

דאָ האָט הער אַנדזשעי אַזוי גרויס ווי ער איז זיך אַ וואָרף־געטון צום קעניגס פיס.

יאַן קאַזשימיעזש האָט זיך אַראָפּגעבויגן און גענומען אים אויפהויבן פאַר די עלנבויגנס.

— אויף שפּעטער — האָט ער אויסגערופן — אויף שפּעטער!... שטעלט זיך אויף, באַ גאָט, שטעלט זיך אויף! זאָגט גיכער... דאָס קלויסטער איז איינגענומען?

קמיטשיק האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך אַ ריס־געטון און מיט ברען אויסגעשריגן:

— ער איז נישט איינגענומען און וועט עס נישט זיין! די שוועדן זענען צעקלאַפּט! דער גרעסטער האַרמאַט איז אויפגעריסן! אַ שרעק איז זיי באַפאַלן, אַ הונגער, אַ נויט! זיי טראַכטן וועגן אָפּטרעטן!...

— אַ לויב, אַ לויב דיר, הימלישע און אונזער קעניגין! — האָט דער קעניג אויסגערופן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אומגעדרייט צו דער קירך־טיר, דעם קאַפּעלוש אַראָפּגענומען און נישט אַריינגייענדיק

אינעווייניק, האָט ער באַ דער טיר אויפן שניי אַנידערגעקניט. דעם קאָפּ האָט ער אויף דער שטיינערנער ראַם אָנגעשפּאַרט און זיך פאַרזונקען אין שטילשווייגן. נאָך אַ ווײַלע האָט אַ שלוכצן אים געגומען אויפטרייסלען.

אַלע זענען גערירט געוואָרן. הער אַנדזשעי האָט גערעוועט ווי אַן אָקס.

נאָכדעם, ווי ער האָט תּפלה-געטון און אויסגעוויינט זיך, איז דער קעניג אויפגעשטאַנען אַ באַרויִקטער, מיט אַן אויסגעלייטערט פּנים. ער האָט באַלד געפרעגט קמיטשיצן, ווי ער הייסט, און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז מען רופט אים באַביניטש, האָט דער קעניג זיך אָנגערופן:

— זאָל הער לוגאָווסקי אייך באַלד אין אונדזער קוואַרטיר אָפּפירן. מיר וועלן דעם פרישטיק נישט עסן אַנדערש, ווי הערנדיק אייער דערציילונג וועגן דער פאַרטיידיקונג!

און מיט אַ פערטל שעה שפּעטער איז דער הער קמיטשיץ געשטאַנען אין דער קעניגלעכער שטוב פאַר אַ הויך-ווירדיקער פאַרזאַמלונג. דער קעניג האָט נאָר געוואַרט אויף די קעניגין, כּדי זיך צו זעצן צו דער פרימאָרגן-זופּ; מאַריאַ לודוויקאַ האָט טאַקע אין אַ ווײַלע אַרום זיך באַוויזן. קוים האָט יאַן קאַזשימיעזש זי דערזען, האָט ער תּיכּף אויסגעשריגן:

— טשענסטאָכאָוו האָט אויסגעהאַלטן! די שוועדן טרעטן-אָפּ! אָט איז הער באַביניטש, וועלכער קומט פון דאָרט און ברענגט אונדז דידאָזיקע בשׂורה!

די שוואַרצע אויגן פון דער קעניגין האָבן זיך פאָרשנדיק אָפּגעשטעלט אויפן יונגן פּנים פון ריטער און זעענדיק זיין אויפריכטיקייט, האָט אין זיי אויפגעבליצט אַ שׂמחה; ער ווידער האָט זיך טיף פאַרבויגן און אויף איר אויך דרייסט געקוקט, ווי דער אמת און אויפריכטיקייט קענען קוקן.

— געטלעכע מאַכט! — האָט די קעניגין זיך אָנגערופן — אַ מוראדיקע לאַסט האָט איר מיר אַראָפּגענומען פון האַרצן און הלוואי דאָס זאָל זיין דער ערשטער אָנזאָג, אַז דאָס מזל האָט זיך געביטן, פּאָרט איר טאַקע גלייך פון לעבן טשענסטאָכאָוו

— נישט פון לעבן טשענסטאָכאָוו, נאָר ער זאָגט, אַז פון קלויסטער גופא, דאָס איז איינער פון די פּאַרטיידיקער! — האָט דער קעניג אויסגערופן — אַ גילדענער גאַסט!... הלואי עס זאָלן יעדן טאָג קומען אַזעלכע; אָבער לאָזט אים קומען צום וואָרט... דערציילט, ברודער, דערציילט, ווי אַזוי איר האָט זיך פּערטיידיקט און ווי אַזוי גאָטס האַנט האָט אייך געצערטלט?

— אַוודאי, גנעדיקע הערן, אַז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די געטלעכע השגחה און די נסים פון דער הייליקסטער בתולה, אויף וועלכע מיר האָבן יעדן טאָג מיט די אייגענע אויגן געקוקט.

דאָ האָט הער קמיטשיץ זיך שוין געקליבן צו דערציילן, אָבער עס האָבן כסדר נייע הויכע באַאַמטע זיך גענומען צונויפקומען. ס'איז געקומען דער פויבסטלעכער נונציוס, דערנאָך קסיאָנדז פּרימאַס לעשטשינסקי, נאָך אים קסיאָנדז ווידזשגאַ, דער פּרעדיקער מיטן גילדענעם מויל, וועלכער איז געווען דער קאַנצלער פון דער קעניגין, שפּעטער ערמעלענדישער ביסקופּ און דערנאָך פּרימאַס. צוזאַמען מיט אים איז אַריינגעקומען דער קרוין-קאַנצלער, הער קאָריטשינסקי און דער פראַנצויז דע נאָאַיער, דער קעניגינס אַ מקורב, נאָך אים זענען איינער נאָכן אַנדערן אָנגעקומען די איבעריקע הויכגעשטעלטע מענער, וועלכע האָבן דעם קעניג אין דער עת-צרה נישט פאַרלאָזט, נאָר זיי האָבן בעסער געוואָלט מיט אים דאָס ביטערע גלות-ברויט טיילן, איידער די צוגעשווירענע טריישאַפט ברעכן.

דער קעניג האָט זיך אָבער געאיילט, ער האָט דעריבער יעדע ווייל פון עסן זיך אָפּגעריסן און איבערגעחזרט:

— הערט, גנעדיקע הערן! הערט, אַ גאַסט פון טשענסטאָ-כאָוו! אַ גוטע בשורה, הערט!... פון יאַסנאַ גוראַ גופא!...

דערויף האָבן די הויכגעשטעלטע מענער מיט נייגעריקייט געקוקט אויף קמיטשיצן, וועלכער איז געשטאַנען ווי פאַר אַ משפט, אָבער ער, בטבע אַ דרייסטער און צוגעוווינטער צו געפינען זיך אין חברותא פון גרויסע מענטשן, איז כלל נישט נתפעל געוואָרן פון אָנבליק פון אַזוי פיל חשובע מענטשן און

ווען אַלע האָבן געהאַט פאַרנומען די ערטער, האָט ער גענומען דערציילן וועגן דער גאַנצער באַלאַגערונג.

דער אמת האָט זיך געשפּירט אין זיינע ווערטער, ווייל ער האָט גערעדט קלאָר, דייטלעך, ווי אַ זעלנער, וואָס האָט אויף אַלץ אַליין געקוקט, צו אַלץ זיך צוגערירט, אַלץ מיטגעמאַכט. ער האָט גערעדט וועגן קסיאָנדז קאָרדעצקי, ווי וועגן אַ הייליקן נביא, האָט געלויבט ביזן הימל אַריין דעם הער זאַמאָיסקי און דעם הער טשאַרניעצקי, האָט גערימט די אַנדערע פּאָטערס, קיינעם, אַחוץ זיך, נישט דורכגעלאָזט; אָבער די גאַנצע פאַר־טיידיקונג האָט ער אָן מליצות דער הייליקסטער בתולה, אירע חסדים און נסים צוגעשריבן.

עס האָבן אים געהערט מיט פאַרווונדערונג דער קעניג און די הויכגעשטעלטע מענער.

דער קסיאָנדז אַרציביסקופּ האָט די פאַרטרערטע אויגן צום הימל אויפגעהויבן, קסיאָנדז ווידזשגאַ האָט בחפזון אַלץ דעם נונציוס פאַרטייטשט, די איבעריקע הערן האָבן זיך פאַר די קעפּ אָנגעכאַפּט, אַנדערע האָבן מתפּלל געווען אָדער געקלאַפּט זיך איז די ברוסט.

צום סוף, ווען קמיטשיץ איז צוגעקומען צו די לעצטע שטורמען, ווען ער האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי מילער האָט אַראָפּגעבראַכט די שווערע האַרמאַטן פון קראָקע, און צווישן זיי אַזאַ האַרמאַט, וועלכן נישט בלויז די טשענסטאָכאָווער, נאָר קיין שום מויער אין דער וועלט וואָלט נישט געקענט אויס־האַלטן — איז געוואָרן שטיל, ווי אויף אַ בית־הקברות און אַלעמענס אויגן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף זיינע ליפּן.

אָבער הער קמיטשיץ האָט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט און גע־נומען גיך עטעמען; אַ העלע רויטקייט האָט אים באַדעקט דאָס פּנים, ער האָט גערונצלט דעם שטערן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטאָלץ געזאָגט:

— איצט מוז איך רעדן וועגן זיך, הגם כ׳וואָלט בעסער וועלן שווייגן... און אויב כ׳וועל זאָגן אַזוינס, וואָס וועט אויס־פאַלן צו מיין שבח, איז גאָט מיין עדות, אַז איך וועל דאָס נישט

טון צוליב באַלײדיקונגען, ווייל איך דאַרף זיי נישט האָבן, ווייל די גרעסטע באַלײדיקונג פאַר מיר איז פאַרן מאַיעסטעט דאָס בלוט צו פאַרגיסן...

— רעד דרייסט, מיר גלויבן דיר! — האָט דער קעניג געזאָגט — וואָס איז מיט יענעם האַרמאַט?...

— יענעם האַרמאַט... האָב איך, אַרויסגנבענדיק זיך באַנאַכט פון דער פעסטונג, מיט פולווער אויף פיצלעך צעריסן!

— גאָט אין הימל! — האָט דער קעניג אויסגעשריגן.

אָבער נאָכן דאָזיקן אויסגעשריי איז געוואָרן שטיל, אַזוי נבהל־ונשתּומם זענען די צוהערער געוואָרן. אַלע האָבן ווי אין אַ רעגן־בויגן זיך איינגעקוקט אין דעם יונגן ריטער, וועלכער איז געשטאַנען מיט צעפינקלטע אויגן, מיט אַ רויטקייט אויפן פּנים און מיט אַ גדלותדיק פאַרריסענעם קאָפּ. אָבער אין דער רגע איז אין אים געווען אַזוי פיל גרויל און ווילדער מוט, אַז יעדן איז נישט ווילנדיק געקומען אין זין אַריין, אַז אַזאַ מענטש איז מסוגל געווען אַזאַ זאַך אָפּצוטון.

נאָך אַ ווײלע שטילשווייגן האָט דער קסיאָנדז פרימאַס זיך טאַקע אָנגערופן:

— דער־דאָזיקער מענטש האָט דאָס געקענט באַווייזן!

— און ווי אַזוי האָסטו דאָס געטון?

קמיטשיץ האָט דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

— עס ווילט זיך די אייגענע אויערן נישט גלויבן! — האָט דער העטמאַן קאָריטשינסקי זיך אָנגערופן.

— גנעדיקע הערן! — האָט דער קעניג ערנסט זיך אָנגערופן — מיר האָבן נישט געוווסט, ווען מיר האָבן פאַר זיך. עס לעבט נאָך די האָפנונג אַז עס איז נישט פאַרלוירן די־דאָזיקע רעפובליק, כּל־זמן זי גיט אַרויס אַזעלכע ריטער און בירגער.

— ער קאָן וועגן זיך זאָגן: „Si fractus illabatur orbis, impavidum ferient ruinae!" — האָט געזאָגט דער קסיאָנדז ווידזשגאַ, וועלכער האָט ביי יעדער געלעגנהייט ליב געהאַט צו ציטירן אויטאָרן.

— דאָס זענען כּמעט אומגלויבלעכע זאַכן — האָט דער

קאַנצלער זיך ווידער אָנגערופן — זאָגט נאָר, הער ריטער, אויף וואָס פאַר אַן אופן זענט איר אַרויס מיטן לעבן פון דערדאָזיקער סכנה און ווי אַזוי האָט איר זיך דורך די שוועדן דורכגעקריגן?

— דער אויפרייס האָט מיך פאַרטויבט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — און ערשט צומאָרגנס האָבן מיך די שוועדן געפונען באַם גראָבן! ווו כ'בין געלעגן אָן חושים. מ'האָט מיך באַלד דאָרט פאַרן משפט געשטעלט און מילער האט מיך פאַראורטיילט צום טויט.

— און איר זענט אַנטלאָפן?

— אַגעוויסער קוקלינאָווסקי האָט אויסגעפּועלט ביי מילערן, מיך איבערצוגעבן אין זיינע הענט, כדי ער זאָל מיך אַליין קענען אומברענגען, ווייל ער האָט אויף מיר געטראָגן אַ פאַר-ביסענע שנאה...

— דאָס איז אַ באַקאַנטער רשע און רוצח, מיר האָבן דאָ געהערט וועגן אים — האָט קאַשטעלאַן קשיווינסקי זיך אָנגערופן — זיין פולק שטייט מיט מילערן באַ טשענסטאָכאָוו... אמת!

דערדאָזיקער קוקלינאָווסקי איז לכתחילה געקומען אַלס שליח פון מילערן אין קלויסטער און ער האָט מיך איינמאָל פריוואַט אָנגערעדט צו בגידה, ווען איך האָב אים צום טויער באַגלייט... איך האָב אים אָבער אַזעץ-געטון אין פנים און אַראָפּגעקאָפּעט מיט די פיס... דערפאַר האָט ער באַשלאָסן זיך אין מיר נוקם צו זיין.

— ווי איך זע, איז דאָס אַ שלאַכטשיץ מיט הייס בלוט! — האָט דער דערפרייטער קעניג אויסגערופן — אַזעלכן טאָר מען נישט אין וועג אַריין גיין!... מילער האָט דיך, הייסט עס, איבערגעגעבן קוקלינאָווסקין?

— יאָ, גנעדיקער האַר!... ער ווידער האָט זיך מיט מיר פאַרמאַכט אין אַ פוסטן שייער מיט אַ פּאָר מענטשן... דאָרט האָט ער מיך מיט שטריק צו דער בעלקע צוגעבונדן און גענומען פייניקן און די זייטן מיט פייער געברענט.

— גאָט אין הימל!

— פּלוצלינג האָט מען אים אָוועקגערופן צו מילערן, און

בינו לבינו זענען געקומען דריי שלאַכטשיצעס, געוויסע קעמליטשס, זיינע זעלנער, וועלכע האָבן פריער באַ מיר געדינט. זיי האָבן דערהרגעט די וועכטער און מיך אָפּגעבונדן פון דער בעלקע.

— און איר זענט אַנטלאָפן. איצט פאַרשטיי איך! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— ניין, גנעדיקער האַר. מיר האָבן צוגעוואַרט אויף קוקלינאָווסקיס צוריקקער. דעמאָלט האָב איך אים געהייסן צו דער זעלבער בעלקע צובינדן און איך האָב אים בעסער מיט פייער צוגעבראָטן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער קמיטשיץ אויפסניי זיך פאַרדויטלט און די אויגן האָבן אים געבלישטשעט, ווי באַ אַ וואָלף.

אָבער דער קעניג, וועלכער איז לייכט פון עגמת־נפש צו פרייליעכקייט, פון ערנסטקייט צו קאַטאָוועס אַריבערגעגאַנגען, האָט גענומען קלאַפּן מיט דער האַנט אין טיש און שרייען מיט אַ געלעכטער:

— גוט אויף אים אַזוי! גוט אויף אים אַזוי! אַזאַ בוגד האָט קיין בעסערע באַהאַנדלונג נישט פאַרדינט!

— כ׳האָב אים איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקן — האָט קמיטשיץ געענטפערט — אָבער ביז אין דער פרי איז ער אַוודאי אָפּגעקילט געוואָרן.

— אָט דאָס איז אַ פויגל, וואָס שענקט נישט דאָס זייניקע! הלואי וואָלטן מיר וואָס מער געהאַט אַזעלכע! — האָט דער קעניג, שוין גאָר אָן אויפגערוימטער, אויסגערופן — ביסטו אַליין מיט די דאָזיקע זעלנער אַהערגעקומען? ווי הייסן זיי?

— קעמליטשס: אַ פאָטער און צוויי זין.

— מיין מוטער איז פון דער היים קעמליטש — האָט דער קסיאָנדז קאַנצלער פון דער קעניגין, ווידזשגאַ, מיט חשיבות געזאָגט.

— אויב אַזוי זענען אַפּנים פאַרהאַן גרויסע און קליינע קעמליטשס — האָט קמיטשיץ פרייליך געענטפערט — אָבער די זענען נישט בלויז קליין, נאָר אויך אין תוך גענומען

רשעים, אָבער מוראדיקע זעלנער און זיי זענען מיר געטריי.

דערווייל האָט דער קאַנצלער קאָריטשינסקי זייט אַ געוויסער צייט עפּעס איינגערוימט דעם גניענזער קסיאָנדז אַרציביסקופּ אין אויער אַריין, און לסוף געזאָגט:

אַסך קומען דאָ אַהער אַזעלכע, וואָס כּדי זיך אַליין צו רימען אָדער צוליב אַ געגאַרטער באַלוינונג דערציילן זיי נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע זאַכן. זיי ברענגען פאַלשע און גוזמאָדיקע ידיעות, אָפט דורך די שונאים דערצו אָנגערעדט.

דידאָזיקע באַמערקונג האָט אַלע בייגעוועזענע שטאַרק איבעראַשט. קמיטשיצס פּנים איז באַדעקט געוואָרן פון אַ פּורפּור-רויטקייט.

— איך קען נישט דעם אמת פון גנעדיקן הער — האָט ער געענטפערט — וועלכער איז מסתּמא, ווי איך בין מיך משער, אַ הויכער... איך וויל אייך דעריבער נישט פּוגע-בכבוד זיין, אָבער איך מיין, אַז עס איז גאָרנישט דאָ אַזאַ חשוב, וועלכער זאָל זיך קענען דערלויבן אָן שום סבה אַ שלאַכטשיץ שקר פאָרצוּ-וואַרפן.

— מענטש! צום גרויסן קרוין-קאַנצלער רעדט איר! — האָט הער לוגאָווסקי געזאָגט.

קמיטשיץ האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט כּעס:

— ווער עס וואַרפט מיר פאָר שקר, מעג ער אַפילו זיין דער קאַנצלער, דעם וועל איך זאָגן: ס'איז לייכטער פאָרצוּוואַרפן שקר, איידער דאָס לעבן איינצושטעלן, ס'איז לייכטער צו שטעמפּלען מיט וואַקס, איידער מיט בלוט!

אָבער הער קאָריטשינסקי האָט זיך כּלל נישט דערבייזערט, ער האָט נאָר געענטפערט:

— איך וואַרף אייך נישט פאָר קיין שקר, הער ריטער, אָבער אויב ס'איז אמת, וואָס איר האָט געזאָגט, מוזט איר דאָך האָבן אַן אָפּגעבריטע זייט?

— קומט-זשע, הויכוואוילגעבוירענער הער, ערגעץ אין אַ זייט, וועל איך אייך זי ווייזן! — האָט קמיטשיץ אַ דונער-געטון.

— מ׳דאַרף נישט — האָט דער קעניג זיך אָנגערופן — מיר גלייבן דיר אַזוי אויך!

— עס קען נישט זיין, גנעדיקער קעניג! — האָט הער אַנדזשעי אויסגעשריגן — איך וויל דאָס אַליין, איך בעט וועגן דעם ווי וועגן אַ חסד, כדי קיינער, מעג ער זיין כ׳וויס אַליין נישט וואָס פאַר אַ חשוב, זאָל מיך דאָ פאַר אַ ליגנער נישט מאַכן! אַ שיינער שכר פאַר מיינע ענויים וואָלט דאָס געווען, גנעדיקע הערן! איך וויל נישט קיין שכר, כ׳וויל, אַז מ׳זאָל מיר גלייבן, זאָלן דעריבער די נישט גלייביקע צו מיינע וווּנדן זיך צורירן!

— איך גלייב דיר! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— דער אמת אַליין האָט פון זיינע ווערטער אַרויסגערעדט — האָט מאַריאַ לודוויקאַ צוגעגעבן — איך האָב בנוגע מענטשן קיין טעות נישט.

אָבער קמיטשיץ האָט די הענט צונויפגעקלייגט.

— דערלויבט, גנעדיקע הערן! זאָל ווער עס איז מיט מיר גיין אין אַ זייט, ווייל עס וואָלט מיר דאָ שווער געווען צו לעבן אונטער אַ חשד.

— איך וועל גיין — האָט הער טיזענהויז, אַ יונגער קעניג-לעכער הויף-מאַן זיך אָנגערופן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער קמיטשיצן אַוועקגעפירט אין אַ צווייטע שטוב, און אויפן וועג צו אים געזאָגט:

— נישט דערפאַר גיי איך, ווייל איך גלייב נישט, וואָרום איך גלייב, נאָר כדי מיט אייך צו רעדן. מיר האָבן זיך ערגעץ אין ליטע געזען... דעם נאָמען קען איך זיך נישט דערמאַנען. ווייל ס׳קאָן זיין, אַז כ׳האָב אייך נאָך אַלס יינגעל געזען און כ׳בין אַליין דעמאָלט געווען אַ יינגל.

קמיטשיץ האָט אַביסל אַוועקגעדרייט דאָס פנים, כדי צו פאַרהוילן די פּלוצלינגדיקע צעטומלטקייט.

— אפשר אויף עפּעס אַ סיימיק. אָפּט פּלעגט מיך דער פאַרשטאָרבענער פאָטער מיטנעמען מיט זיך, כדי כ׳זאָל זיך צו עפנטלעכער טעטיקייט צוקוקן.

— ס׳קען זיין... אייער פּנים איז מיר זיכער נישט פרעמד, הגם איר האָט דעמאָלט דעמדאָזיקן שניט נישט געהאַט. קוקט אָבער, ווי שוואַך דער זכרון איז, עפּעס דוכט זיך מיר, אַז איר האָט דעמאָלט אַנדערש געהייסן?

— ווייל די יאָרן פאַרווישן אין זכרון אַ סך זאַכן — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט.

דאָ זענען זיי אַריין אין אַן אַנדערע שטוב. מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָט הער טיזענהויז זיך געשטעלט פאַרן קעניג.

— ער איז אָפּגעבראָטן, גנעדיקער האַר קעניג, ווי אויף אַ בראָט-שפּיז! — האָט ער געזאָגט — די גאַנצע זייט איז אינגאַנצן אָפּגעברענט!

און ווען קמיטשיץ איז אויך צוריקגעקומען, האָט דער קעניג זיך אויפגעשטעלט, אים געדריקט פאַרן קאָפּ און געזאָגט:

— מיר וואָלטן קיינמאָל נישט מסופק געווען, אַז דו זאָגסט דעם אמת און דיין פאַרדינסט און אויך דיינע יסורים וועלן נישט בלייבן אומבאַלוינט.

— דיינע בעלי־חוב זענען מיר — האָט די קעניגין צוגעגעבן, אויסשטרעקנדיק צו אים די האַנט.

הער אַנדזשעי האָט אַנידערגעקניט אויף איין קני און מיט יראת־הכבוד אַ קוש-געטון די האַנט פון דער קעניגין, וועלכע האָט אים נאָך ווי אַ מאַמע געגלעט איבערן קאָפּ.

— אָבער זאָלסט אויפן הער קאַנצלער מער נישט בייז זיין — האָט דער קעניג ווידער געזאָגט — דעם אמת געזאָגט, זענען דאָ געווען נישט ווייניק בוגדים, אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבן דער־ציילט שקרים און גוזמאות, און דער חוב פון קאַנצלער איז דעם אמת וועגן כּלל-זאַכן אַרויסצוקריגן.

— וואָס פאַר אַ חשיבות וואָלט געהאַט מיין דלפנישער כּעס פאַר אַזאַ גרויסן מאַן — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — און כ׳וואָלט אַפילו נישט די העזה געהאַט צו בייזערן זיך אויפן חשובן סענאַטאָר, וועלכער גיט אַלע אַ ביישפּיל פון טריישאַפט און ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד.

דער קאַנצלער האָט גוטמוטיק אַ שמייכל-געטון און די האַנט אויסגעשטרעקט.

— נו, זאָל זיין שלום! איר האָט מיר מיאוס אַ שטאָך-געטון וועגן דעם וואַקס, אָבער זייט וויסן, אַז אויך די קאָריטשינסקיס האָבן אָפט מיט בלוט, נישט בלויז מיט וואַקס געשטעמפּעלט...

דער קעניג איז געווען אויפגעלייגט ביז גאָר.

— ער איז אונדז געראָטן דערדאָזיקער באַבינישש! — האָט ער געזאָגט צו די סענאַטאָרן. — ער האָט באַ אונדז אַזוי נושא־חן געווען, ווי זעלטן ווער... מיר וועלן דיך שוין פון אונדז נישט אָפּלאָזן און מיט גאָטס הילף וועלן מיר בקרוב צוזאַמען אין ליבן פאָטערלאַנד צוריקקערן.

— אָ, ליכטיקסטער קעניג! — האָט קמיטשיץ מיט התלהבות אויסגערופן — הגם איך בין געווען אין דער פעסטונג פאַרשפּאַרט, ווייס איך דאָס אָבער פון דער שלאַכטע, פון חייל, פון די אַפילו, וועלכע האָבן, דינענדיק ביים הער זבראַזשעק און קאַלינסקין, טשענסטאָכאָוו באַלאַגערט, אַז אַלע קוקן-אויס אויף דעם טאָג און שעה פון אייער צוריקקער. באַווייזט זיך נאָר, גנעדיקער האַר, און דעם זעלבן טאָג וועלן ליטע, קרוין-פּוילן און רוס ווי איין מאַן זיך שטעלן אויף אייער זייט! ס'וועט גיין די שלאַכטע, ס'וועלן גיין אַפילו די פינסטערע פויערן באַ זייער האַר זיך שלאָגן. דאָס חייל אונטער דער קאָמאַנדע פון די העטמאַנעס עטעמט שוין קוים, אַזוי גאַרט עס אויף די שוועדן זיך צוואַרפן... כ'ווייס אויך דאָס, אַז באַ טשענסטאָכאָוו זענען פון די העטמאַנישע חיילות דעפּוטאַטן געקומען זבראַזשעקן, קאַלינסקין און קוקלינאָווסקין קעגן די שוועדן אויפצוהעצן. שטעלט זיך הייגט, גנעדיקער האַר, באַ די גרענעצן, און אין אַ חודש אַרום וועט קיין איין שוועד שוין נישט זיין, נאָר קומט, נאָר באַווייזט זיך, ווייל מיר זענען דאָרט ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך!...

קמיטשיצן האָבן געשפּריצט פונקן פון די אויגן, ווען ער האָט דאָס געזאָגט און אַזאַ גרויסע התלהבות האָט אים אַרומגענומען, אַז ער האָט אַנידערגעקניט אין מיטן זאַל. זיין התלהבות האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַפילו אויף די קעניגין אַליין, וועלכע

האָט פאַרמאָגנדיק אַן אומדערשראָקענעם מוט שוין לאַנג צו-גערעדט דעם קעניג צוריקצוקערן אין לאַנד.

ווענדנדיק זיך איצט צו יאַן קאַזשימיעזשן האָט זי געזאָגט מיט קראַפט און אַנטשלאָסנקייט:

— די שטים פון גאַנצן פאָלק הער איך פון דאָזיקן שלאַכטשיצס מויל!...

— יאָ! יאָ! גנעדיקע האַרין!... מאַמע אונדזערע!... — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— שטענדיק — האָט דער קעניג געזאָגט — זענען מיר גרייט מקריב צו זיין אונדזער געזונט און אונדזער לעבן און נישט אויף עפּעס אַנדערש, נאָר אויפן תשובה טון פון אונדזערע אונטער-טאַנען האָבן מיר ביז-איצט געוואַרט.

— זיי האָבן שוין תשובה-געטון — האָט מאַריאַ לודוויקאַ געזאָגט.

— Majestas infracta malis! — האָט קסיאָנדז ווידזשגאַ, קוקנדיק אויף איר מיט פאַרערונג, געזאָגט.

— דאָס זענען וויכטיקע זאַכן — האָט קסיאָנדז אַרציביסקופּ לעשטשינסקי איבערגעהזרט — זענען טאַקע דעפּוטאַציעס פון די העטמאַנישע חיילות געקומען קיין טשענסטאָכאָוו?

— כ׳ווייס דאָס פון מיינע מענטשן, פון די אייגענע קעמליטשס! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — ביי זבראַזשעקן און קאַלינסקין האָבן אַלע וועגן דעם הויך גערעדט, נישט מורא-האָבנדיק פאַר מילערן און די שוועדן. יענע קעמליטשס זענען נישט געוועזן פאַרשפאַרט, זיי האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דער וועלט, מיט די זעלנער, מיט דער שלאַכטע... איך קען זיי שטעלן פאַרן מאַיעסטעט און פאַר די הויכווירדיקע הערן, כדי זיי זאָלן אַליין דערציילן, ווי עס קאָכט אין גאַנצן לאַנד, ווי אין אַ קעסל. די העטמאַנעס זענען נאָר בעל-כרחם צוגעשטאַנען צו די שוועדן, ווייל דער שטן האָט דעם חייל אַ כישוף אָנגעטון, און איצט וויל דאָס אייגענע חייל צו זיין טריישאַפט צוריקקערן. די שוועדן שלאָגן די שלאַכטע און די גייסטלעכע, זיי ראַבעווען, טרעטן די אַלטע רעכט, ס׳איז דעריבער קיין חידוש נישט

וואָס יעדער ביילט-צונויף די פויסטן און קוקט גיריק אויף די שווערט.

– מיר האָבן שוין אויך געהאַט ידיעות פון די חיילות – האָט דער קעניג געזאָגט – עס זענען דאָ געווען אויך געהיימע שליחים, וועלכע האָבן אונדז מודיע געווען וועגן אַלעמענס חשק צוריקצוקערן צו דער אַלטער טריישאַפט און רעספּעקט...

– און דאָס שטימט מיט דעם, וואָס דערדאָזיקער ריטער דערציילט – האָט דער קאַנצלער זיך אָנגערופן – אָבער אויב דעפּוטאַציעס גייען אויך צווישן די פעלקער, איז דאָס זייער וויכטיק, ווייל דאָס באַדייט, אַז די פרי איז שוין צייטיק געוואָרן, אַז אונדזערע באַמיִונגען זענען נישט געגאַנגען לאיבוד און אַז די אַרבעט איז פּאַרטיק, די צייט איז בכן געקומען...

– און קאָניעצפּאָלסקי? – האָט דער קעניג געזאָגט – און אַזויפיל אַנדערע, וועלכע שטייען נאָך אויף דער זייט פון שונא, קוקן אים אין די אויגן אַריין און פאַרזיכערן אים וועגן זייער טריישאַפט?

דאָ זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן און דער קעניג איז מיטאַמאָל געוואָרן באַטריבט און, פּונקט ווי ווען די זון ווערט פאַרשטעלט פון אַ כמאַרע, ווערט באַלד די גאַנצע וועלט אין אַ פינסטערניש איינגעהילט, אַזוי איז אויך זיין פּנים פאַרחושכט געוואָרן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַזוי געזאָגט:

– גאָט קוקט אין אונדזערע הערצער, אַז מיר זענען אַפילו היינט שוין גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין און אַז נישט די שוועדישע מאַכט האַלט אונדז צוריק, נאָר די אומגליקלעכע פאַר-ענדערלעכקייט פון אונדזער פאָלק, וועלכעס בייט ווי פּראָטעאוס זייער אָפט זיין צורה. קענען מיר דען טרויען, אַז דאָסדאָזיקע תשובה-טון איז אמתדיק, דער חשק נישט אָנגעשטעלט, די גרייט-קייט נישט פאַלש? קענען מיר דען גלייבן דעמדאָזיקן פאָלק, וועלכעס האָט ערשט אַזוי נישט לאַנג אונדז פאַרלאָזט און מיט אַזאַ לייכט האַרץ מיטן שונא זיך באַהאָפטן קעגן דעם אייגענעם קעניג, קעגן דעם אייגענעם פאָטערלאַנד, קעגן די אייגענע

פרייהייטן ? אַ ווייטיק פאַרקלעמט אונדז דאָס האַרץ און ס׳איז אונדז אַ בושה פאַר אונדזערע אונטערטאַנען ! וווּ-זשע ווייסט די געשיכטע פון ענלעכע ביישפּילן ? וועלכער קעניג איז דאָס אויס-געשטאַנען אַזוי פיל בגידות און בייזוויליקייטן, וועלכער קעניג איז אַזוי פאַרלאָזט געוואָרן ? דערמאַנט זיך נאָר, גנעדיקע הערן, אַז מיר זענען אין מיטן פון אונדזער חייל, אין מיטן פון די, וועלכע האָבן געדאַרפט דאָס בלוט פאַר אונדז פאַרגיסן, מיטן געזונט און — אַ שרעק צו זאָגן ! — מיטן לעבן אַפילו נישט זיכער געווען. און אויב מיר האָבן דאָס פאָטערלאַנד פאַרלאָזט און דאָ אַ מקום-מקלט געמוזט זוכן, האָבן מיר דאָס געטון נישט מחמת מורא פאַרן שוועדישן שונא, נאָר כּדי די אייגענע אונטערטאַנען, די אייגענע קינדער פון דעם מוראדיקן פאַרברעך פון קעניג-מאָרד און פאָטער-מאָרד צו פאַרהיטן.

— גנעדיקער האַר — האָט קמיטשיץ אויסגערופן — ס׳האָט זיך שווער פאַרזינדיקט אונדזער פאָלק, ס׳איז שולדיק און מיט רעכט שמייסט עס גאָטס האַנט, אָבער באַ קריסטוסעס פּיין ! ס׳האָט זיך אין דאָזיקן פאָלק נישט געפונען און מיט גאָטס הילף וועט זיך אויך קיינמאָל נישט געפינען אַזעלכער, וואָס זאָל זיך דער-וועגן אויפצוהייבן די האַנט אויף די הייליקע פּערזאָן פון גאָט-געזאַלבטן !

— דו גלייבסט אין דעם נישט, ווייל דו ביסט ערלעך — האָט דער קעניג געענטפערט — אָבער מיר האָבן בריוו און באַווייזן. די ראַדזיווילס האָבן אונדז טאַקע ביטער אָפּגעצאָלט פאַר די חסדים, מיט וועלכע מיר האָבן זיי באַשאָטן, און פונדעסטוועגן האָט באָגוסלאַוו, הגם ער איז אַ בוגד, דאָס געוויסן גערירט און ער האָט נישט בלויז נישט געוואָלט די האַנט צולייגן צו אַן אַטענטאַט אויף אונדז, נאָר ער האָט דער ערשטער אונדז וועגן אים מודיע געווען.

— צו וואָס פאַר אַן אַטענטאַט ? — האָט דער פאַרחידושטער קמיטשיץ אויסגערופן.

— ער האָט אונדז מודיע געווען — האָט דער קעניג געזאָגט — אַז עס האָט זיך געפונען אַזעלכער, וועלכער האָט זיך אים אָנ-

געבאָטן פאַר הונדערט גאָלד-גילדן אונדז צו פאַרכאַפּן און אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן די שוועדן צוצושטעלן.

אַ שוידער האָט דורכגענומען אַלע פאַרזאַמעלטע אויף דעם קעניגס דאָזיקע ווערטער און קמיטשיק האָט קוים באַוויזן אַרויסצושטאַמלען די פראַגע:

— ווער איז דען דאָס געווען ?... ווער איז דאָס געווען ?...

— אַ געוויסער קמיטשיק — האָט דער קעניג געענטפערט.

אַ כוואַליע בלוט האָט מיטאַמאָל אַזעך-געטון דעם הער אַנדזשעי אין קאָפּ אַריין, אין די אויגן איז אים פינסטער געוואָרן, ער האָט זיך מיט די הענט פאַר דער טשופּרינע אָנגעכאַפּט און מיט אַ שרעקלעכער שטים פון אַ מטורף אויסגעשריגן:

— דאָס איז שוא-ושקר! פּירשט באָגוסלאַוו זאָגט ליגן, ווי אַ הונט! גנעדיקער קעניג, האַר מיינער! גלייבט נישט דעמדאָזיקן בוגד; ער האָט דאָס בכיוון געטון, כדי אַ שונא צו שענדן און אייך איבערצושרעקן, קעניג מיינער, האַר!... דאָס איז אַ בוגד!... קמיטשיק וואָלט זיך נישט דערוועגט...

דאָ האָט הער אַנדזשעי מיטאַמאָל זיך אַ דריי-געטון אויפן אָרט. זיינע כוחות, וואָס די באַלאַגערונג האָט פון זיי אַ תל געמאַכט, און וועלכע זענען אונטערגעהאַקט געוואָרן דורכן אויפרייס פון פולווער אין שווערן האַרמאַט און דורך די ענויים, וואָס קוקלינאָווסקי האָט אים אָנגעטון, האָבן אים אינגאַנצן פאַרלאָזט — און ער איז אָן באַוווסטזיין אומגעפאַלן צום קעניגס פיס.

מ'האָט אים אויפגעהויבן און דער קעניגלעכער מעדיקער האָט אים גענומען מונטערן אין אַ דערלעבנדיקן חדר. אָבער אין דער פאַרזאַמלונג פון די הויכגעשטעלטע מענער האָט מען זיך נישט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס דעם קעניגס ווערטער האָבן געמאַכט אַזאַ שרעקלעכן רושם אויפן יונגן שלאַכטשיץ.

— אָדער ער איז אַזוי ערלעך, אַז דער גרויל אַליין האָט באַ אים דאָס חלשות אַרויסגערופן, אָדער ער איז דעמדאָזיקן קמיטשיצס עפּעס אַ קרוב — האָט דער קראַקאָווער קאַשטעלאַן געזאָגט.

— מ'וועט דאָס דאַרפן חוקר-ודורש זיין — האָט דער קאַנצלער

קאָריטשינסקי געענטפערט — זיי זענען דאָרט אַלע אין ליטע קרובים, ווי, איבעריקנס, אויך בּאַ אונדז.

דערויף האָט הער טיזענהויז זיך אָנגערופן:

— גנעדיקער האַר! — זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, אַז איך זאָל וועלן עפּעס שלעכטס וועגן דאָזיקן שלאַכטשיץ רעדן — אָבער... מ׳דאַרף נאָך צופיל נישט טרויען... אַז ער האָט געדינט אין טשענסטאָכאָוו, דאָס איז זיכער; די זייט איז ביי אים אָפּגעבערענט, וואָס די נזירים וואָלטן בשום-אופן נישט געטון, ווייל אַלס גאָטס דינער מוזן זיי האָבן רחמנות אַפילו אויף געפאַנגענע און בּוגדים; אָבער איין זאַך פלאָנטערט זיך מיר אין מוח און שוואַכט-אָפּ דעם צוטרוי צו אים... איך האָב אים אַמאָל אין ליטע באַגעגנט... אַלס ייִנגל נאָך, אויף אַ סיימיק, אָדער אויף אַ פאַרוויילונג... כ׳געדענק נישט...

— און וואָס איז דערפון געדרונגען? — האָט דער קעניג געזאָגט.

— און ער... עס דאַכט זיך מיר אַלץ... אַז ער האָט נישט געהייסן באַבּיניטש.

— רעד נישט סתם אין דער וועלט אַריין! — האָט דער קעניג געזאָגט — ביזט יונג און אומאויפמערקזאַם, ס׳האָט זיך דיר אין קאָפּ לייכט געקענט פאַרמישן, באַבּיניטש, צי נישט באַבּיניטש, פאַרוואָס זאָל איך אים נישט טרויען? די אויפריכטיקייט און אמת זענען אים אויפן פּנים אויסגעשריבן, און אַ האַרץ האָט ער משמעות אַ גילדנס. זיך אַליין וואָלט איך נישט געמוזט טרויען, ווען איך זאָל נישט טרויען אַזאַ זעלנער, וועלכער האָט פאַר אונדז און פאַרן פאָטערלאַנד זיין בּלוט פאַרגאָסן.

— ער פאַרדינט מער צוטרוי, איידער דער בריף פון פּירשט באָגוסלאַוו — האָט די קעניגין מיטאַמאָל זיך אָנגערופן — און איך מאַך די גנעדיקע הערן אויפמערקזאַם דערויף, אַז אין דאָזיקן בריף קאָן אויך קיין איין וואָר וואָרט נישט זיין. די בירזשער ראַדזיווילס האָט אַ סך געקענט זיין געלעגן, אַז מיר זאָלן פאַרלירן דעם מוט, און מ׳קען לייכט אָננעמען, אַז פּירשט באָגוסלאַוו האָט דערביי געוואָלט עפּעס אַ שׂונא זיינעם באַגראָבן און זיך

לאָזן אַן אָפּן טירל אין פֿאַל, ווען דאָס מזל וועט זיך בייטן.

— ווען איך וואָלט נישט געווינט געווען דערצו — האָט דער פּרימאַס געזאָגט — אַז פון מויל פון דער גנעדיקער האַרין קעניגין זאָל די חכמה אַליין אַרויסרעדן, וואָלט איך זיך געחידושט איבער דער חריפות פון דידאָזיקע ווערטער, מיט וועלכער דער גרעסטער מלוכה־מאַן וואָלט זיך נישט געדאַרפט שעמען.

— „...Curasque gerens, animosque virifes...” — האָט קסיאָנדז ווידזשגאַ שטיל איבערגעהאַקט.

דערהויבן פון דידאָזיקע ווערטער, האָט די קעניגין זיך אויפגעשטעלט פון שטול און גענומען אַזוי זאָגן:

— נישט וועגן די בירזשער ראַדזיווילס גייט מיר, ווייל זיי, אַלס אפּיקורסים, האָבן די אָנרעדענישן פון שונא פון מענטשלעכן מין לייכט געפּאָלגט; אויך נישט וועגן פירשט באָגוסלאַווס בריוו, וואָס פאַרדעקט אפשר אַ פּריוואַטע פּניה... אָבער אַממייסטן טוען מיר וויי די פאַרצווייפלטע ווערטער פון קעניג, דעם האַר און מאַן מיינעם, וואָס זענען קעגן דאָזיקן פאָלק אַרויסגעזאָגט געוואָרן. וואָרום ווער וועט אויף אים חס־זיין, אויב זיין אייגענער קעניג פאַראורטיילט עס? און אַז איך קוק זיך אַרום איבער דער וועלט, פרעג איך אומזיסט, ווו איז פאַרהאַן נאָך אַזאַ פאָלק, אין וועלכן די אמתדיקע גאָטספאָרכטיקייט זאָל אויפן אַלטן שטייגער אָנהאַלטן און זיך נאָך וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַרקן... אומזיסט זוך איך נאָך אַזאַ פאָלק מיט אַזאַ כשרער נשמה; נאָך אַזאַ מלוכה, אין וועלכער קיינער זאָל קיינמאָל נישט האָבן געהערט וועגן אַזעלכע טייוולאָנישע לעסטערונגען, קליינלעכע פאַרברעכנס און קיינמאָל נישט פאַרגעבענער שנאה, מיט וועלכע עס זענען פול די פרעמדע כראָניקעס... זאָלן מיר די מענטשן, וואָס זענען בקי אין דער וועלטס געשיכטע, ווייזן אַ צווייט קעניגרייך, ווו אַלע מלכים זענען געשטאָרבן מיט אַן אייגענעם רויִקן טויט. נישטאָ דאָ קיין מעסערס און סם, נישטאָ קיין פּראָטעקטאָרן, ווי בײַ די ענגלענדער... אמת, מיין האַר, דאָסדאָזיקע פאָלק האָט זיך שווער פאַרשולדיקט, ס׳האָט געזינדיקט דורך הפקרות און לייכטזין... אָבער וועלכעס פאָלק איז דאָס קיינמאָל קיין פעלער נישט באַגאַנגען און ווו איז

פאַרהאַן אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי גיך זיין שולד איינזען און באַלד חרטה האָבן און תשובה-טון ? אָט האָבן זיי זיך שוין אַרומגעזען, אָט קומען זיי שוין, קלאַפנדיק זיך אין דער ברוסט, צו דיין מאַיעסטעט... זיי זענען שוין גרייט דאָס בלוט צו פאַרגיסן, דאָס לעבן מקריב צו זיין און דאָס פאַרמעגן אָפצוגעבן פאַר דיר... און דו וועסט זיי אָפשטויסן ? וועסטו די בעלי-תשובה נישט פאַרגעבן, די, וואָס האָבן חרטה און ווילן אויף זייערע זינד מכפר זיין, נישט טרויען ?... די קינדער, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט, דאָס פאָטערלעכע געפיל נישט אומקערן ?... טרוי זיי, האַר, ווייל אָט בענקען זיי שוין נאָך זייער יאַגעלאָ-בלוט און נאָך דער פאָטערלעכער ממשלה דיינער... פאָר צו זיי... איך, איך בין אַ פרוי און האָב נישט קיין מורא פאַר אַ בגידה, ווייל כ'זע די ליבשאַפט, ווייל כ'זע די חרטה אויף די זינד און די אויפריכטונג פון דאָזיקן קעניגרייך, איבער וועלכן דו האָסט געוועלטיקט נאָך דיין פאָטער און ברודער. עס גלויבט זיך מיר אויך גאָרנישט, אַז גאָט זאָל חרוב מאַכן אַזאַ וויכטיקע רעפובליק. ווו עס ברענט דאָס ליכט פון דער עכטער אמונה. אויף אַ קורצע צייט האָט די געטלעכע גערעכטיקייט אויסגעשטרעקט איר בייטש אויף צו באַשטראָפן און נישט אויף אומצוברענגען אירע קינדער, און באַלד דערנאָך וועט זיי די פאָטערלעכע גוטסקייט פון דעם זעלבן הימלישן האַר צוטוליען און טרייסטן. אָבער דו, קעניג, זאָלסט זיי נישט אָפשטויסן און נישט מורא האָבן זיך אָנצופאַרטרויען זייער ליבשאַפט און טריישאַפט, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קען דאָס שלעכטע אין גוטע, צער אין נחמה, מפּלות אין נצחונות פאַרוואַנדעלט ווערן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט זיך די קעניגין אַוועקגעזעצט נאָך מיט אַ פייער אין די שוואַרץ-אַפּלען און מיט אַ שטאַרק זיך באַוועגנדיקער ברוסט ; אַלע האָבן אויף איר געקוקט מיט פאַרערונג, און קסיאָנדז קאַנצלער ווידזשגאַ האָט גענומען זאגן מיט אַ שטים, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ ווידער-קול :

Nulla sors longa est, dolor et voluptas
Invicens cedunt.

Ima permutat brevis hora summis...

אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט; ווייל די התלהבות פון דער העלדישער קעניגין האָט זיך איבערגעגעבן אַלעמענס הערצער. דער קעניג אַליין איז אויפגעשפרונגען מיט אַ רויטקייט אויפן פאַרוועלקטען פנים און האָט אויסגעשריגן:

— איך האָב נאָך דאָס קעניגרייך נישט פאַרלוירן, אויב איך האָב אַזאַ קעניגין!... זאָל־זשע געשען איר רצון, ווייל זי האָט גערעדט אין נביאישער באַגייסטערונג. וואָס גיכער איך וועל אַרויספאָרן און זיין אין דער מלוכה, אַלץ בעסער וועט זיין!...

דערויף האָט זיך דער פרימאַס ערנסט אָנגערופן:

— איך וויל נישט זיך אַקעגנשטעלן דעם רצון פון מיינע גנעדיקע הערן און אויך נישט אָפּרעדן פון דער אונטערנעמונג, אין וועלכער עס שטעקט אַ סכנה, אָבער אפשר אויך אַ גאולה. כ׳וואָלט עס אָבער געהאַלטן פאַר געוווּנטשן זיך נאָך אַמאָל צו פאַרזאַמלען אין אָפּאָלע, ווו דאָס רוב סענאַטאָרן האַלטן זיך אויף, און דאָרט אויסהערן די פלענער פון די פאַרזאַמעלטע, וועלכע קענען נאָך בעסער און גענויער דעם ענין אויפקלערן און באַטראַכטן.

— הייסט עס, קיין אָפּאָלע! — האָט דער קעניג אויסגעשריגן — און דערנאָך אין וועג אַריין און וואָס גאָט וועט געבן!

— גאָט וועט געבן אַ גליקלעכן צוריקקער און אַ נצחון! — האָט די קעניגין געזאָגט.

— אמן! — האָט דער פרימאַס געזאָגט.

8 קאַפּיטל

הער אַנדזשעי האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פאַרוואונדעטע ווילדע קאַץ אין זיין גאַסט-הויז. באָגוסלאַוו ראַדזיווילס טייוולאָנישע נקמה האָט אים שיער נישט אין משוגעת אַריינגעטריבן. לא-די, וואָס דערדאָזיקער פירשט האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, אים דערהרגעט די מענטשן, אים אַליין שיער נישט אומגעבראַכט, האָט ער אים נאָך באַדעקט מיט אַזאַ שאַנד, אונטער וועלכער נישט בלויז קיינער פון זיין משפחה, נאָר קיין שום פּאָליאַק האָט זייט די וועלט שטייט נישט געקרעכצט.

עס זענען דעריבער געווען מאָמענטען, ווען קמיטשיץ האָט געוואָלט פון אַלץ זיך אָפּזאָגן, פון רום, וועלכער האָט זיך פאַר אים געעפנט, פון דער קעניגלעכער דינסט, און לויפן און נוקם זיין זיך איבער דעמדאָזיקן מאַגנאַט, וועלכן ער וואָלט וועלן רויערהייט אויפפרעסן.

אָבער פון דער צווייטער זייט, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער רציחה און היציקייט אין קאָפּ, איז אים געקומען אין זין אַריין, אַז בל-זמן דער פירשט לעבט, וועט די נקמה נישט

אַנטלויפן, און די בעסטע געלעגנהייט, דער בעסטער וועג אויפ־צודעקן די פאַלשקייט און די גאַנצע אומפאַרשעמטקייט פון בלבול איז טאַקע די קעניגלעכע דינסט, ווייל דורך איר וועט ער קענען באַווייזן, אַז ער האָט נישט בלויז נישט בדעה געהאַט די האַנט אויף די הייליקע פּערזאָן אויפצוהויבן, נאָר אַז צווישן אַלע שלאַכטשיצעס פון קרוין־פּוילן און ליטע וואָלט דער קעניג נישט געקענט געפונען קיין געטרייערן דינער פון קמיטשיצן.

ער האָט פונדעסטוועגן געקריצט מיט די ציין, געקאָכט זיך און געפליקט אויף זיך די בגדים און לאַנג, לאַנג נישט געקענט זיך באַרויִקן. ער האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק וועגן נקמה. ער האָט ווידער געזען דעם פירשט אין זיינע הענט; ער האָט זיך אַ שבועה געגעבן ביים אָנדענק פון פאָטער, אַז ער מוז אים קריגן, ווען אַפילו ער זאָל דערפאַר באַצאָלן מיטן טויט און מיט ענויים. און הגם פירשט באָגוסלאַוו איז געווען אַ שרה אַ תקיף, וואָס נישט בלויז די נקמה פון אַ פּראָסטן שלאַכטשיץ, נאָר אַפילו פון קעניג האָט אים לייכט נישט געקענט טרעפן, פונדעסטוועגן, ווען ער וואָלט בעסער געקענט דידאַזיקע אומגעצוימטע נשמה, וואָלט ער נישט געווען געשלאָפן רויִק און נישט איינמאָל וואָלט ער אַ ציטער־געטון פאַר זיינע שבועות.

און הער אַנדזשעי האָט דאָך נאָך נישט געוווּסט, אַז דער פירשט האָט אים נישט בלויז באַדעקט מיט שאַנד און נישט בלויז אים דעם רום אַרויסגעריסן.

דערווייל האָט דער קעניג, וועלכער האָט באַלד דעם יונגן ריטער שטאַרק ליב באַקומען, דעם זעלבן טאָג געשיקט נאָך אים דעם הער לוגאָווסקין, און צומאָרגנס האָט ער אים געהייסן מיט־פאָרן קיין אָפּאָלע, וווּ מ'האָט אויף אַן אַלגעמיינער אסיפה פון די סענאַטאָרן געזאָלט זיך באַראָטן וועגן קעניגס צוריקקער אין לאַנד. ס'איז טאַקע געווען וועגן וואָס זיך צו באַראָטן: דער קרוין־מאַרשאַלעק האָט ווידער צוגעשיקט אַ צווייטן בריוו, וועלכער האָט מודיע געווען, אַז אַלץ אין לאַנד איז גרייט צו אַן אַלגע־מיינער מלחמה, און געהייסן צואיילן דעם צוריקקער. אַ חוץ דעם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה וועגן עפּעס אַ פאַרבאַנד פון

שלאַכטע און חייל צו פאַרטיידיקן דעם קעניג און פאָטערלאַנד.
ווענן דאָזיקן פאַרבאַנד האָט מען אין לאַנד שוין טאַקע לאַנג געטראַכט, ער איז אָבער, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, געשלאָסן געוואָרן אַביסל שפּעטער אונטערן נאָמען „טישאָווצער קאָנפעדעראַציע".

לעת-עתה זענען אָבער אַלעמענס מוחות געווען אויסער-געוויינלעך פאַרנומען מיט די דאָזיקע ידיעות און באַלד נאָך דער פייערלעכער תּפלה איז מען אַוועק אויף אַ געהיימע באַראַטונג, צו וועלכער אויך קמיטשיץ איז אויפן באַפעל פון קעניג, אַלס מענטש, וואָס האָט געבראַכט ידיעות פון טשענסטאָכאָוו, צו-געלאָזט געוואָרן.

מ'האָט בכן געגומען זיך מיישב זיין, צי דער צוריקקער זאָל תיכף געשען, אָדער ס'איז בעסער אים אָפּצולייגן ביז צום מאָמענט, ווען די חיילות וועלן נישט בלויז בכוח, נאָר אויך בפועל פאַרלאָזן דעם שוועד.

יאַן קאַזשימיעזש האָט געמאַכט אַ סוף צו די דאָזיקע וכּוחים, זאָגנדיק:

— נישט ווענן צוריקקער באַראָט זיך, אויך נישט ווענן דעם, צי ס'איז נישט בעסער נאָך אָפּצוּוואַרטן, ווייל איך האָב זיך שוין ווענן דעם באַראָטן מיט גאָט און מיט דער הייליקסטער בתולה... איך בין אייך דעריבער מוסר-מודעה, אַז וואָס עס זאָל אונז נישט טרעפן, וועלן מיר די טעג זיך לאָזן אין וועג אַריין... איר שטרענגט נאָר אָן אייערע מוחות און קאַרגט נישט קיין עצות, ווי אַזוי דעם צוריקקער וואָס זיכערער און וואָס בעסער דורכצופירן.

פאַרשידן זענען געווען די מיינונגען. אַ טייל האָבן גע-זאָגט, אַז מען זאָל נישט צופיל אמונה האָבן אין הער קרוין-מאַרשאַל, וועלכער האָט איין מאָל שוין אַרויסגעוויזן וואַקל-דיקייט און אומגעהאָרכזאַמקייט דורכדעם, וואָס אַנשטאָט די קרוינען צו געבן דעם קייזער אויף צו באַהאַלטן, ווי דער קעניג האָט געבעטן, האָט ער זיי אַוועקגעפירט קיין לובאָוולאַ.

„גרויס — (האָבן זיי געזאָגט) — איז די גאווה און אַמביציע פון ראָזיקן שררה, און אַז ער וועט נאָך דעם קעניג גופא האָבן באַ זיך אין שלאָס, ווער ווייס, וואָס ער וועט טון, וואָס ער וועט פאַר זיינע טובות נישט פאַרלאַנגען און צי ער וועט נישט וועלן די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט אַריינכאַפּן, כדי איבער אַלעמען די איבער־האַנט צו האָבן און צו זיין דער פּראָטעקטאָר נישט בלויז פון גאַנצן לאַנד, נאָר אויך פון מאַיעסטעט".

זיי האָבן דעריבער געראָטן, אַז דער קעניג זאָל וואַרטן ביז די שוועדן וועלן אָפּטרעטן און דערנאָך אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו, צום אָרט, פון וועלכן ס'האָבן גענאָד און באַנייאונג אויפן לאַנד אַראָפּגעפלאָסן. אָבער די איבעריקע האָבן אַנדערע מיינונגען אַרויסגעזאָגט.

„די שוועדן שטייען דאָך באַ טשענסטאָכאָוו און הגם זיי וועלן זי מיט גאָטס חסד נישט איינגעמען, זענען אָבער קיין פרייע וועגן נישטאָ. יענע מקומות זענען אַלע אין שוועדישע הענט. דער שונא שטייט אין קשעפּיצע, אין וויעלון, אין קראָקע, ביי דער גרענעץ זענען אויך באַדייטנדיקע כוחות אויסגעלייגט. און אין די בערג, אויף דער אונגאַרישער גרענעץ, ווו לובאָוולאַ ליגט, איז נישטאָ קיין אַנדער חייל, אַ חוץ די חיילות פון מאַרשאַל, און די שוועדן האָבן דאָרט ביז איצט זיך נישט אַריינגעלאָזט, ווייל זיי האָבן דערצו נישט גענוג מענטשן און נישט גענוג מוט. פון לובאָוולאַ איז דערביי נענטער קיין רוס, וועלכע איז פון שונא נישט פאַרנומען, קיין לוווו, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו זיין טריי דעם קעניג, און צו די טאָטערן, וועלכע גייען לויט ידיעות צו הילף און וואַרטן טאַקע דאָרט אויפן באַשלוס פון קעניג".

„וואָס שייך דעם הער מאַרשאַל — (האָט דער קראַקאָווער ביסקופּ געזאָגט) — וועט זיין אַמביציע שוין זיין געזעטיקט דערמיט, וואָס ער וועט דער ערשטער דעם קעניג אין זיין ספּיזשער סטאַראָסטע אויפנעמען און דער ערשטער אים האָבן אונטער זיין שוץ. די מאַכט וועט ביים קעניג פאַרבלייבן און

דעם הער מאַרשאַל וועט בלויז די האָפנונג אויף אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן באַפרידיקן; און אויב ער וועט וועלן אַלעמען מיט טרייטשאַפט אַריבערשטייגן, איז צי זיין טריישאַפט וועט פון אַמביציע, אָדער פון ליבשאַפט צום האַר און צום פאָטערלאַנד אַרויספליסן, וועט אַלץ זיין מאַיעסטעט אַ גרויסן נוצן דער-פון האָבן.

דידאָזיקע מיינונג פון אַנגעזעענעם און דערפאַרענעם ביסקופ האָט געשיינט צו זיין די בעסטע; מ׳האָט בכן באַשלאָסן, אַז דער קעניג זאָל דורך די בערג קיין לובאָוולאַ, פון דאָרט קיין לוווו אָדער ווו די אומשטענדן וועלן הייסן, אַרויספאָרן.

מ׳האָט זיך אויך באַראָטן מכוח דעם טאָג פון צוריקקער, אָבער דער לענטשיצער וואָיעוואָדע, וועלכער איז גראָד צוריק-געקומען פון קייזער, צו וועלכן ער איז געווען געשיקט אין אַ שליחות וועגן הילף, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז בעסער קיין גענויען טערמין נישט צו באַשטימען און דעם קעניג אַליין איבערצולאָזן דעם באַשלוס, און דאָס דערפאַר, כדי די ידיעה זאָל זיך נישט [illegible]רשפרייטן און די שונאים זאָלן נישט געוואָר ווערן. ס׳איז נאָך באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קעניג וועט אַרויספאָרן מיט דריי הונדערט געקליבענע דראַגונער, אונטער דער קאָמאַנדע פון הער טיזענהויז, וואָס הגם ער איז געווען יונג, האָט ער שוין געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן זעלנער.

אָבער שיִער נישט וויכטיקער איז נאָך געווען דער צוויי-טער טייל פון דער אסיפה, אויף וועלכן ס׳איז מיט אַלעמענס הסכם באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָכן אָנקומען אין לאַנד וועט די גאַנצע מאַכט און אָנפירונג מיט דער מלחמה אַריבער אין די הענט פון קעניג, וועלכן די שלאַכטע, דאָס חייל און די העטמאַנעס דאַרפן אין אַלץ געהאָרכן. מ׳האָט אויך גערעדט וועגן דער צוקונפט און אויסגערעכנט די סבות פון די אומ-גערעכטע צרות, וועלכע האָבן ווי אַ מבול אין אַזאַ קורצער

צייט דאָס גאַנצע לאַנד פאַרפלייצט. און דער פּרימאַס אַליין האָט אַלס סבה דערפון נישט אָנגעגעבן עפּעס אַנדערש, ווי אַנאַרכיע, דאָס פעלן פון געהאָרכזאַמקייט און צופיל גרינגשעצן די מאַכט און קעניגלעכע מאַיעסטעט.

מ׳האָט אים אויסגעהערט מיט אַ טיפן שטילשווייגן, ווייל יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט וועגן גורל פון דער רעפּובליק און וועגן גרויסע, ביז איצט אין איר נישט געוועזענע שנויים, וועלכע וואָלטן געקענט איר אַמאָליקע מאַכט צוריקשטעלן און נאָך וועלכע עס האָט באַזונדערס זייט לאַנג גענעכצט די קלוגע און דאָס פאָטערלאַנד הייס ליבנדיקע קעניגין.

עס האָבן פון מויל פון הויכווירדיקן פירשט פון דער קירך זיך געשאָטן ווערטער, ווי די דונערס, און אין די צוהערער האָבן די נשמות זיך געעפנט פאַרן אמת, ווי עס עפענען זיך די בלומען פאַר דער זון.

— נישט קעגן די פאַרצייטישע פרייהייטן טרעט איך אַרויס — האָט דער פּרימאַס געזאָגט — נאָר קעגן יענער הפקרות, וועלכע קוילעט מיט די אייגענע הענט דאָס אייגענע פאָטערלאַנד... באמת, מ׳האָט שוין פאַרגעסן אין דאָזיקן לאַנד דעם חילוק צווישן פרייהייט און הפקרות און אָט, פונקט ווי פון די צו גרויסע תענוגים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ צער, אַזוי האָט זיך פון דער אומגעצוימטער פרייהייט אויסגעלאָזט אַ הפקרות. ווי ווייט האָט איר געבלאָנדזשעט, בירגער פון דער דאָזיקער הערלעכער רעפּובליק, אַז פאַר אַ פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד גילט נאָר דער צווישן אייך, וואָס רעשט און פילדערט, רייסט-אויף סיימען און שטעלט זיך אַקעגן דער מאַיעסטעט, נישט דעמאָלט, ווען מ׳דאַרף, נאָר דעמאָלט, ווען עס גייט דערזעלבער מאַיעסטעט וועגן אויסלייזן דאָס פאָטערלאַנד? אונזער קאַסע איז פוסט, דער זעלנער באַקומט נישט קיין לוין, זוכט ער שכירות ביים שונא; די סיימען, דער איינציקער פונדאַמענט פון דער רעפּובליק, גייען זיך פאַנאַנדער מיט גאָרנישט, ווייל איין הפקר-מענטש, איין שלעכטער בירגער,

קאָן צוליב זיינע פערזענלעכע פניות די אסיפות שטערן. וואָס פאַר אַ ממשות האָט אַ פרייהייט, וועלכע דערלויבט אַ יחיד דעם כלל זיך אַקעגנצושטעלן ?... צי איז דידאָזיקע פרייהייט פאַר אַ יחיד נישט קיין קנעכטשאַפט פאַרן כלל ? און וואוהין זענען מיר דערגאַנגען ביים געניסן פון דערדאָזיקער פרייהייט, וואָסערע באַטעמטע פירות האָט זי אַרויסגעגעבן ?... אָט דאָס, אַז אַ שוואַכער שונא, איבער וועלכן אונזערע אָבות האָבן אַזוי פיל גלענצנדיקע נצחונות אָפגעהאַלטן, האָט איצט אין לאַנד זיך אויסגעשפרייט, ווי אַ בליק, וואָס גייט-אַרויס פון מערב און גרייכט ביז צום מזרח. קיינער האָט זיך אים נישט אַקעגנגעשטעלט, די בוגדים אפיקורסים האָבן אים געהאָלפן און ער האָט אַלץ פאַרכאַפּט, פאַרפאָלגט די אמונה, פאַרשוועכט די קירכעס און ווען איר דערמאָנט אים וועגן אייערע פרייהייטן, ווייזט ער אייך די שווערד !... אָט וואָס עס איז אייך אַרויסגעקומען פון אייערע אסיפות, פון אייערע אָפּשטימונגען, פון אייער הפקרות, פון אייער מבזה-זיין די מאַיעסטעט אויף יעדן שריט !... דעם קעניג, דעם נאַטירלעכן פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד, האָט איר צוערשט די כוחות אָפּגענומען, און דערנאָך זענט איר געקומען מיט טענות, אַז ער שיצט אייך נישט ! איר האָט נישט געוואָלט קיין אייגענע רעגירונג, און איצט רעגירט איבער אייך דער שונא... און ווער, פרעג איך, קאָן פון דערדאָזיקער שפלות אונז ראַטעווען, ווער קאָן דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון דער רעפּובליק צוריקשטעלן, אויב נישט דער, וועלכער האָט אַזוי פיל געזונט און אַזוי פיל מי שוין אַוועקגעגעבן, ווען דאָסדאָזיקע לאַנד איז פון דער אומגליקלעכער בירגער-מלחמה מיט די קאָזאַקן געפּלאָגט געוואָרן ; וועלכער האָט זיין געהייליקטע פערזאָן אויסגעשטעלט אויף אַזוי פיל סכנות, וועלכע קיין שום מאָנאַרך איז אין אונדזערע ציטן נישט אויסגעשטאַנען ; וועלכער האָט ביי זבאַראָוו, ביי בערעסטעטשקאַ און ביי זשוואַניעץ ווי אַ פּראָסטער זעלנער געקעמפט, און נישט רעכנענדיק זיך מיט זיין קעניגלעכן שטאַנד

ברוֹת און אומבאַקוועמלעכקייטן אַריבערגעטראָגן... לאָמיר איצט איצט, לויטן מוסטער פון די אַלטע רוימער, די דיקטאַטור אין די הענט איבערגעבן, און אַליין לאָמיר זיך באַראָטן, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע פאָטערלאַנד אויף להבא ראַטעווען פון אינעווייניקסטן שונא, פון צעלאָזנקייט, הפקרות, אומאָרדנונג און שטראָפלאָזיקייט, און דעם געהעריקן אָנזען פון דער רעגירונג און מאַיעסטעט צוריקשטעלן !...

אַזוי האָט גערעדט דער פרימאַס, און דאָס אומגליק און די איבערלעבענישן פון די לעצטע צייטן האָבן אַזוי ווייט איבערגעאַנדערשט די צוהערער, אַז קיינער האָט נישט פּראָטעס־טירט, ווייל אַלע האָבן קלאָר געזען, אַז אָדער די קעניגלעכע מאַכט מוז באַפעסטיקט ווערן, אָדער די רעפּובליק וועט בלי־ספק אונטערגיין. ס'האָט זיך בכן אָנגעהויבן אַ שקלאַ־וטריא, ווי אַזוי צום בעסטן די עצות פון קסיאָנדז פרימאַס אויסצופירן, און דאָס קעניגלעכע פּאָר האָט זי אויסגעהערט גיריק און מיט פרייד, גאָר באַזונדערס די קעניגין, וועלכע האָט זיים לאַנג ענערגיש געאַרבעט, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ סדר אין דער רעפּובליק.

דער קעניג האָט דעריבער צוריקגעקערט קיין גלאָגאָוו אַ פרייילעכער און אַ צופרידענער, דאָרט ווידער האָט ער צונויפ־גערופן צו זיך אין שטוב אַ פּאָר אָפיצירן מקורבים, און צווישן זיי אויך קמיטשיצן, און צו זיי געזאָגט :

— איך אייל מיך און קען שוין מער נישט איינזיצן אין דאָזיקן לאַנד, כ'וואָלט וועלן כאָטש מאָרגן שוין אַרויספאָרן, דערפאַר האָב איך געזוכט, אַז איר, אַלס מיליטער־לייט און בעלי־נסיון, זאָלט געשיקטע עצות צוטראַכטן. אַ שאָד אונדז צו פאַרלירן צייט, אויב אונדזער אָנוועזנהייט קען די אַלגעמיינע מלחמה שטאַרק צואיילן.

— אַוודאי — האָט הער לוגאָווסקי געזאָגט — אויב אַזוי איז דער רצון פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט, טאָ צו וואָס מאַכן שהיות ? וואָס גיכער, אַלץ בעסער !

— כל־זמן די זאַך וועט נישט מפורסם ווערן און דער שונא

וועט זיין השגחה נישט פאַרטאָפּלען — האָט פּולקאָווניק וואָלף צוגעגעבן.

— דער שונא היט זיך שוין און האָט די וועגן שוין לויט יכולת באַזעצט — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

— וואָס הייסט? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— גנעדיקער האַר, דער געפלאַנטער צוריקקער פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט איז פאַר די שוועדן קיין נייעס נישט! שיער נישט יעדן טאָג גייט זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער רעפּובליק די ידיעה, אַז אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט איז שוין אונטערוועגס, אָדער שוין אין לאַנד גופא. דערפאַר דאַרף מען זיין שטאַרק פאָרזיכטיק און בשתיקה דורך היילן זיך דורכגנבענען, ווייל אויף די וועגן לויערן דוגלאַסעס אָפּטיילונגען.

— די בעסטע פאָרזיכטיקייט — האָט הער טיזענהויז געזאָגט, קוקנדיק אויף קמיטשיצן — זענען דריי הונדערט טרייע שווערדן, און קוים טרויט מיר דער גנעדיקער קעניג אָן די קאָמאַנדע איבער זיי, וועל איך אים איבערפירן בשלום, אַפילו איבער די בייכער פון דוגלאַסעס אָפּטיילונגען.

— איר וועט איבערפירן, אויב איר וועט זיך אָנשטויסן אויף אויף דריי הונדערט, אָדער לאָמיר זאָגן זעקס הונדערט, אָדער גאָר טויזנט מענטשן, אָבער אַז איר וועט אָנטרעפן אויף אַ גרעסערע מאַכט, וואָס וועט לויערן אין אַ באַהעלטעניש, וואָס וועט זיין?

— כ'האָב געזאָגט: דריי הונדערט — האָט טיזענהויז געענטפערט — ווייל מ'האָט גערעדט וועגן דריי הונדערט. אויב אָבער דאָס איז ווייניק, קען מען וועגן פינף הונדערט און מער זיך באַמיִען.

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין! וואָס גרעסער די מחנה, אַלץ מער וועט זי פון זיך לאָזן הערן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— יאָ! איך מיין פונדעסטוועגן, אַז דער הער קרוין־מאַרשאַל וועט מיט זיינע פולקן מיר אַקעגנאיילן? — האָט דער קעניג זיך אָנגערופן.

— דער הער מאַרשאַל וועט נישט אַקעגנאיילן — האָט קמיטשיץ געענטפערט — ווייל ער וועט נישט וויסן ווען, און ווען

ער וואָלט אַפילו געוווסט, קענען אין וועג פאָרקומען פאַרשלע־פונגען, ווי געוויינלעך, ס'איז שווער אַלץ פאָרויסצוזען...

— ער רעדט ווי אַ זעלנער, ווי אַן עכטער זעלנער! — האָט דער קעניג געזאָגט — משמעות, אַז די מלחמה איז אייך נישט פרעמד.

קמיטשיץ האָט אַ שמייכל געטון, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער פלעגט כאָוואַנסקין אונטערקומען. ווער־זשע האָט זיך בעסער פון אים געקענט אויף אַזעלכע זאַכן? וועמען האָט מען געזאָלט אָנפאַרטרויען די איבערפירונג פון קעניג אויב נישט אים?

אָבער הער טיזענהויז האָט אַ פנים געהאַט אַן אַנדערע מיינונג, ווי דער קעניג, ווייל ער האָט געקנייטשט די ברעמען און געזאָגט מיט אַ שטאָך צו קמיטשיצן:

— אויב אַזוי וואַרטן מיר אויף אייער אויסגעפּרוווטע עצה!

קמיטשיץ האָט דערשפירט אין דער פראַגע אַן אומצופרידנ־הייט, ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף טיזענהויזן און גע־ענטפערט:

— מיין מיינונג איז, אַז וואָס קלענער די מחנה וועט זיין, אַלץ לייכטער וועט מען זיך דורכקריגן.

— וואָס דאַרף מען, הייסט עס, טון?

— גנעדיקער האַר! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט האָט די ברירה צו טון אַזוי, ווי אים ווילגעפעלט, אָבער מיך לערנט דער שכל אַזוי: זאָל דער הער טיזענהויז צוערשט זיך לאָזן אין וועג אַריין מיט די דראַגונער, פאַר־שפרייטנדיק בכיוון אַ קלאַנג, אַז ער פירט דעם קעניג, כדי די אויפמערקזאַמקייט פון די שונאים צו ציִען אויף זיך. זיין זאַך וועט זיין זיך אַזוי אַרויסצודרייען, אַז ער זאָל פון דער געץ אַרויס בשלום. און מיר וועלן אין אַ גישט גרויסער קופּע מיט דער פערזאָן פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט מיט אַ טאָג, אָדער צוויי טעג נאָך אים אַרויספאָרן און אַז די אויפמערקזאַמ־קייט פון שונא וועט זיין געווענדט אין אַן אַנדערער זייט, וועט אונדז לייכט זיין זיך דורכצוקריגן אַזש ביז לובאָוולאַ.

דער קעניג האָט גענומען פּאַטשן אין די הענט פון התפּעלות.

— גאָט האָט אונדז אַראָפּגעשיקט דאָסדאָזיקע זעלנערל! — האָט ער אויסגערופן — שלמה המלך וואָלט קיין קליגערע עצה נישט געגעבן! איך גיב מיין פולע הסכּמה צו דערדאָזיקער מיינונג און אַנדערש וועט נישט זיין! זיי וועלן דעם קעניג צווישן די דראַגונער כאַפּן, און דער קעניג וועט זיי אונטער דער נאָז פאַרבייפאָרן. באַ גאָט, עס קען גאָר בעסער נישט זיין!

— גנעדיקער האַר קעניג! דאָס איז אַ שפּאַס!... — האָט טיזענהויז אויסגערופן.

— אַ זעלנערישער שפּאַס! — האָט דער קעניג געענטפערט — אָבער זאָל זיין, וואָס עס וויל, איך וועל פון דעם נישט אָפּ-טרעטן!

קמיטשיצן האָבן די אויגן געבערענט פון גדולה, וואָס זיין מיינונג האָט מער נושא-חן געווען, אָבער טיזענהויז האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט.

— גנעדיקער האַר! — האָט ער געזאָגט — איך זאָג זיך אָפּ פון דער קאָמאַנדע איבער די דראַגונער. זאָל מיט זיי אַן אַנדערער אָנפירן.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— ווייל אויב דער גנעדיקער האַר וועט גיין אַן שוץ, אָנ-געוויזן אויפן באַראָט פון גורל, אויסגעשטעלט אויף סכּנות, וואָס קענען זיך טרעפן, ווייל איך אויך זיין באַ אייער פּערזאָן, די ברוסט פאַר אייך אויסשטעלן און פאַלן אין קאַמף.

— מיר דאַנקען פאַר דער ערלעכער כּוונה — האָט יאַן קאַזשימיעזש געענטפערט — אָבער באַרויק דיך, ווייל דווקא אויף אַזאַ אופן, ווי באַגבינישט עצהט, וועלן מיר צום ווייניקסטן זיין אויסגעשטעלט אויף סכּנות.

— וואָס עס עצהט... הער באַגבינישט, אָדער ווי ער הייסט דאָרט, זאָל ער דערפאַר טראָגן די אחריות! אפשר איז אים גע-לעגן אין דעם, אַז אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט זאָל אָן שוץ זיך אַרומבלאָנקען אין די בערג... איך נעם גאָט און די דאָ צו-

וועזינדיקע חברים פאַר עדות, אַז איך האָב פון טיפן האַרצן אָפּ־געֹרעדט דערפון!

קוים האָט ער געענדיקט, ווי קמיטשיץ האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און אַוועקשטעלנדיק זיך לעבן טיזענהויזן פּנים־אל־פּנים האָט ער אַ פרעג־געטון:

— וואָס פאַרשטייט איר מיט די דאָזיקע ווערטער?

אָבער טיזענהויז האָט אים שטאָלץ מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטן.

— גרייכט נישט צו מיר מיטן קאָפּ, מיין הער, ווייל איר וועט נישט דערגרייכן!

דערויף האָט קמיטשיץ שוין מיט בליצן אין די אויגן געזאָגט:

— מ׳ווייסט נישט, פאַר ווען ס׳וואָלט געווען צו הויך, ווען...

— ווען וואָס? — האָט טיזענהויז געפרעגט, שאַרף אויף אים קוקנדיק.

— ווען איך וואָלט געגרייכט צו העכערע, ווי איר!

טיזענהויז האָט זיך צעלאַכט.

— און ווו האָט איר זיי געזוכט?

— שווייגט — האָט דער קעניג מיט אַמאָל זיך אָנגערופן, קנייטשנדיק די ברעמען — איר זאָלט זיך מיר דאָ נישט קריגן!..

יאַן קאַזשימיעזש האָט דאָס געזאָגט אַזוי ערנסט, אַז ביידע יונגעלייט זענען אַנטשוויגן און מבולבל געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג האָבן זיך דאָס פון זייער מויל אַרויסגעריסן אַזעלכע נישט פּאַסיקע ווערטער.

און דער קעניג האָט געזאָגט:

— איבער דעם דאָזיקן ריטער, וועלכער האָט דעם שווערן האַרמאַט אויפגעריסן און פון די שוועדישע הינט זיך אַרויסגעקריגן, האָט קיינער קיין רעכט נישט זיך העכער צו שטעלן, ווען אַפילו זיין פאָטער וואָלט געווען אַן אביון, וואָס, ווי איך זע, איז נישט דער פאַל, ווייל אַ פויגל לאָזט זיך לייכט לויט די פעדערן און בלוט [illegible] די מעשים דערקענען. טראָגט נישט קיין שנאה

איינער אויפֿן אַנדערן. (דאָ האָט דער קעניג זיך געווענדט צו טיזענהויזן) דו ווילסט, טאָ בלייב בײַ אונדזער פּערזאָן. דאָס קענען מיר דיר נישט אָפּזאָגן. מיט די דראַגונער וועט וואָלף אָדער דונהאָף אָנפֿירן. אָבער אויך באַביניטש וועט בלייבן און זיין עצה וועלן מיר פֿאָלגן, ווייל זי איז אונדז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

— איך נעם פֿון זיך אַראָפּ יעדע אחריות! — האָט טיזענהויז געזאָגט.

— איר האַלט נאָר די זאַך בסוד. זאָלן די דראַגונער היינט אַרויסגיין קיין ראַטשיבאָזש... און באַלד וואָס ברייטער פֿאַנאַנדערטראָגן די ידיעה, אַז אויך מיר געפֿינען זיך צווישן זיי... און אויף שפּעטער גיט אַכטונג, ווייל איר ווייסט נישט, וואָס די שעה וועט ברענגען... טיזענהויז! גיי, גיב אַרויס אַ באַפֿעל דעם קאַפּיטאַן פֿון די דראַגונער.

טיזענהויז איז אַרויסגעגאַנגען, פֿאַרברעכנדיק די הענט פֿון כּעס און פֿאַרדראָס, נאָך אים זענען זיך די איבעריקע אָפּיצירן פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

דעם זעלבן טאָג האָט זיך צעטראָגן די ידיעה איבער גאַנץ גלאָגאָוו, אַז זיין מאַיעסטעט קעניג יאַן קאַזשימיעזש איז שוין אַרויסגעפֿאָרן צו די גרענעצן פֿון דער רעפּובליק. אַ סך חשובֿע סענאַטאָרן אַפֿילו האָבן געמיינט, אַז דער קעניג איז באמת שוין אַרויסגעפֿאָרן. רייטנדיקע שליחים, בכּיוון אַרויסגעשיקטע, האָבן געפֿירט דאָס נייעס קיין אָפּאָלע. און צו די גרענעץ-וועגן.

טיזענהויז, הגם ער האָט דערקלערט, אַז ער נעמט פֿון זיך אַראָפּ יעדע אחריות, האָט זיך אָבער נאָך נישט אונטערגעגעבן; און היות ווי אַלס מקורב פֿון קעניג האָט ער יעדע רגע געהאַט אַ לייכטן צוטריט צו דער פּערזאָן פֿון מאָנאַרך, האָט ער נאָך דעם זעלבן טאָג, שוין נאָכן אַרויספֿאָרן פֿון די דראַגונער, זיך געשטעלט פֿאַר יאַן קאַזשימיעזשן, אָדער בעסער געזאָגט, פֿאַרן קעניגלעכן פּאָר, ווייל אויך מאַריאַ לודוויקאַ איז דערביי געווען.

כ׳בין געקומען נאָך באַפֿעלן — האָט ער געזאָגט — ווען לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין?

איבערמאָרגן פֿאַרטאָגס – האָט דער קעניג געזאָגט

— וויפיל מענטשן דאַרפן מיטפאָרן?

— דו וועסט פאָרן, באַביניטש, לוגאָווסקי, פון די זעלנער. דער סאַנדאָמיעזשער קאַשטעלאַן פאָרט אויך מיט מיר; כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל וואָס ווינציקער מענטשן נעמען מיט זיך, אָבער אָן אַ צוואַנציק מענטשן וועט ער זיך נישט באַגיין; דאָס זענען זיכערע און אויסגעפרוווטע שווערדן. אַ חוץ דעם וויל מיך באַגלייטן אויך זיין הייליקייט דער נונציוס, וואָס זיין אָנוועזנהייט וועט דער זאַך צוגעבן חשיבות און באַ אַלעמען, וואָס זענען טריי דער אמתדיקער קירך, די הערצער רירן. דערפאַר קווענקלט ער זיך נישט זיין הייליקע פערזאָן אויף אַ סכנה אויסצושטעלן. דו גיב אַכטונג, אַז עס זאָל נישט זיין מער, ווי פערציק רייטער, ווייל באַבינישט האָט אַזוי געעצהט.

— גנעדיקער האַר! — האָט טיזענהויז געזאָגט.

— און וואָס נאָך ווילסטו?

— אויף די קני בעט איך וועגן איין חסד. ס'איז שוין געשען... די דראַגונער זענען אַרויסגעפאָרן... מיר וועלן פאָרן אָן שוץ... און די ערשטע אָפטיילונג פון אַ פאַר צענדליק רייטער קען אונדז אַרומנעמען. זאָל זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט זיך צו־נייגן צום געבעט פון זיין דינער, וואָס זיין טריישאַפט זעט גאָט אַליין און זאָל ער נישט טרויען אין אַלץ דעמדאָזיקן שלאַכטשיץ. דאָס איז אַ געשיקטער מענטש, אויב ער האָט אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן צו געווינען דאָס האַרץ און גנאָד פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט, אָבער...

— ביסטו אים שוין מקנא? — האָט דער קעניג איבערגעהאַקט.

— כ'בין אים נישט מקנא, גנעדיקער האַר, כ'וויל אים אַפילו נישט אין בגידה דווקא חושד זיין, אָבער איך וואָלט געשווירן, אַז ער הייסט נישט באַבינישט... פאַרוואָס פאַרהוילט ער אָבער זיין אמתדיקן נאָמען? פאַרוואָס רעדט ער אַזוי אומגערן וועגן דעם, וואָס ער האָט געטון פאַר דער באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו? פאַרוואָס האָט ער אַזוי שטאַרק צוגערעדט, אַז די דראַגונער זאָלן צוערשט אַרויסגיין און אַז זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט זאָל פאָרן אָן באַגלייטונג?

דער קעניג האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און גענומען, ווי זיין שטייגער איז געווען, דאָס מויל איינמאָל נאָכן אַנדערן אָנבלאָזן.

— ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ צונויפרעדן־זיך מיט די שוועדן — האָט ער לסוף געזאָגט — וואָס פאַר אַ ממשות האָבן דריי הונדערט דראַגונער? וואָס פאַר אַ קראַפט איז דאָס און וואָס פאַר אַ שוץ?.. דערדאָזיקער באַבינײטש וואָלט נאָר געדאַרפט צו־וויסן־טון די שוועדן, אַז זיי זאָלן אַ פּאָר הונדערט פוס־גייער איבער די וועגן אין פאַרבאָרגענע ערטער אויסשטעלן, און זיי וואָלטן אונדז אַזוי אויך געכאַפּט ווי אין אַ נעץ. אָבער לייג דיר נאָר איבער, צי קען דאָ זיין אַ רייד וועגן אַ בגידה? ער וואָלט צוערשט געמוזט וויסן דעם טערמין און האָבן צייט אויף מתרה צו זיין די שוועדן אין קראָקע, און ווי אַזוי קען דאָס זיין, אויב מיר פאָרן איבערמאָרגן אַרויס? ער האָט זיך אויך נישט געקענט משער זיין, אַז מיר וועלן פאָלגן זיינע עצות, ווייל מיר האָבן פונקט אַזוי גוט געקענט פאָלגן דיינע, אָדער אַנדערע... לכתחילה איז דאָך געווען באַשלאָסן, אַז מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין צוזאַמען מיט די דראַגונער, איז ווען ער וואָלט וועלן וואָלט מיט די שוועדן זיך צונויפרעדן וואָלט דווקא אַזאַ באַזונדער אַרויספאָרן געמוזט צונישט מאַכן זיינע פּלענער, ווייל ער וואָלט ווידער געמוזט אַרויסשיקן שליחים און מתרה־זיין. דאָס זענען ראיות, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּשפּאַרן. און דערביי האָט ער זיך גאָרנישט אַזוי עקשנותדיק געהאַלטן באַ זיין מיינונג, ווי דו זאָגסט, ער האָט נאָר, ווי אַלע אַנדערע, געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די בעסטע עצה. ניין, ניין! די ערלעכקייט בליקט־אַרויס פון די אויגן פון דאָזיקן שלאַכטשיץ, און די אָפּגעבריטע זייט זאָגט עדות, אַז ער איז גרייט אויך ענויים אַריבערצוטראָגן.

זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט איז גערעכט — האָט די קעניגין מיטאַמאָל געזאָגט — דאָס זענען ראיות, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּשפּאַרן, און די עצה איז געווען און איז אַ גוטע.

מיזעגהויז האָט געוווּסט פון דערפאַרונג אַז אויב די קעניגין

וואָגט אַרויס איר מיינונג, איז אומזיסט דאָס אַפּעלירן צום קעניג, אַזוי האָט יאַן קאַזשימיעזש זיך פאַרלאָזט אויף איר חריפות און שכל. ס'איז דעם יינגען מאַן איצט אויך נאָו גענאַנגען אין דעם, אַז דער קעניג זאָל זיין גענוג פאָרזיכטיק.

— ס'איז נישט מיין זאַך — האָט ער געענטפערט — די גנעדיקע האַרין אָפּצושפּאַרן. אויב אָבער מיר זאָלן איבערמאָרגן אַרויספאָרן, זאָל יענער באַאַבּיניטש נישט וויסן וועגן דעם, ביזן מאָמענט פון אַרויספאָר.

— דאָס קאָן זיין! — האָט דער קעניג געענטפערט.

— און אויפן וועג וועל איך שוין אַליין אויף אים אַכטונג געבן און אויב ס'וועט חלילה עפּעס פּאַסירן, וועט ער קיין לעבעדיקער פון מיינע הענט נישט אַנטקומען!

— ס'וועט נישט נויטיק זיין — האָט די קעניגין געזאָגט — הערט: דעם קעניג פון אַ בייזער פּאַסירונג אין וועג און פון בגידות און פון פיינטלעכע נעצן וועט נישט איר פאַרהיטן, נישט באַאַביניטש, נישט די דראַגונער און נישט וועלכע עס איז ערדישע מאַכט, נאָר די השגחה עליונה, וואָס איר אויג רוט תמיד אויף די הירטן פון די פעלקער און אויף די געזאַלבטע פון גאָט. זי וועט אים היטן, זי וועט אים באַשיצן און בשלום דערפירן, און אין פאַל פון אַ נויט וועט זי אים אַראָפּשיקן אַזאַ הילף, וועגן וועלכער איר זענט זיך אַפילו נישט משער, איר, וואָס גלויבט נאָר אין די ערדישע מאַכט.

— ליכטיקסטע האַרין! — האָט טיזענהויז געענטפערט — אויך איך גלויב, אַז אָן גאָטס רצון וועט קיינעם אַ האָר פון קאָפּ נישט גערירט ווערן, און אויב איך האָב מחמת זאָרג פאַר דער קעניגלעכער פּערזאָן מורא פאַר בוגדים, איז דאָס נישט קיין עבירה.

מאַריאַ לודוויקאַ האָט געדיק אַ שמייכל-געטאָן.

— אָבער דו ביסט צו גיך חושד און וואַרפסט דורך דעם אַ שאַנד-פלעק אויפן גאַנצן פאָלק, אין וועלכן, ווי דער זעלבער באַאַביניטש האָט געזאָגט, ס'האָט זיך נאָך נישט געפונען אַ זעלכער, וואָס זאָל קעגן אייגענעם קעניג די האַנט אויפהויבן... זאָל עס דיך גאָרנישט חידושן, וואָס נאָך אַזאַ פאַרלאָזנקייט, נאָך אַזאַ

ברעכן די שבועה און די טריישאַפט, וואָס איז לגבי מיר און דעם גנעדיקן קעניג באַגאַנגען געוואָרען, זאָג איך דאָך, אַז אַזאַ מוראדיקן פאַרברעך וואָלט זיך קיינער נישט דערוועגט צו באַגיין, אַפילו פון די, וואָס דינען נאָך היינט די שוועדן.

— און דעם פירשט באָגוסלאַווס בריף, גנעדיקע האַרין?

— דער בריוו זאָגט ליגן! — האָט די קעניגין אַנטשלאָסן געזאָגט — אויב ס'איז אין דער רעפּובליק יאָ בנמצא אַזאַ מענטש, וואָס איז מסוגל צו פעלטשן אַפילו אין קיניג, איז דאָס אפשר טאַקע נאָר איין פירשט שטאַלמייסטער, ווייל ער געהערט בלויז מיט זיין נאָמען צום דאָזיקן פאָלק.

— קורץ גירעדט, זיי נישט חושד באַביניטשן — האָט דער קעניג געזאָגט — ווייל אויך וואָס שייך זיין נאָמען האָט זיך דיר געמוזט אין קאָפּ עפּעס פאַרפּלאָנטערן. מ'קאָן אים איבעריקנס אויך חוקר-ודורש-זיין, אָבער ווי אַזוי זאָל מען אים דאָס דאָ זאָגן?.. ווי אַזוי פרעגט מען אים: „אויב דו הייסט נישט באַביניטש, טאָ ווי דען הייסטו?" אַן ערלעכן מאַן קאָן אַזאַ קשיה פאַרשאַפן אַ גרויסן צער, און איך שטעל-איין מיין קאָפּ, אַז ער איז אַן ערלעכער.

— פאַר אַזאַ פרייז וואָלט איך נישט וועלן, גנעדיקער האַר, אין זיין ערלעכקייט זיך איבערצייגן.

— גוט, שוין גוט! מיר זענען דיר דאַנקבאַר פאַר דיין זאָרגעוודיקייט. דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אַריבער אויף תפלה און תשובה-טאָן, און איבערמאָרגן אין וועג אַריין! אין וועג אַריין!

טיזענהויז האָט זיך מיט אַ זיפץ צוריקגעצויגן און נאָך דעם זעלבן טאָג גענומען בסוד-סודות מאַכן די הכנות צום אָפּפאָרן. אַפילו די פני, וואָס האָבן געזאָלט באַגלייטן דעם קעניג, זענען נישט אַלע באַצייטנס אינפאָרמירט געוואָרן וועגן טערמין. דער דינערשאַפט האָט מען נאָר געזאָגט, אַז זיי זאָלן די פערד האָבן גרייט, ווייל אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי מיט די האַרין קיין ראַטשיבאָזש אַרויספאָרן.

דער קעניג האָט דעם גאַנצען צווייטן טאָג אין ערגעץ זיך

נישט געווין, אַפּילו נישט אין דער קירך, דערפאַר אָבער איז
ער בײַ זיך אין דער דירה ביז נאַכט געלעגן אויסגעשפּרייט ווי
אַ צלם, פאַסטנדיק און בעטנדיק דעם מלך-מלכי-המלכים וועגן
הילף, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער רעפּובליק.

מאַריאַ לודוויקאַ האָט צוזאַמען מיט די פריילינס אויך
תּפלה-געטאָן.

דערנאָך האָט די נאַכט געקרעפּטיקט די כּוחות פון די
אויסגעמאַטערטע און ווען דער גלאָק פון דער גלאָגאָווער קירך
האָט אין דער פינסטער נאָך גערופן צו זייער פרימארגן-תּפלה,
האָט געשלאָגן די שעה פון צעשיידן-זיך.

י. ל. פּרץ שול
געגר. דעצ. 15
1929

4 קאַפּיטל

דורך ראַטשיבאָזש איז מען דורכגעפאָרן און בלויז די פערד דאָרט געפאַשעט, קיינער האָט דעם קעניג נישט דערקענט, קיינער האָט דער סוויטע נישט געשענקט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט די דראַגונער, וואָס זענען נישט לאַנג דורכגעגאַנגען און צווישן וועלכע ס'האָט לויט אַלעמענס מיינונג זיך געזאָלט האָבן געפונען דער פוילישער מאָנאַרך. די דאָזיקע סוויטע איז פונדעסטוועגן באַשטאַנען פון בערך פופציק רייטער, ווייל דעם קעניג האָבן באַגלייט אַ פּאָר הויך-געשטעלטע מענער, בלויז פינף ביסקופן און צווישן אַנדערע האָט אויך דער נונציוס זיך איינגעשטעלט צו טיילן מיט זיי די מאַטערנישן פון דער געפערלעכער עקספּעדיציע. דער וועג אין די גרענעצן פון קייזערטום האָט אָבער נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין שום סכנה. אין אָדער — בערג, נישט ווייט פון אָרט, וווּ די אָלשע גיסט זיך אריין אין די אָדרע, איז מען אַריינגעפאָרן אין די גרעניצן פון מאָראַווע.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער און אַ שניי האָט

געשאָטן אַזוי געדיכט, אַז אויף אַ פּאָר טריט האָט מען נישט געקאָנט זען דעם וועג פאַר זיך. אָבער דער קעניג איז געווען פריילעך און גוט געשטימט, ווייל עס האָט זיך באַוויזן אַ צייכן, וועלכן אַלע האָבן באַטראַכט פאַר אַ סימן-מזל, און וועלכן די היסטאָריקער פון יענער צייט האָבן אַפילו נישט פאַרזוימט צו פאַרצייכענען אין די כראָניקעס: באַלד ביים קעניגס אַרויספאָרן פון גלאָגאָוו האָט זיך פאַרן פערד באַוויזן אַ ווייסער פויגל און גענומען זיך דרייען, וויילנווייז אין די הויך אַרויפפליען, וויילנווייז זיך איבערן מאָנאַרכס קאָפּ אַראָפּלאָזן, פּישטשענדיק און צוויטשערנדיק דערביי פריילעך. מ׳האָט זיך דערמאַנט, אַז אַזאַ פויגל, נאָר אַ שוואַרצער, האָט זיך געדרייט איבערן קעניג, ווען ער איז אין זיין צייט פון וואַרשע פאַר די שוועדן אָפּגעטרעטן.

און דער דאָזיקער ווייסער פויגל איז אינגאַנצן מיט זיין גרויס און אויסזען געווען ענלעך אויף אַ שוואַלב, וואָס עס האָט נאָך באַזונדערס געחידושט דערפאַר, ווייל ס׳איז געווען טיפער ווינטער און די שוואַלבן האָבן נאָך נישט געטראַכט וועגן צוריקקער. אַלע האָבן זיך אָבער דערפרייט און דער קעניג האָט אין די ערשטע טעג וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט און זיך די גליקלעכסטע צוקונפט צוגעזאָגט. אויך האָט זיך באַלד אין אָנהויב פון דער נסיעה אַרויסגעוויזן, ווי גוט ס׳איז געווען קמיטשיצס עצה, אַז מען זאָל פאָרן באַזונדער.

אומעטום אין מאָראַווע האָט מען דערציילט וועגן דעם נישט לאַנגן דורכפאָר פון פוילישן קעניג. מאַנכע האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אים געזען מיט די אייגענע אויגן, אינגאַנצן אַ פאַרפאַנצערטן, מיט אַ שווערד אין דער האַנט און אַ קרוין אויפן קאָפּ. פאַרשיידענע ידיעות זענען אויך אַרומגעגאַנגען וועגן די כוחות, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט און בכלל האָט מען דערציילט לעגענדאַרישע גוזמאות וועגן דער צאָל פון די דראַגונער. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזען אַ צען טויזנט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן עק פון די רייען, פערד, מענטשן און פאָנען.

— די שוועדן — האָט מען געזאָגט — וועלן זיי אַוודאי דעם

וועג פאַרשטעלן, צי זיי וועלן אָבער בייקומען אַזאַ מאַכט, איז נאָך אַ ספק.

– און וואָס ? – האָט דער קעניג געפרעגט טיזענהויזן – איז באַבינישט נישט גערעכט געווען ?

– מיר זענען נאָך קיין לובאָוולאַ נישט אָנגעקומען, גנעדיקער האַר – האָט דער יינגער מאַגנאַט געענטפערט.

באַבינישט ווידער איז געווען צופרידן פון זיך און פון דער נסיעה. צוזאַמען מיט די דריי קעמלישס איז ער געוויינלעך געפאָרן פאָרויס פאַר דער קעניגלעכער סוויטע, באַטראַכטנדיק גוט דעם וועג ; צייטנווייז איז ער געפאָרן מיט אַלע, ווײַלנדיק דעם קעניג מיט מעשׂות וועגן איינצעלנע פאַרלויפענישן בעת דער באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע יאַן קאַזשימיעזש האָט זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנהערן. און מיט יעדער שעה כמעט האָט באַם קעניג מער נושׂא-חן געווען דער דאָזיקער פריילעכער, מונטערער ריטער, וואָס איז אויף אַ יינגען אָדלער ענלעך געווען. די צייט איז דעם מאָנאַרך אַריבער דאָ אויף תּפֿלות, דאָ אויף פֿרומע מחשבֿות וועגן אייביקן לעבן, דאָ אויף שמועסן וועגן דער קומענדיקער מלחמה און וועגן דער הילף פון קייזער, אויף וועלכער מ'האָט זיך גערירט, דאָ לסוף אויף צוקוקן זיך צו די ריטערליכע פאַרווײַלונגען, מיט וועלכע די באַגלייטנדיקע זעלנער האָבן זיך באַמיט די צייט פון דער נסיעה צו פאַרטרייבן. וואָרום ס'איז געלעגן אין יאַן קאַזשימיעזשס טבע, אַז זיין געמיט איז לייכט אַריבער פון ערנסטקייט צו פוסטקייט כמעט און פון שווערער אַרבעט צו פאַרווײַלונגען, און ווען אַזאַ מינוט איז אויף אים געקומען, פלעגט ער זיך זיי אָפּגעבן מיט דער גאַנצער נשמה, גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין שום דאגה און פון קיין שום עגמת-נפש.

די זעלנער האָבן בכן געוויזן, יעדער, וואָס ער האָט געקענט ; די יינגע קעמלישס, קאָסמאַ און דאַמיאַן, האָבן געווײַלט דעם קעניג מיט זייער ריזיקע און אומגעלומפערטע פיגורן און מיט ברעכן פאָדקאָוועס, ווי די שטרוי-שטעקעלעך, און ער האָט זיי פאַר יעדע פאָדקאָווע געהייסן געבן צו טאָלער, הגם אין

דער קאַסע איז געווען גענוג פּוסט, ווייל דאָס גאַנצע געלט, אַפילו די איידלשטיינער און דאָס נעבן־פאַרמעגן פון דער קעניגין, זענען געגאַנגען אויפן חייל.

הער אַנדזשעי האָט געמאַכט קונצען מיט וואַרפן דאָס שווערע העמערל, וועלכעס ער האָט אַזוי שטאַרק נאָכגעלאָזט אין די הויך, אַז מ׳האָט עס כמעט נישט געזען, און ער איז אונטערגעפלויגן מיטן פערד און עס פליענדיק פאַרן הענטל געכאַפּט. דער קעניג האָט זעענדיק דאָס אַזש אין די הענט געפּאַטשט.

— כ׳האָב געזען — האָט ער געזאָגט — ווי הער סלושקאַ, דער ברודער פון דער וויצע־קאַנצלערין, האָט דאָס געטאָן, אָבער ער האָט אַפילו האַלב אַזוי הויך נישט געוואָרפן.

— באַ אונדז אין ליטע איז עס אַ רגילות — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — און ווען אַמענטש געוווינט זיך פון קינדווייז אָן, דערגייט ער אויך צו געשיקטקייט.

— פון וואַנען האָסטו דעם דאָזיקן שניט דורכן מויל? — האָט דער קעניג איינמאָל געפרעגט קמיטשיצן, ווייזנדיק אויף דעם הויט־פלעק — עמיצער איז דיר גוט מיט דער שווערד דורכגעפאָרן.

— דאָס איז נישט פון אַ שווערד, נאָר פון אַ קויל. מ׳האָט געשאָסן אין מיר, צולייגנדיק מיר די לופע צום מויל.

— אַ שונא, אָדער אַן אייגענער?

— אַן אייגענער, אָבער אַ שונא, מיט וועלכן איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען און כל־זמן דאָס וועט נישט געשען, פּאַסט מיר נישט וועגן דעם צו רעדן.

— אַזאַ נוקם־ונוטר ביסטו?

— איך בין נישט קיין נוקם־ונוטר, גנעדיקער האַר, ווייל אַט האָב איך אויפן שטערן נאָך אַ טיפערן שניט פון אַ שווערד, פון וועלכן ס׳איז מיר שיער די נשמה נישט אַרויס, אָבער אַזוי ווי עס האָט אים מיר אַן איידעלער מענטש געמאַכט, האָב איך אויף אים נישט קיין שום תרעומות.

דאָ האָט קמיטשיק אַראָפּגענומען דאָס היטל און געוויזן דעם קעניג אַ טיפן שניט, וואָס זיינע ווייסלעכע ראַנדען זענען שטאַרק קענטיק געווען.

— איך שעם זיך נישט מיט דער דאָזיקער ווונד — האָט ער געזאָגט — ווייל עס האָט זי מיר פאַרשאַפט אַזאַ מייסטער, וואָס נאָך אַזאַ איינעם פאַרמאָגט נישט די רעפּובליק.

— און ווער איז דאָס דער דאָזיקער מייסטער?

— הער וואָלאָדיאָווסקי.

— באַ גאָט! איך קען דאָך אים. ער האָט מופתים ביי זבאַראַזש באַוויזן, און דערנאָך בין איך געווען אויף דער חתונה פון זיין חבר סקשעטוסקי, וועלכער האָט מיר דער ערשטער ידיעות פון באַלאַגערטן זבאַראַזש געבראַכט, גרויסע ריטער זענען דאָס! און ס'איז געווען מיט זיי נאָך אַ דריטער; אים האָט דאָס גאַנצע חייל געריימט, ווי דעם גרעסטן ריטער. אַ דיקער שלאַכטשיק און אַזאַ לץ, אַז מיר האָבן אויף דער חתונה שיער נישט די זייטן פאַרלוירן פון געלעכטער.

— דאָס איז הער זאַגלאָבאַ, איך שטויס מיך אָן! — האָט קמיטשיק געזאָגט — דאָס איז אַ מענטש פול נישט בלויז מיט מוט, נאָר אויך מיט וווּנדערלעכע המצאות.

— און וואָס טוען זיי איצט, ווייסטו נישט?

— וואָלאָדיאָווסקי האָט ביים ווילנער פירשט וואָיעוואָדע מיט די דראַגונער אָנגעפירט.

דער קעניג איז געוואָרן באַטריבט.

— און צוזאַמען מיטן פירשט וואָיעוואָדע דינט ער איצט די שוועדן?

— ער די שוועדן? ער איז ביים הער סאַפּיעהאַ. כ'האָב אַליין געזען, ווי ער האָט נאָך דער בגידה פון פירשט וואָיעוואָדע אים דעם שטאַב צו די פיס געוואָרפן.

— אַ, דאָס איז אַ ווירדיקער זעלנער! — האָט דער קעניג געזאָגט — פון הער סאַפּיעהאַן האָבן מיר געהאַט ידיעות פון טיקאָטשין, ווו ער האָט דעם פירשט וואָיעוואָדע באַלאַגערט.

זאָל אים גאָט געבן הצלחה! ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוי ווי ער, וואָלט שוין דער שוועדישער שונא חרטה געהאַט אויף זיין אונטערנעמונג.

דאָ האָט טיזענהויז, וועלכער האָט געהערט דעם גאַנצען שמועס, מיט אַמאָל אַפּרעג-געטאָן:

— זענט איר געווען אין קיידאַני באַ ראַדזיווילן?

קמיטשיץ איז אַ ביסל מבולבל געוואָרן און גענומען אונטערוואַרפן זיין העמערל.

— כ׳בין געווען — האָט ער געענטפערט.

— לאָזט אָב דאָס העמערל — האָט הער טיזענהויז ווייטער געזאָגט — און וואָס האָט איר געטאָן אין פירשטלעכן הויף?

— כ׳בין געווען אַ גאַסט — האָט קמיטשיץ אומגעדולדיק געענטפערט — און דעם פירשטס ברויט געגעסן, ביז עס איז מיר נאָך דער בגידה נישט פאַרעקלט געוואָרן.

— און פאַר וואָס זענט איר מיט די איבעריקע איידעלע זעלנער נישט אַוועק צום הער סאַפּיעהאַ?

— ווייל איך האָב זיך אַ נדר געגעבן צו גיין קיין טשענסטאָכאָוו, וואָס איר וועט באַזונדערס לייכט פאַרשטיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז אונזער אָסטראַ בראַמאַ איז דורך די שונאים געווען פאַרנומען.

הער טיזענהויז האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ און קנאַקן מיטן מויל, אַז עס האָט אַזש געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון קעניג, אַזוי, אַז ער האָט אַליין גענומען פאָרשנדיק קוקן אויף קמיטשיצן.

ער ווידער האָט פאַרלוירן דאָס געדולד, און ווענדענדיק זיך צו טיזענהויזן געזאָגט:

— גנעדיקער הער! פאַרוואָס פרעג איך אייך נישט אויס, ווו איר זענט געווען און וואָס איר האָט געטאָן?

— פרעגט אויס — האָט טיזענהויז געענטפערט — איך האָב נישט וואָס צו פאַרהוילן.

— איך שטיי אויך נישט פאַר אַ משפט, און אַז איך וועל

אַמאָל שטיין, וועט נישט איר זיין מיין שופט. לאָזט מיך דעריבער אָפּ, איך זאָל דאָס געדולד נישט פאַרלירן.

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער דאָס העמערל אַזאַ האַסטיקן וואָרף-געטאָן, אַז עס איז אין דער הויך אַזש קליין געוואָרן, דער קעניג האָט עס מיט אויפגעהויבענע אויגן נאָכגעקוקט און אין דער רגע האָט ער שוין וועגן עפּעס אַנדערש נישט געטראַכט, ווי נאָר וועגן דעם, צי באַבּיניטש וועט עס אין מיטן פליען דערכאַפּן, אָדער ער וועט עס נישט דערכאַפּן...

באַבּיניטש האָט דאָס פערד אַצי-געטאָן, איז אונטערגעשפּרונגען און עס דערכאַפּט.

אָבער דעם זעלבן אָוונט האָט טיזענהויז געזאָגט צום קעניג:

— גנעדיקער האַר, דער דאָזיקער שלאַכטשיץ געפעלט מיר וואָס אַ מאָל ווייניקער!...

— און מיר וואָס אַמאָל מער! — האָט דער קעניג געזאָגט, אָנבלאָזנדיק דאָס מויל.

— כהאָב היינט געהערט, ווי איינער פון זיינע מענטשן האָט אים אָנגערופן פּאָלקאָווניק און ער האָט נאָר בייז אַקוקגעטאָן און באַלד יענעם צעטומעלט. אין דעם שטעקט עפּעס!

— אויך מיר דוכט זיך צייטנווייז — האָט דער קעניג געזאָגט — אַז ער וויל נישט אַלץ אויסזאָגן, אָבער דאָס איז זיין זאַך.

— ניין, גנעדיקער האַר — האָט טיזענהויז היציק אויסגערופן — דאָס איז נישט זיין זאַך, דאָס איז אונדזער זאַך און די זאַך פון דער גאַנצער רעפּובליק... ווייל אויב דאָס איז עפּעס אַבוגד, וואָס גרייט זיך אומצוברענגען, אָדער צו שטויסן אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט אין געפאַנגענשאַפט, וועלן צוזאַמען מיט אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט אומקומען די אַלע, וועלכע הויבן אויף אין דעם מאָמענט דאָס כלי-זין וועט אומקומען די גאַנצע רעפּובליק, וועלכע נאָר איר איינער, גנעדיקער האַר, קאָנט מציל זיין.

— וועל איך אים מאָרגן אַליין אויספרעגן.

— הלואַי כ׳זאָל זיין געוועזן אַפאַלשער נביא, אָבער פון ווינע אויגן בליקט קיין גוטס נישט אַרויס. צו טיכטיק איז ער,

צו דרייסט, צו מוטיק, און אַזעלכע מענטשן שרעקן זיך פֿאַר קיין שום זאַך נישט אָפּ.
דער קעניג האָט זיך אומעטיק פֿאַרטראַכט.
צו מאָרגנס פֿאַרטאָגס, ווען מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט ער אַ ווינק־געטאָן צו קמיטשיצן, אַז ער זאָל צו אים צו גיין.
— ווי ביסטו געווען פֿאַלקאָוניק? — האָט דער קעניג מיט אַ מאָל געפֿרעגט.
אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיל שווייגן.
קמיטשיץ האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין; ס'האָט אים געבערענט אַ חשק אַראָפּצושפּרינגען פֿון פֿערד, צו פֿאַלן צום קעניגס פֿיס און איינמאָל אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך די משׂא, וואָס ער האָט געשלעפּט, איינמאָל צו זאָגן דעם גאַנצן אמת.
אָבער מיט אַגרויל האָט ער ווידער געטראַכט, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכן רושם עס מוז מאַכן דער נאָמען, קמיטשיץ, בפֿרט נאָכן בריף פֿון פֿירשט באָגוסלאַוו ראַדזיוויל.
ווי אַזוי וועט ער, אַמאָל דעם ווילנער פֿירשט וואָיעוואָדעס רעכטע האַנט, ער, וועלכער האָט זיין איבערמאַכט אויפֿגעהאַלטן, צו צעקלאַפּן די ווידערשפּעניקע פֿאָלקן מיטגעהאָלפֿן, אין דער בגידה אים בייגעשטאַנען; ווי אַזוי וועט ער, וואָס שטייט אונטערן חשד און באַשולדיקונג, אַז ער זאָל האָבן געוואָלט באַגיין דעם מוראדיקסטען פֿאַרברעך פֿון אַן אַטענטאַט אויף די פֿרייהייט פֿון קעניג, באַווייזן איצט צו איבערצייגן דעם קעניג, די ביסקופֿן און סענאַטאָרן, אַז ער האָט תשובה־געטאָן, אַז ער האָט זיך איבערגעאַנדערשט און מיט בלוט פֿאַר זיינע זינד אָפּגעקומען?.. מיט וואָס וועט ער בכּוח זיין צו דערווייזן זיינע ערלעכע כּוונות, וואָסערע ראיות, אַ חוץ הוילע ווערטער, קאָן ער געבן?..
די אַמאָליקע זינד האָבן אים כּסדר און אומדערבאַרמיק פֿאַרפֿאָלגט, ווי די ווילדע הינט פֿאַרפֿאָלגן אַ חיה אין וואַלד
ער האָט בכן באַשלאָסן צו פֿאַרשווייגן.
ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט דערשפּירט אַן

אומגעהייערן עקל און פאַראַכטונג צו אַרויסדרייעניש. זאָל ער דעם דאָזיקן האַר, וועלכן ער האָט אַזוי הייס מיט דער גאַנצער נשמה געליבט, שיטן זאַמד אין די אויגן און מיט אויסגעטראַכטע מעשות אָפּנאַרן?

ער האָט געשפּירט, אַז עס וועלן אים דערצו ניט קלעקן קיין כּוחות.

ער האָט בכן אין אַ ווײַלע אַרום אַזוי געזאָגט:

— גנעדיקער האַר קעניג! ס׳וועט קומען אַ צײַט אפשר גאָר בקרוב, אַז איך וועל פאַר אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט קאָנען עפענען די גאַנצע נשמה ווי פאַר אַ קסיאָנדז באַ דער וידוי... אָבער ס׳וויל, אַז וועלכע עס איז מעשים, און נישט הוילע ווערטער זאָלן צוערשט מעיד זיין אויף מיר, אויף מיין ערלעכער כּוונה, אויף מיין טריישאַפט און ליבשאַפט צו זיין מאַיעסטעט. כ׳האָב געזינדיקט, גנעדיקער האַר, כ׳האָב געזינדיקט קעגן אייך און פאָטערלאַנד, און כ׳בין נאָך וויניק אָפּגעקומען פאַר מיינע זינד, איך זוך דעריבער אַזאַ דינסט, אין וועלכער ס׳זאָל לייכט זיין צו געפונען אַ תּיקון... ווער האָט איבעריקנס נישט געזינדיקט! ווער דאַרף זיך אין דער דאָזיקער גאַנצער רעפּובליק נישט קלאַפּן אין האַרץ אַריין? ס׳קאָן זיין, אַז כ׳האָב מיך שווערער פאַרזינדיקט פון אַנדערע, אָבער כ׳האָב זיך אויך פריער אַרומגעקוקט... פרעגט נישט, גנעדיקער האַר, וועגן גאָרנישט, כּל-זמן די איצטיקע דינסט וועט אייך וועגן מיר נישט איבערצייגן; פרעגט נישט, ווייל כ׳קאָן גאָרנישט זאָגן, כּדי פאַר זיך דעם וועג פון אויסלייזונג נישט צו פאַרמאַכן, ווייל גאָט און אונזער הייליקסטע פריילין קעניגין זענען מיינע עדות, אַז איך האָב דאָס נישט אויסגעטראַכט, אַז איך בין צום לעצטן טראָפּן בלוט גרייט פאַר אייך צו פאַרגיסן...

דאָ זענען הער אַנדזשעיס אויגן פייכט געוואָרן, און דאָס פּנים זיינס האָט אויסגעדריקט אַזוי פיעל אויפריכטיקייט און צער, אַז עס האָט אים נאָך מער ווי די ווערטער פאַרטיידיקט.

— גאָט זעט מיינע כּוונות — האָט ער ווייטער געזאָגט — און אויפן משפט וועט ער זיי מיר פאַררעכענען.. אויב אָבער איר טרויט מיר נישט, גנעדיקער האַר, פאַרטרייבט מיך, דערווייטערט

מיך פון אייער פערזאָן. כ'וועל אייך נאָכפאָרן, פון דער ווייטנס, און אין עפּעס אַ שווערער מינוט אָנקומען, אַפילו אומגערופּענערהייט, און דאָס לעבן פאַר אייך מקריב זיין. און דעמאָלט, גנעדיקער האַר, וועט איר גלויבן, אַז איך בין נישט קיין בוגד, נאָר איינער פון די דינער, וואָס אַזעלכע האָט איר, גנעדיקער האַר, נישט קיין סך, אַפילו צווישן די, וואָס וואַרפן אַ חשד אויף אַנדערע.

איך גלויב דיר אויך היינט – האָט דער קעניג געזאָגט – בלייב ווי ביז איצט ביי מיין פערזאָן, ווייל אַ בוגד רעדט נים אַזוי, ווי דו.

– איך דאַנק אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט ! – האָט קמיטשיץ געזאָגט. און איינהאַלטנדיק אַביסל דאָס פערד, האָט ער זיך צוריק געצויגן צווישן די לעצטע רייען פון דער סוויטע.

אָבער טיזענהויז האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט איבערגעבן זיין חשד בלויז צום קעניג ; אַלע האָבן דעריבער גענומען קוקן אויף קמיטשיצן. העכערע שמועסן האָבן אויפגעהערט, ווען ער איז צוגעקומען, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שושקערייען. מ'האָט נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג זיינע, אַריינגעטראַכט אין יעדן וואָרט. הער אַנדזשעי האָט דאָס באַמערקט און ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך צווישן די דאָזיקע מענטשן.

אַפילו דער קעניג, הגם ער האָט צו אים ווייטער געהאַט צוטרוי, האָט שוין אים נישט געוויזן אַזאַ פריילעך פנים, ווי פריער. דער יינגער ריטער האָט דעריבער פאַרלוירן דעם מוט, איז פאַרמרה-שחורהט געוואָרן, און אַ פאַרדראָס און פאַרביטערונג האָבן זיין האַרץ באַהערשט. פריער פלעגט ער רייטן פאָרענט, צווישן די ערשטע, איצט האָט ער זיך געשלעפּט אויף אַפּאָר הונדערט שריט הינטער דער רייטער-מחנה, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אומעטיקע געדאַנקען אין מוח.

ביז עס האָבן לסוף פאַר די רייטער אַ בלאַנק-געטון די קאַרפּאַטן, שניי איז געלעגן אויף זייערע רוקנס, כמאַרעס האָבן אויסגעלייגט זייערע שווערפעליקע גופים אויף די שפּיצן, און אַז דער אָוונט איז געוועזן אַ לויטערער, האָבן די דאָזיקע בערג בעתן זון-אונטערגאַנג זיך אָנגעטאָן אין פלאַמעדיקע בגדים

און אַ בלענדינדיקע שיין האָט פון זיי געשלאָגן, ביז זי איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן אין דער פינסטערניש, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען. קמיטשיק האָט געקוקט אויף די דאָזיקע מופתים פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט נאָך ביז־איצט קיין מאָל אין לעבן נישט געזען און הגם ער איז געווען שטאַרק פאַרדאַגהט, האָט ער אָבער פון גרויס התפעלות אָן די דאגות פאַרגעסן.

מיט יעדן טאָג זענען די דאָזיקע ריזן געוואָרן גרעסער, מעכטיקער. ביז די קעניגליכע סוויטע איז צו זיי לסוף צוגעפאָרן און זיך אַריינגעלאָזט אין די היילן, וועלכע האָבן מיטאַמאָל ווי טויערן זיך פאַר איר געעפענט.

— די גרענעץ מוז שוין זיין נישט ווייט — האָט דער קעניג געריירט געזאָגט.

אינדעם האָט מען דערזען אַ פורל, געשפאַנט אין איין פערד, און אויפן פורל אַ מענטש. דעם קעניגס מענטשן האָבן אים באַלד פאַרהאַלטן.

— מענטש — האָט טיזענהויז געפרעגט — צי זענען מיר שוין אין פוילן?

— אָט דאָרט אויף יענער זייט פעלז און אויף יענער זייט טייכעל איז די קייזערלעכע גרענעץ, און איר שטייט שוין אויף דער קעניגלעכער ערד.

— ווי אַרום גייט מען קיין זשיוויעץ?

— גלייך דאָ־אַרום וועט איר צום וועג צוקומען.

און דער באַרג־תושב האָט אַ שמיץ־געטאָן דאָס פערד. טיזענהויז ווידער איז צוגעשפרונגען צו דער פונדערווייטנס שטייענדיקער סוויטע:

— גנעדיקער האַר — האָט ער מיט התלהבות אויסגעשריגן — איר שטייט שוין אין לאַנד, ווייל אָט ביי יענעם טייכל הייבט זיך שוין אָן אייער קעניגרייך!

דער קעניג האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט נאָר אַ ווינק־געטאָן, אַז מ׳זאָל אים דאָס פערד צוהאַלטן, אַליין האָט ער

זיך פון פערד אַראָפּגעזעצט און געוואָרפן זיך אויף די קני, אויפהויבנדיק די אויגן און די הענט אין דער הויך.

זעענדיק דאָס, זענען אַלע אַראָפּ פון די פערד און נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל; און דער קעניג, דער נע-ונדניק, האָט אין אַ ווײַלע אַרום ווי אַ צלם זיך אויפן שניי אויסגעשפּרייט און גענומען קושן די דאָזיקע אַזוי הייס-געליבטע און אַזוי אומדאַנקבאַרע ערד, וועלכע האָט אין אַן עת־צרה זיין קעניגלעכן קאָפּ קיין מקום-מנוחה נישט געוואָלט געבן.

ס'האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט, וועלכע איז נאָר פון זיפצן געשטערט געוואָרן.

דער אָוונט איז געווען אַ פּראַכטיקער, אַ לויטערער, די בערג און די שפּיצן פון די נאָענטע טענענבוימער האָבן געברענט אין אַ פּורפּור-רויטער שיין, און די ווייטערדיקע האָבן זיך שוין גענומען אָנטאָן אין טונקעלע פּיאָלעטן, אָבער דער וועג, אויף וועלכן דער קעניג איז געלעגן, האָט זיך געביטן ווי אַ רויטער און גילדענער באַנד; די דאָזיקע שיין איז געפאַלן אויפן קעניג, ביסקופּן און הויף-געשטעלטע מענער.

אינדעם האָט פון די שפּיצן זיך אויפגעהויבן אַ ווינט און טראָגנדיק אויף די פליגל שניי-פּונקען, איז ער אַראָפּ געפלויגן אין טאָל. די נאָענטע טענענבוימער האָבן גענומען אַראָפּבויגן זייערע מיט אייז-צאַפּנס באַדעקטע שפּיצן און זיך נייגן פאַרן האַר און רוישן טומעלדיק און פריידיק, גלייך ווי זיי וואָלטן געזונגען דאָס אַלטע ליד:

– זיי אונדז באַגריסט, זיי באַגריסט, ליבער האַר!..

די לופט איז שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט טונקעלקייט, ווען די קעניגלעכע סוויטע האָט זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. אויף יענער זייט הייל, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייטערער טאָל וואָס זיין צווייטער עק האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייטקייט. די שטראַלן האָבן זיך געלאָשן אַרום און אַרום, נאָר אין איין אָרט האָט דער הימעל נאָך רויט געלויכטן.

דער קעניג האָט גענומען זאָגן: Ave Maria, נאָך אים האָבן די איבעריקע מיט גרויס כוונה די פרומע ווערטער נאָכגעזאָגט.

די היימישע ערד, די שוין לאַנג נישט געזעענע, די בערג, וואָס האָבן זיך מיט נאַכט באַדעקט, די זיך לעשנדיקע שקיעה־רויטקייט, די תּפילות, דאָס אַלץ האָט פייערלעך געשטימט די הערצער און געמיטער; נאָך די פאַרענדיקטע תּפילות זענען דער קעניג, הויך־געשטעלטע מענער און ריטער געפאָרן פאַרזונקען אין אַ שטילשווייגן.

דערנאָך איז צוגעפאַלן די נאַכט, נאָר אויף דער מזרח־זייט האָט דער הימל געלויכטן וואָס אַמאָל פייערדיקער.

— מיר וועלן פאָרן צו דער דאָזיקער רויטקייט — האָט דער קעניג צום סוף געזאָגט — אַ חידוש, וואָס זי האָט זיך נאָך נישט פאַרלאָשן.

אינדעם איז קמיטשיץ אין גאַלאָפּ צוגעריטן.

— גנעדיקער האַר! דאָס זענען פייער־פלאַמען! — האָט ער אויסגעשריגן.

אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס הייסט? — האָט דער קעניג געפרעגט — מיר דוכט, אַז דאָס איז שקיעה־רויטקייט!..

— פלאַמען, פלאַמען! איך בין מיך נישט טועה! — האָט הער קמיטשיץ אויסגערופן.

און באמת, פון אַלע קעניגלעכע אָפיצירן האָט ער צום בעסטן זיך אויף דעם געקענט.

סוף־כּל־סוף האָט מען שוין לענגער נישט געקאָנט מסופק זיין, ווייל איבער יענער כּלומרשטער שקיעה־רויטקייט האָבן זיך ווי רויטע כמאַרעס אויפגעהויבן און געקנוילט זיך, ווערנדיק דאָ העלער, דאָ טונקעלער.

— דאָס מוז אודאי זשיוויעץ ברענען! — האָט דער קעניג אויסגערופן — אפשר בושעוועט דאָרט דער שונא!

ער האָט נאָך נישט געענדיקט, ווי עס האָט זיך צו די אויערן פון די קוקנדיקע דערטראָגן אַ געמורמעל פון מענטשן, אַ כראָפּעריי פון פערד און אַ צוואָנציק טונקעלע געשטאַלטן האָבן אַ בלענד־געטאָן פאַר דער סוויטע.

— שיי ייי! — האט טיזענהויז גענומען שרייען

יענע געשטאַלטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן נישט זיכער געווען, וואָס זיי זאָלן ווייטער טאָן.

— מענטשען, ווער זענט איר? — האָט מען פון דער סוויטע ווייטער געפרעגט.

— אייגענע! — האָבן אַפּאָר שטימען זיך אָנגערופן — אייגענע! מיר אַנטלויפן מיטן לעבן פון זשיוויעץ; די שוועדן ברענען זשיוויעץ און קוילענען די מענטשן!

— שטייט! ביי גאָט!.. וואָס רעדט איר?.. פון וואַנען האָבן זיי זיך דאָרט גענומען?

— זיי, האַר־לעבן, האָבן אויף אונדזער קעניג געלויערט, זיי זענען אַ סך, אַ סך! זאָל אים די געטלעכע מוטער באַשיצן און באַשערמען!..

טיזענהויז האָט אויף אַ ווײַלע דעם קאָפּ פאַרלוירן.

— אָט, וואָס עס הייסט פאָרן אין אַקליינער קופּע! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן אויף קמיטשיצן — הלואי וואָלסטו געהרגעט געוואָרן פאַר אַזאַ עצה!

אָבער יאַן קאַזשימיעזש האָט גענומען די אַנטלויפנדיקע אַליין אויספרעגן.

— און ווו איז דער קעניג? — האָט ער געפרעגט.

— דער קעניג איז אַוועק אין די בערג מיט אַ גרויסער אַרמיי און מיט צוויי טעג צוריק איז ער דורך זשיוויעץ דורכגעפאָרן, אָבער זיי האָבן אים אָנגעיאָגט און דאָרט ערגעץ נעבן סוכאַ זיך געשלאָגן... מיר ווייסן נישט, צי זיי האָבן אים געקריגן, אָדער נישט, אָבער היינט פאַרנאַכט זענען זיי קיין זשיוויעץ צוריקגעקומען און זיי ברענען, קוילענען...

— פאָרט מיט גאָט, מענטשן! — האָט יאַן קאַזשימיעזש געזאָגט.

די אַנטלויפנדיקע זענען גיך דורכגעפלויגן.

— אָט וואָס עס וואָלט אונדז געטראָפן, ווען מיר וואָלטן מיט די דראַגונער געפאָרן! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— גנעדיקער האַר קעניג! — האָט זיך קסיאָנדז ביסקופּ געמביצקי אָנגערופן — דער שונא איז פאַר אונדז... וואָס זאָלן מיר טאָן?

אַלע האָבן דעם קעניג אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטן, גלייך ווי זיי וואָלטן אים וועלן מיט זייערע פערזאָנען פאַר דער אומגעריכטער סכנה באַשיצן. אָבער ער האָט געקוקט אויף די פלאַמען, וועלכע האָבן זיך אין זיינע שוואַרץ-אַפּלען אָפּגעשלאָגן, און שטילגעשוויגן; קיינער האָט אויך דער ערשטער מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט, אַזוי שווער איז געווען עפּעס אַ גוטע עצה צו געבן.

– ווען כ'בין אַרויס געפאָרן פון ,פאָטערלאַנד, האָט מיר אַ שרפה צוגעלויכטן — האָט יאַן קאַזשימיעזש לסוף געזאָגט — ווען איך פאָר אַריין, לייכט מיר אַ צווייטע צו...

און ווידער האָבן אַלע שטיל געשוויגן, דאָס מאָל נאָך לענגער, ווי פריער.

– ווער האָט עפּעס אַן עצה? – האָט צום סוף קסיאָנדז געמביצקי געפרעגט...

אינדעם האָט אַ הילך-געטאָן טיזענהויזס שטים, פול מיט פאַרביטערונג און חוזק:

– ווער עס האָט זיך נישט געקווענקעלט די קעניגלעכע פערזאָן אויף אַ סכנה אויסצושטעלן, ווער עס האָט אָנגערעדט, אַז דער קעניג זאָל אָן שמירה פאָרן, דער זאָל איצט געבן אַן עצה!

אין דער רגע האָט איין רייטער זיך אַרויסגערוקט פון קרייז; דאָס איז געווען קמיטשיץ.

– גוט! — האָט ער געזאָגט.

און אויפהויבנדיק זיך אויפן פערד, האָט ער אַגעשריי-געטאָן, ווענדענדיק זיך צו די פון דער וייטנס שטייענדיקע דינער:

– קעמליטשס, נאָך מיר!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער דאָס פערד געלאָזט גאַלאָפּ, און נאָך אים זענען דריי רייטער געפלויגן אַרויסיאָגנדיק דעם דוך פון די פערד.

אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון הער טיזענהויזס ברוסט.

– דאָס איז אַן אָפּגערעדטע זאַך! – האָט ער געזאָגט – די

בוגדים ווילן מודיע זיין די שונאים! גנעדיקער קעניג, ראַטעוועט זיך, כל־זמן ס'איז צייט, ווייל אויך די הייל וועט דער שונא איינגיכן פאַרמאַכן! גנעדיקער קעניג, ראַטעוועט זיך! צוריק! צוריק!

— לאָמיר צוריקקערן, לאָמיר צוריקקערן! — האָבן די ביסקופּן און די הויכע באַאַמטע פּה־אחד אויסגערופן.

אָבער יאַן קאַזשימיעזש איז געוואָרן אומגעדולדיק, די אויגן זיינע האָבן געבליצט און ער האָט מיט אַמאָל אַרויסגענומען די שווערד פון דער שייד און אויסגערופן:

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, אַז איך זאָל פון דער אייגענער ערד צום צווייטן מאָל אַוועקגיין! זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען, כ'האָב עס שוין גענוג!

און ער האָט מיט די שפּאָרנס אַ שטויס־געטאָן דאָס פערד, כדי זיך צו לאָזן פאָרויס, אָבער דער נונציוס אַליין האָט עס פאַר די לייצעס אָנגעכאַפּט.

— אייער קעניגליכע מאַיעסטעט! — האָט ער ערנסט געזאָגט — איר טראָגט אויף זיך דעם גורל פון פאָטערלאַנד און פון דער קאַטוילישער קירך. איר טאָרט דעריבער נישט אייער פּערזאָן אויף אַ סכנה אויסשטעלן!

— איר טאָרט נישט! — האָבן די ביסקופּן איבערגעחזרט.

— איך וועל נישט צוריקקערן קיין שלעזיע, אַזוי זאָל מיר דער הייליקער צלם העלפן! — האָט יאַן קאַזשימיעזש געענטפערט.

— גנעדיקער האַר! פאַרנעמט די בקשות פון אייערע אונטער־טאַנען! — האָט דער סאַנדאָמיעזשער קאַשטעלאַן געזאָגט, צונויפלייגנדיק די הענט — אויב איר זענט בשום אופן נישט נוטה צוריקצוקערן אין די קייזערלעכע מדינות, טאָ לאָמיר לפּחות זיך אַוועקדרייען פון דאָזיקן אָרט און זיך צו דער אונגאַרישער גרענעץ אַקער־טאָן, אָדער לאָמיר צוריקגיין דורך דער דאָזיקער הייל, כדי מ'זאָל אונז דעם צוריקקער נישט אָפּשניידן. און אַזוי וועלן מיר וואַרטן. אויב דער שונא וועט אָנקומען, וועט אונדז בלייבן די ברירה זיך צו ראַטעווען אויף די פערד, אָבער מ'וועט אונז על־כל־פּנים ניט פאַרשפּאַרן ווי אין אַ שטייג.

– זאָל זיין אַזוי – האָט דער קעניג מילדער געזאָגט – אַ גוטע עצה וואַרף איך נישט אָפּ, אָבער אין גלות וועל איך אַ צווייטע מאָל נישט גיין. אויב מיר וועלן דאָ-אַרום זיך נישט קאָנען דורכקריגן, וועלן מיר זיך דורך אַן אַנדערן וועג דורכקריגן. כ׳מיין אָבער, אַז אייער פּחד איז אַן אומזיסטער. קוים האָבן די דאָזיקע שוועדן אונדז געזוכט צווישן די דראַגונער, ווי די מענטשן פון זשיוויעץ האָבן געזאָגט, איז דאָס טאַקע אַ באַווייז, אַז זיי ווייסן וועגן אונדז נישט, און אַז קיין שום בגידה אָדער צונויפריידן-זיך איז נישט געווען. ליגט זיך דאָס איבער, איר זענט דאָך מענטשן בעלי-נסיון. די דאָזיקע שוועדן וואָלטן נישט געווען פאַרטשעפּן די דראַגונער, זיי וואָלטן אין זיי קיין איין מאָל נישט אויסגעשאָסן, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ ידיעה, אַז מיר פאָרן הינטער די דראַגונער. באַרויִקט זיך מיינע הערן! באַביניטש איז מיט זיינע מענטשן אַוועק נאָך ידיעות און וועט אַוודאי תיכף צוריקקומען.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער קעניג אויסגעדרייט דאָס פערד צו דער הייל צו, און נאָך אים האָבן דאָס אייגענע געטון די איבעריקע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, ווו דער ערשטער דורכפאָרנדיקער באַרג-תושב האָט זיי די גרענעץ אָנגעוויזן.

ס׳איז אַריבער אַ פערטל שעה, דערנאָך אַ האַלבע שעה און אַ שעה.

– צי באַמערקט איר, הויך-ווירדיקע הערן – האָט דער לענטשיצער וואָיעוואָדע מיט אַמאָל זיך אָנגערופן – אַז די פלאַמען ווערן קלענער?

– זיי לעשן זיך, כּמעט אין די אויגן! – האָבן אַפּאָר שטימען זיך אָנגערופן.

– דאָס איז אַ גוטער סימן! – האָט דער קעניג באַמערקט.

– איך וועל פאָרן פאָרויס מיט אַ פּאָר מענטשן – האָט טיזענהויז זיך אָנגערופן – אויף אַ הונדערט שריט פון דאַנען וועלן מיר שטיין בלייבן און אַז די שוועדן וועלן אָנקומען, וועלן מיר זיי פאַרהאַלטן אויף זיך, ביז מיר וועלן נישט פאַלן, יעדנפאַלס וועט זיין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער זיכערקייט פון אייער פּערזאָן.

— פאָרן! — האָלט זיך אײַנאײַנעם, איך פֿאַרווער דיר צו פֿאָרן! — האָט דער קעניג געזאָגט.

דערויף האָט טיזענהויז געענטפֿערט:

— גנעדיקער האַר! איר וועט מיך שפּעטער הייסן דערשיסן פֿאַר אומגעהאָרכזאַמקייט, אָבער איצט וועל איך פֿאָרן, ווייל עס גייט דאָ וועגן אייך!

און אַ געשריי-טוענדיק אויף אַ פּאָר זעלנער, אויף וועלכע מ'האָט זיך אין יעדער נויט געקאָנט פֿאַרלאָזן, האָט ער זיך געלאָזט פֿאָרויס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים צווייטן אַרויסגאַנג פֿון דער הייל אין טאָל — און זיי זענען שטיל געשטאַנען מיט גרייטע ביקסן, אָנשטעלנדיק דאָס אויער אויף יעדן שאָרך.

אַ לאַנגע צייט האָט די שטילקייט אָנגעהאַלטן. צום סוף האָט זיך צו זיי דערטראָגן אַ סקריפּן פֿון שניי, וואָס ווערט געטרעטן מיט קאָפּיטעס.

— זיי פֿאָרן! — האָט איינער פֿון די זעלנער אַ שעפּטשע-געטאָן.

— דאָס איז נישט קיין קופּע, מ'הערט נאָר אַ פּאָר פֿערד — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופֿן — הער באַביניטש קערט צוריק!

ביני-לביני האָבן די אָנפֿאָרנדיקע זיך דערנענטערט אין דער פֿינסטערניש אויף אַפּאָר צענדליק טריט.

— ווער איז דאָרט! — האָט טיזענהויז אַ געשריי-געטאָן.

— אייגענע! נישט שיסן! — האָט קמיטשיצס שטים אָפּגעהילכט.

אין דער רגע האָט ער זיך אַליין באַוויזן פֿאַר טיזענהויזן און נישט דערקענענדיק אים אין דער פֿינסטערניש האָט ער געפֿרעגט:

— און ווו איז דער קעניג?

— דאָרט, אַ ביסל ווייטער, הינטער דער הייל! — האָט דער באַרויִקטער טיזענהויז געענטפֿערט.

— ווער רעדט, ווייל איך דערקען נישט?

— טיזענהויז! און וואָס פֿאַר אַ גרויסע זאַך פֿירט איר דאָס פֿאַר זיך?

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגעוויזן אויף עפּעס

אַ טונקעלע זאַך, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פּאַר קמיטשיצן אויפן פאָדערשטן טייל פון זאָטל.

אָבער הער אַנדזשעי האָט גאָרנישט געענטפערט און איז פאַרבייגעפאָרן. צוקומענדיק צו דער קעניגלעכער סוויטע, האָט ער דערקענט די פּערזאָן פון קעניג, ווייל הינטער דער הייל איז געווען אַ סך ליכטיקער, און אויסגערופן:

— גנעדיקער האַר, דער וועג איז פריי!

— נישטאָ שוין קיין שוועדן אין זשיוויעץ?

— זיי זענען אַוועק קיין וואַדאָוויעצע. דאָס איז געווען אַ געדונגענע דייטשע אָפּטיילונג, איבעריקנס, אָט איז דאָ איינער, איר קאָנט אים, גנעדיקער האַר, אַליין חוקר-ודורש זיין!

דאָ האָט הער אַנדזשעי אַ וואָרף-געטאָן פון זאָטל אויף די ערד אַראָפּ יענע זאַך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, אַז עס האָט זיך אַזש דערהערט אַ קרעכץ אין דער נאַכט-שטילקייט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער פאַרחידושטער קעניג געפרעגט.

— דאָס? אַ רייטער!

— גאָט! האָסטו אויך אַ „צונג״ געבראַכט. ווי אַזוי? דערציי!!

— גנעדיקער האַר! ווען דער וואָלף גייט ביינאַכט הינטער דער סטאַדע שעפּסן, איז אים לייכט איין שטיק צו כאַפּן, איבעריקנס איז, דעם אמת געזאָגט, אַזאַ זאַך פאַר מיר קיין נייעס נישט.

דער קעניג האָט די הענט צום קאָפּ אויפגעהויבן.

— איז דאָס אַ זעלנער, דער דאָזיקער באַביניטש, אַז די קוילן זאָלן אים טרעפן. שטעלט אייך נאָר פאָר, מיינע הערן... כ׳זע אַז האָבנדיק אַזעלכע דינער, קאָן איך אַפילו אין מיטן פון די שוועדישע מחנות אַריינפאָרן!

דערווייל האָבן אַלע אַרומגערינגלט דעם רייטער, וועלכער האָט אָבער נישט אויפגעהויבן זיך פון דער ערד.

— פרעגט אים, גנעדיקער האַר — האָט קמיטשיץ נישט אָן אַ געוויסער באַרימעריי אין דער שטים זיך אָנגערופן — הגם כ׳ווייס נישט, צי ער וועט קאָנען ענטפערן, ווייל ער איז אַביסל צוגעדישעט, און ס׳איז דאָ נישטאָ מיט וואָס אים צוצוברענגען.

— גיסט אים אַריין בראָנפּען אין גאָרגל — האָט דער קעני־
געזאָגט.

און באמת, די דאָזיקע רפואה האָט געהאַט מער פעולה, ווי דאָס צובראָטן, ווייל דער רייטער האָט באַלד צוריק געוווּנען די כּוחות און די שטים. און דעמאָלט האָט הער קמיטשיץ, צו־לייגנדיק אים די שווערד צום האַלז, געהייסן אים דערציילן דעם גאַנצן אמת.

דער געפאַנגענער האָט אויסגעזאָגט, אַז ער געהערט צום רעגימענט פון פאָלקאָווניק אירלעהאָרן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ ידיעה וועגן קעניגס דורכפאָר מיט די דראַגונער, זענען זיי דעריבער זיי באַפאַלן נעבן סוכאַ, אָנטרעפנדיק אָבער אויף אַ גע־העריקן ווידערשטאַנד. האָבן זיי זיך געמוזט צוריקציען קיין זשיוויעץ, פון וואַנען זיי האָבן מאַרשירט קיין וואַדאָוויצע און קראָקע, ווייל זיי האָבן געהאַט אַזעלכע באַפעלן.

— זענען אין די בערג נישטאָ קיין אַנדערע שוועדישע אָפּטיילונגען? — האָט קמיטשיץ געפרעגט אויף דייטש, צודריקנדיק אַביסל פעסטער דעם רייטערס האַלז.

— אפשר זענען פאַראַן וועלכע עס איז אָפּטיילונגען — האָט דער רייטער געענטפערט מיט אַן איבערגעהאַקטער שטים — גענע־ראַל דוגלאַס האָט פאַנאַנדערגעשיקט אָפּטיילונגען, אָבער זיי ציען זיך אַלע צוריק, ווייל די פויערן באַפאַלן זיי אין די היילן.

— און נעבן זשיוויעץ זענט נאָר איר אַליין געווען?

— נאָר מיר אַליין.

— און איר ווייסט, אַז דער פּוילישער קעניג איז שוין דורכגעפאָרן?

— ער איז דורכגעפאָרן מיט יענע דראַגונער, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז אין סוכאַ צונויפגעשטויסן. אַ סך האָבן אים געזען.

— פאַרוואָס האָט איר אים נישט נאָכגעיאָגט?

— מיר האָבן מורא געהאַט פאַר די בערג־תושבים.

דאָ האָט קמיטשיץ ווידער זיך אָנגערופן אויף פּויליש:

— גנעדיקער האַר! דער וועג איז פריי, און אויך

אַ נאַכטלעגער וועט זיך אין זשיוויעץ געפינען, ווייל נאָר אַ טייל פון דער קאָלאָניע איז אָפּגעבּרענט געוואָרן...

אָבער דער נישט-טרויענדיקער טיזענהויז האָט פאַר דער דאָזיקער צייט געשמועסט מיטן וואָיניטשער קאַשטעלאַן און אַזוי געזאָגט:

— אָדער דאָס איז אַ גרויסער זעלנער און אַן ערלעכער ווי גאָלד, אָדער אַ דורכגעטריבּענער און געריבּענער בּוגד... נעמט אין באַטראַכט, הויך-ווירדיקער הער, אַז דאָס אַלץ קאָן זיין אָנגעשטעלט, פון נעמען אין געפאַנגענשאַפט דעם דאָזיקן רייטער ביז צו זיין אויסזאָגן. און אויבּ דאָס איז בּכיון אָנגעשטעלט? אויבּ די שוועדן זיצן בּאַהאַלטן אין זשיוויעץ? אויבּ דער קעניג וועט פאָרן און אַריינפאַלן ווי אין אַ נעץ?..

— בּעסער איז זיך צו איבּערצייגן — האָט דער וואָיניטשער קאַשטעלאַן געענטפערט.

הער טיזענהויז האָט זיך בּכן געווענדעט צום קעניג און הויך געזאָגט:

— דערלויבּט, גנעדיקער האַר, אַז איך זאָל צוערשט קיין זשיוויעץ זיך אַרויסלאָזן און זיך איבּערצייגן, צי ס'איז אמת דאָס, וואָס דער דאָזיקער ריטער און דער דאָזיקער געפאַנגענער זאָגן.

— זאָל זיין אַזוי! דערלויבּט, גנעדיקער האַר, זאָל ער פאָרן! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— פאָר — האָט דער קעניג געזאָגט — אָבער אויך מיר וועלן פאָרן אַ ביסל פּאָרויס, ווייל ס'איז קאַלט.

הער טיזענהויז איז גיך אַוועקגעריטן, און די קעניגלעכע סוויטע איז אים פּאַמעלעך נאָכגעפאָרן, דער קעניג איז ווידער געוואָרן אויפגערוימט און פריילעך און נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער געזאָגט צו קמיטשיצן:

— מיט דיר קאָן מען דאָך ווי מיט אַן אָדלער נאָך די שוועדן זיך יאָגן, ווייל דו בּאַפּאַלסט פון דער הויך!

— אַזוי איז עס טאַקע געווען — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — אַז אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט וועט זיך פאַרגליסטן

צו יאָגן זיך נאָך די שווערן, איז דער אָדלער תמיד גרייט.

— זאָג, ווי אַזוי האָסטו אים געכאַפּט?

— דאָס איז נישט שווער, גנעדיקער האַר! געוויינלעך, ווען אַפּאָלק גייט, שלעפּן זיך שטענדיק אַ פּאָר מענטשן נאָך פון הינטען, און דער איז אויף אַ זעכציק טריט געבליבן הינטער־שטעליק. איך בין הינטער אים אָנגעפּאָרן; ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַן אייגענער, האָט ער זיך נישט געהיטן און נאָך איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, האָב איך אים שוין געכאַפּט און אים דאָס מויל פאַרשטופּט, אַז ער זאָל נישט שרייען.

— האָסט געזאָגט, אַז נישט צום ערשטען מאָל טרעפט דיר דאָס. האָסטו דען שוין דאָס אַמאָל פריער געטאָן?

קמיטשיץ האָט זיך צעלאַכט.

— אוי, אוי! גנעדיקער האַר! כ'האָב געטאָן דאָס און נאָך עפּעס בעסערס! זאָל אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט נאָר באַפעלן און איך וועל ווידער אַ שפּרינג־טאָן, זיי דעריאָגן, ווייל די פערד זייערע זענען פאַרמאַטערט, און נאָך איינעם כאַפּן און די קעמ־ליטשעס מיינע וועל איך הייסן כאַפּן.

אַ געוויסע צייט זענען זיי געפאָרן שטילשווייגנדיק, מיט אַמאָל האָבן פערדישע טריט אָפּגעהילכט און טיזענהויז איז אָנ־געפלויגן.

— גנעדיקער האַר קעניג! — האָט ער געזאָגט — דער וועג איז פריי און אַ נאַכטלעגער איז באַשטעלט.

— האָב איך נישט געזאָגט?! — האָט יאַן קאַזשימיעזש אויס־גערופן — אומזיסט האָט איר זיך באַאומרויִקט... לאָמיר איצט פאָרן, ווייל מיר דאַרפן זיך שוין באמת אָפּרוען!

אַלע האָבן זיך געלאָזט פאָרן איילק, מונטער, פריילעך און מיט אַשעה שפּעטער איז דער מידער קעניג איינגעשלאָפן מיט אַ זיכערן שלאָף אויף דער אייגענער ערד.

דעם זעלבן אָוונט איז הער טיזענהויז צוגעגאַנגען צו קמיטשיצן:

— זייט מיר מוחל — האָט ער געזאָגט — פון ליבשאַפט צום האַר האָב איך אייך חושד געווען.

אָבער קמיטשיץ האָט אים די האַנט נישט געוואָלט דער־לאַנגען.

— אָ, ניין! — האָט ער געזאָגט — איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ בוגד און פאַר אַפאַרקויפטער נשמה..

— איך וואָלט נאָך מער געווען געמאַכט, ווייל איך וואָלט אייך אַ קויל אין קאָפּ אַריין געשאָסן — האָט טיזענהויז געזאָגט — אָבער ווען איך האָב מיך איבערצייגט, אַז איר זענט אַן ערלעכער מענטש און אַז איר ליבט דעם קעניג, האָב איך אייך די האַנט אויסגעשטרעקט. ווילט איר, נעמט זי אָן — ווילט איר נישט, נעמט זי נישט אָן... כ'וואָלט בעסער וועלן אייך נאָר אין צוגעבונדענ־קייט צום קעניגס פּערזאָן אַריבערשטייגן... אָבער איך וועל זיך פאַר אַן אַנדערער ריוואַליזאַציע אויך נישט אָפּשרעקן.

— אַזוי מיינט איר?.. האַ! אפשר זענט איר גערעכט. אָבער איך בין אויף אייך בייז.

— טאָ הערט אויף בייז צו זיין... איר זענט אַ טיכטיקער וועלנער! נו! גיט דאָס מויל, לאָמיר זיך נישט לייגן שלאָפן מיט אַ שנאה אין די הערצער.

— זאָל זיין אַזוי! האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס.

5 קאַפּיטל

די קעניגלעכע סוויטע איז שפּעט אין דער נאַכט אָנגעקומען קיין זשיוויעץ און כמעט נישט געמאַכט קיין רושם אין שטעטל, וואָס איז געווען איבערגעשראָקן פון דעם נישט לאַנגען איבערפאַל פון דער שוועדישער אָפּטיילונג. דער קעניג איז נישט פאַרפאָרן אין שלאָס, וועלכער איז פריער שוין חרוב געוואָרן דורך די שוועדן און צום טייל געווען אָפּגעברענט, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אין דער קירך. דאָרט האָט קמיטשיץ אַרויס-געלאָזט די ידיעה, אַז דאָס פאָרט אַ קייזערלעכער שליח פון שלעזיע קיין קראָקע.

צו מאָרגנס זענען זיי אַרויסגעפאָרן צו וואַדאָוויצע-צו און ערשט אַ שפּאָר שטיקל הינטער דער שטאָט האָבן זיי פאַרקערעוועט קיין סוכאַ. פון דאָרט האָבן זיי דורך קשעטשאָני געזאָלט פאָרן קיין יאָרדאַנאָוו, פון דאָרט קיין נאָווי טאַרג און ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי טשאָרשטין זענען נישטאָ קיין שוועדישע אָפּטיילונגען, איז קיין טשאָרשטין, און ווען עס וואָלטן יאָ געווען, האָבן זיי געזאָלט פאַרקערעווען קיין אונגאַרן און

דורכן אונגאַרישן לאַנד פאָרן אַזש ביז לובאָוולאַ. דער קעניג האָט זיך אויך געריכט, אַז דער קרוין-פוילישער גרויס-מאַרשאַל, וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות אַזעלכע באַדייטנדיקע כוחות, וואָס נישט איין הערשנדיקער פירשט האָט זיי נישט געהאַט, וועט באַוואָרענען די וועגן און אַליין דעם האר אָקעגנאיילן. זיין פּלאַן האָט נאָר געקאָנט צו-נישט ווערן דורכדעם, וואָס ער האָט נישט געוווסט, דורך וואַנען דער קעניג פאָרט; אָבער צווישן די בערג-תושבים האָבן דאָך נישט געפעלט קיין טרייע מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען איבערצוטראָגן דעם הער מאַרשאַל אָפּגערעטע ווערטער. מ'האָט זיי אַפילו דעם סוד נישט געדאַרפט מגלה זיין, ווייל זיי זענען גערן געגאַנגען, קוים האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי דינען דערמיט דעם קעניג. וואָרום געווען איז דאָס אַ פאָלק, בלב־ונפש איבערגעגעבן דעם קעניג, הגם ס'איז געווען אָרים און נאָך האַלב ווילד, האָט זיך ווייניק, אָדער כּלל נישט פאַרנומען מיט באַאַרבעטן די אומדאַנקבאַרע ערד, געלעבט פון האָדעווען בהמות, געווען פרום און פיינט געהאַט די אַפּיקורסים. ווען עס האָט זיך צעטראָגן די ידיעה וועגן דעם, אַז קראָקע איז איינגענומען און בפרט וועגן דער באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו, וווהין זיי פלעגן אין פרומקייט עולה־רגל־זיין, האָבן זיי די ערשטע זיך געכאַפּט פאַר די העק און זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג. גענעראַל דוגלאַס, אַן אויסגעצייכנטער מלחמה־מאַן, וואָס איז געווען פאַרזען מיט האַרמאַטן און ביקסן, האָט זיי אמת לייכט צעטריבן אין די טאָלן, אויף וועלכע זיי זענען נישט געוווינט געווען זיך צו שלאָגן! די שוועדן, פאַרקערט, האָבן נאָר מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט זיך אַריינגעלאָזט אין זייערע אייגנטלעכע ישובים, ווו ס'איז אוממעגלעך געווען צו זיי צוצוקומען, אָבער לייכט צו ליידן אַ מפּלה. עס זענען טאַקע אומגעקומען אַפּאָר קלענערע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אומפאָרזיכטיק זיך טיף אין לאַבירינט פון די בערג אַריינגעלאָזט.

אויך איצט האָט די ידיעה וועגן קעניגס דורכפאָר מיטן חייל שוין געטאָן דאָס איריקע, ווייל אַלע האָבן ווי איין מאַן

זיך אַכאַפּ-געטאָן אים פֿאַרטיידיקן און באַגלייטן מיט זייערע מכשירים אַפּילו ביזן עק וועלט. יאַן קאַזשימיעזש, ווען ער וואָלט נאָר מגלה געווען, ווער ער איז, וואָלט אין איין רגע זיך געקאָנט אַרומרינגלען מיט טויזנטער האַלב-ווילדע „בעלי־בתּים", אָבער ער האָט מיט רעכט געטראַכט, אַז אין אַזאַ פֿאַל וואָלט די ידיעה תּיכּף, צוזאַמען מיט די ווינטען, זיך צעהילכט איבער דער גאַנצער סביבה און אַז די שוועדן וואָלטן אויך געקאָנט אים אַקעגנשיקן גרעסערע חיילות. ער האָט דעריבער בעסער געוואָלט פֿאָרן אומדערקענט, אַפּילו פֿאַר די בערג-תּושבֿים.

מ'האָט פּונקטסטווען אומעטום געפֿונען זיכערע איבער-פֿירער, וועלכע ס'איז גענוג געווען צו זאָגן, אַז זיי פֿירן בּיסקופֿן און שררות, וואָס ווילן פֿון דער שוועדישער האַנט זיך מציל זיין. מ'האָט זיי געפֿירט צווישן שנייען, פֿעלזן, שפּיצן און שפּאַלטן, דורך וועגן, וואָס זענען נאָר זיי געווען באַקאַנט, דורך אַזעלכע אומצוטריטלעכע ערטער, אַז דו וואָלסט געמיינט, אַפֿילו פֿויגל וואָלט דורך זיי נישט געקאָנט דורכ-פֿליען.

נישט איינמאָל האָבן דער קעניג און די הויך-געשטעלטע מענער געהאַט די כמאַרעס אונטער די פֿיס, און אַז קיין כמאַרעס זענען נישט געווען, איז זייער בליק געפֿלויגן אין אַן אָן-סופֿיקן, מיט שניי באַדעקטן שטח, וועלכער האָט אויס-געזען אַזוי ברייט, ווי אַ גאַנץ לאַנד; נישט איינמאָל האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין די בערגיקע, כּמעט פֿינסטערע, מיט שניי פֿאַרשטעלטע גאָרגלען, אין וועלכע נאָר ווילדע חיות האָבן געקאָנט האָבן זייער מקום־מנוחה. מ'האָט אָבער געמיטן די ערטער, וואָס זענען געווען צוטריטלעך פֿאַרן שונא, מ'האָט דעם וועג מקצר געווען אין עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז עפּעס אַ ישוב, אין וועלכן מ'האָט קוים אין אַהאַלבן טאָג אַרום זיך געריכט אָנצוקומען, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אונטער די פֿיס, און אין דעם ישוב האָט געוואַרט אַן אָפּרו און אַ גאַסט-

פרינדשאַפט, כאָטש אין אַן ענגער כאַטע, אין אַ פאַררויכערטן שטיבל.

דער קעניג איז אַלץ געווען פריילעך, האָט נאָך אַנדערע צוגעגעבן מוט אַריבערצוטראָגן די אויסערגעוויינלעכע מאַטערגישן און גוט-געזאָגט, אַז דורכקלייבנדיק זיך דורך אַזעלכע וועגן, וועלן זיי זיכער פונקט אַזוי גליקלעך, ווי אומגליקלעך קיין לובאָוולאַ אָנשפּאַרן.

— דער הער מאַרשאַל ריכט זיך אפילו נישט, ווען מיר וועלן אים אויפן קאַרק אַראָפּפאַלן! — האָט ער כסדר איבער־געחזרט.

און דער נונציוס האָט געענטפערט:

— וואָס איז קסענאָזאָנטס צוריקקער געווען אין פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער נסיעה אונדזערער אין די כמאַרעס?

— וואָז העכער מיר הויבן זיך אויף, נידריקער וועט דאָס שוועדישע מזל אַראָפּפאַלן — האָט דער קעניג געזאָגט.

דערווייל איז מען צוגעפאָרן ביז נאָווי טאַרג. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז יעדע סכנה איז אַריבער; אָבער די בערג־תושבים האָבן געטענהט, אַז עפּעס פרעמדע חיילות דרייען זיך נעבן טשאָרשטין און איבער דער סביבה. דער קעניג האָט אָנגענומען, אַז דאָס זענען אפשר דעם הער קרוין-מאַרשאַלס דייטשע רייטער, וועלכע ער האָט געהאַט צוויי פאַלקן, אָדער אַז מ'האָט זיינע אייגענע דראַגונער, וואָס זענען אים אַקעגנ־געשיקט געוואָרן, געהאַלטן פאַר פיינטלעכע אָפּטיילונגען. היות אין טשאָרשטין איז אויך געווען אַ גאַרניזאָן פון קראָקאָווער בּיס־קופּ, האָבן זיך די מיינונגען געטיילט אין דער קעניגלעכער סוויטע: אַ טייל האָט געוואָלט פאָרן מיטן שליאַך קיין טשאָרשטין, און פון דאָרט דורך דער גרענעץ גופא זיך לאָזן אין די ספּיזשער מדינה; אַנדערע האָבן בּעראָטן תיכף זיך אַרויסצודרייען קיין אונגאַרן, וועלכע האָט זיך דאָ ווי אַ קלין אַזש ביז נאָווי טאַרג געצויגן, און ווידער זיך דורכרייסן דורך שפּיצן און היילן.

באַמענדיק אומעטום איבערפירער, וואָס זענען מיט די זיכערסטע דורכגענג באַקאַנט.

די דאָזיקע לעצטע מיינונג האָט גובר געווען, ווייל אויף אַזאַ אופן איז אַ באַגעגעניש מיט די שוועדן כמעט געוואָרן אוממעגלעך און אגב האָט דעם קעניג געווילט דער דאָזיקער „אָדלערישער" וועג דורך אָפּגרונטען און דורך כמאַרעס.

מ'איז אַרויסגעפאָרן פון נאָווי טאַרג אַ ביסל אויף מערב און דרום, איבערלאָזנדיק אויף דער רעכטער זייט ביאַלי דונאַיעץ. תּחילת איז דער וועג געגאַנגען דורך אַ גענוג אָפענער און רחבותדיקער געגנט, אָבער וואָס ווייטער מ'האָט זיך גערוקט פאָרויס, אַלץ מער האָבן די בערג גענומען צוזאַמענלויפן, די טאָלן ענגער ווערן. מ'איז געפאָרן דורך וועגן, איבער וועלכע די פערד האָבן קוים געקאָנט גיין. צייטנווייז האָט מען זיך געמוזט אַראָפּזעצן און מיט דער האַנט זיי פירן, און אויך דערביי האָבן זיי נישט איינמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּלאָזנדיק די אויערן און [illegible]ציטערדיק די אָפּענע, רויכערנדיקע נאָזלעכער צו די אָפּגרונטען, וואָס פון זייערע ט[illegible]ען האָט דאָרט זיך דער טויט אַרויס געקוקט.

די בערג-תּושבים, וואָס זענען געווינט געווען אַרומצו-בלאָנדזשען צווישן די פעלזן-אָפּגרונטען, האָבן אָפּט געהאַלטן פאַר גוט אַזעלכע וועגן, אויף וועלכע ס'האָט די נישט צוגעווינטע מענטשן געגרוישט און געשווינדעלט אין די קעפּ. זיי זענען לסוף אַריינגעפאָרן אין עפּעס אַ לאַנגען און גראָדן, אָבער אַזוי שמאָלן פעלזן-שפּאַלט, אַז קוים דריי מענטשן האָבן געקאָנט פאָרן אין איין ריי.

די דאָזיקע הייל האָט אויסגעזען ווי אַן אומגעהייערער קאָרידאָר. צוויי הויכע פעלזן האָבן זי פאַרמאַכט פון דער רעכטער און פון דער לינקער זייט. דאָ און דאָרט האָבן זיך אָבער זייערע קאַנטען פאַנאַנדערגעבויגן, בילדנדיק משופּעדיקע אַראָפּהאַנגען, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַ שניי-לאַווינע און ביי די ראַנדען אַרומגענומען פון אַ שוואַרצן וואַלד. די ווינטען האָבן אָבער אַרויסגעבלאָזן דעם שניי פון דעם באָדן פון דער הייל

און די פערדישע קאָפּיטעס האָבן געקלונגען אומעטום איבער דעם שטייניקן גרונט. אָבער אין דער רגע האָט דער ווינט נישט געבלאָזן און ס'האָט געהערשט אַזאַ טיפע שטילקייט, אַז זי האָט אַזש אין די אויערן געקלונגען. נאָר אויבן, וווּ מ'האָט צווישן די וואַלדיקע קאַנטען אַרויסגעזען אַ בלאָען הימל־פּאַס, זענען פון צייט צו צייט דורכגעפלויגן שוואַרצע פייגל, וועלכע האָבן געקלאַפּט מיט די פליגל און געקראַקעט.

די קעניגלעכע סוויטע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו. פון די פערד זענען אויפגעגאַנגען קנוילן פּאַרע, אָבער אויך די מענטשן זענען געווען פאַרמאַטערט.

— איז דאָס פּוילן, אָדער אונגאַרן? — האָט דער קעניג אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט דעם איבערפירער.

— דאָס איז נאָך פּוילן.

— און פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט באַלד אַרויסגעדרייט קיין אונגאַרן?

— ווייל מ'קאָן נישט. די דאָזיקע הייל וועט ווייטער זיך אויסבויגן, דערנאָך וועט גיין אַ וועג צום שליאַך. דאָרט וועלן מיר זיך אומדרייען, דורכגיין נאָך איין הייל און ערשט דעמאָלט וועלן מיר זיין אין אונגאַרישן לאַנד.

— איך זע, אַז עס איז בעסער געווען באַלד צו פאָרן מיטן שליאַך — האָט דער קעניג געזאָגט.

— שטיל!.. — האָט דער איבערפירער מיט אַמאָל זיך אָנגערופן.

און צושפּרינגענדיק צום פעלז, האָט ער צו אים דאָס אויער צוגעלייגט.

אַלע האָבן אין אים איינגעגראָבן די אויגן, און בײַ אים האָט דאָס פּנים אין איין רגע זיך געביטן און ער האָט געזאָגט:

— הינטער דער אויסבויגונג קומט־אָן חייל פון שטראָם! גאָט! זענען דאָס נישט אַמאָל שוועדן?!

— וווּ? ווי אַזוי? וואָס?.. — האָט מען גענומען פרעגן פון אַלע זייטן — מ'הערט גאָרנישט!..

— ווייל דאָרט ליגט שניי. בײַ גאָט! זיי זענען שוין נאָענט!.. זיי וועלן זיך באַלד באַווייזן!..

— אפשר דעם מאַרשאַלס מענטשן ? — האָט דער קעניג געזאָגט.

קמיטשיץ האָט אין דער רגע זיך אַ לאָז־געטאָן מיטן פערד.

— כ'וועל פאָרן אַ קוק־טאָן ! — האָט ער געזאָגט.

די קעמפּליטשס האָבן זיך געלאָזט באַלד נאָך אים, ווי די יאַגד־הינט נאָך אַ יעגער, אָבער קוים האָבן זיי זיך אַ ריר־געטאָן פון אָרט, ווו דער אויסגאַנג פון דער הייל, וואָס איז געלעגן אויף הונדערט שריט פאַר זיי, איז פאַרשטעלט געוואָרן פון מענטשן און פערד.

קמיטשיץ האָט געוואָרפן אַ בליק... און די נשמה האָט אין אים אַ צאַפּל־געטאָן פון שרעק.

דאָס זענען געווען שוועדן.

זיי האָבן זיך באַוויזן אַזוי נאָענט, אַז צוריקציען זיך איז געווען אוממעגלעך, בפרט, אַז די קעניגלעכע סוויטע האָט געהאַט אויסגעמאַטערטע פערד. ס'איז געבליבן נאָר דורכצושלאָגן זיך אָדער אומצוקומען, אָדער אַריינצופאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ! ער אומדערשראָקענער קעניג האָט דאָס אין איין רגע תופס געווען, ער האָט דעריבער פאַרן הענטעל פון דער שווערד אַכאַפּ־געטאָן !

— באַשיצן דעם קעניג און צוריק ! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי־געטאָן.

טיזענהויז מיט צוויי הונדערט מענטשן האָט כּהרף־עין זיך אַרויסגערוקט בראש, אָבער קמיטשיץ האָט אָנשטאָט זיך מיט זיי צו באַהעפטן מיט קליינע טריט זיך אַלאָז־געטאָן אַקעגן די שוועדן.

ער האָט אויף זיך געהאַט אַ שוועדישע הלבשה, די זעלבע, אין וועלכער ער האָט זיך איבערגעטאָן, ווען ער איז אַרויסגע־גאַנגען פון קלויסטער, די שוועדן האָבן זיך דעריבער נישט געכאַפּט, ווער דאָס איז. זעענדיק אַ רייטער, וואָס פאָרט זיי אַקעגן אין אַזאַ הלבשה, האָבן זיי מסתמא די גאַנצע קעניגלעכע סוויטע געהאַלטן פאַר עפּעס אַן אייגענער אָפּטיילונג, ווייל זיי האָבן נישט צוגעאײַלט די טריט, נאָר דער אָנפירנדיקער קאַפּיטאַן האָט זיך אַרויסגערוקט פאַר דער ערשטער ריי.

— ווער זענען דאָס די מענטשן ? — האָט ער געפרעגט אויף

שוועדיש, קוקנדיק אויף דעם אימהדיקן און בלייכן פנים פון אָנקומענדיקן ריטער.

קמיטשיק איז אויף אים אָנגעפאָרן אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן זיך כמעט מיט די קני אָנגעשטויסן און נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט האָט ער אים פון פיסטאָלעט גלייך אין אויער אַריינגעקנאַלט.

אַן אויסגעשריי פון גרויל האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ברוסטן פון די שוועדישע רייטער, אָבער נאָך מעכטיקער האָט אַ הילך־געטאָן הער אַנדזשעיס שטים:

— שלאָג!

און ווי אַ פעלז, וואָס ווען ער רייסט זיך אָפּ פון באַרג און קייקלט זיך אַראָפּ אין תהום צעשטערט ער אַלץ אין מיטן לויפן, אַזוי האָט ער זיך אויך אַ וואָרף־געטאָן אויף די ערשטע ריי, טראָגנדיק טויט און פאַרניכטונג. די צוויי יינגע קעמליטש, ענלעך אויף צוויי בערן, זענען אים נאָכגעשפרונגען אין די מהומה. אַ געקלאַפּ פון שווערדן אין פאַנצערס און העלמען האָט אָפּגע־הילכט, ווי אַ האַקן פון האַמערס, און באַלד זענען זיי באַגלייט געוואָרן פון געשרייען און יללות.

די איבערגעשראָקענע שוועדן האָט זיך אין דער ערשטער רגע געדוכטן, אַז דריי ריזן זענען זיי דאָס באַפאַלן אין דעם ווילדן באַרג־גריב. די ערשטע רייען האָבן זיך צעמישטערהייט צוריקגעצויגן פאַרן אימהדיקן מאַן, און ערשט ווען די לעצטע רייען האָבן זיך אַרויסגעקריגן פון יענער זייט אויסבויגונג, איז אין דערמיט געוואָרן אַ געשטופּ און אַ געברויז. די פערד האָבן זיך גענומען בייסן און קאָפּן זיך מיט די הינטערשטע פיס. די זעלנער פון די ווייטערדיקע רייען האָבן נישט געקאָנט שיסן, זיי האָבן נישט געקאָנט גיין צו הילף די פאָדערשטע רייען, וועלכע זענען אומגעקומען אָן רעטונג אונטער די קלעפּ פון די דריי ריזן. אומזיסט האָבן זיי זיך צונויפגענומען, אומזיסט האָבן זיי די שווערדן אָנגעשטעלט, יענע צעבראָכן די שווערדן, קערן־איבער מענטשן און פערד. קמיטשיק האָט אַ ריס־געטאָן דאָס פערד, אַז זיינע קאָפּיטעס זענען אַזש געבליבן הענגען איבער די קעפּ

פון די שווערישע פערד, און אַליין האָט ער געווילדעוועט, גע־האַקט, געשטויסן. בלוט האָט אים דאָס פּנים באַשפּריצט, פון די אויגן האָט געשלאָגן אַ פייער, אַלע געדאַנקען אין אים האָבן זיך פאַרלאָשן, ס'איז געבליבן נאָר איין געדאַנק, אַז ער וועט אומקומען, אָבער די שווערדן מוז ער פאַרהאַלטן. דערדאָזיקער געדאַנק איז פאַרוואַנדלט געוואָ־ן אין עפּעס אַ ווילדן ברען, זיינע כּוחות האָבן זיך דעריבער פאַרדרייפאַכט, די באַוועגונגען זענען געוואָרן ענלעך אויף די באַוועגונגען פון אַ לוקס: ווילד, בליץ־שנעל. און מיט איבערמענטשלעכע קלעפּ פון דער שווערד האָט ער צעהאַקט מענטשן, ווי אַ דונער צעהאַקט יינגע ביימער; די צוויי יינגע קעמפליטשס זענען געגאַנגען האַרט נעבן אים, און דער אַלטער האָט שטייענדיק אַ ביסל פון הינטן יעדע ווייַלע די שווערד צווישן די זין אַריינגערוקט, אַזוי גיך, ווי אַ שלאַנג רוקט־אַרויס די צונג, און זי אַ פאַרבלוטיקטע אַרויסגעצויגן.

דערווייל איז נעבן קעניג געוואָרן אַ גערודער. דער נונציוס האָט ווי ביי זשיוויעץ אויך איצט געהאַלטן זיין פערד פאַר די לייצעס, פון דער צווייטער זייט האָט זיי דער קראָקאָווער ביסקופ אָנגעכאַפּט און מיט אַלע כּוחות צוריקגעצויגן דאָס פערד, דער קעניג ווידער האָט עס געשטויסן מיט די שפּאָרנס, אַז דאָס פערד האָט זיך אַזש אויף די הינטערשטע פיס געשטעלט.

— לאָזט!.. — האָט דער קעניג געשריגן — ביי גאָט! מיר וועלן דורכפאָרן דורך די שונאים!

— האַר, האָב אין זינען דאָס פאָטערלאַנד! — האָט דער קראָקאָווער ביסקופ אויסגערופן.

און דער קעניג האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון זייערע הענט, בפרט, אַז פון פאָרנט האָט דער יינגער טיזענהויז מיט אַלע מענטשן אים דעם וועג פאַרשטעלט. ער איז נישט געגאַנגען קמיטשיצן צו הילף, ער האָט אים מקריב געווען, ער האָט נאָר געשטרעבט דעם קעניג מציל צו זיין.

— באַ די יסורים פון אונזער האַר! — האָט ער מיט יאוש געשריגן — יענע וועלן באַלד פאַלן!.. גנבעדיקער האַר, ראַטעוועט זיך, כּל־זמן ס'איז צייט! איך וועל זיי דאָ נאָך פאַרהאַלטן!

אָבער דעם קעניגס עקשנות, ווען מ׳האָט זי איינמאָל צעררייצט, האָט זיך מיט גאָרנישט און מיט קיינעם נישט גערעכנט. יאַן קאַזשימיעזש האָט נאָך שטאַרקער דאָס פערד מיט די שפּאָרנס אַ שטויס-געטאָן און אָנשטאָט זיך צוריקצוציען, האָט ער זיך געדרוקט פאָרויס.

און די צייט איז געפלאָסן און יעדע ווייטערדיקע ווײַלע האָט געקאָנט דעם אומקום מיט זיך ברענגען.

– כ׳וויל אומקומען אויף מיין ערד!.. לאָזט!.. האָט דער קעניג געשריגן.

צום גליק האָבן צוליב דער ענגשאַפט פון אָרט נאָר אַ קליינע צאָל מענטשן געקאָנט אין אָנהויב זיך אַקעגנשטעלן קמיטשיצן און די קעמליטשעס, צוליב וואָס זיי האָבן זיך לענגער געקאָנט האַלטן. ביסלעכוויז האָבן אָבער זייערע כּוחות אויך זיך אויסגעלאָזט. אַפּאָר מאָל האָבן די שוועדישע שווערדן זיך צוגע-רירט צו קמיטשיצס קערפּער און בלוט האָט גענומען פון אים רינען. די אויגן זענען אים פאַרשטעלט געוואָרן ווי פון אַ נעפּל. דער אָטעם אין דער ברוסט האָט אויפגעהערט. ער האָט געפילט, אַז ער איז אַ נוטה-למות, ער האָט דעריבער נאָר געשטרעבט דאָס לעבן טייער צופאַרקויפן. „כאָטש נאָך איינעם!” – האָט ער זיך איבערגעחזרט און אַראָפּגעלאָזט דאָס פלאַכע אייזן אויפן קאָפּ אָדער אַקסל פון נאָענטסטען שוועדישן רייטער און ווידער זיך צו אַן אַנדערן אַ קער-געטאָן; די שוועדן האָבן אָבער נאָך דער ערשטער רגע פון צעמישעניש און בהלה זיך אַ פּנים פאַר-שעמט, וואָס פיר מענער האָבן באַוויזן זיי אַזוי לאַנג צו פאַר-האַלטן און זיי האָבן זיך מיט אַ ווילדער רציחה צום אָנגריף אַ לאָז-געטאָן; באַלד האָבן זיי בלויז מיט דער משא פון די מענטשן און פערד זיי צוריקגעשטויסן און אַראָפּגעשטופּט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און גיכער.

אין-דעם איז קמיטשיצס פערד געפאַלן און אַ כוואַליע האָט באַדעקט דעם רייטער.

די קעמליטשעס האָבן זיך אַ געוויסע צייט נאָך געוואָרפן, פּונקט ווי די שווימער, וואָס זעענדיק אַז זיי טרינקען, באַמיען

זיי זיך וואָס לענגער די קעפּ איבער דעם אויבן-אויף פון ים צו־דערהאַלטן, אָבער באַלד זענען זיי אויך געזונקען.

דעמאָלט האָבן די שוועדן ווי אַ וויכער זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער קעניגלעכער סוויטע.

טיזענהויז מיט די מענטשן איז זיי אַקעגנגעשפּרונגען און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אַזוי, אַז עס האָט אַזש אָפּגעהילכט אין די בערג.

אָבער וואָס פאַר אַ ממשות האָט געהאַט טיזענהויזס דאָזיקע בייער הייפל מענטשן אַקעגן דער מעכטיקער אָפּטיילונג, וואָס האָט געציילט קרוב דריי הונדערט פערד!

ס'איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז פאַרן קעניג און זיין סוויטע האָט אומדערבאַרמיק געשלאָגן די פאַטאַלע שעה פון אומקום אָדער געפאַנגענשאַפט.

יאַן קאַזשימיעזש, וועלכער האָט אַ פּנים בעסער געוואָלט דאָס ערשטע איידער דאָס צווייטע, האָט לסוף באַפרייט די לייצעס פון די הענט פון די ביסקופן, וואָס האָבן זיי געהאַלטן און ער איז גיך געריטן הינטער טיזענהויזן.

מיט אַמאָל איז ער געבליבן שטיין ווי איינגעגראָבן.

ס'איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. די קוקנדיקע האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די בערג אַליין קומען צו הילף דעם קעניג און האַר.

די קאַנטען פון דער הייל האָבן מיט אַמאָל אַ ציטער־געטאָן, גלייך ווי די יסודות פון דער ערד וואָלטן זיך צעטרייסלט, גלייך ווי דער וואַלד, וואָס איז אויבן געוואַקסן, וואָלט וועלן נעמען אַנטלויפן אין קאַמף, און בוים־שטאַמען, שטיקער שניי, אייז, שטיינער און אָפּגעהאַקטע פעלזן האָבן גענומען שיטן זיך מיט אַ מוראדיקן געקנאַק און רעש אויף די אונטען צונויפגעפּרעסטע שוועדישע רייען; גלייכצייטיק האָט אַן אוממענטשלעך געהייל זיך דערהערט אויף ביידע זייטן פון דער הייל.

אונטען ווידער, אין די רייען, איז אַנטשטאַנען אַ בהלה, וואָס שטייגט אַריבער יעדע מענטשלעכע השגה. די שוועדן האָט זיך געדוכטן, אַז די בערג זענען איינגעפאַלן און שיטן זיך אַראָפּ

אויף זיי, עס האָבן זיך דערהערט קולות, אַ געיאָמער פון צעש־מעטערטע מענער, פאַרצווייפלטע הילף־רופן, אַ געקוויטש פון פערד, אַ געקריץ און מוראדיק געקלימפּער פון פּעלזן־שטיקער אין פּאַנצערס.

צום סוף האָבן די מענטשן און פערד געבילדעט איין קופּע, וואָס האָט זיך קאָנוואולסיוו געקנוילט, געדריקט, און איז פול געווען מיט קרעכצן, יאוש, אימה.

און די שטיינער און פעלזן־שפּליטערס האָבן זי כסדר צעריבן, שיטנדיק זיך אומברחמנותדיק אויף די שוין אומגעלומפּערטע מאַסן פון פערדישע און מענטשלעכע קערפּערס.

— בערג־לייט! בערג־לייט! — האָט מען גענומען שרייען אין דער קעניגלעכער סוויטע.

— אַ טויט די כלבים! — האָבן זיך אָנגערופן שטימען אין דער הויך.

און אין דער רגע האָבן אויף ביידע זייטן פון די פעלזיקע קאַנטן זיך באַוויזן לאַנג־האָריקע קעפּ, אָנגעטאָן אין קיילעכדיקע לעדערנע קאַפּעלושן, נאָך זיי האָבן זיך אַרויס גערוקט קערפּערס און אַ פּאָר הונדערט אויסטערלישע געשטאַלטן האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן איבער די שנייִקע אַראָפּהאַנגען.

די טונקעלע און ווייסע גראָבע דעקן, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער די אַקסלען האָבן זיי צוגעגעבן אַ מראה פון שרעקליכע רויב־פייגל. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט כהרף־עין; אַ געפייף פון העקלעך האָט באַגלייט זייערע אימהדיקע אויס־געשרייען און די יללות פון די דערקוילעטע שוועדן. דער קעניג אַליין האָט געוואָלט די שחיטה איינהאַלטן; מאַנכע שוועדישע רייטער, וואָס האָבן נאָך געלעבט, האָבן זיך געוואָרפן אויף די קני און אויפהויבנדיק די אומבאַוואָפנטע הענט, האָבן זיי זיך געבעטן רחמים, אַז מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, ס׳האָט גאָרנישט צוריקגעהאַלטן די נקמה־גיריקע העק און מיט אַ פערטל שעה שפּעטער איז שוין קיין איין לעבעדיקער שוועד נישט געווען אין דער הייל.

דערנאָך האָבן די בלוטיקע בערג־תּושבים זיך אַ שאָט געטאָן צו דער קעניגלעכער סוויטע.

דער נונציוס האָט מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויף די דאָזיקע אומבאַקאַנטע, הויך־געוואַקסענע, שטאַרקע, צום טייל מיט שעפּסענע פעלן באַדעקטע, מיט בלוט פאַרשפּריצטע און מיט נאָך רויכערנדיקע העקלעך טרייסלענדיקע מענטשן.

אָבער זיי האָבן דערזעענדיק די ביסקופּן די קעפּ אָפּגעדעקט. אַ סך האָבן אין שניי אַנידערגעקניט.

דער קראָקאָווער ביסקופּ האָט דאָס פאַרטרערטע פּנים צום הימל אויפגעהויבן.

— אָט איז גאָטס הילף, אָט איז די השגחה, וואָס באַשיצט די מאַיעסטעט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די בערג־ יושבים און געזאָגט:

— מענטשן, ווער זענט איר?

— היגע! — האָבן זיי געענטפערט.

— צי ווייסט איר, וועמען איר זענט געקומען צו הילף?... אָט איז אייער קעניג און האַר, וועלכן איר האָט מציל געווען!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך דערהערט אַ געשריי אין המון: „דער קעניג! דער קעניג! יעזוס, מאַריאַ, דער קעניג!" די געטרייע בערג־תּושבים האָבן גענומען זיך שטופּן און דריקן צום האַר. מיט אַ געוויין זענען זיי אים פון אַלע זייטן באַפאַלן, מיט אַ געוויין האָבן זיי געקושט זיינע פיס, די שפּאָרנס, אַפילו די קאָפּיטעס פון זיין פערד. ס'האָט זיי באַוועלטיקט אַזאַ התלהבות, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ געשריי און כליפּעריי, אַז די ביסקופּן האָבן מחמת מורא פאַר דער קעניגלעכער פּערזאָן אַזש געמוזט דעם צו גרויסן ברען איינהאַלטן.

און דער קעניג איז געשטאַנען אין מיטן פון געטרייען פאָלק, ווי אַ פאַסטוך צווישן די שעפּסן און טרערן גרויסע, קלאָרע ווי די פּערל, זענען אים געפלאָסן איבערן פּנים.

דערנאָך האָט זיין פּנים זיך אויסגעלייטערט, ווי אין זיין נשמה וואָלט מיט אַמאָל עפּעס אַ שגוי פאָרגעקומען, ווי אַ בייער־

גרויסער געדאַנק, וואָס איז אים פֿון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן, וואָלט אים אין קאָפּ אויפֿגעלויכטן און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער וויל רעדן און ווען ס'איז שטיל געוואָרן, האָט ער געזאָגט מיט אַ הויכער שטים, אַזוי אַז דער גאַנצער המון האָט אים געהערט:

— גאָט! וואָס דו האָסט מיך דורך די הענט פֿון פּשוטן פֿאָלק אויסגעלייזט, איך שווער דיר אויף די ענויים און טויט פֿון דיין זון, אַז פֿון היינט אָן וועל איך אויך פֿאַר אים זיין אַ פֿאָטער!

— אמן! — האָבן די ביסקופֿן געזאָגט.

און אַ געווויסע צייט האָט אָנגעהאַלטן אַ פֿייערלעך שטילשווייגן און דערנאָך איז אַ נייע פֿרייד אויסגעבראָכן. מ'האָט גענומען אויספֿרעגן די בערג-לייט, פֿון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען אין די היילן און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן זיי זענען אַזוי צו דער ריכטיקער צייט געקומען דעם קעניג צו הילף?

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז באַדייטנדיקע שוועדישע אָפּטיילונגען האָבן זיך געדרייט נעבן שטאָרשטין און נישט באַמיענדיק זיך איינצונעמען די פֿעסטונג גופֿא, האָט אויסגעוויזן, אַז זיי זוכן עפּעס און וואַרטן. די בערג-לייט האָבן אויך געהערט וועגן דער שלאַכט, וואָס די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן געפֿירט מיט עפּעס אַ חייל, צווישן וועלכן דער קעניג אַליין האָט זיך אויך געזאָלט געפֿינען. דעמאָלט האָבן זיי באַשלאָסן די שוועדן אין זאַק אַריינצונאַרן און אונטערשיקנדיק זיי פֿאַלשע איבערפֿירער, האָבן זיי בכיון זיי פֿאַרפֿירט אין די דאָזיקע הייל.

— מיר האָבן געזען — האָבן די בערג-לייט געזאָגט — ווי יענע פֿיר ריטער האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די דאָזיקע כּלבים, מיר האָבן זיי געוואָלט גיין צו הילף, מיר האָבן אָבער מורא געהאַט צו פֿרי זיי איבערצושרעקן.

דאָ האָט דער קעניג פֿאַרן קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט.

— מאַמע פֿון איינציקן זון! — האָט ער אַ געשריי-געטאָן — וועקט מיר באַביטשן! לאָמיר אים כאָטש צו קבורה ברענגען!...

און דעם דאָזיקן מענטש האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ בוגד,

אים, וואָס האָט דער ערשטער פּאָר אונדז זיין בלוט פאַרגאָסן;
— כ'האָב חוטא געווען, גנעדיקער האַר! — האָט טיזענהויז זיך אָנגערופן.

— זוכט אים, זוכט אים! — האָט דער קעניג אויסגערופן — כ'וועל פון דאַנען נישט אַוועקפאָרן, כל־זמן כ'וועל אים אין פּנים אריין נישט אַ קוק־טאָן און פון אים קיין אָפּשייד נישט נעמען.

די זעלנער צוזאַמען מיט די בערג־לייט האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן צום אָרט פון ערשטן קאַמף און באַלד האָבן זיי פון אונטער אַ שטויס פון פערדישע און מענטשלעכע הרוגים אַ פוירגענומען דעם הער אַנדזשעי. זיין פּנים איז געווען בלאַס, איינגאַנצן באַשפּריצט מיט בלוט, וואָס אירע דיקע צאַפּנס זענען אים פאַרגליווערט געוואָרן אויף די וואָנסעס; אויגן האָט ער געהאַט צוגעמאַכטע; דער פּאַנצער איז געווען צעבויגן פון די קלעפּ פון שווערדן און פערדישע קאָפּיטעס. אָבער אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּאַנצער איז ער טאַקי נישט צעריבן געוואָרן, און דעם זעלנער, וואָס האָט אים אויפגעהויבן, האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז ער האָט דערהערט אַ שטילן קרעכץ.

— ביי גאָט! ער לעבט! — האָט ער אויסגעשריגן.

— דעם פּאַנצער אים אַראָפּנעמען! — האָבן אַנדערע גערופן.

באַלד האָט מען די לעדערלעך דורכגעשניטן.

קמיטשיץ האָט טיפער אָפּגעעטעמט.

— ער עטעמט! ער עטעמט! ער לעבט! — האָבן אַ פּאָר שטימען אויסגערופן.

און ער איז אַ געווויסע צייט געלעגן אומבאַוועגלעך, דערנאָך האָט ער די אויגן אויפגעמאַכט. דעמאָלט האָט איינער פון די זעלנער אים אַריינגעגאָסן אין מויל אַ ביסל בראָנפן און אַנדערע האָבן אים ביי די אָרעמס אויפגעהויבן.

אין דער רגע איז בחפזון אָנגעפאָרן דער קעניג אַליין, צו וועמענס אויערן ס'האָט זיך דערטראָגן דער אויסגעשריי, וואָס איז דורך אַלעמענס מיילער איבערגעחזרט געוואָרן.

די זעלנער האָבן צו אים צוגעשלעפּט דעם הער אַנדזשעי, וועלכער האָט זיי אַראָפּגעשווערט צו דער ערד און זיך

צַרויסגעגלישט דורך די הענט. דערזעענדיק דאָס קעניג האָט ער אָבער דאָס באַוווסטזיין אויף אַ ווײַלע צוריקבאַקומען, כמעט אַ קינדישער שמייכל האָט אים אויפן פנים דורכגעשוועבט און זיינע בלייכע ליפּן האָבן דייטלעך אַרויסגעשעפּטשעט:

– מיין האַר, מיין קעניג לעבט... איז פריי...

און טרערן האָבן אים אין די אויגן געפינקעלט.

באַביניטש, באַביניטש! מיט וואָס וועל איך דיך באַלוינען?! – האָט דער קעניג אויסגערופן.

– איך בין נישט באַביניטש, איך בין קמיטשיץ! – האָט דער ריטער אַ שעפּטשע-געטאָן.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז ער ווי אַ טויטער געבליבן הענגען אויף די הענט פון די זעלנער.

6 קאַפּיטל

אַזוי ת׳י די בערג-לייט האָבן פאַרזיכערט אַז אויפן וועג קיין טשאָרשטין הערט מען נישט וועגן קיין שום אנדערע שווערישע אָפּטיילונגען, האָט די קעניגלעכע סוויטע זיך אומגעדרייט צו דעם דאָזיקן שלאָס און באַלד האָט זי זיך געפונען אויפן שליאַך, איבער וועלכן די נסיעה איז געווען אַ לייכטערע און ווייניקער פאַרמאַטערנדיקע. זיי זענען געפאָרן באַ אַ געזאַנג פון די בערג-לייט און אויסגעשרייען: „דער קעניג פאָרט! דער קעניג פאָרט!״ און אויפן וועג זענען צו זיי צוגעשטאַנען אַלץ נייע קופּעס מענטשן, באַוואָפנטע מיט צעפּעס, קאָסעס, ווידלעס און ביקסן. אַזוי, אַז יאַן קאַזשימיעזש איז בקרוב געשטאַנען בראש פון אַ גרעסערער אָפּטיילונג, פון מענטשן אמת נישט אויסגעבילדעטע, אָבער אין יעדער רגע גרייטע צו גיין מיט אים אַפילו קיין קראָקע און צו פאַרגיסן דאָס בלוט פאַר זייער האַר. ביי טשאָרשטין האָבן שוין העכער טויזנט בערג-ווירטן און האַלב-ווילדע בערג-פּאַסטוכער אַרומגערינגעלט דעם קעניג.

ס׳האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען שלאַכטשיצעס פון

נעבן נאָווי און סטאַרי סאָנטש. די לעצטע האָבן מודיע געווען, אַז יענעם אין־דער־פרי האָט אַ פוילישער פולק אונטער וואַיני־לאָוויטשעס קאָמאַנדע האַרט ביי דער שטאָט נאָווי סאָנטש צעקלאַפּט אַ גרעסערע שוועדישע מחנה, וואָס כמעט אַלע אירע מענטשן זענען אומגעקומען אָדער דערטרונקען געוואָרן אין קאַמיענגנאַ און אין דונאַיעץ.

דאָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט פאַר אַן אמת, ווייל אינגיכן האָבן אויפן שליאַך אַ בלאַנק־געטאָן פאָנען און דערנאָך איז וואָינילאָוויטש אַליין מיטן פולק פון בראַצלאַווער וואָיעוואָדע צוגעפאָרן.

דער קעניג האָט פריידיק באַגריסט דעם אויסגעצייכנטן און פון לאַנג־אָן באַקאַנטן ריטער און באַ אַן אַלגעמיינער התלהבות פון המון און חייל איז ער מיט אים געפאָרן ווייטער קיין ספּיזש. דערוויילי האָבן רייטער אין גרעסטן איילעניש זיך אַ לאָז־געטאָן פריער מודיע זיין דעם הער מאַרשאַל, אַז דער קעניג דערנענטערט זיך, כדי ער זאָל גרייט זיין אים אויפצונעמען.

פריילעך און טומלדיק איז די ווייטערדיקע נסיעה צוגעגאַנגען. עס זענען צוגעקומען אַלץ נייע מאַסן. דער נונציוס, וועלכער איז מיט שרעק פאַרן אייגענעם גורל און פאַרן גורל פון קעניג פון שלעזיע אַרויסגעפאָרן און וואָס די דאָזיקע שרעק איז אין אָנהויב פון דער נסיעה נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן, איז איצט געווען מלא־שמחה, ווייל ער איז שוין זיכער געווען, אַז די צוקונפט וועט אָן שום ספק ברענגען אַ נצחון דעם קעניג און דערמיט אויך דער קירך איבער די אַפּיקורסים. די ביסקופּן האָבן זיך מיט אים מיט־געפרייט, די וועלטלעכע הויכע לייט האָבן געטענהט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק, פון די קאַרפּאַטן ביז צום באַלטישן ים, וועט פונקט ווי די דאָזיקע מאַסן צום פלי־זיין זיך כאַפּן, און וואָינילאָוויטש האָט פאַרזיכערט, אַז צום גרעסטן טייל איז דאָס שוין געשען.

און ער האָט דערציילט, וואָס עס הערט זיך אין לאַנד, וואָס פאַר אַ פחד ס'איז באַפאַלן די שוועדן, ווי זיי דערוועגן

זיך שוין נישט אין אַ קלענערער צאָל פון די מויערן זיך אַרויס־צורירן, ווי זיי פאַרלאָזן אַפילו קלענערע שלעסער און פאַרבאַרעגנען זיי, זוכנדיק אַ מקום־מקלט אין די מעכטיקערע פעסטונגען.

— דאָס חייל שלאָגט זיך מיט איין האַנט אין דער ברוסט, און מיט דער צווייטער הויבט עס אָן די שוועדן צו שלאָגן — האָט ער געזאָגט — ווילטשקאָווסקי, וועלכער פירט־אָן מי'טן הוזאַרן־פולק פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט, האָט די שוועדן שוין געדאַנקט פאַר דער דינסט, און דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך באַ זאַקשעוו געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון פולקאָווניק אַטענבערג, איז ער באַפאַלן און אַסך פון זיי אויסגעקוילעט, שיער נישט אַלע פאַרטיליקט... איך האָב מיט גאָטס הילף זיי פון נאָווי סאָנטש אַרויסגעשטויסן און גאָט האָט געגעבן אַ באַדייטנדיקן נצחון, ווייל כ'ווייס נישט, צי איינער פון זיי איז מיטן לעבן אַרויס... הער פעליציאַן קאָכאָיוסקי מיט די נאַוואָיאָווער פוס־גייער האָט מיר שטאַרק צוגעהאָלפן און אַזוי האָבן זיי ווייניקסטענס פאַר יענע דראַגונער, וואָס זענען מיט צוויי טעג צוריק צעשלאָגן געוואָרן, אַ פסק באַקומען.

— פאַר וועלכע דראַגונער? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— פאַר די, וואָס אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט האָט פון שלעזיע פאַר זיך אַרויסגעשיקט. די שוועדן זענען אומגעריכט זיי באַפאַלן און הגם זיי האָבן נישט באַוויזן זיי צו צעטרייבן, ווייל זיי האָבן זיך מסירות־נפשדיק פאַרטיידיקט, האָבן זיי דאָך זיי פאַרשאַפט גרעסערע אבדות... און מיר זענען שיער נישט געשטאָרבן פון יאוש, ווייל מיר האָבן געמיינט, אַז זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט אַליין געפינט זיך צווישן די דאָזיקע מענטשן און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיין מאַיעסטעט נישט טרעפן עפּעס אַן אומגליק. גאָט האָט אייך אַריינגעגעבן שכל אַרויסצושיקן צוערשט די דראַגונער. די שוועדן האָבן זיך תיכף וועגן זיי דערוווּסט און אומעטום די וועגן פאַרנומען.

— די הערסט, טיזענהויז? — האָט דער קעניג געפרעגט — אַן אויסגעפרוווטער זעלנער זאָגט דאָס.

– כ'הער, גנעדיקער האַר — האָט דער יינגער מאַגנאַט געענטפערט.

דער קעניג האָט זיך געווענדט צו וואָיניליאָוויטשן.

– און וואָס נאָך? וואָס נאָך? דערציילט!

– וואָס איך ווייס, וועל איך אַודאי נישט פאַרהוילן. אין גרויס-פוילן טוען אָפּ מעשׂים זשעגאָצקי און קולעשאַ. הער וואַרשיצקי האָט לינדאָרמען פון פיליצער שלאָס אַרויסגעזעצט, דאַנקאָוו האָט זיך גוט פאַרטיידיקט, לאַנצקאָראָנאַ איז אין אונזערע הענט, און אין פּאָלעסיע וואַקסן הער סאַפּיעהאַס כוחות באַ טיקאָטשים מיט יעדן טאָג. די שוועדן ברענען שוין אין שלאָס און צוזאַמען מיט זיי וועט אויך פאַרברענט ווערן דער ווילנער פירשט וואָיעוואָדע. וואָס שייך די העטמאַנעס, האָבן זיי זיך שוין פון נעבן סאַנדאָמיעזש אין לובלינער קאַנט אַרויסגעלאָזט, ווייזנדיק דאָרט באַשיינפּערלעך, אַז זיי רייסן-איבער מיטן שונא. פאַראַן דאָרט מיט זיי אויך דער טשערניהאָווער וואָיעוואָדע, און פון דער סביבה שטראָמען צו זיי ווער עס האָט נאָר אַ האַנט און אַ פוס און ווער עס קאָן האַלטן אַ שווערד אין דער האַנט. מ'זאָגט, אַז עס זאָל זיך דאָרט פאַרמירן עפּעס אַ בונט געגן די שוועדן, אין וואָס עס איז פאַרמישט אויך הער סאַפּיעהאַ און דער קיעווער קאַשטעלאַן.

– איז דער קיעווער קאַשטעלאַן איצט אויך אין לובלינער קאַנט?

– יאָ, מאַיעסטעט! אָבער ער איז היינט דאָ, מאָרגן דאָרט... אויך איך זאָל צו אים פאָרן, אָבער איך ווייס נישט, וווּ אים צו זוכן.

– ער וועט פון זיך לאָזן הערן — האָט דער קעניג געזאָגט — ווערסט נישט דאַרפן פרעגן וווּ צו גיין.

– איך מיין אויך אַזוי, גנעדיקער האַר – האָט וואָיניליאָוויטש געענטפערט.

אויף אַזעלכע שמועסן איז אַריבער די נסיעה. דערווייל האָט דער הימל זיך אינגאַנצן אויסגעלייטערט, אַזוי, אַז זיין בלאָקייט איז פון קיין שום כמאַרעלע נישט באַפלעקט געוואָרן; דער שניי האָט געבלענדט אין די שטראַלן פון דער זון. די

ספּיזשער בערג האָבן זיך מאַיעסטעטיש און פרײַלעך אויס־געשפּרייט פאַר די פאָרנדיקע און די נאַטור אַליין האָט ווי געשמייכלט צום האַר.

— טייער פאָטערלאַנד! — האָט דער קעניג געזאָגט — הלואי איך זאָל דיר קאָנען די מנוחה צוריק געבן, נאָר איידער מײַן געביין וועט אין דײַן ערד רוען!

זיי זענען אַרויפגעפאָרן אויף אַ הויכן באַרג, פונוואַנען דער בליק האָט אַרומגענומען אַ ווייטן און ברייטן שטח, ווײַל פון דער צווייטער זייט האָט באַ זיין צופוסנס זיך אויסגעשפּרייט אַ ברחבותדיקער טאָל. דאָרט האָבן זיי אונטען און אויף אַ גרויסן מרחק דערזען עפּעס אַ מענטשן־געווימל זיך באַוועגן.

— דעם הער מאַרשאַלס חיילות גייען! — האָט וואָיניל אָוויטש אויסגערופן.

— און אפשר גאָר שוועדן! — האָט דער קעניג זיך אָנגערופן.

— ניין, גנעדיקער האַר! די שוועדן וואָלטן נישט געקאָנט פון אונגאַרן פון דער דרום־זייט מאַרשירן. כ׳זע שוין די הוזארישע פאָנען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט פון דער בלאָלעכער ווייטקייט זיך טאַקע אויסגערוקט אַ וואַלד פון שפּיזן, פאַרביקע פאָנען האָבן געפלאַטערט, ווי בלומען פון אַ ווינט באַוועגן; איבער זיי האָבן שפּיצן געבלינצעלט ווי פלעמלעך. די זון האָט זיך געשפּילט אויף די פּאַנצערס און העלמען.

דער עולם, וואָס האָט באַגלייט דעם קעניג, האָט אַרויסגעלאָזט אַ פרייד־אויסגעשריי! מ׳האָט אים דערהערט פון דער ווייטנס, ווײַל די מאַסע פערד, רייטער, פאָנען האָט זיך גיכער גענומען באַוועגן, מ׳האָט אַפּנים דאָרט גענומען שנעלער מאַרשירן, ווײַל די פולקן האָבן גענומען וועררן וואָס אַ מאָל דייטלעכער און זיי זענען געוואַקסן אין די אויגן מיט אַן אומבאַגרײַפלעכער גיכקייט.

— לאָמיר בלײַבן דאָ, אויפן דאָזיקן באַרג! דאָ וועלן מיר וואַרטן אויפן הער מאַרשאַל — האָט דער קעניג געזאָגט.

די סוויטע האָט זיך אָפּגעשטעלט; די, וואָס זענען געפאָרן אַקעגן, האָבן נאָך איילִיקער גענומען מאַרשירן.

ווײַלנווייז זענען זיי פאַרשטעלט געוואָרן פאַר די אויגן דורך די אויסבויגונגען פון וועג אָדער קלײנינקע בערגלעך און פעלזן, וואָס זענען געווען צעזייט איבערן טאָל, אָבער באַלד האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן פאַר די אויגן. ווי אַ שלאַנג מיט אַ פּראַכטפולער, פון פאַרבן בלענדענדיקער פעל. לסוף זענען זיי צוגעקומען אויף אַ פּאָר צענדליק שריט פון באַרג און גענומען פאַמעלעכער מאַרשירן. דאָס אויג האָט זיי שוין געקאָנט זייער גוט אַרומנעמען און מיט זיי זיך אָנזעטיקן. צוערשט איז געגאַנגען דעם הער מאַרשאַלס אייגענער הוזאַרן־פולק, אַזוי גוט באַדעקט און אַזוי הערלעך, אַז יעדער קעניג וואָלט מיט אַזאַ חייל געקאָנט שטאָלצירן. ס'האָבן אין דאָזיקן פולק געדינט בלויז בערג־שלאַכטשיצעס: מענטשן צוגעקליבענע, איינס און איינס, פאַנצערס האָבן זיי אויף זיך געהאַט פון העלן בלעך, מיט מעש באַשלאָגן, הינגראַפּן מיט דער הייליקסטער בתולה, קײלעכדיקע העלמען מיט אייזערנע אויער־לעפּלעך, געצאַקטע פון אויבן, באַ די אָרעמס פליגלען פון רויב־פייגל, אויף די פּלייצעס פעלן פון טיגערס און לעמפּאַרטן, ביי די עלטר־ פון וועלף, כנהוג.

אַ וואַלד פון גרין־שוואַרצע פאָנעץ האָט איבער זיי געפלאַטערט; פאָרנט איז געפאָרן פּאָרוטשניק וויקטאָר, הינטער אים אַ יאַניטשאַרן־קאַפּעלע מיט גלעקלעך. פייקלעך, קעסל־פויקן און פייפעלעך, ווייטער אַ וואַנט פון פערדישע און מענטשלעכע ברוסטן, באַקאָוועט מיט אייזן.

דעם קעניגס האַרץ האָט געקוואָלן פון נחת אויפן דאָזיקן הער־ לעכן אָנבליק. צוזאַמען מיט די הוזאַרן האָט מאַרשירט אַ לייכטער פולק, וואָס האָט געציילט נאָך מער מענטשן, מיט הויל־ שווערדן אין די הענט און פייל־בויגנס אויף די פּלייצעס; דערנאָך זענען געגאַנגען דריי הונדערט קאָזאַקן, פאַרביקע, ווי דער בליענדיקער מאָן, באַוואָפנט מיט שפּיזן און פּיסטאָלעטן; דערנאָך

צוויי הונדערט דראַגונער אין רויטע רייט־יאַקעס; דערנאָך די סוויטעס פון די פאַרשידענע שררות, וואָס האָבן זיך שוין אויפֿגעהאַלטן אין לובאָוולאַ, דינער אויסגעפוצטע ווי אויף אַ חתונה, טראַבאַנטען, היידוקן, פּאַיוקן, יינגע אונגאַרן און יאַניטשאַרן, וואָס זענען באַשטימט געווען צו באַדינען די שררות.

און געביטן האָט זיך דאָס אַלץ ווי אַ רעגן־בויגן, און אַנגעפּאָרן זענען זיי טומלדיק און רוישיק, ביי אַ הירזשעריי פון פערד, געקלימפּער פון כּלי־זיין, געקנאַל פון די קעסלען, געבערום פון די פּויקן, קלאַנגען פון פייפֿלעך און אַזעלכע הילכיקע קולות, אַז עס האָט זיך געדוכטן, דער שניי וועט פון זיי פון די בערג אַראָפּפאַלן. צום סוף האָט מען הינטער די חיילות געזען קאַטשן און קאַרעטעס, אין וועלכע עס זענען אַ פּנים געפאָרן די וועלטלעכע און גייסטלעכע פּני.

דערנאָך האָבן די חיילות זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות אין דער לענג פון וועג, און אין דערמיט האָט זיך אויף אַ מילך־ווייסן פערד באַוויזן דער קרוין־מאַרשאַל בכבודו ובעצמו, יעזשי לובאָמירסקי. ער איז געפלויגן ווי אַ ווינטער דורך יענעם וועג. און הינטער אים צוויי רייט־קנעכט, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין גאָלד. אַז ער איז צוגעקומען צום באַרג, איז ער פון פערד אַראָפּגעשפּרונגען און אַ וואָרף־טועודיק די לייצעס איינעם פון די רייט־קנעכט, איז ער אַליין צופוס אַרויף אויפן באַרג, צום דאָרט שטייענדיקן קעניג.

ער האָט דאָס היטל אַראָפּגענומען און עס אויפן הענטעל פון דער שווערד אַרויפגעשטעקט, ער איז געגאַנגען מיט אַ בלויזן קאָפּ, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן העמערל, וואָס איז אינגאַנצן מיט פּערל געווען באַדעקט. אָנגעטאָן איז ער געווען אויפן פּוילישן שטייגער, אין אַ מיליטערישער הלבשה; אויף דער ברוסט האָט ער געהאַט אַ פּאַנצער פון גילדענעם בלעך, געדיכט ביי די עקן מיט שטיינער אויסגעזעצט, און אַזוי פּאָלירט, אַז עס האָט זיך געדוכטן, ער טראָגט די זון אויף דער ברוסט; דורך דעם לינקן אָרעם האָט אים אַראָפּגעהאָנגען אַן איבער־

ראָק פֿון אַ טונקעלע קאָליר, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין פּורפּורפּיאָלעט פֿון װענעציאַנער סאַמעט. ביים האַלז איז ער געװען צוגעניײט צו אַ שנור, װאָס איז געװען צוגעשפּילעט צו בריליאַנטענע אַגראַפֿן, מיט װעלכע דער גאַנצער איבער־ראָק איז געװען באַנייט. אויך באַם היטל האָט אַ בריליאַנטענע פֿעדער זיך געשאָקלט, און די דאָזיקע איידל־שטיינער האָבן געבלינצעלט װי פֿאַרשידנפֿאַרביקע פֿונקען אַרום זיין גאַנצער געשטאַלט, און ער האָט די אויגן געבלענדט, אַזאַ שיין האָט פֿון אים געשלאָגן.

געװען איז דאָס אַ מאַן אין בליענדיקן עלטער, פֿון אַ הערלעכער פיגור. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַן אונטערגעגאָלטן, אַ געגוג שיטערע, גראָלעכע טשופּרינע, אין געקרייזלטע לאָקן אויפֿן שטערן אייסגעלייגט, װאָנסעס שװאַרצע, װי דער פֿליגל פֿון אַ ראָב, װאָס זענען אין דינע עקן ביי ביידע זייטן פֿון מויל אַראָפּגעפֿאַלן. דער הויכער שטערן און רוימישע נאָז האָבן צוגעגעבן שיינקייט זיין פּנים, עס האָבן עס אָבער אַ ביסל מיאוס געמאַכט די צו רונדיקע באַקן און קליינע אויגן, װאָס זענען מיט אַ רויטן רעמעל געװען אַרומגענומען. אַ גרויסע חשיבות, אָבער דערביי אויך אַן אומדערהערטע גדלות און אייגן־ליבע האָט דאָס דאָזיקע פּנים אויסגעדריקט. האָסט זיך לייכט משער געװען, אַז דער דאָזיקער מאַגנאַט האָט געװאָלט, אַז די אויגן פֿון גאַנצן לאַנד, יאָ, פֿון גאַנץ אייראָפּאַ זאָלן אייביק זיין אויף אים געװענדעט. און אַזוי איז עס טאַקע באמת געװען.

דאָרט, װו יעזשי לובאַמירסקי האָט נאָר נישט באַװיזן צו פֿאַרנעמען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט, דאָרט װו ער האָט געמוזט טיילן מיט אַנדערע רום און פֿאַרדינסטען, דאָרט איז זיין צערייצטע גאוה גרייט געװען צו שטערן און צו־נישט צו מאַכן אַלע שטרעבונגען, אַפֿילו דעמאָלט, װען עס האָט זיך געהאַנדעלט װעגן אויסלייזן דאָס פֿאָטערלאַנד.

געװען איז דאָס אַ פֿירער אַ דורכגעטריבענער און אַבר־מזל,

אָבער אויך אין דעם פּרט האָבן זיך אַנדערע אומגעהייער איבערגעשטיגן, און בכלל האָבן זייערע פֿעיִקייטן, הגם נישט געוויינלעכע, זיך נישט געפּאָרט מיט זיין אַמביציע און מאַכט־באַגער. דערפֿון האָט זיך גענומען די אייביקע אומרויִקייט, וואָס האָט געבּרויזט אין זיין נשמה, דערפֿון איז נולד געוואָרן די נטיה צו שטענדיקע חשדים, צו קנאה, וועלכע האָט שפּעטער אים דערפֿירט דערצו, אַז ער איז פֿאַר דער רעפּובליק געוואָרן געפֿערלעכער אַפֿילו פֿון דעם שרעקלעכן יאַנוש ראַדזיוויל. דער יצר־הרע, וואָס איז געזעסן אין יאַנושן, איז צו גלייך אויך געווען אַ גרויסער גייסט, ער האָט זיך נישט געשראָקן פֿאַר קיינעם און פֿאַר גאָרנישט, יאַנוש האָט באַגערט די קרוין און איז באַוווּסטזיניק געגאַנגען צו איר איבער קבֿרים און חורבן פֿון פֿאָטערלאַנד. לובאָמירסקי וואָלט זי געווען אָנגענומען, ווען די הענט פֿון אַ שלאַכטשיץ וואָלטן זי געווען אויף זיין קאָפּ אַרויפֿגעלייגט, האָבנדיק אָבער אַ קליינע נשמה, האָט ער נישט די העזה געהאַט זי קלאָר און בפֿירוש צו גלוסטן. ראַדזיוויל איז געווען איינער פֿון די מענער, וואָס דער דורכפֿאַל שטויסט זיי אַראָפּ צו דער מדרגה פֿון פֿאַרברעכער, און די הצלחה הייבט זיי אויף צו דער מדרגה פֿון האַלב־געטער; לובאָמירסקי איז געווען אַ גרויסער רשע, וועלכער איז צוליב זיין גרייצטער גאווה תּמיד גרייט געווען צונישט צו מאַכן די אַרבעטן פֿאַר דער אויפֿריכטונג פֿון פֿאָטערלאַנד, גאָרנישט אויף דעם אָרט אויפֿצובויען, אַפֿילו זיך אַליין אויפֿצוהייבן האָט ער זיך נישט דערוועגט, נישט געקאָנט; ראַדזיוויל איז געשטאָרבן מער שולדיק, לובאָמירסקי מער שעדלעך.

אָבער דעמאָלט, ווען ער איז אין גאָלד, סאַמעט און איידלשטיינער אַקעגנגעגאַנגען דעם קעניג, איז זיין גאווה געווען גענוג אָנגעזעטיקט. דאָס האָט ער דאָך דער ערשטער פֿון די מאַגנאַטן אויפֿגענומען זיין קעניג אויף זיין ערד; ער האָט אים דער ערשטער ווי אין שוץ גענומען, ער האָט אים אויף דעם צעשטערטן טראָן געזאָלט פֿירן, ער האָט דעם שונא געזאָלט פֿאַרטרייבן, פֿון אים האָבן דער קעניג און דאָס לאַנד אַלץ

דערוואַרס, צו אים זענען אַלעמענס אויגן געווען געווענדעט. דעמאָלט, ווען זיין אייגן-ליבע האָט נישט געליטן, נאָר, אדרבא, זיך נאָך געפילט געשמייכלט דערפון, וואָס ער קאָן אַרויסווייזן טריישאַפט און איבערגעבנקייט, איז ער באמת גרייט געווען אויף קרבנות און מסירת נפש, איז ער גרייט געווען אַפילו די ...פט אין באַווייזן פון רעספעקט און טריישאַפט אַריבערצוכאַפן. צוקומענדיק ביז דער העלפט פון באַרג, אויף וועלכן דער קעניג איז געשטאַנען, האָט ער אַ כאַפ-אַראָפ-געטאָן דאָס היטל פון העגטעל און פאַרבייגנדיק זיך געגומען מיט איר ברילי־אַנטענער פעדער דעם שניי אָוועקקערן.

דער קעניג איז מיטן פערד געפאָרן אַ ביסל אַראָפ. דערנאָך האָט ער עס פאַרהאַלטן, כדי זיך אַראָפצוזעצן צום באַגריסן. זעענדיק דאָס, איז דער הער מאַרשאַל צוגעשפרונגען מיט זיינע חשובע הענט העלפן דעם קעניג פון פערד זיך אַראָפ-זעצן און אין דער רגע האָט ער מיט אַ גיכער באַוועגונג דעם אויבער-ראָק פון די פלייצעס אַראָפגעריסן און לויטן ביישפיל פון אַן ענגלישן הויף-מאַן אים געוואָרפן צו די פיס פון קעניג.

דער געררירטער קעניג האָט אים געעפענט די אָרעמס און ווי אַ ברודער אים אַרומגענומען.

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויס-ריידן, אָבער אויפן דאָזיקן הערלעכן אָנבליק האָט דאָס חייל, שלאַכטע און פאָלק זיך אין איין קול צעברויזט און טויזנטער היטלעך זענען געפלויגן אין די לופט, אַלע ביקסן און פיסטאָלעטן האָבן זיך צעקנאַלט, די האַרמאַטן פון לובאָוולאַ האָבן זיך אָנגערופן מיט אַ ווייטן באַס, אַז די בערג האָבן זיך אַזש אַ טרייסל-געטאָן, ס'האָבן זיך אויפגעוועקט אַלע עכאָס און גענומען לויפן אין אַלע זייטן, אָנקלאַפן אין די טונקעלע ווענט פון די וועלדער, אין די פעלזן און היילן, און פליען מיט אַ בשורה צו די ווייטערדיקע בערג, צו די ווייטערדיקע פעלזן...

— הער מאַרשאַל — האָט דער קעניג געזאָגט — איך וועלן מיר די אויפריכטונג פון קעניגרייך פאַרדאַנקען!

— גנעדיקער הער! — האָט לובאַמירסקי געענטפערט — מיין

פאַרמעגן. לעבן, בלוט, אַלץ לייג איך צו די פיס פון אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט!

— Vivat! Vivat Jannes Casimirus rex!... — האָבן אויסגעשרייען געהילכט.

— זאָל לעבן דער קעניג, אונזער פאָטער! — האָבן די בערגלייט גערופן.

דערווייל האָבן די שררות, וואָס זענען געפאָרן מיטן קעניג, אַרומגערינגלט דעם מאַרשאַל, וועלכער איז אָבער פון קעניגס פערזאָן נישט אָפּגעטרעטן. נאָך די ערשטע באַגריסונגען האָט זײַער קעניג זיך ווידער געזעצט אויפן פערד און דער הער מאַרשאַל, וועלכער האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן פון קיין גרענעץ אין גאַסט-פריינטשאַפט און רעספעקט פאַר דער מאַיעסטעט, האָט אַ כאַפּ-געטאָן די לייצעס און גייענדיק אַליין צו-פוס, האָט ער געפירט דעם קעניג צווישן די רייען פון חיילות און פאַרטויבנדיקע אויסגעשרייען, אַזש ביז צו דער באַגילטער, אין אַכט טיגער-פערד געשפּאַנטער קאָטש, אין וועלכער די קעניגלעכע מאַיעסטעט האָט זיך אַרײַנגעזעצט צוזאַמען מיטן פּויבסטלעכן נונציוס ווידאָן.

די בּיסקופּן און הויכע באַאַמטע האָבן פאַרנומען ערטער אין די ווייטערדיקע קאָטשן, און דערנאָך האָט מען זיך לאַנגזאַם געלאָזט פאָרן צו לובאָוולאַ צו. דער הער מאַרשאַל איז געפאָרן בײַם פענסטער פון דער קעניגלעכער קאָטש, אַ שטאָלצער און אַ צופרידענער פון זיך אַליין, גלייך ווי מען וואָלט אים שוין פאַר אַ פאָטער פון פאָטערלאַנד אויסגערופן.

אויף ביידע זייטן זענען געגאַנגען געדיכטע רייען פון חיילות, זינגענדיק אַזאַ ליד:

קלאַפּ די שוועדן, קלאַפּ,
צו דער שווערד זיך כאַפּ.

שלאָג די שוועדן, שלאָג,
זאָל זיי זיין אַ קלאָג.

ברען די שוועדן, ברען,
קיין רחמנות קען.

שנייד די שוועדן, שנייד
און פאַרשאַף זיי לייד.

שינד די שוועדן, שינד,
ד'הויט פון זיי געשווינד.

שענד די שוועדן, שענד,
אָן אַ שפור פאַרלענד.

רייס די שוועדן, רייס,
און דיין מוט באַווייז!

ליידער האָט אין מיטן פון דער אַלגעמיינער שמחה און התלהבות קיינער נישט פאָרויס געזען, אַז שפּעטער וועט דאָס זעלבע ליד, בייטנדיק די שוועדן אויף פראַנצויזן, געזונגען ווערן דורך לובאָמירסקיס די זעלבע חיילות, וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט אַ קעגן זייער לעגיטימען קעניג און האַר.

אָבער איצט איז נאָך ווייט געווען דערצו. אין לובאָוולאַ האָבן געקנאַלט די האַרמאַטן, אַז די טורעמס און מויערן האָבן זיך אַזש באַדעקט מיט רויך, די גלאָקן האָבן געקלונגען ווי אויף אַ שׂרפה. דער הויף, אין וועלכן דער קעניג האָט זיך אַרויסגעזעצט, דאָס פאָדער-הויז און די שלאָס-טרעפּ זענען געווען אויסגעבעט מיט אַ רויטן טוך. אין די פון איטאַליען אַראָפּגעבראַכטע וואַזעס האָבן געברענט מזרחדיקע געווירצן, דעם גרעסטן טייל פון לובאָמירסקיס אוצרות, פון די גילדענע און זילבערנע קרעדענצן, פוירהענג, טעפּיכער, גאַבעלינן, קונציק געוועבטע דורך פלאַמאַנדישע הענט, סטאַטועס, זייגערס, שענק מיט איידלשטיינער באַצירטע, שרייב-פולטן מיט פערלמוטער און בורשטין געפּוצטע, האָט מען שוין פריער אַראָפּגעבראַכט קיין לובאָוולאַ, כדי זיי מציל צו

זיין פון די שווערישע רויבערישע אַפּעטיטן; איצט איז דאָס אַלץ געווען אויסגעשטעלט, אויסגעהאָנגען, האָט געבלענדט די אויגן און פאַרוואַנדעלט דעם דאָזיקן שלאָס אין עפּעס אַ פאַרכישופטע רעזידענץ. און דער הער מאַרשאַל האָט בכיון אַרויסגעשטעלט אַזאַ פּראַכט, וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַ סולטאַן, כדי צו ווייזן דעם קעניג, אַז הגם ער קערט צוריק ווי אַ פאַרטריבענער, אָן געלט, אָן חייל, נישט פאַרמאָגנדיק כמעט קיין מלבושים איבערצובייטן, איז ער דאָך אַ מעכטיקער מושל, האָבנדיק אַזעלכע מעכטיקע און צוגלייך אויך טרייע דינער. דער קעניג האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע כונה און דאָס האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען פון דאַנקבאַרקייט, יעדע ווײַלע האָט ער דעריבער גענומען דעם מאַרשאַל אין די אָרעמס, אים געדריקט דעם קאָפּ און געדאַנקט. דער נונציוס, הגם ער איז צו פּראַכט געוווינט געווען, האָט זיך הויך געחידושט איבער דעם, וואָס ער האָט געזען, און מ׳האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צום גראַף אָפּאָטינגען, אַז ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין השגה וועגן דער מאַכט פון פוילישן קעניג און אַז ער זעט, דאָס די פריערדיקע מפּלות זענען נאָר געווען אַ צייטווייליק אָפּווענדען זיך פון מזל, וועלכעס מוז גאָר בקרוב זיך אומקערן.

צום באַנקעט, וועלכער איז פאָרגעקומען נאָכן אויסרוען זיך, האָט זיך דער קעניג געזעצט אויף אַ הויכקייט און דער הער מאַרשאַלעק האָט אים אַליין משמש געווען, נישט דערלויבנדיק קיינעם אים צו פאַרבייטן. אויף דער רעכטער זייט פון קעניג האָט זיך געזעצט דער נונציוס ווידאָן, אויף דער לינקער זייט פירשט פרימאַס לעשטשינסקי, ווייטער אויף ביידע זייטן די גייסטלעכע און וועלטלעכע הויכע לייט, ווי דער קראָקעווער און פּויזנער קסיאָנדזן ביסקופּ, דער לוואָווער, לוצקער, כעלמער קסיאָנדז אַרציביסקופּ, דער קראָקאָווער קסיאָנדז אַרכידיאַקאָן, ווייטער די קרוין-קאַנצלערס און וואָיעוואָדעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ צאָל פון אַכט, און די

קאַשטעלאַנס און רעפּערענדאַרן, און פון די אָפיצירן האָבן זיך צום באַנקעט געזעצט הער וואָינילאָוויטש, הער וויקטאָר, הער סטאַבקאָווסקי און הער באַלדווין שורסקי, אָנפירער פון לובאָמירסקיס לייכטן פולק.

אין צווייטן זאַל איז אַ טיש געווען געגרייט פאַר די קלענערע שלאַכטשיצעס, און אין גרויסן וואָפן-מאַגאַזין פאַרן פּראָסטן עולם, ווייל אַלע האָבן זיך געדאַרפט משמח-זיין אין טאָג פון קעניגס אָנקומען.

און ביי אַלע טישן האָט מען וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט, ווי נאָר וועגן קעניגס צוריקקער, וועגן די שרעקלעכע פאַרלויפענישן, וואָס האָבן פּאַסירט אין וועג און אין וועלכע גאָטס האַנט האָט דעם קעניג באַשיצט. יאַן קאַזשימיעזש אַליין האָט גענומען רעדן וועגן דער שלאַכט אין דער הייל און לויבן יענעם ריטער, וועלכער האָט דער ערשטער דעם שוועדישן אימפּעט צוריקגעהאַלטן.

— און וואָס מאַכט ער דאָרט! — האָט ער געפרעגט דעם הער מאַרשאַל.

— דער מעדיקער טרעט פון אים נישט אָפּ און זאָגט גוט פאַר זיין לעבן, און דערביי האָבן אויך די פריילײַנס פון פּרויען-צימער אים גענומען אונטער זייער השגחה און וועלן אודאי נישט לאָזן זיין נשמה פון גוף אַרויסגיין, ווייל דער גוף איז יינג, שיין! — האָט דער מאַרשאַל פריילעך געענטפערט.

— געלויבט איז גאָט! — האָט דער קעניג אויסגערופן — כ'האָב געהערט פון זיין מויל עפּעס, וואָס איך וועל פאַר אייך נישט איבערחזרן, ווייל מיר אַליין דאַכט זיך, אַז איך האָב פאַרהערט, אָדער אַז ער האָט אין דער היץ אַזוי גערעדט, אָבער אויב דאָס וועט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַן אמת, וועט איר ערשט רעכט זיך חידושן.

— אַבי נאָר נישט עפּעס אַזוינס — האָט דער מאַרשאַל געזאָגט — וואָס זאָל אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט קאָנען מצער זיין?

— חס וחלילה! — האָט דער קעניג געזאָגט — אַדרבא דאָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַגרויסן נחת-רוח, ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַפילו די, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ רעכט זיי צו האַלטן פאַר די גרעסטע שונאים, זענען אין אַ נויט גרייט זיך פאַר אונדז מוסר-נפש צו זיין.

— גנעדיקער האר! — האָט דער מאַרשאַל אויסגעשריגן — די צייט פון תשובה-טאָן איז געקומען, אָבער אונטערן דאָזיקן דאַך געפינט זיך אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט צווישן אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל אַפילו במחשבה קעגן זיין מאַיעסטעט זיך נישט פאַרזינדיקט.

— אמת, אמת! — האָט דער קעניג געענטפערט — און איר, הער מאַרשאַל, אין דער ערשטער ריי!

— אייער נידריקער דינער בין איך, קעניגלעכע מאַיעסטעט!

ביים טיש איז דער ליאַרם ביסלעכווייז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. עס זענען געפירט געוואָרן שמועסן וועגן פאָליטישע קאָניונקטורן, וועגן דייטשן קייזערס הילף, אויף וועלכער מ'האָט ביז איצט אומזיסט געוואַרט, וועגן די טאָטע-רישע פאַרשטאַרקונגען און דער קומענדיקער מלחמה מיט די שוועדן. אַ נייע שמחה איז געוואָרן, ווען דער הער מאַרשאַל האָט דערקלערט, אַז דער שליח, וואָס איז דורך אים ספּעציעל צום כאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן, איז מיט אַ פּאָר טעג פריער צוריקגעקומען און פעסטגעשטעלט. אַז פערציק טויזנט טאָטערישע זעלנער שטייען גרייט, און אַז עס קאָנען אויך זיין הונדערט טויזנט, ווי נאָר דער קעניג וועט אַראָפּפאָרן קיין לעמבערג און שליסן אָן אָפּמאַך מיטן כאַן. דער זעלבער שליח האָט מודיע געוועזן, אַז אויך די קאָזאַקן האָבן מחמת מורא פאַר די טאָטערס זיך אומגעקערט צו געהאָרכזאַמקייט.

— וועגן אַלץ האָט איר געטראַכט, הער מאַרשאַל — האָט דער קעניג געזאָגט — אַזוי ווי מיר אַליין וואָלטן בעסער נישט געוועזן טראַכטן!

דאָ האָט ער אַכאַפּ-געטאָן דעם בעכער און אויסגערופן:

— פאַרן געזונט פון הער קרוין-מאַרשאַל, אונדזער מכניס-אורח און פריינט!

— דאָס קען נישט זיין, גנעדיקער האַר! — האָט דער מאַרשאַל אויסגעשריגן — פאַר קיינעמס געזונט קאָן דאָ פריער נישט געטרינקען ווערן, ווי פאַרן געזונט פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט!

אַלע האָבן צוריק געהאַלטן די שוין האַלב אויפגעהויבענע בעכערס, און לובאָמירסקי האָט אַן אויפגערוימטער, אַ פאַרשוויצטער, אַ ווונק-געטון צו זיין אייגענעם מאַרשאַל-טיש-באַאַמטן.

אויפן דאָזיקן צייכן זענען די דינער, מיט וועלכע ס'איז איבערן זאַל פול געווען, אַ שפרונג-געטון און גענומען אויפסנייע איינגיסן מאַלוואַזיר-ווייַן, וואָס איז געשעפּט געוואָרן מיט באַגילדטע קענדלעך פון אַ ריין-זילבערנעם פאַס. דער עולם איז באַלד געוואָרן נאָך מער אויפגעהייטערט און אַלע האָבן נאָר געוואַרט אויפן הער מאַרשאַלס טאָסט.

דער טיש-באַאַמטער האָט דערווייל געבראַכט צוויי בעכערס פון ווענעציאַנער קרישטאַל, פון אַזאַ וווּנדערבאַרער אַרבעט, אַז זיי האָבן געקענט פאַרן אַכטן וועלט-וווּנדער גילטן. זייער אויסגעהוילטער און גאָר דין, אפשר יאָרן-לאַנג געשליפענער קרישטאַל, האָט געוואָרפן אַן עכט דימענטענע שיין; איבער דעם באַשלאַג האָבן געאַרבעט איטאַליענישע מייסטערס. די געשטעלן זענען געווען פון גאָלד, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעקריצט קליינע פיגורלעך, וואָס שטעלן פאָר דעם אַריינפאָר פון אַ נצחון-רייכן אַרמיי-פירער אין קאַפּיטאָל. דער פירער איז געפאָרן אין אַ באַגילדטן רייטוואָגן איבער אַ וועג, געפלאַסטערט מיט פערלעך. הינטער אים זענען געגאַנגען געפאַנגענע מיט געבונדענע הענט; עפּעס אַ קעגיג אין אַ קאָפּ-באַדעקונג, פון איין שמאַראַגד געמאַכט, ווייטער האָבן מאַרשירט לעגיאָניסטן מיט פאָנען און אָדלערס, העכער פופציק פיגורלעך האָבן זיך געפונען אויף יעדן געשטעל,

ויטשימאַנטשיקע, ווי אַ האָזל-ניס די גרויס, אָבער אַזוי קונציק אויסגעאַרבעט, אַז די האָסט געקענט דערקענען די שטריכן פון פּנים און די געפילן פון יעדן פיגורל, דעם שטאָלץ פון די זיגער און דעם צער פון די באַזיגטע. דאָס געשטעל מיטן בעכער האָבן פאַרייניקט פיינע גאָלדענע דרעטלעך, דינע ווי אַ האָר, קונציק אויסגעבויגענע אין וויין-בלעטער, טרויבן און פאַרשידענע בלומען. דידאָזיקע דרעטלעך האָבן זיך געוויקלט אַרום דעם קרישטאָל, פאַרייניקנדיק זיך אויבן אין איין קרייז, וועלכער האָט געבילדעט דעם ראַנד פון בעכער און איז געווען אויסגעזעצט מיט שטיינער פון זיבן קאָלירן.

דער טיש-באַאַמטער האָט בכן דערלאַנגט איין בעכער אַזעלכן דעם קעניג, דעם צווייטן דעם הער מאַרשאַל, ביידע אָנגעפילט מיט מאַלוואַזיר-וויין. דאַמאָלס האָבן זיך אַלע פון די ערטער אויפגעשטעלט און דער הער מאַרשאַל האָט דעם בעכער אויפגעהויבן און אַ געשריי-געטון מיט אַלע כוחות:

Vivat Jaannes Casimirus Rex! —

Vivat! Vivat! —

אין דער רגע האָבן די האַרמאַטן ווידער אַ קנאַל-געטון, אַז די שלאָס-ווענט האָבן זיך אַזש געטרייסלט, די שליאַכטע, וואָס האָט געפּראַוועט די סעודה אין צווייטן זאַל, איז אַריינגעלאָפן מיט די בעכערס; דער הער מאַרשאַל האָט געוואָלט האַלטן אַ דרשה, אָבער ס׳איז נישט מעגלעך געווען, ווייל די ווערטער זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די כסדרדיקע קולות: „וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט!"

דעם מאַרשאַל האָט באַוועלטיקט אַזאַ שמחה, אַזאַ גדולה, אַז אַ ווילדקייט האָט אַזש אויפגעבליצט אין זיינע אויגן און אויסליידיקנדיק זיין בעכער, האָט ער אַ געשריי-געטון אַזוי, אַז מ׳האָט אים געהערט אפילו אין דעם אַלגעמיינעם הו-האַ:

Ego ultimus!... —

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך מיט יענעם בעכער וואָס זיין ווערט האָט גאָר קיין שיעור נישט, אַ זעץ-געטון אין קאָפּ אַריין, אַז דער קרישטאָל איז זיך אַזש צעשפּרונגען אין

הונדערטער פיצלעך, וועלכע זענען מיט אַ געקלאַנג אַראָפּגעפאַלן אויף די פּאָדלאָגע, און די שלייפן פון מאַגנאַט האָבן זיך מיט בלוט באַגאָסן.

אַלע זענען פאַרבליפט געוואָרן, און דער קעניג האָט געזאָגט:

– הער מאַרשאַל, ס'איז אונדז נישט קיין שאָד דער בעכער, נאָר דער קאָפּ... ער איז אונדז זייער טייער!

– וואָס פאַר אַ ווערט האָבן באַ מיר אוצרות און איידל-שטיינער! – האָט דער מאַרשאַל אויסגערופן – ווען איך האָב דעם כבוד אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט אין מיין הויז אויפצונעמען. זאָל לעבען דער קעניג יאַן קאַזימיעזש!

דאָ האָט דער טיש-באַאַמטער אים דערלאַנגט אַ צווייטן בעכער.

– זאָל לעבן! זאָל לעבן! זאָל לעבן! – האָט כסדר און אָן אויפהער געהילכט.

דער קלאַנג פון צעקלאַפּטן גלאָז האָט זיך אויסגעמישט מיט די אויסגעשרייען, נאָר די ביסקופּן האָבן נישט נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון מאַרשאַל, ווייל דער אָנזען פון די גייסטלעכע האָט נישט דערלאָזט.

אָבער דער פויזנאַנער נונציוס, וועלכן ס'איז פרעמד געווען דער מנהג פון צעהאַקן גלאָז אויפן קאָפּ, האָט זיך צוגעבויגן צום דערלעבן-זיצנדיקן פויזנער קסיאָנדז ביסקופּ און געזאָגט:

– באַ גאָט! איך קען דאָס גאָרנישט משיג זיין... אייער מלוכה-קאַסע איז דאָך פוסט און פאַר איין בעכער אַזעלכן וואָלט מען געקענט אויפשטעלן און אויסהאַלטן צוויי גוטע רעגימענטען מיליטער!

– אַזוי איז באַ אונז תמיד – האָט דער פויזנער ביסקופּ געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ – ווען דאָס האַרץ גייט-איבער פון שמחה, ווייסט מען אויך פון קיין מאָס נישט אין קיין שום זאַך.

און די שמחה איז טאַקע געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער.

באַם סוף פון באַנקעט האָט אַ העלע שיין אַ זעץ-געטון אין די פענסטער פון שלאָס.

— וואָס איז דאָס ? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— גנעדיקער האַר ! איך פאַרבעט אויף אַ ספּעקטאַקל ! — האָט דער מאַרשאַל געזאָגט.

און וואַקלענדיק זיך אַ ביסל, האָט ער דעם קעניג צום פענסטער צוגעפירט. דאָרט האָט אַ ווונדערלעכער אָנבליק איבעראַשט זייערע אויגן. דער הויף איז געווען באַלויכטן ווי בטאָג. אַ פּאָר צענדליק פעסער מיט סמאָלע האָבן געוואָרפן אַ העל-געלבע שיין אויפן ברוק, וואָס איז געווען אויסגעקערט פון שניי און אויס-געשאָטן מיט נאָדלען פון בערגיקע טענענבוימער. דאָ און דאָרט האָבן געברענט פעסער מיט אָקאָוויט, וואָס האָבן געוואָרפן אַ בלויע שיין ; אין מאַנכע האָט מען אַריינגעשאָטן זאַלץ, כדי זיי זאָלן לייכטן רויט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ספּעקטאַקל : צוערשט האָבן ריטערס טערקישע קעפּ אָפּגעשניטן, געלאָפן נאָך אַ רינג און געיאָגט זיך איינער מיטן צווייטן ; דערנאָך האָבן הינט אַ בער אויפגעפרעסן ; דערנאָך האָט איין בערג-תּושב, אַ מין שמשון פון די בערג, געוואָרפן מיט אַ מיל-שטיין און אים געכאַפּט אין דער לופט. די האַלבע נאַכט האָט ערשט געמאַכט אַ סוף צו דידאָזיקע פאַרוויילונגען.

אַזוי איז אַרויסגעטרעטן דער הער קרוין-מאַרשאַל, הגם די שווערדן זענען נאָך געווען אין לאַנד.

ז קאַפּיטל

אין מיטן פון די באַנקעטן און פון דעם צושטראָם פון אַלץ נייע הויכע באַאַמטע, שלאַכטשיצעס און ריטערס, האָט אָבער דער גוטער קעניג נישט פאַרגעסן וועגן זיין טרייען דינער, וועלכער האָט אין דער בערג-הייל אַזוי דרייסט זיין ברוסט אויף די שוועדישע שווערדן אויסגעשטעלט און אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען קיין לובאָוולאַ האָט ער באַזוכט דעם פאַרוווּנדעטן הער אַנדזשעי. ער האָט אים געטראָפן באַם באַוווּסטזיין און כמעט אַן אויפגעלייגטן, הגם אַ בלייכן, ווי דער טויט, ווייל דורך אַ גליקלעכן טראַף האָט דער יינגער ריטער קיין שום שווערע וווּנד נישט באַקומען און ער האָט נאָר אַ סך בלוט פאַרלוירן.

דערזעענדיק דעם קעניג האָט זיך קמיטשיץ אפילו אויפגעהויבן אויפן בעט און זיך אַוועקגעזעצט, און הגם דער קעניג האָט אים גענומען שטאַרק בעטן, אַז ער זאָל זיך צוריקלייגן, האָט ער דאָס נישט געוואָלט טון.

— גנעדיקער האַר — האָט ער געזאָגט — אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך זיך שוין זעצן אויפן פערד און, מיט אייער

גנעדיקן רשות, ווייטער פאָרן מיט אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט, ווייל איך שפּיר אַליין, אַז עס איז מיר גאָרנישט.

— זיי האָבן דאָך דיך געמוזט מוראדיק צעקלאַפּן... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז איינער זאָל זיך אויף אַזוי פיל וואַרפן.

— דאָס האָט מיט מיר שוין נישט איינמאָל געטראָפן, ווייל איך האַלט, אַז אין אַ סכנה זענען די שווערד און אַנטשלאָסנקייט דער בעסטער אויסוועג... עי, גנעדיקער האַר! פאַר די שניטן, וואָס זענען אויף מיין הויט פאַרטרוקנט געוואָרן, וואָלט אַן אָקסענע פעל אויך פול ענג געווען. אַזאַ מזל האָב איך שוין!

— אויפן מזל זאָלסטו זיך נישט באַקלאָגן, ווייל מ׳זעט, אַז די קריכסט בלינדערהייט דאָרט ווו מ׳קען נישט בלויז שניטן, נאָר אויך דעם טויט כאַפּן. זייט ווען גיסטו זיך דען אָפּ מיט מיליטעריש זאַכן? ווו האָסטו זיך פריִער דערמיט פאַרנומען?

אַ פאַרבייפליִענדיקע רויטקייט האָט באַפאַרבט הער קמיטשיצס בלייכע פּנים.

— גנעדיקער האַר, דאָס בין איך דאָך כאַוואַנסקין אונטערגעקומען, ווען אַלע זענען שוין געווען אָפּהענטיק, און פאַר מיין קאָפּ איז אַ פרייז געווען באַשטימט.

— הער נאָר — האָט דער קעניג מיטאַמאָל געזאָגט — האָסט מיר אין יענער הייל געזאָגט אַן אויסטערליש וואָרט, אָבער איך האָב געמיינט, אַז די היץ האָט דיך אָנגעכאַפּט און דער קאָפּ איז דיר צעדולט געוואָרן. איצט זאָגסטו ווידער, אַז דאָס ביסטו כאַוואַנסקין אונטערגעקומען, ווער-זשע ביסטו? ביסטו באמת נישט באַבינימש? מיר ווייסן ווער עס איז כאַוואַנסקין אונטערגעקומען!

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן; צום סוף האָט דער יינגער ריטער אויפגעהויבן דאָס אָפּגעצערטע פּנים און געזאָגט:

— יאָ, גנעדיקר האַר! נישט די היץ רעדט פון מיר אַרויס, נאָר דער אמת; איך האָב דאָס כאַוואַנסקין אַרומגעפּליקט און איך האָב זיך דאָס זייט דערדאָזיקער מלחמה קונה-שם געווען

אין דער גאַנצער רעפּובליק... איך בין אַנדזשעי קמיטשיץ, דער אָרשער כאָראָנזשי...

דאָ האָט הער קמיטשיץ צוגעמאַכט די אויגן און איז וואָס אַמאָל מער בלייך געוואָרן, אָבער ווען דער קעניג האָט אַ פאַרחידושטער געשוויגן, האָט ער ווייטער גענומען אַזוי זאָגן:

— איך, גנעדיקער האַר, בין דאָס יענער פאַרשטויסענער, דורך גאָט און לייט פאַר רציחות און הפקרות פאַראורטיילטער, איך האָב דאָס ראַדזיווילן געדינט און צוזאַמען מיט אים אין אייך, גנעדיקער האַר, און אין פאָטערלאַנד געפעלשט, און איצט, צעשטאָכען פון שווערדן, צעטרעטן פון פערדישע קאָפּיטעס, אַ קראַנקער און אַ שוואַכער, אַז איך בין זיך נישט בכוח אויפ־צוהייבן, קלאַפּ איך זיך אין האַרץ אַריין און חזר־איבער: „כ'האָב געזינדיקט! כ'האָב געזינדיקט!" און בעט, אַז איר זאָלט ווי אַ פאָטער זיך אויף מיר מרחם זיין... זייט מיר מוחל, האַר, ווייל כ'האָב אַליין מיינע אַמאָליקע מעשים פאַרשאָלטן און דעם דאָזיקן זינדיקן וועג שוין לאַנג פאַרלאָזט.

און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון ריטערס אויגן, און מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גענומען זוכן די קעניגלעכע האַנט. יאַן קאַזשימיעזש האָט די האַנט אמת נישט צוריקגעצויגן, אָבער ער איז געוואָרן באַטריבט און געזאָגט:

— ווער עס טראָגט די קרוין אין דאָזיקן לאַנד, מוז תמיד גרייט זיין צו פאַרגעבן, דערפאַר זענען מיר אויך דיר גרייט די זינד מוחל צו זיין, בפרט אַז דו האָסט אין יאַסנאַ־גוראַ און אונדז אין וועג געטריי געדינט און זיך מוסר־נפש געווען...

— זיי־זשע מיר מוחל, גנעדיקער האַר!... מאַך אַ סוף צו מיינע יסורים!

— איינס נאָר קענען מיר דיר נישט פאַרגעסן, וואָס דו האָסט פאַרשוועכט דעם גוטן נאָמען פון דאָזיקן פאָלק, וואָס איז דורך אויפהייבן די האַנט אויף דער מאַיעסטעט ביז איצט נישט באַפלעקט געוואָרן, און זיך אָנגעבאָטן דעם פירשט באָגוסלאַוו אונדז צו פאַרכאַפּן אין אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן אין די שוועדישע הענט אַרויסצוגעבן!

קמיטשיץ, הגם ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק אַליין געזאָגט, אַז ער איז נישט בכּוח זיך אויפצוהייבן, האָט זיך אַ ריס-געטון פון בעט, געכאַפּט דעם קרוציפיקס, וואָס איז איבער אים געהאָנגען און מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים, מיט אויגן, וואָס האָבן געברענט פון היץ, גיך עטעמענדיק, האָט ער אַזוי גענומען זאָגן:

— אויפן תּיקון פון מײַן פאָטערס און מײַן מוטערס נשמה, אויף די ווונדען פון געקרייציקטן, שווער איך, אַז דאָס איז נישט אמת!... אויב איך בין דעם דאָזיקן חטא באַגאַנגען, זאָל מיך גאָט תּיכּף מיט אַ מיתה-משונה אין אייביקן גיהנום באַשטראָפן. האַר מײַנער, אויב איר גלייבט מיר נישט, וועל איך די דאָזיקע באַנדאַזשן אַראָפּרײַסן, זאָל זיך אויסגיסן מײַן רעשט בלוט, וואָס די שווערדן האָבן נאָך נישט אויסגעצאַפּט. כ'האָב זיך קיינמאָל נישט אָנגעבאָטן. ס'איז קיינמאָל אַזאַ געדאַנק מיר אין קאָפּ אַרײַן נישט געקומען... באַ מײַן גאַנץ לעבן וואָלט איך קיינמאָל אַזאַ זאַך נישט געטון... אמן! אויפן דאָזיקן צלם שווער איך, אמן, אמן!

און ער האָט אינגאַנצן זיך גענומען טרייסלען פון אויפרעגונג און פיבער.

— האָט, הייסט עס, דער פירשט אויסגעטראַכט? — האָט דער פאַרחידושטער קעניג געפרעגט — פאַרוואָס? נאָך וואָס?

— יאָ, גנעדיקער האַר, ער האָט אויסגעטראַכט... דאָס איז זײַן טייוולאָנישע נקמה איבער מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב אים געטון.

— וואָס האָסטו אים דען געטון?

— כ'האָב אים געכאַפּט אין מיטן פון זײַן הויף, אין מיטן פון גאַנצן חייל און געוואָלט אַ געבונדענעם צו די פיס פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט וואַרפן.

דער קעניג האָט די האַנט איבערן שטערן דורכגעצויגן.

— אַ פלא, אַ פלא! — האָט ער געזאָגט — כ'גלייב דיר, אָבער כ'פאַרשטיי נישט. היתּכן? געדינט האָסטו יאַנושן און פאַרכאַפּט האָסטו באָגוסלאַוון, וועלכער האָט ווייניקער געזינדיקט, און דו האָסט אים געוואָלט אַ געבונדענעם צו מיר ברענגען?...

קמיטשיץ האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער דער קעניג האָט אין דער רגע באַמערקט זיין בלייכקייט און פאַרמאַטערטקייט און דערפאַר געזאָגט:

— רו זיך אָפּ און שפּעטער דערצייל אַלץ פון אָנהויב. מיר גלייבן דיר, אָט איז אונדזער האַנט!

קמיטשיץ האָט זי צוגעדריקט צו די ליפּן און אַ געוויסע צייט שטילגעשוויגן, ווייל ס'האָט זים אָטעם אויסגעפּעלט, ער האָט נאָר געקוקט דעם קעניג אין פּנים אַריין מיט אַן אומגעהייערער ליבשאַפט, לסוף אָבער האָט ער צונויפגעקליבן די כוחות און אַזוי גענומען זאָגן:

— כ'וועל דערציילן אַלץ פון אָנהויב. כ'האָב געקעמפט מיט כאָווואַנסקין, אָבער אויך די אייגענע האָב איך צרות אָנגעטון. צום טייל האָב איך געמוזט די מענטשן עוולות טאָן און נעמען וואָס איך האָב געדאַרפט, צום טייל האָב איך עס געטון פון הפקרות, ווייל דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט... כ'האָב געהאַט שותפים, בכבודע שליאַכטשיצעס, אָבער נישט בעסערע פון מיר... דאָ און דאָרט האָט מען עמעצן צעהאַקט, דאָ און דאָרט מיטן רויך געלאָזט... דאָ און דאָרט מיט בייטשן איבערן שניי געיאָגט... ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ליאַרעם. דאָרט, וווּ דער שונא האָט נישט געקענט גרייכן, האָט מען זיך געווענדט צו די געריכטן. כ'האָב הינטער די אויגן פאַרשפּילט. די אורטיילן זענען געפאַלן איינער נאָכן אַנדערן, אָבער כ'בין דערפון נישט נתפּעל געוואָרן, אַדרבא, דער שטן האָט מיך נאָך אָנגערעדט און מעורר געווען, אַז כ'זאָל אַריבערשטייגן צום הער לאַשטש, וועלכער האָט מיט די אורטיילן דעם אויבער־ראָק זיך געהייסן אונטערנייען, און ער האָט זיך דאָך קונה־שם געווען און עד־היום איז זיין נאָמען באַרימט.

— ווייל ער האָט חרטה־געהאַט און איז געשטאָרבן אַ בעל־תשובה — האָט דער קעניג באַמערקט.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, האָט קמיטשיץ ווייטער אַזוי געזאָגט:

דערווייל האָט דער הער פּולקאָווניק בילעוויטש — גרויסע

מיוחסים זענען די בילעוויטשס אין זשאַמעט — זיך צעשייט מיט דער וועלט און זיך אַריבערגעטראָגן אויפן עולם-האמת, און מיר האָט ער אַ דערפל און די טאָכטער פאַרשריבן. איך דאגה נישט וועגן דערפל, ווייל בעת די כסדרדיקע מלחמות מיטן שונא האָב איך נישט ווייניק שלל פאַרכאַפּט און נישט בלויז צוריקגעשטעלט דאָס פאַרמעגן, וואָס די פּייגטלעכע איבערפאַלן האָבן פון איך אַ תל געמאַכט, נאָר עס נאָך פאַרגרעסערט. כ׳האָב נאָך אין טשענסטאָכאָווו אַזוי פיל, אַז כ׳וואָלט צווי אַזעלכע דערפלעך אויך געקאָנט קויפן און דאַרף באַ קיינעם אויף ברויט נישט בעטן... ווען אָבער די פאַרטיע מיינע איז מיר איינגעשרומפּן געוואָרן. בין איך אויף ווינטער-קוואַרטיר אַוועק אין די לאודער מקומות. דאָרט איז דאָס אָרעמע מיידל מיר אַזוי געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן, אַז איך האָב פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט. דאָס מיידל איז געווען אַזוי צניעותדיק און ערלעך, אַז איך האָב מיך געשעמט פאַר איר מיט מיינע אַמאָליקע מעשׂים, און האָבנדיק אַן איינגעבוירענעם עקל צו זינד, האָט זי טאַקע גענומען פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל דעם אַלטן לעבנס-שטייגער אַוועקוואַרפן, דעם ליאַרם איינשטילן, די עולות באַלוינען און נעמען לעבן ערלעך...

— און דו האָסט איר עצה געפאָלגט?

—אָבער ניין, גנעדיקער האַר! כ׳האָב טאַקע געוואָלט, גאָט איז אַן עדות, כ׳האָב געוואָלט... אָבער די אַלטע עברות לאָזן דעם מענטשן נישט אָפּ. צוערשט האָט מען מיר אין אופּיטאַ די זעלנער געקוילעט, פאַרוואָס כ׳האָב די שטאָט אונטערגעצונדן...

— גאָט! דאָס איז דאָך אַ גרויסער פאַרברעך! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, גנעדיקער האַר! דערנאָך האָט די לאודער שלאַכטע מיר אויסגעקוילעט די שותּפים, די בכּבודע ריטערס, הגם זיי זענען געווען הפקר-מענטשן. כ׳האָב נישט געקאָנט זיך נישט נוקם זיין, איך בין דעריבער אין דער זעלבער נאַכט באַפאַלן דאָס דאָרף פון די בוטרימס און מיט פייער און שווערד די רציחה באַשטראָפט... מ׳האָט אָבער מיך צעשלאָגן, ווייל דאָרט זיצט אַ גרויסע מחנה פריצים. כ׳האָב זיך געמוזט באַהאַלטן. דאָס

מיידל האָט שוין אַפילו קוקן אויף מיר נישט געוואָלט, ווייל יענע פרימצימלעך זענען געווען אירע פּאַטערס און אַפּוטרופּסים, וואָס זענען דורך דער צוואה באַשטימט געוואָרן. און מיך האָט דאָס האַרץ אַזוי צו איר געצויגן, אַז כ'אָטש נעם און צעהאַק דיר דעם קאָפּ! נישט קאָנענדיק אָן איר לעבן, האָב איך צו-נויפגעקליבן אַ נייע פּאַרטיע און מיט אַ באַוואָפנטער האַנט זי גענומען.

— אַז עס זאָל דיך!.. אַזוי איז זיך דאָך נוהג אַ טאַטער!

— דאָס איז געווען אַ נבלה, כ'בין זיך מודה. האָט מיך טאַקע גאָט געשטראָפט דורך די הענט פון הער וואָלאָדיאָווסקין, וועלכער האָט צונויפגענומען יענע שלאַכטע און מיר דאָס מיידל אַרויסגעריסן, און מיך אַליין האָט ער צעהאַקט אַזוי, אַז כ'האָב דאָרט שיער נישט די נשמה אויסגעהויכט. ס'וואָלט מיר הונדערט מאָל ווילער געווען, ווייל כ'וואָלט זיך נישט געווען באַהאָפטן מיט ראַדזיווילן אויף אונטערצוברענגען די מאַיעסטעט און דאָס פאָטערלאַנד. אָבער ווי אַזוי האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין? ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּראָצעס, אַ פאַרברעך, אַ קרימינאַל-זאַך. כ'האָב שוין אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי ס'איז מיט אַ מאָל דער ווילנער וואָיעוואָדע מיר געקומען צו הילף.

— ער האָט דיך באַשיצט?

— ער האָט מיר דורך דעם זעלבן הער וואָלאָדיאָווסקי אַ שוץ-בריף צוגעשיקט און דורכדעם בין איך אַריבערגעגאַנגען אונטער דעם העטמאַנס אינקוויזיציע און געקאָנט פאַר די געריכטן נישט מורא האָבן. כ'האָב זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אָן וואָיעוואָדע, ווי אָן מיין איינציקע רעטונג. כ'האָב תיכף געשטעלט אויף די פיס אַ פּאָלק פון בלויז רוצחים, וואָס האָבן געהאַט אַ שם איבער גאַנץ ליטע... קיין בעסערער פּאָלק איז אין דער גאַנצער אַרמיי נישט געווען... כ'האָב אים אָוועקגעפירט קיין קיידאַני. דאָרט האָט ראַדזיוויל מיך ווי אַ זון אויפגענומען, דערמאַנט מיר די קרובהשאַפט דורך די קישעקס און צוגעזאָגט מיר צו זיין אַ מליץ-יושר. ער האָט שוין געהאַט זיינע חשבונות... ער האָט נויטיק געהאַט מענטשן, וואָס זאָלן גרייט זיין אויף אַלץ, און איך,

הדיוס, האָב זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. איידער זײַנע פלענער זענען אַנטפּלעקט געוואָרן, האָט ער מיך געהייסן אויפן קרוציפיקס שווערן, אַז איך וועל אים אין קיין שום נויט-פאַל נישט פאַרלאָזן. מיינענדיק, אַז עס האַנדעלט זיך וועגן אַ מלחמה מיט די שוועדן, אָדער מיט די צפון-לייט, האָב איך גערן געשווירן. ביז ס'איז געקומען יענע שרעקלעכע סעודה, אויף וועלכער מ'האָט דעם קיידאַנער אָפּמאַך אונטערגעשריבן. די בגידה איז געווען אַ באַשיינפּערלעכע. אַנדערע פּאָלקאָווניקעס האָבן דעם העטמאַן די שטאַבן צו די פיס געוואָרפן, און מיך האָט די שבועה, ווי אַ קייט דעם הונט געהאַלטן, און כ'האָב פון אים נישט געקאָנט אָפּטרעטן.

— האָבן דען אָבער נישט געשווירן אונדז אויף טרייַשאַפט די אַלע, וועלכע זענען פון אונדז שפּעטער אָפּטריניק געוואָרן ?.. — האָט דער קעניג מיט צער געזאָגט.

— און איך, הגם איך האָב דעם שטאַב נישט געוואָרפן, האָב איך צו דער בגידה די האַנט נישט געוואָלט צולייגן. וואָס איך האָב אויסגעליטן, גנעדיקער האַר, ווייסט איין גאָט. כ'האָב זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָק, ווי מ'וואָלט מיך מיט פייער געברענט, ווייל אויך דאָס מיידל מיינס, הגם ס'איז נאָך יענעם פּרוב זי צו פאַרכאַפּן, געוואָרן שלום צווישן אונדז, האָט מיך איצט פאַר אַ בוגד פאַרשריגן, ווי אַ שמוציקן שרץ מיט עקל אָפּגעשטויסן... און איך האָב געשווירן, איך האָב געשווירן נישט צו פאַרלאָזן ראַדזיווילן... אָ! זי, גנעדיקער האַר, הגם זי איז אַ מיידל, וועט זי אָבער אַ מאַנסביל מיט איר שכל אַריבערשטייגן, און אין טרייַשאַפט צו אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט וועט זי זיך פון קיינעם נישט לאָזן אַריבעריאָגן !

— זאָל זי גאָט בענטשן ! — האָט דער קעניג געזאָגט — דערפאַר האָב איך זי ליב !

— זי האָט געמיינט, אַז זי וועט מיך אַריבערציען אויפן צד פון מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד, און ווען די דאָזיקע אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין פּעולה, איז זי געוואָרן אויף מיר אַזוי ברוגז, אַז ווי גרויס ס'איז אַמאָל געווען די ליבשאַפט, אַזוי גרויס איז

איצט געוואָרן די שנאה. דערוויל האָט ראַדזיוויל מיך גערופן צו זיך און גענומען מיך איבערצייגן. ער האָט מיר אויפגעוויזן ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז ער האָט גוט געטאָן. אַז נאָר אויף אַזאַ אופן האָט ער דאָס זינקענדיקע פאָטערלאַנד געקאָנט מציל זיין. איך וועל אַפילו נישט באַווייזן איבערצוחזרן זיינע ראיות, אַזוי שטאַרק זענען זיי געווען, אַזאַ גליקזעליקייט האָבן זיי דעם פאָטערלאַנד צוגעזאָגט! אַ הונדערט מאָל גרעסערן חכם וואָלט ער געווען איבערצייגט, אַ פשיטא-שוין מיך, דעם הדיוט, דעם זעלנער, ער, אַזאַ מלוכה-מאַן! זאָג איך אייך, גנעדיקער האַר קעניג, אַז איך האָב זיך אין אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און איבערגעגעבן בלב-ונפש, ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז אַלע זענען בלינד, נאָר ער אַליין זעט דעם אמת, אַלע זענען זינדיק, נאָר ער אַליין איז אַ צדיק. און כ׳וואָלט פאַר אים געווען אין פייער געשפּרונגען, ווי איצט פאַר אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט, ווייל איך קאָן נישט האַלב דינען און אויך נישט האַלב ליב האָבן...

— כ׳זע, אַז עס איז אַזוי! — האָט יאַן קאַזשימיעזש באַמערקט.

— טובות האָב איך אים געטאָן גרויסע — האָט קמיטשיץ טריב געזאָגט — און כ׳קאָן זאָגן, אַז ווען נישט איך, וואָלט אויך יענע בגידה קיין שום גיפטיקע פירות נישט געקאָנט אַרויס-געבן, ווייל זיין אייגן חייל וואָלט אים מיט די שווערדן צעהאַקט. ס׳האָט שוין אויך דערביי געהאַלטן. עס זענען שוין געגאַנגען די דראַגונער און די אונגאַרישע פוס-גייער און די לייכטע פאָלקן, זיי האָבן שוין אויף זיינע שאָטן מיט די שווערדן זיך געהאַט געוואָרפן, ווי איך בין מיט מיינע מענטשן צוגעשפּרונגען און זיי כהרף-עין פאַרטיליקט. עס זענען אָבער געבליבן אַנדערע פאָלקן, וואָס זענען אין די קוואַרטירן געשטאַנען. אויך פון זיי האָב איך אַ תל געמאַכט. איין הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך פון דער תפיסה אַרויסגעקריגן און זיינע לאַודער מענטשן דורך אַ נס און איבערמענטשלעכע גבורות קיין פאָלעסיע אַרויסגעפירט, כדי מיטן הער סאַפּיעהאַ זיך צו באַהעפטן. די יתר-הפליטה האָט זיך

דאָרט אין אַ גרויסער צאָל צונויפגעקליבן, אָבער וויפיל מ׳זע זעלנער זענען פריער דורך מיר אומגעקומען – וועט איין גאָט איבערציילן. איך דערצייל דעם אמת, ווי אויף אַ ודוי... הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אויפן וועג קיין פּאָלעסיע מיך אַליין געכאַפּט און געוואָלט מיך אומברענגען. כ׳בין קוים פון זיינע הענט מיטן לעבן אַרויס און דאָס אַ דאַנק די בריוו, וועלכע מ׳האָט בּאַ מיר געפונען און פון וועלכע ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אין תּפיסה און ווען דער פירשט האָט אים גע-וואָלט דערשיסן, בין איך געווען זיין מליץ-יושר פאַרן העטמאַן. ער האָט מיך בכן פריי אָפּגעלאָזט און איך בין אַוועק צוריק צו ראַדזיווילן און האָב ווייטער געדינט. ס׳איז מיר אָבער שוין געווען ביטער, ס׳איז מיר שוין אַ שוידער אַ דורך איבערן לייב צוזעענדיק דעם פירשטס מאַנכע מעשים, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אמונה, קיין יושר, קיין געוויסן, און פון זיין אייגענעם וואָרט האָט ער זיך געמאַכט אַזויפיל, ווי דער שוועדישער קעניג, כ׳האָב אים דעריבער גענומען שפּרינגען אין די אויגן. אים ווידער האָט מיין עזותדיקייט פון די כּלים אַרויסגעבראַכט. צום סוף האָט ער מיך מיט בריוו משלח געווען...

– דו דערציילסט דאָך גאָר וויכטיקע חידושים – האָט דער קעניג געזאָגט – מיר הערן כאָטש איינמאָל פון אַן עד-ראיה, וועלכער האָט אַ גרויסן טייל אַליין איבערגעלעבט.

– אמת, אַ גרויסן טייל אַליין איבערגעלעבט – האָט קמיטשיץ געענטפערט – כ׳בין מיט די בריוו גערן אַרויסגעפאָרן, ווייל כ׳האָב שוין נישט געקאָנט אויפן אָרט איינזיצן. אין פּילוויטשקי האָב איך אָנגעטראָפן אויפן פירשט באָגוסלאַוו. הלואי גאָט זאָל אים אין מיינע הענט איבערגעבן, אויף וואָס איך וועל אַלע כּוחות אָנווענדן, כּדי עס זאָל אים מיין נקמה פאַר יענעם בּלבול נישט מיידן! נישט בלויז, וואָס איך האָב זיך מיט גאָרנישט אים אָנגעבאָטן, גנב יקער האַר, נישט בלויז איז דאָס אַ נידער-טרעכטיקער שקר, נאָך איך האָב גראָד דאָרט חוזר-למוטב געווען, ווייל כ׳האָב דערזען די גאַנצע נאַקעטע נידערטרעכטיקייט פון די דאָזיקע אפּיקורסים.

דערציילן גיך, ווי אַזוי דאָס איז געווען, ווייל אונדז האָט מען דאָ פאָרגעשטעלט, אַז דער פירשט באָגוסלאַוו זאָל נאָר בעל-כרחו האָבן דעם ברודער געהאָלפן.

— ער, גנעדיקער האַר? ער איז ערגער פון יאַנושן. און אין וועמענס מוח איז דער געדאַנק וועגן דער בגידה צוערשט נולד-געוואָרן? האָט ער דען נישט דער ערשטער דעם פירשט העטמאַן צו אַ נסיון געבראַכט, צוזאָגנדיק אים די קרוין? גאָט וועט דאָס משפטן. יענער האָט ווייניקסטענס געמאַכט אַן אָנשטעל און אַלץ פאַרענטפערט כלומרשט מיטן טובת-הכלל, באָגוסלאַוו אָבער האָט, האַלטנדיק מיך פאַר דעם לעצטן אויסוואורף, די גאַנצע נשמה פאַר מיר אַנטפּלעקט. אַ שרעק איבערצוחזרן, וואָס ער האָט מיר געזאָגט... די רעפּובליק אייערע (זאָגט ער) מוז דער טייוול נעמען, אָבער דאָס איז אַ גאַנץ שטיק רויטער טוך, און מיר וועלן נישט בלויז נישט צולייגן די האַנט זי מציל צוזיין נאָר מיר וועלן נאָך ציען, כדי עס זאָל אונדז וואָס מער אין דער האַנט בלייבן... ליטע (זאָגט ער) מוז בלייבן באַ אונדז, און נאָכן ברודער יאַנוש וועל איך דאָס גרויספירשטלעכע היטל אָנטאָן, חתונה-האָבנדיק מיט זיין טאָכטער".

דער קעניג האָט זיך די אויגן פאַרשטעלט.

— גאָט מיינער! — האָט ער געזאָגט — די ראַדזיווילס, ראָדזשעיאַווסקי, אָפּאַלינסקי... ווי אַזוי האָט נישט געזאָלט געשען דאָס, וואָס איז געשען... די קרוין האָט זיך זיי פאַרגלוסט, און ס'איז באַ זיי רעכט צו צערייסן דאָס, וואָס גאָט האָט באַהאָפטן...

— אויך איך בין פאַרבליפט געוואָרן, גנעדיקער האַר! כ'האָב מיר וואַסער אויפן קאָפּ געגאָסן, כדי כ'זאָל פון זינען נישט אַראָפּ! אָבער דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר איבערגעקערט אין איין רגע, גלייך ווי עס וואָלט אַ דונער אין אים אַריינגעשלאָגן... כ'האָב זיך אַליין פאַר די אייגענע מעשים דערשראָקן. כ'האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן... צי כ'זאָל אין באַגוסלאַוון, אָדער אין זיך אַליין אַ מעסער אַריינשטעכן?.. כ'האָב גערעוועט ווי אַ ווילדע חיה, ווייל מ'האָט מיך אין אַזאַ נעץ אַריינגעגאַרט!.. ב'האָב שוין נישט באַגערט צו דינען ווייטער באַ די ראַדזיווילס,

נאָר געלעכצט נאָך נקמה... גאָט האָט מיר מיטאַמאָל אַ געדאַנק אַרײַנגעגעבן: כ'בין אַוועק מיט אַפּאָר מענטשן אין די קוואַרטיר פון פּירשט באַגוסלאַוו, אים אַרויסגעפירט הינטער די שטאָט, אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און צו די קאָנפעדעראַטן געוואָלט אַועקפירן, כדי זיך צו זיי און צו דער דינסט פון אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט פאַרן פרייז פון זיין קאָפּ זיך איינצוקויפן.

— איך בין דיר אַלץ מוחל! — האָט דער קעניג אויסגעשריגן — ווייל מ'האָט דיך פאַרפירט, אָבער דו האָסט זיי באַצאָלט! נאָר איין קמיטשיץ האָט דאָס געקאָנט באַווייזן, ווייטער קיינער נישט. כ'בין דיר פאַר אַלץ מוחל במחילה גמורה, נאָר דערציייל גיך, ווייל די נייגעריקייט ברענט מיך: ער האָט זיך אַרויסגעריסען?..

— ביי דער ערשטער סטאַציע האָט ער מיר דער פּיסטאָלעט פון הינטער דער גאַרטל אַרויסגעריסן... און אין פּנים געשאָסן... אָט איז די וווּנד... מיינע מענטשן האָט ער איינער אַליין צעקלאַפּט און איז אַנטקומען... דאָס איז אַ גרויסער ריטער... שווער אָפּצולייקענען; אָבער מיר וועלן זיך נאָך טרעפן, ווען אַפילו דאָס זאָל מיין לעבן קאָסטן!..

דאָ האָט קמיטשיץ גענומען פליקן די קאָלדרע, מיט וועלכער ער איז געווען צוגעדעקט, אָבער דער קעניג האָט גיך איבערגעריסן:

— און צוליב נקמה האָט ער אויסגעטראַכט אויף יענעם בריוו?

— און צוליב נקמה האָט ער צוגעשיקט יענעם בריוו. די וווּנד האָט זיך מיר אין וואַלד צוגעהיילט, אָבער די נשמה האָט מער ווייגעטאָן... צו וואָלאָדיאָווסקין, צו די קאָנפעדראַטן, האָב איך שוין נישט געקאָנט גיין, ווייל די לאודער מענטשן וואָלטן מיך קורע-כדג געווען... ווויסנדיק אָבער, אַז דער פירשט העטמאַן גרייט זיך קעגן זיי אַרויסצומאַרשירן, האָב איך זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אינאיינעם. און דאָס איז געווען מיין ערשטער גוטער אויפטו, ווייל אַנדערש וואָלט זיי ראַדזיוויל געווען פולק נאָך פולק אויסגעקוילעט, און איצט זענעי

ווי אים בייגעקומען און האַלטן אים, ווי איך האָר, אין באַלאַגערונג. זאָל זיי גאָט העלפן און אויף אים אַ שטראָף אַראָפּשיקן, אָמן!

— אפשר איז דאָס שוין געשען, און אויב נישט, וועט עס אודאי געשען — האָט דער קעניג געזאָגט — וואָסזשע האָסטו ווייטער געטאָן?

— נישט קאָנענדיק באַ די קאָנפעדעראַטן פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט דינען, האָב איך באַשלאָסן צו אייער פּערזאָן זיך דורכקריגן און דורך טריישאַפּט פאַר מיינע אַלטע זינד דאָרט אָפּקומען, אָבער ווי אַזוי האָב איך געזאָלט גיין? ווער וואָלט קמיטשיצן אויפגענומען? ווער וואָלט אים געגלויבט? ווער וואָלט אים פאַר אַ בוגד נישט פאַרשריגן? איך האָב דעריבער זיך משנה שם געווען אויף באַביניטש, און נאָכדעם ווי איך בין די גאַנצע רעפּובליק דורכגעפאָרן, בין איך קיין טשענסטאָכאָוו אָנגעקומען. צי איך האָב דאָרט עפּעס פאַרדינסטן אָפּגעגעבן, זאָל קסיאָנדז קאַרדעצקי מעיד-זיין. ביי טאָג און ביי נאַכט האָב איך נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס פאָטערלאַנד פאַר די שאָדנס צו באַלוינען, דאָס בלוט פאַר אים צו פאַרגיסן און אַליין צו רום און ערלעכקייט צוריקצוקערן. דאָס איבעריקע, גנעדיקער האַר, ווייסט איר שוין, ווייל איר האָט עס געזען. און אויב דאָס גוטע פאָטערלעכע האַרץ איז דערצו נוטה, אויב די דאָזיקע דינסט האָט די אַלטע חטאים אַריבערגעוואויגן, אָדער על-כל-פּנים מכפּר געווען, טאָ נעמט מיך אויף, האַר, אין אייער גנאָד און אין אייער האַרץ, ווייל אַלע האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט, ווייל קיינער, אַחוץ אייך, וועט מיך נישט טרייסטן... נאָר איר, האַר, זעט מיין צער און מיינע טרערן!... איך בין אַ פאַרטריבענער, איך בין אַ בוגד, איך בין אַ פאַלש-שווערער, אָבער איך ליב דאָך, האַר, דאָס דאָזיקע פאָטערלאַנד און אייער מאַיעסטעט... און גאָט זעט, אַז איך וויל אייך ביידן דינען!

דאָ האָבן ביטערע טרערן זיך געגאָסן פון ריטערס אויגן און ער האָט זיך אַזש פאַרקייכט פון וויינען, און דער קעניג, דער גוטער פאָטער, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, גענומען קושן אין שטערן און טרייסטן:

— יענדרעק! ביסט מיר אַזוי ליב, ווי אַ לייבלעכער זון...
וואָס האָב איך דיר געזאָגט? אַז דו האָסט געזינדיקט פאַרבלענדער-
טערהייט, און וויפיל זינדיקן איבערגעלייגטערהייט? פון גאַנצן
האַרצן בין איך דיר אַלץ מוחל, ווייל דו האָסט שוין דיין שולד
אָפּגעווישט. באַרויִק דיך, יענדרעק! נישט איינער וואָלט וועלן
זיך באַרימען מיט אַזעלכע פאַרדינסטן, ווי דיינע... גאָט איז
אַן עדות! איך בין דיר מוחל און דאָס פאָטערלאַנד איז דיר
מוחל, ס'וועט דיר נאָך פון אונדז אַ רעשט קומען! הער אויף
צו קלאָגן.

— זאָל גאָט געבן אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט אַלדאָס
גוטס פאַר אַזאַ מיטגעפיל! — האָט דער ריטער מיט טרערן
געזאָגט — איך מוז דאָך אַזוי אויך נאָך אָפּקומען אויף יענער
וועלט פאַר דער שבועה, וואָס איך האָב ראַדזיווילן געגעבן,
וואָרום הגם איך האָב נישט געוווּסט, אויף וואָס איך האָב געשווירן,
איז אַ שבועה דאָך אַ שבועה.

— גאָט וועט דיך פאַר איר נישט שטראָפן — האָט דער קעניג
געזאָגט — ווייל ער וואָלט דאָך געמוזט אַ האַלבע רעפּובליק אין
גיהנום אַריינשיקן, טאַקע די אַלע, וואָס האָבן אונדז די טריישאַפט
געבראָכן.

— אויך איך מיין, גנעדיקער האַר, אַז איך וועל אין גיהנום
נישט גיין, ווייל אויך קסיאָנדז קאַרדעצקי האָט מיר דערפאַר
גוט-געזאָגט, הגם ער איז נישט זיכער געווען, צי איך וועל אויך
פּטור זיין פון ליטערן זיך אין פייער. אַ שווערע זאַך אַ הונדערט
יאָר זיך צו פּרעגלען... אָבער, זאָל שוין זיין! אַ מענטש טראָגט
אַסך אַריבער, ווען עס לייכט אים אַ האָפנונג פון אויסלייזונג,
און אַנב קאָנען אויך תּפלות עפּעס אויפטאָן און די עבֿירות
מקצר-זיין.

— נאָר זאָג נישט! — האָט יאַן קאַזשימיעזש געזאָגט — איך
וועל עס ביים נונציוס אַליין אויספּועלן, אַז ער זאָל אַ תּפלה
פאַר דיינעטוועגן אָפּריכטן... ביי אַזעלכע מליץ-יושרס וועט דיר
קיין גרויסע עולה נישט געטאָן ווערן... האָב בטחון אין גאָטס
רחמים!

קמיטשיץ האָט שוין געשמייכלט דורך טרערן.

— און נאָך דאָס! — האָט ער געזאָגט — אַז גאָט וועט די כּוחות צוריקגעבן, וועט מען ניט פון איין שוועד די נשמה אַרויסקלאַפּן און דאָס וועט נישט בלויז אין הימל פאַררעכנט ווערן פאַר אַ פאַרדינסט, נאָר עס וועט אויך דעם שם אויף דער ערד פאַרבעסערן.

— פאַרליר נישט דעם בטחון און קלער ניט וועגן ערדישן רום. איך בין ערב דערפאַר, אַז עס זאָל דיך נישט מיידן דאָס, וואָס קומט דיר. עס וועלן קומען רואיקערע צייטן, און איך וועל אַליין מפרסם מאַכן דיינע פאַרדינסטן, וועלכע זענען שוין נישט קליין און זיי וועלן מסתמא זיין נאָך גרעסער. אויך אויפן סיים וועל איך, מיט גאָטס הילף, דעם דאָזיקן ענין הייסן באַרירן, און אויף אַזאַ אופן מוזטו דעם כּבוד צוריקגעווינען.

— מיין גנעדיקער האַר און פאָטער, מען מוז אָבער געדענקען נאָך דאָס, אַז קוים וועט זיך נאָר אַ ביסל באַרואיקן, אָדער נאָך פאַר דעם, וועלן די גערעכטן זיך צו מיר אַ נעם־טאָן, פון וואָס עס וועט מיך אַפילו דער אַנזען פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט נישט באַשיצן. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק!.. איך וועל זיך ניט לאָזן, כּל־זמן איך וועל האָבן אָטעם אין דער ברוסט און אַ שווערד אין דער האַנט... עס גייט מיר נאָר וועגן דעם מיידל. אַלענקאַ הייסט זי, גנעדיקער האַר! אוי, שוין אַ לאַנגע צייט זי נישט געזען! אוי, אַ סך האָב איך איבערגעליטן אָן איר און צוליב איר, און הגם איך האָב צייטנווייז זי געוואָלט פון האַרצן אַרויסשלאָגן און זיך מיט דער ליבשאַפט ווי מיט אַ בער געראַנגלט, איז עס נישט געגאַנגען, ער האָט זיך נישט געלאָזט!

יאַן קאַזשימיעזש האָט זיך פריילעך און גוטמוטיק צעלאַכט.

— וואָס־זשע קאָן איך דיר דערצו העלפן?

— ווער דען קאָן העלפן, אויב נישט אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט?! אַ פאַרברענטע ראַיאַליסטקע איז זי, דאָס דאָזיקע מיידל, און זי וועט מיר קיינמאָל מיינע קיידאַנער מעשים נישט מוחל זיין, סיידן אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט וועט אַליין זיך פאַר מיר אָננעמען און אויף מיר מעיד־זיין, אַז איך האָב תּשובה

נכטאָן און צוריק זיך גענומען דינען דער מאַיעסטעט און פֿאָטערלאַנד, נישט געצוווּנגענערהייט, נישט צוליב ריוח, ווייל כ'האָב אַליין אַזוי געוואָלט און ווייל כ'האָב חרטה געהאַט אויף מיינע אַלטע חטאים.

— אויב עס גייט דיר וועגן דעם, וועל איך זיך פֿאַר דיר אָננעמען, און אויב זי איז אַזאַ ראָיאַליסטקע, ווי דו זאָגסט, וועט עס אויך דאַרפֿן האָבן אַ פּעולה. אַבי דאָס מיידל זאָל נאָר פֿריי זיין און אַבי עס זאָל מיט איר נאָר, ווי עס טרעפֿט אָפֿט אין מלחמה צייט, עפּעס אַן אומגליק נישט האָבן פּאַסירט...

— די מלאָכים וועלן זי היטן!

— ווייל זי איז עס אויך ווערט. און כּדי די געריכטן זאָלן זיך צו דיר נישט אַ נעם־טאָן, וועסטו אַזוי טאָן: מען וועט זיך איצט נעמען ווערבירן אין גרעסטן איילעניש; קוים ווערסטו, ווי דו זאָגסט, פֿון געריכטן פֿאַרפֿאָלגט, קאָן איך דיר קיין שוץ־בריוו נישט געבן אויף קמיטשיצס נאָמען, נאָר איך וועל דיר געבן אַ בריוו אויף באַבינִיטשס נאָמען; אויך דו וועסט ווערבירן, פֿון וואָס עס וועט דעם פֿאָטערלאַנד אַ טובה אַרויסקומען, ווייל דו ביסט, ווייזט אויס, אַ זעלנער אַ פֿייערדיקער און אַן אויס־געפּרובטער... דו וועסט אַרויסמאַרשירן אין דער מלחמה אונטער דער קאָמאַנדע פֿון קיעווער קאַשטעלאַן; מיט אים איז דעם טויט זייער לייכט צו געפֿינען, אָבער אויך רום קאָן מען זיך לייכט פֿאַרשאַפֿן. און אַז עס וועט נויטיק זיין, וועסטע אויך אויף אייגענער אַחריות נעמען די שוועדן פֿון הינטען באַפֿאַלן, ווי דו ביסט כאַוואַנסקין באַפֿאַלן. דיין תּשובה און דיינע גוטע מעשׂים האָבן זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס דו האָסט זיך משנה־שם געווען אויף באַבינִיטש... הייס־זשע אויך ווייטער אַזוי, וועסטו אויך פֿון די געריכטן האָבן מנוחה. און אַז דו וועסט, ווי די זון אַמאָל אויפֿשיינען, ווען מ'וועט וועגן דיינע פֿאַרדינסטן אין דער גאַנצער רעפּובליק רעדן, דעמאָלט זאָלן די מענטשן זיך דערוויסן, ווער עס איז דאָס יענער באַרימטער ריטער. נישט אייגער וועט זיך דעמאָלט גאָר שעמען אַזאַ גרויסן

ריטער אין געריכט צו שלעפן... פאַר דער דאָזיקער צייט וועלן אַנדערע אומקומען, נאָך אַנדערע וועסטו איבעראַבעטן... נישט ווייניק אַקטן וועלן אויף פאַרוואָרפן ווערן, און איך בין דיר נאָך אַמאָל מבטיח, אַז איך וועל דיינע פאַרדינסטן ביזן הימל הויבן און דעם סיים צו באַלוינונג פאָרשטעלן, ווייל דו ביסט עס אין מיינע אויגן שוין ווערט.

— גנעדיקער האַר!.. צי האָב איך פאַרדינט אַזוי פיל חסדים?

— מער, ווי נישט איינער, וואָס מיינט, אַז ער האָט אויף זיי אַ רעכט. נו, נו! זיי דיך נישט מצער, ליבער ראָיאַליסט, ווייל איך בין בטוח, אַז עס וועט דיך אויך די ראָיאַליסטקע נישט מיידן, און מיט גאָטס הילף, וועט איר מיר בקרוב נאָך פאַרמערן די צאָל ראָיאַליסטן...

הגם אַ קראַנקער, האָט קמיטשיץ זיך אַריס-געטאָן פון בעט און, אַזוי גרויס ווי ער איז, געפאַלן צום קעניגס פיס.

— גאָט! וואָס טוסטו? — האָט דער קעניג אויסגערופן — דו וועסט מיט בלוט אָפגיין! יענדרעק!.. זאָל נאָר עמיצער אַהערקומען!

ס'איז אַריינגעפאַלן דער מאַרשאַל אַליין, וועלכער האָט דעם קעניג שוין לאַנג איבערן שלאָס געזוכט.

— הייליקער יעזשי! באַשיצער מיינער, וואָס זע איך?! — האָט ער אויסגערופן, זעענדיק ווי דער קעניג טראָגט קמיטשיצן מיט די אייגענע הענט.

— דאָס איז הער באַבינישט, מיין ליבסטער זעלנער און טרייעסטער דינער, וועלכער האָט מיר נעכטן דאָס לעבן מציל געווען — האָט דער קעניג געזאָגט — העלפט-זשע מיר הער מאַרשאַל, אים אויפן בעט אַרויפטראָגן...

8. קאַפּיטל.

פון לובאָוולאַ איז דער קעניג געפאָרן קיין דוקלאָ, קראָסנאָ לאַנצוט און לעמבערג, האָבנדיק באַ דער זייט דעם הער קרוין-מאַרשאַל, אַ סך ביסקופּן, הויכע באַאַמטע און סענאַטאָרן, צוזאַמען מיט די הויף-פּולקן און סוויטעס. און פּונקט ווי אַ מעכטיקער טייך נעמט, פליסנדיק דורכן לאַנד, אַריין אין זיך אַלע קלענערע וואַסערן, אַזוי זענען אויך צו דער קעניגלעכער מחנה יעדע ווײַלע צוגעקומען אַלץ נײַע מאַסן. עס האָבן בכן צוגעשטראָמט שררות און באַוואָפנטע שלאַכטע און זעלנער, אַ מאָל יחידימווײַז, אַמאָל קופּעסווײַז, און גאַנצע עדות פון באַוואָפנטע פּויערן, וואָס האָבן געברענט מיט אַ באַזונדערער פאַרביסענער שנאה צו די שוועדן.

די באַוועגונג איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיינע, מ׳האָט שוין אַ מלחמה-סדר גענומען אין איר אײַנפירן. ס׳האָבן זיך באַוויזן אימהדיקע אוניווערסאַלן, דאַטירט פון סאָנטש: איינער פון קאָנסטאַנטי לובאָמירסקי, מאַרשאַל פון ריטער-קרייזן; אַ צווייטער פון יאַן וועלאָפּאָלסקי, וואָיעװאָדע קאַשטעלאָן;

ביידע האָבן אויפגעפּאָדערט די שלאַכטע אין קראָקאָווער וואיעוואודזטווע זיך צו שטעלן צו דער מלחמה. מ׳האָט שוין געוווסט, אַרום וועמען זיך צו זאַמלען; די, וואָס וועלן זיך נישט שטעלן, האָט געדראָט אַ שטראָף לויטן עפנטלעכן רעכט. דער קעניגלעכער אוניווערסאַל האָט דערגאַנצט די דאָזיקע קול-קוראס און די פּוילסטע אויף די פיס געשטעלט.

אָבער מ׳האָט נישט געדאַרפט דראָען, ווייל אַן אומגעהייערע התלהבות האָט אַלע שטאַנדן באַוועלטיקט. ס׳האָבן זיך געזעצט אויפן פערד זקנים און קינדער. ווייבער האָבן אַוועק געגעבן זייערע איידל-שטיינער און טייערע בגדים; מאַנכע האָבן זיך אַליין געריסן צו דער שלאַכט.

אין די שמידערייען האָבן ציגיינער גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט געקלאַפּט מיט די האַמערס, איבערשמידנדיק אויף כּלי-זיין די אומשולדיקע אַקער-מכשירים. דערפאַר און שטעט זענען פּוסט געוואָרן, ווייל די מאַנסבילן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין שלאַכט-פעלד. פון די הימל-הויכע בערג האָבן זיך בייטאָג און ביינאַכט געשאָטן חמרים פון ווילדן פאָלק. דעם קעניגס כּוחות זענען געוואָקסן מיט יעדער רגע.

אַקעגן זיין פּערזאָן זענען אַרויסגעגאַנגען גייסטלעכע מיט צלמים און פאָנען. יידישע פּרנסים מיט רבנים; זיין מאַרש איז געווען ענלעך אויף אַ געוואַלדיקן טריאומף. פון אומעטום זענען אָנגעקומען די בעסטע ידיעות, גלייך ווי דער ווינט וואָלט זיי אָנגעטראָגן.

נישט בלויז אין דער טייל לאַנד, וועלכן דער פיינטלעכער איבערפאַל האָט נישט פאַרכאַפּט, האָט מען זיך געריסן צום געווער. אומעטום, אין די אָפּגעלעגנסטע קאַנטן און פאָוויאַטן, אין די פעסטונגען, דערפער, פאָרמס, אומצוטריטלעכע וועלדער, האָט די שרעקלעכע נוקם ונוטרדיקע מלחמה איר פלאַמעדיקן קאָפּ אויפגעהויבן. וואָס נידריקער דאָס פאָלק איז פריער געפאַלן, אַלץ העכער האָט עס איצט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אויפסניי מגולגל געוואָרן, פרישן מוט באַקומען און אין ברען נישט

געקוועקלט זיך אפילו די אייגענע פאַרהאַרטעוועטע ווונדען צו צעקראַצען, כּדי דאָס בלוט פון די פאַרסמטע זאַפטן צו באַפרייען.

מ׳האָט שוין אויך וואָס אַמאָל העכער גערעדט וועגן מעכטיקן בונד פון שליאַכטע און חייל, וואָס אין זיין שפּיץ האָבן זיך געזאָלט שטעלן: דער גרויס-העטמאַן רעוועראַ פּאָטאָצקי און דער וויצע-העטמאַן לאַנצקאָראָנסקי, דער וואָיעוואָדע פון רוס, און הער סטעפאַן טשאַרניעצקי, דער קיִעווער קאַשטעלאַן און הער פּאַוועל סאַפּיעהאַ, דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, און דער ליטווישער פירשט טישמייסטער מיכאַל ראַדזיוויל, אַ מעכטיקער שררה, וועלכער האָט דעם שאַנד-פלעק, מיט וועלכען יאַנוש האָט דעם יחוס פון זיין משפּחה באַדעקט, געוואָלט פאַרווישן, און הער קשישטאָף טישקעוויטש, טשערניגאָווער וואָיעוואָדע און אַ סך אַנדערע טענאַטאָרן און מלוכהשע און מיליטערישע באַאַמטע און שלאַכטשיצעס.

בריוו זענען יעדן טאָג געפלויגן צווישן דידאָזיקע שררות און דעם הער קרוין-מאַרשאַל, וועלכער האָט נישט געוואָלט, אַז אַזאַ אָנגעזעענער בונד זאָל אָן אים צושטאַנד-קומען. ידיעות זענען אָנגעקומען וואָס אַמאָל זיכערערע, ביז עס האָט זיך צום סוף צעהילכט די שוין זיכערע ידיעה, אַז די העטמאַנס און אינאיינעם מיט זיי דאָס חייל האָבן אָוועקגעוואָרפן דעם שוועד און אַז צו דער פאַרטיידיקונג פון מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד האָט זיך געשטעלט די טישאָוויצער קאָנפעדעראַציע.

דער קעניג האָט וועגן איר אויך פריִער געוווסט, ווייל צוזאַמען מיט דער קעניגין, הגם זיי זענען געווען פון דער-ווייטנס, האָבן זיי נישט ווייניק דורך שליחים און בריוו איבער איר צושטאַנד-קומען זיך אָנגעאַרבעט; נישט קענענדיק אָבער נעמען אין איר אַ פערזענלעכן אָנטייל האָט ער איצט אומגעדולדיק אויסגעקוקט אויף אַן אָפּקלאַנג פון איר. און נאָך איידער ער איז צוגעפאָרן ביז לוווו זענען טאָקע צו אים אָנגעקומען הער סלוזשעווסקי און הער דאָמאַשעווסקי פון דאָמאַשעוויצאַ, לוקאָווער

ריכטער, ברענגענדיק אים פֿאַרזיכערונגען וועגן דינסט־גרייטקייט און טריישאַפֿט מצד די קאָנפֿעדעראַטן און דעם אַקט פֿון צוזאַמענבונד אויף צו באַשטעטיקן.

דער קעניג האָט געלעזן דעמדאָזיקן אַקט אויף אַ הויפּט־באַראַטונג מיט די ביסקופֿן און סענאַטאָרן. אַלעמענס הערצער זענען פֿול געוואָרען מיט פֿרייד, די נשמות האָבן זיך דערהויבן אין אַ דאַנק־תּפֿלה צו גאָט, ווייל דידאָזיקע היסטאָרישע קאָנפֿע־דעראַציע האָט עדות געזאָגט נישט בלויז וועגן אַ חשבון־הנפֿש, נאָר אויך וועגן אַ נייעם גלגול פֿון דאָזיקן פֿאָלק, וועגן וועלכן דער שונא האָט נאָך ערשט ניט לאַנג געקענט זאָגן, אַז עס ווייסט נישט פֿון קיין אמונה, פֿון קיין ליבשאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד, פֿון קיין געוויסן, פֿון קיין סדר, פֿון קיין אויסדויער, פֿון קיין איינער פֿון יענע מדות, אויף וועלכע עס האַלטן זיך מלוכות און פֿעלקער.

אַ באַווייז פֿון דידאָזיקע אַלע מדות איז איצט געלעגן פֿאַרן קעניג אין דער פֿאָרם פֿון אַקט פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע און איר אוניווערסאַל. עס זענען אין אים דערמאָנט געוואָרן קאַרל גוסטאַוס בגידות, זיין ברעכן די שבועות און הבטחות, די אַכזריותן פֿון די גענעראַלן און זעלנער, וואָס ווערן אפֿילו דורך די ווילדעסטע פֿעלקער נישט באַגאַנגען, דער חילול־הקודש אין די קירכעס, די נגישות, שינדעגישן, גזלות, פֿאַרגיסונג פֿון אומשולדיקן בלוט און ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ מלחמה אויף טויט און לעבן די סקאַנדינאַווישע אָנפֿאַלער. דער אוניווערסאַל, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מורא, ווי דער שופֿר פֿון שר פֿון די מלאָכים, האָט צונויפֿגערופֿן דעם לאַנד־שטורעם נישט בלויז פֿון ריטערטום, נאָר פֿון אַלע שטאַנדן און פֿעלקער פֿון דער רעפּובליק. „אַפֿילו די פֿון כּבֿוד באַרויבטע, אַלע, (האָט דער אוניווערסאַל געזאָגט) די פֿאַרטריבענע און פֿאַר הפֿקר דער־קלערטע זענען מחויבֿ צו גיין אין דערדאָזיקער מלחמה". דאָס ריטערטום האָט זיך געזאָלט אויף די פֿערד זעצן, די אייגענע ברוסטן אויסשטעלן און פֿון די פֿעלדער פֿוס־גייענדיקע זעלנער

צושטעלן, דער רייכערער מער, דער אָרימער ווינציקער, לויט יכולת און קרעפטן.

„פונקט ווי אין דערדאָזיקער מלוכה האָבן אַלע אַ גלייכן חלק סיי אין די גליקן און סיי אין די אומגליקן, אַזוי דאַרפן אַלע אויך די סכנות טיילן. ווער עס האַלט זיך נאָר פאַר אַ שלאַכטשיץ, אַ באַזעסענער אָדער אַ נישט באַזעסענער, מעג איין שלאַכטשיץ האָבן וויפיל זין, זענען זיי אַלע מחויב צו גיין אין דער מלחמה קעגן שונא פון פאָטערלאַנד. ווייל פונקט ווי יעדער שלאַכטשיץ, צי פון נידעריקן, צי פון הויכן יחוס, קען זוכה זיין צו אַלע פּרעראָגאַטיוון, אַמטן, הויכע פּאָסטנס און טובות פון פאָטערלאַנד, אַזוי זאָלן מיר אויך אין דעם גלייך זיין, אַז מיר וועלן אַלע אַליין גיין פאַרטיידיקן דידאָזיקע פרייהייטן און חסדים פון פאָטערלאַנד...״

אָט אַזוי האָט דערדאָזיקער אוניווערסאַל פאַרשטאַנען די גלייכהייט פון דער שליאַכטע. דער קעניג, די ביסקופּן און סענאַטאָרן, וועלכע האָבן שוין לאַנג זיך אין האַרצן אַרומגע־טראָגן מיטן געדאַנק די רעפּובליק מתקן צו זיין, האָבן זיך מיט אַ פריידיקער פאַרוווּנדערונג איבערצייגט, אַז אויך דאָס פאָלק איז שוין צו דעמדאָזיקן תיקון ראוי געוואָרן, אַז עס איז גרייט צו באַטרעטן נייע וועגן, אַראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם ראָסט און שימל און אָנצוהויבן אַ נײַ, הערלעך לעבן.

„מיר עפענען דערביי (איז אין אוניווערסאַל געזאָגט גע־וואָרן) אין זכות פון דער רעפּובליק אַ פּלאַץ פאַר יעדן נידעריקן שטאַנד, ווייזן אָן און לייגן פאָר אין שייכות מיט אונדזער פאַרבאַנד אַ געלעגנהייט צו באַקומען אַ צוטריט און צו פאַרשאַפן זיך ערן־אַמטן, פּרעראָגאַטיוון און חסדים, פון וועלכע עס גענייסט דער שטאַנד פון דער שליאַכטע...״

ווען מ׳האָט אויף דער קעניגלעכער באַראַטונג פאָרגעלעזן דידאָזיקע ווערטער איז אַזש אַ טיפע שטילקייט איינגעטרעטן. די, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן קעניג אַזוי שטאַרק געגאַרט, אַז עס זאָל פאַר די מענטשן פון די נידעריקערע שטאַנדן געעפנט ווערן אַ צוטריט צו די אדל־רעכט, האָבן געמיינט, אַז עס וועט

זיי נישט ווייניק אויסקומען צו קעמפן, צו ליידן און צו אַמפּערן זיך, אַז גאַנצע יאָרן וועלן אַריבער, ביז זיי וועלן מיט עפּעס ענלעכס זיך קענען דערוועגן אָנצורופן, דערווייל האָט די־דאָזיקע שליאַכטע, וועלכע איז ביז איצט געווען אַזוי אייפערזיכטיק אויף אירע פּריווילעגיעס, לפנים אַזוי הארט, אַליין ברייט אויפ־געפּראַלט די טויערן פאַר די גרויע פּויערישע מאַסן.

דער פירשט פּרימאַס האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי מיט אַ נביאישן גייסט באַהויכט און געזאָגט:

— דערפאַר, וואָס איר האָט דעמדאָזיקן פּונקט אַריינגע־שטעלט, וועט די שפּעטערדיקע וועלט דידאָזיקע קאָנפעדעראַציע אויף דור־דורות אַרויס דערמאַנען צום גוטן, און אַז עמעצער וועט דידאָזיקע צייט וועלן באַטראַכטן פאַר אַ צייט פון ירידה פון די אַלט־פּוילישע מדות, וועט מען אים דאַמאָלס אָפּשפּאַרן, אויף אייך אָנווייזנדיק.

קסיאָנדז געמביצקי איז געווען קראַנק, האָט דעריבער נישט געקענט רעדן, נאָר מיט דער האַנט, וואָס האָט געציטערט פון גערירטקייט געבענטשט דעם אַקט און די שליחים.

— איך זע שוין דעם שונא, ווי ער גייט אַוועק מיט חרפּה פון דאָזיקן לאַנד! — האָט דער קעניג זיך אָנגערופן.

— הלוואי וואָס גיכער!... — האָבןביידע שליחים אויסגעשריגן.

— איר וועט פאָרן מיט אונדז קיין לוווו — האָט דער קעניג זיך ווידער אָנגערופן — ווו מיר וועלן באַלד דידאָזיקע קאָנפעדע־ראַציע באַשטעטיקן, און אגב וועלן מיר נישט פאַרזוימען צו שליסן נאָך איינע, וועלכע די כוחות פון גיהנום אַליין וועלן נישט בכוח זיין בייצוקומען.

די שליחים און סענאַטאָרן האָבן הערנדיק דאָס זיך אָנגעקוקט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט, וועגן וואָס פאַר אַ מאַכט עס האַנדלט זיך, אָבער דער קעניג האָט געשוויגן, נאָר דאָס פּנים האָט אים וואָס אַמאָל מער געשטראַלט; ער האָט ווידער גענומען דעם אַקט אין דער האַנט אַריין און ווידער געלייענט און געשמייכלט, און מיטאַמאָל האָט ער געפרעגט:

— עס זענען געווען אַסך אָפּאָנענטען?

— גנעדיקער האַר — האָט דאָמאַשעווסקי געענטפערט — די־דאָזיקע קאָנפעדעראַציע איז אַנטשטאַנען איינשטימיק אַ דאַנק די הערן העטמאַנס, דעם וויטעבסקער וואָיעוואָדע און דעם הער טשאַרניעצקי, און פון דער שליאַכטע האָט קיינער זיך נישט אַקעגנגעשטעלט, אַזוי פאַרביטערט זענען אַלע אויף די שוועדן געוואָרן און אַזאַ ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד און מאַיעסטעט האָט זיך אין אַלעמען אָנגעצונדן.

— מיר האָבן דערביי לכתחילה באַשלאָסן — האָט הער סלוזשעווסקי צוגעגעבן — אַז דאָס וועט נישט זיין קיין סיים, נאָר אַז אַ רוב־דעות דאַרף באַשטימען, קיינעמס „וועטאָ" האָט דעריבער נישט געקענט די זאַך צעשטערן, נאָר מיר וואָלטן אַן אָפּאָנענט מיט די שווערדן צעהאַקט. אַלע האָבן אויך געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיט דעם „ליבערום וועטאָ" אַ סוף מאַכן, ווייל פאַר דעם יחיד איז דאָס פרייהייט, פאַר אַ רבים אָבער קנעכטשאַפט.

— גילדערנע ווערטער רעדט איר! — האָט דער קסיאָנדז פרימאַס געזאָגט — זאָל נאָר די רעפּובליק אַ תיקון באַקומען, וועט אונדז קיין שום שונא נישט אָפּשרעקן.

— און וווּ איז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— נאָך באַנאַכט נאָכן אונטערשרייבן דעם אַקט איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין חייל ביי טיקאָטשין, וווּ ער האַלט אין באַלאַגערונג דעם ווילנער פירשט וואָיעוואָדע, דעם בוגד. ביז איצט האָט ער אים שוין אודאי אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן באַקומען.

— אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז ער וועט אים באַקומען.

— ער איז געווען אַזוי זיכער, ווי אַז נאָך טאָג מוז קומען נאַכט. אַלע, אַפילו די טרייעסטע דינער האָבן שוין דעם בוגד פאַרלאָזט. עס פאַרטיידיקט זיך דאָרט נאָר אַ הייפל שוועדן, אָבער אַן אומבאַדייטנדיקס, און הילף קען פון ערגעץ נישט קומען. הער סאַפּיעהאַ האָט אין טישאָווצע אַזוי געזאָגט: „כ'האָב מיט איין טאָג געוואָלט פאַרשפּעטיקן, ווייל כ'וואָלט ביזן אָוונט מיט ראַדזיווילן אַ סוף געמאַכט!... אָבער דאָס איז אַן אייליקערע זאַך,

ווי ראַדזיוויל, ווייל אים קענען זיי אויך אָן מיר באַקומען, עס וועט איין פולק געגוג זיין".

– געלויבט איז גאָט! – האָט דער קעניג געזאָגט – און וווּ איז הער טשאַרניעצקי?

– אַזוי פיל שלאַכטשיצעס, די בעסטע ריטער האָבן זיך צו אים אַ שאָט-געטון, אַזוי אַז ער האָט זיך אין איין טאָג געשטעלט בראש פון אַ פיינעם פולק. ער האָט טאַקע באַלד אָקעגן די שוועדן אַרויסמאַרשירט, און ווו ער איז איצט, ווייסן מיר נישט.

– און די הערן העטמאַנס?

– די הערן העטמאַנס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף די באַפעלן פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט, ביידע זענען זיך משאל-עצה איבער דער קומענדיקער מלחמה און באַראַטן זיך מיטן קאַלושער סטאַראָסטע אין זאַמאָשטש, און בינו-לבינו שטראָמען יעדן טאָג אַלץ נייע פולקן צו זיי.

– אַזוי וואַרפן דאָס אַלע דעם שוועד אַוועק?

– יאָ, גנעדיקער האַר! באַ די הערן העטמאַנס זענען אויך געוועזן דעפוטאַטן פון הער קאָנעצפאָלסקי'ס חייל, וואָס געפינט זיך באַ קאַרל גוסטאַווס פערזאָן. אַ סברה, אַז אויך זיי וואָלטן שוין גערן זיך אומגעקערט צו דינען דעם פאָטערלאַנד, הגם קאַרל גוסטאַוו קאַרגט זיי דאָרט נישט קיין הבטחות און חניפות. מ'האָט טאַקע געזאָגט, אַז הגם זיי קענען איצט נישט באַלד זיך צוריק-ציען, וועלן זיי דאָס דאָך טון, ווי באַלד עס וועט זיך מאַכן אַ שעת-הכושר, ווייל עס זענען זיי שוין נמאס געוואָרן אי די סעודות, אי די חניפות, אי דאָס פינטלען מיט די אויגן און אי דאָס פאַטשן מיט די הענט. זיי קענען שוין קוים אויסהאַלטן.

– פון אַלע זייטן הערט מען וועגן תשובה, פון אַלע זייטן גוטע בשורות – האָט דער קעניג געזאָגט – געלויבט איז די הייליקסטע בתולה!.. דערדאָזיקער טאָג איז דער גליקלעכסטער אין מיין לעבן, און אַ צווייטן טאָג אַזעלכן וועל איך האָבן אודאי נאָר דאַמאָלס, ווען דער לעצטער פיינטלעכער זעלנער וועט אַרויס פון די גרענעצן פון דער רעפובליק.

הערנדיק דידאָזיקע ווערטער האָט הער דאָמאַשעווסקי
אַזעק-געטון איבער דער שווערד.

— זאָל גאָט אָפּהיטן, אַז דאָס זאָל געשען! — האָט ער געזאָגט.

— ס'הייסט? — האָט דער קעניג מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט.

— דער לעצטער שווער זאָל אויף די אייגענע פיס אַרויס פון די גרענעצן פון דער רעפּובליק? דאָס קען נישט זיין, גנעדיקער האַר! און צו וואָס האָבן מיר שווערדן בײַ די זייטן?

— אַז עס זאָל אייך! — האָט דער אויפגערוימטער קעניג אויסגערופן — אָט דאָס איז אַן איינפאַל!

אָבער הער סלוזשעווסקי, וועלכער האָט נישט געוואָלט בלייבן אינטערעסטעליק הינטער הער דאָמאַשעווסקין, האָט אויסגערופן:

— אַזוי וואָר ווי איך לעב, איך וועל דערויף נישט מסכים זיין און דער ערשטער מיין ווערטאָ אָפּגעבן, מיר וועלן זיך נישט צופרידן-שטעלן מיט זייער אַרויסגיין, נאָר מיר וועלן זיי נאָכגיין!

דער קסיאָנדז פּרימאַס האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ און גוטמוטיק לאַכן!

— אוי, די שליאַכטע האָט זיך געזעצט אויפן פערד און פאָרט, פאָרט! זאָל אייך גאָט געבן הצלחה, אָבער געלאַסן, געלאַסן! דער דאָזיקער שונא איז דאָך נאָך אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק!

— ער וועט שוין לאַנג נישט בלייבן! — האָבן ביידע קאַנפעדעראַטן אויסגעשריגן.

— דער גייסט האָט זיך געביטן און דאָס מזל וועט זיך בייטן — האָט קסיאָנדז געמביצקי געזאָגט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים.

— וויין! — האָט דער קעניג אויסגערופן — לאָמיך טרינקען מיט די קאָנפעדעראַטן לכבוד דערדאָזיקער שנוי!

מ'האָט געבראַכט וויין, אָבער, צוזאַמען מיט די דינער, וואָס האָבן אים אַריינגעטראָגן, איז אַריינגעקומען אַן עלטערער קעניגלעכער קאַמערדינער און געזאָגט:

— גנעדיקער האַר, ס'איז געקומען הער קשיזשטאָפּאַרסקי

פון טשענסטאָכאָוו און וויל ויך פאַרנייגן פאַר אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט.

— גיב אים אַהער! — האָט דער קעניג אויסגערופן.

מיט אַ ווײַלע שפּעטער איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער דאַרער שלאַכטשיץ, וועלכער האָט ווי אַ ציגנבאָק געקוקט פון הינטערן שטערן. ער האָט זיך צוערשט געניייגט פאַרן קעניג ביז צו די פיס, דערנאָך געגעב גאוהדיק פאַר די הויכע מענער און געזאָגט:

— זאָל זײַן געלויבט יעזוס קריסטוס!

— אויף אימער און אייביק! — האָט דער קעניג געענטפערט — וואָס הערט מען דאָרט?

— אַ מוראדיקע פראָסט, גנעדיקער האַר, אַז די אויגן-לעדער ווערן אַזש צו די באַקן צוגעפרוירן!

— באַ גאָט! וועגן די שוועדן דערצײלט און נישט וועגן דער פראָסט! — האָט יאַן קאַזשימיעזש אויסגערופן.

— וואָס איז וועגן זיי פאַראַן צו ריידן, אַז זיי זענען בײַ טשענסטאָכאָוו נישטאָ! — האָט הער קשיזשטאָפאַרסקי לוסטיק געענטפערט.

— עס זענען שוין צו אונדז דערגאַנגען דידאָזיקע ידיעות, שוין דערגאַנגען — האָט דער דערפרייטער קעניג געזאָגט — אָבער נאָר פון קלאַנגען, און איר פאָרט דאָך אַודאי פון קלויסטער גופא... אַן עד-ראיה און פערטיידיקער?

— יאָ, גנעדיקער האַר, אַן אַנטייל-נעמער פון דער פאַרטיידיקונג און אַן עד-ראיה פון די נסים פון דער הייליקסטער בתולה...

— נישט דאָ איז די גרענעץ פון אירע חסדים! — האָט דער קעניג געזאָגט, אויפהויבנדיק די אויגן צום הימל — לאָמיר זיי נאָר ווייטער פאַרדינען...

— כ'האָב שוין אַסך אין מיין לעבן געזען — האָט קשיזשטאָפאַרסקי געזאָגט — אָבער אַזעלכע באַשיינפערלעכע נסים האָב איך נישט געזען, וועגן וואָס קסיאָנדז קאָרדעצקי גיט אָפּ אין דאָזיקן בריף אַ באַריכותדיקן באַריכט אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט.

יאַן קאַזשימיעזש האָט גיך געכאַפּט דעם בריף, וואָס

קשיזשטאָפּאַרסקי האָט אים דערלאַנגט, און ער האָט גענומען לייענען. ווײַלנוויִיז האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען און מתפּלל געווען, דערנאָך האָט ער ווידער גענומען זיך צום בריף. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פרייד; צום סוף האָט ער ווידער אויפגעהויבן די אויגן אויף קשיזשטאָפּאַרסקין:

— קסיאָנדז קאָרדעצקי שרײַבט מיר — האָט ער געזאָגט — אַז איר האָט אַ גרויסן ריטער פאַרלוירן, אַ געוויסן באַבינישטש, וועלכער האָט אַ שוועדישן שווערן האַרמאַט מיט פּולווער אויפגעריסן?

— ער האָט זיך טאַקע פאַר אַלע מקריב געווען, גנעדיקער האַר! אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ער לעבט און גאָט ווייסט וואָס זיי האָבן געזאָגט; נישט האָבנדיק די זיכערקייט, האָבן מיר אים טאַקע נישט אויפגעהערט צו באַוויינען, ווײַל ווען נישט זײַן ריטערלעכע טאַט, וואָלט אונדז שווער געווען זיך אַן עצה צו געבן...

— אויב אַזוי, הערט אויף אים צו באַוויינען: הער באַבינישטש לעבט און איז צווישן אונדז. ער האָט דאָס דער ערשטער אונדז געגעבן צו וויסן, אַז די שוועדן, נישט קאָנענדיק גאָרנישט אויפטאָן קעגן דער געטלעכער מאַכט, האָבן בדעה אָפּצוטרעטן... און דערנאָך האָט ער אונדז אַזעלכע טובֿות געטאָן, אַז מיר ווייסן אַליין נישט, ווי אים צו באַלוינען.

— אָ, וועט זיך דאָס קסיאָנדז קאָרדעצקי דערפרייען! — האָט דער שלאַכטשיִץ מיט אַ שמחה אויסגערופן — אָבער אויב הער באַבינישטש לעבט, מוז ער באַזונדער האָבן נושא-חן געווען בײַ דער הייליקסטער בתולה... וועט זיך דאָס קסיאָנדז קאָרדעצקי דערפרייען! אַ פּאָטער אַן אייגענעם זון קאָן נישט אַזוי ליב האָבן, ווי ער האָט אים ליב געהאַט! און אויך מיר וועט אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט דערלויבן דעם הער באַבינישטש צו באַגריסן, ווײַל נאָך אַזאַ העלד פאַרמאָגט נישט די רעפּובליק!

— אָבער דער קעניג האָט ווידער גענומען לייענען און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויסגערופן:

— וואָס הער איך! האָבן זיי נאָכן אָפּטרעטן נאָכאַמאָל געפּרוּווט דעם קלויסטער צו באַפאַלן?

מילער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך שוין מער נישט געוויזן, נאָר וושעשטשאָוויטש האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעריכט ביי די מויערן געוויזן, האָפנדיק אַ פּנים, אַז ער וועט די טויערן טרעפן אָפן, ער האָט זיי טאַקע געטראָפן אָפן, אָבער די פויערן האָבן זיך אַזוי פאַרביסן אויף אים געוואָרפן, אַז ער איז באַלד מיט חרפה אַנטלאָפן. ווי לאַנג די וועלט שטייט, האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז פּראָסטע פויערן זאָלן אַזוי העלדיש אויפן אָפענעם פעלד מיט רייטער זיך שלאָגן. דערנאָך איז אויך אָנגעקומען דער פיאָטער טשאַרניעצקי מיטן הער קולעשא, וועלכע האָבן פון אים קיין שריד-ופליט נישט איבערגעלאָזט.

דער קעניג האָט זיך געווענדט צו די סענאַטאָרן.

— קוקט גנעדיקע הערן, ווי די אָרעמע פויערן פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און די הייליקע אמונה!

— אמת, גנעדיקער האַר, זיי פאַרטיידיקן! — האָט קשיזשטאָפּאַרסקי אויסגערופן — גאַנצע דערפער נעבן טשענסטאָכאָוו זענען פּוסט, ווייל די פויערן מיט די קאָסעס זענען אין פעלד. א מוראדיקע מלחמה גייט אומעטום אָן; די שוועדן מוזן זיך האַלטן צוזאַמען, און אַז די פויערן כאַפּן איינעם, טוען זיי אים אָן אַזעלכע געברענטע צרות, אַז עס וואָלט אים ווילער געווען גלייך צו גיין אין גיהנום אַריין. און ווער כאַפּט זיך איצט נישט צום געווער אין דער רעפּובליק! האָבן זיי נישט געדאַרפט באַלאַגערן, די כלבים... זייט דעמאָלט קענען זיי נישט זיצן אין דאָזיקן לאַנד!

— זייט דעמאָלט וועלן אין דאָזיקן לאַנד נישט אַריבערטראָגן קיין נגישות די, וואָס פאַרגיסן זייער בלוט — האָט דער קעניג ערנסט געזאָגט — זאָל מיר אַזוי העלפן גאָט און דער הייליקער צלם!

— אָמן! — האָט דער פּרימאַס צוגעגעבן.

דערווייל האָט קשיזשטאָפּאַרסקי זיך אַזעץ-געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן:

— די פּראָסטע האָט מיר דעם שכל אָפּגענומען, גנעדיקער האַר — האָט ער געזאָגט — ווייל כ'האָב פאַרגעסן איין ידיעה

איבערצוגעבן, אַז דער רשע, דער פויזנער וואָיעוואָדע, איז פלוצלינג געשטאָרבן.

דאָ האָט הער קשיזשטאָפּאַרסקי זיך פאַרשעמט, כאַפּנדיק זיך, אַז ער האָט אַזאַ גרויסן סענאַטאָר פאַר דעם קעניג און די הויכע באַאַמטע „רשע" אָנגערופן, ער האָט דעריבער אַ צעטומעלטער צוגעגעבן:

— נישט דעם חשובן שטאַנד, נאָר דעם בוגד האָב איך געוואָלט מבזה זיין.

אָבער קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט, ווייל אַלע האָבן געקוקט אויפן קעניג, און ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן שוין לאַנג דעם הער יאַן לעשטשינסקי פאַר דער פויזנער וואָיעוואָדזשטווע באַשטימט, נאָך באַם הער אָפּאַלינסקיס לעבן. זאָל ער איצט דעם דאָזיקן אַמט ווירדיקער אויספירן... גאָטס משפט, זע איך, האָט זיך אָנגעהויבן איבער די, וועלכע האָבן דאָס פאָטערלאַנד צו זיין ירידה דערפירט, ווייל אין דער רגע גיט אפשר אויך דער ווילנער פירשט וואָיעוואָדע אָפּ אַ דין־וחשבון פון זיינע מעשים פאַרן העכסטן שופט...

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די ביסקופן און סענאַטאָרן:

— אָבער פאַר אונדז איז שוין צייט וועגן דער אַלגעמיינער מלחמה צו טראַכטן און וועגן דעם ענין וויל איך הערן אייער מיינונג.

9 קאַפּיטל

אין מאָמענט, ווען דער קעניג האָט געזאָגט, אַז דער ווילנער וואָיעוואָדע שטייט שוין אפשר פאַר גאָטס משפּט, האָט ער גערעדט ווי ברוח-הנבואה, ווייל אין יענער צייט איז די טיקאָטשינער פּראַגע שוין געווען פאַרענטפערט.

דעם 25. דעצעמבער איז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, סאַפּיעהאַ, שוין געווען אַזוי זיכער, אַז טיקאָטשין וועט איינגענומען ווערן, אַז ער איז אַליין אַרויסגעפאָרן קיין טישאָווצע, איבערגעבנדיק דעם הער אָסקערקא אָנצופירן די ווייטערדיקע באַלאַגערונג-אַרבעטן. מיטן לעצטן שטורעם האָט ער געהייסן וואַרטן אויף זיין צוריקקער, וועלכער האָט גאָר גיך געזאָלט געשען, און צונויפרופנדיק די חשובסטע אָפיצירן האָט ער אַזוי געזאָגט:

— עס זענען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז צווישן די אָפיצירן טראָגט מען זיך אַרום מיטן פּלאַן תיכף נאָכן איינעמען דעם שלאָס דעם ווילנער פירשט וואָיעוואָדע מיט די שווערדן צו צעהאַקן... איז אָט, אויב דער שלאָס וועט זיך אונטערגעבן בעת מיין נישט-דאָ-זיין, וואָס עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, דערקלער

איך אייך, אַז איך פאַרוואָר אויפן שטרענגסטען אופן דעם פּירוש אומצוּבּרענגען. איך באַקום אמת בּריף פון אַזעלכע מענטשן, וועגן וועלכע עס חלומט זיך אייך אַפילו נישט, אַז איך זאָל אים, ווען איך וועל אים האָבן אין מיינע הענט, נישט לאָזן לעבן... אָבּער איך וויל נישט הערן די דאָזיקע באַפעלן, און דאָס טו איך נישט מחמת רחמנות, ווייל דער בּוגד איז זי נישט ווערט, נאָר ווייל איך האָב אויף זיין לעבן קיין רעכט נישט און איך וויל אים בעסער פאַרן סיים צום משפט שטעלן, כּדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, אַז אי הויכער יחוס און אי הויכע אַמטן זענען נישט בּכוח מכפּר צו זיין אויף אַזאַ בּגידה און שולד און צו באַשיצן פאַר אַן עפענטלעכער שטראָף.

אין דעם זין האָט גערעדט דער הער וואָיעוואָדע, נאָר נאָך לענגער, ווייל אויף וויפיל ער איז געווען אָנגעזען, אויף אַזוי פיל האָט ער געהאַט די שוואַכקייט, אַז האַלטנדיק זיך פאַר אַ רעדנער, האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט ליב געהאַט באריכות זיך אַרויסצוזאָגן, און זיך געקוויקט מיט זיינע אייגענע ווערטער, צומאַכנדיק די אויגן ביי די שענערע סענטענצן.

אויב אַזוי מוז איך באין־בּרירה זיך גוט די רעכטע האַנט אין וואַסער אויסווייקן — האָט הער זאַגלאָבאַ דערויף געענטפערט — ווייל זי בייסט מיך מוראָדיק... איך וועל אָבּער נאָר דאָס זאָגן, אַז ווען ראַדזיוויל וואָלט מיך באַקומען אין זיינע הענט, וואָלט ער זיכער מיט מיין קאָפּ ביזן זון־אונטערגאַנג נישט געוואַרט, ער ווייסט גוט, ווער עס האָט דער עיקר גורם געווען אַז די חיילות זאָלן אים פאַרלאָזן; ער ווייסט גוט, ווער עס האָט אים אַפילו מיט די שוועדן צעריסן... דערפאַר אָבער ווייס איך נישט, פאַרוואָס איך זאָל צו אים זיין מילדער, ווי ער וואָלט געווען צו מיר?

— ווייל נישט איר האָט די קאָמענדע און איר מוזט פאָלגן! — האָט דער וואָיעוואָדע ערנסט געענטפערט.

— אַז איך מוז פאָלגן, איז אמת, ס׳איז אָבער גוט אַמאָל אויך זאַגלאָבאַן צו פאָלגן... איך זאָג עס גאַנץ דרייסט, אַז ווען

ראַדזיוויל וואָלט מיך געוועזן פּאָלגן, בעת איך האָב אים מעורר געוועזן צו פּאַרטיידיקן דאָס פּאָטערלאַנד, וואָלט ער נישט היינט געווען אין טיקאָטשין, נאָר אויפן שלאַכטפעלד, בראש פון אַלע ליטווישע חיילות.

— האַלט איר דען, אַז דער קאָמאַנדע-שטאַב געפינט זיך אין שלעכטע הענט?

— דאָס טאָר איך נישט זאָגן, ווייל איך האָב אים אַליין אין דידאָזיקע הענט אַריינגעלייגט. אונדזער גנעדיקער האַר, יאַן קאַזשימיעזש, דאַרף נאָר מיין וואָל באַשטעטיקן, מער נישט.

דער וואָיעוואָדע האָט הערנדיק די דאָזיקע ווערטער אַ שמייכל-געטאָן, ווייל ער האָט גערן געהאַט דעם הער זאָגלאָבאַן און זיינע קאַטאָוועסן.

— הער ברודער — האָט ער געזאָגט — איר האָט דערדריקט ראַדזיווילן, איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ העטמאַן... און אַלץ איז אייער פאַרדינסט. דערלויבט זשע מיר איצט צו פאָרן קיין טישאָווצע, כדי אויך סאַפּיעהאַ זאָל קאָנען מיט עפּעס דעם פּאָטער-לאַנד צודינען.

הער זאָגלאָבאַ האָט זיך פאַר די זייטן אָנגענומען און זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, צי ער זאָל דערלויבן, אָדער נישט דערלויבן; לסוף האָט ער מיטן אויג אַ פינטל-געטאָן, מיטן קאָפּ אַ שאָקל-געטאָן און ערנסט געזאָגט:

— פאָרט, גנעדיקער הער, רויק.

— אַ דאַנק פאַר דער דערלויבעניש! — האָט דער וואָיעוואָדע לאַכנדיק געענטפערט.

עס האָבן מיטן וואָיעוואָדע מיטגעלאַכט די איבעריקע אָפיצירן, און ער האָט זיך באמת גענומען קלייבן אין וועג אַריין, ווייל די קאָטש איז שוין ביי די פענסטער געשטאַנען גרייט, ער האָט זיך דעריבער מיט אַלעמען געזעגנט, געבנדיק יעדן אַן אינסטרוקציע, וואָס ער זאָל בעת זיין נישט-דאָ-זיין טאָן; צוקומענדיק צום סוף צום הער וואָלאָדיאָווסקי האָט ער געזאָגט:

— אויפן פאַל, אַז דער שלאָס וועט זיך אונטערגעבן, וועט איר מיר ערב זיין פאַרן לעבן פון וואָיעוואָדע, אייך גיב איך איבער די דאָזיקע עובדא.

— לויט באַפעל! קיין איין האָר וועט אים פון קאָפּ נישט גערירט ווערן! — האָט דער קליינער ריטער געענטפערט.

— הער מיכאל — האָט הער זאָגלאָבאַ צו אים געזאָגט נאָכן וואָיעוואָדעס אַוועקפאָרן — כ'בין אַ בעלן צו וויסן, ווער עס זענען דאָס די מענטשן, וואָס פאַרלאַנגען פון אונזער סאַפּיעהאַן, אַז ווען ראַדזיוויל וועט זיין אין זיינע הענט, זאָל ער אים נישט לאָזן לעבן?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — האָט דער קליינער ריטער געענטפערט.

— אָדער דו זאָגסט, אַז וואָס אַ פרעמד מויל זאָגט דיר נישט אין אויער אַריין, וועט דיר דיין אייגענער שכל נישט אונטערזאָגן. ריכטיק! אָבער דאָס מוזן זיין עפּעס חשובע פערזאָנען, אויב זיי קאָנען דעם הער וואָיעוואָדע געבן באַפעלן.

— אפשר דער קעניג אַליין?

— דער קעניג? דער קעניג, אַז עס וואָלט אים אַ הונט אַ ביס־געטאָן, וואָלט ער אים מוחל געווען און ער וואָלט נאָך געהייסן אים געבן פלייש צו פרעסן. אַזאַ האַרץ האָט ער שוין!

— איך וועל זיך מיט אייך וועגן דעם נישט שפּאַרן, אָבער מ'האָט דאָך געזאָגט, אַז ער איז אויף ראַדזשעיאַווסקין געוועזן שטאַרק פאַרביסן?

— ראשית, קאָן דאָס יעדן טרעפן, אַז ער זאָל ווערן פאַרביסן; נעמט, אַ שטייגער, מיין פאַרביסנקייט אויף ראַדזיווילן, והשנית, ווי אַזוי איז ער געוועזן פאַרביסן, אַז ער האָט זיינע זין באַלד גענומען אונטער זיין השגחה, אַז אַן אייגענער פאָטער וואָלט בעסער נישט געווען! אַ גילדן האַרץ איז דאָס און איך מיין, אַז גיכער האָט זיך די קעניגין אַזוי אָנגעזעצט אויף ראַדזיווילס לעבן. דאָס איז אַ ווירדיקע האַרין, אָבער זי האָט אַ ווייבערישע טבע, און דאָס דאַרפסטו וויסן, אַז ווען אַ פרוי טראָגט אויף דיר אַ שנאה, מעגסטו זיך אַפילו אין אַ שפּאַרע פון דער

פּאָדלאָגע באַהאַלטן, וועט זי דיך מיט אַ נאָדל נאָך פון דאָרט אַרויסגראַבלען.

דערויף האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַ זיפץ-געטאָן און געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָל דען אַ פרוי אויף מיר טראָגן אַ שנאה, אַז איך האָב נאָך קיין איינע אין מיין לעבן ניט פאַרטשעפּעט!

— דו וואָלסט עס אָבער גערן געטאָן! דערפאַר טאַקע, הגם דו דינסט אין קאַוואַלעריע קריכסטו דאָס אַזוי מסירות-נפשדיק צופוס אויף טיקאָטשינער מויערן, ווייל דו רעכנסט, אַז דאָרט זיצט נישט בלויז ראַדזיוויל, נאָר אויך פריילין בילעוויטש. מ׳קען דיך, חצוף! ווי? האָסט זי דיר נאָך אַלץ נישט פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן?

— געווען אַ צייט, וואָס איך האָב זי געהאַט אינגאַנצן פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן און קמיטשיץ אַליין, ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער געמוזט מודה זיין, אַז איך האָב זיך ווי אַ ריטער נוהג געווען, נישט ווילנדיק גיין קעגן אירע געפילן און פאַרגעסנדיק אינגאַנצן מיין בזיון; אָבער איך פאַרהויל נישט, אַז אויב זי איז איצט אין טיקאָטשין, אויב גאָט וועט מיר דערלויבן זי ווידער פון אַ צרה אַרויסצוראַטעווען, וועל איך אין דעם זען אַ בפירושן ווילן פון דער השגחה. מיט קמיטשיצן דאַרף איך זיך נישט רעכענען, ווייל כ׳וועל זיך לגבי אים מיט גאָרנישט פאַרשולדיקן, און עס לעבט אין מיר די האָפנונג, אַז אויב ער איז גוטוויליק פון איר אַוועק, האָט זי אים ביז-איצט שוין געמוזט האָבן פאַרגעסן און עס וועט מיר נישט טרעפן דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן.

אַזוי שמועסנדיק זענען זיי צוגעקומען צו דער קוואַרטיר, אין וועלכער זיי האָבן געטראָפן דיביידע הערן סקשעטוסקי, דעם הער ראָך קאָוואַלסקי און דעם פאַכטער פון וואָנסאָש.

ס׳איז נישט געווען קיין סוד פאַרן חייל, צוליב וואָס דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע איז געפאָרן קיין טישאָווצע, די ריטער האָבן זיך דעריבער געפרייט, וואָס עס אַנטשטייט אַזאַ אָנגעזעענע קאָנפעדעראַציע אויף צופאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און די אמונה.

— אַן אַנדערער ווינט בלאָזט שוין אין דער גאַנצער רעפּובליק — האָט הער סטאַניסלאַוו געזאָגט — און געלויבט איז גאָט, וואָס פאַר די שוועדן אין די אויגן.

— פון טשענסטאָכאָוו האָט ער זיך אָנגעטראָגן — האָט הער יאַן זיך אָנגערופן — נעכטן זענען געווען ידיעות, אַז דער קלויסטער האַלט זיך נאָך און שטויסט-אָפּ וואָס אַמאָל שטאַרקערע שטורמען... לאָז נישט, הייליקסטע מוטער, אַז דער שונא זאָל דיין הויז קאָנען שענדען!

דאָ האָט הער זשענדזשאַן אַ זיפץ-געטון און געזאָגט:

— ווייל אַ חוץ דעם חילול-השם, וויפיל טייערע אוצרות וואָלטן אין שונאס הענט אַריינגעפאַלן! ווען דער מענטש טראַכט וועגן דעם, בלייבט אים דאָס עסן אין האַלז שטעקן.

— דאָס חייל רייסט זיך אַזש צום שטורעם, אַז עס איז שווער די מענטשן איינצוהאַלטן — האָט הער מיכאַל געזאָגט — נעכטן האָט סטאַנקעוויטשס פּאָלק אָן קאָמאַנדע און אָן לייטערס זיך געלאָזט צום שטורעם, ווייל זיי זאָגן אַזוי: אַז מיר וועלן מיטן דאָזיקן בוגד אַ סוף מאַכן, וועלן מיר גיין טשענסטאָכאָוו צו הילף. און אַז איינער דערמאַנט טשענסטאָכאָוו הויבן באַלד אַלע אָן צו קריצן מיט די ציין און צו קלאַפּן אין די שווערדן.

— און צו וואָס טאַקע שטייען מיר דאָ אַזוי פיל פּאָלקן, אַז אַ העלפט וואָלט פאַר טיקאָטשין אויך געקלעקט — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — דאָס איז אַן עקשנות פון הער סאַפּיעהאַן, מער גאָרנישט. ער וויל מיך נישט פאָלגן, כדי צו ווייזן, אַז ער קאָן אויך אָן מיין עצה עפּעס אויפטון, און איר זעט דאָך אַליין, אַז ווען אַזוי פיל מענטשן באַלאַגערן איין שלאָס, שטערן זיי נאָר איינער דעם צווייטן, ווייל עס איז פאַר אַלעמען קיין צוטריט נישטאָ.

— איר רעדט ווי אַ מיליטער-מאַן אַ בעל-נסיון, מ׳קאָן נישט זאָגן! — האָט הער סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— אַהאַ! וואָס? כ׳האָב אַ קאָפּ אויפן קאַרק?

— דער פעטער האָט אַ קאָפּ אויפן קאַרק! — האָט מיט אַמאָל הער ראָך אויסגערופן און אַרויפדרייענדיק די וואָנסעס האָט ער

גענומען קוקן אויף די בייגעוועזענע, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט אַזעלכן, וואָס זאָל אים אָפּשפּאַרן.

אָבער אויך דער הער וואָיעוואָדע האָט אַ קאָפּ — האָט הער יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — און אויב עס שטייען דאָ אַזוי פיל פולקן איז עס דערפאַר, וואָס מען דאַרף מורא האָבן, אַז פירשט באָגוסלאַוו זאָל מיט הילף פאַר זיין ברודער נישט אָנקומען.

— דאַרף מען שיקן אַ פּאָר לייכטע פולקן אויף חרוב צומאַכן דאָס קורפירשטלעכע פּרייסן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — צונויפנעמען פון צווישן המון אַ קופּע פרייוויליקע מענטשן. כ׳וואָלט אַליין דער ערשטער געגאַנגען דעם טעם פון פּרייסישן ביר פאַרזוכן.

— ווינטער איז דאָס ביר גאָרנישט ווערט, סיידן גע-וואַרעמטס — האָט הער מיכאל געזאָגט.

— טאָ גיט ווײַן, אָדער בראָנפן, אָדער מעד — האָט זאַגלאָבאַ געענפערט.

די איבעריקע זענען אויך געווען בעלנים דערויף, דער פאַכטער פון וואָנסאָש האָט זיך דעריבער פאַרנומען מיט דער זאַך און באַלד זענען אַפּאָר פלאַשן געשטאַנען אויפן טיש. די הערצער זענען אויפן דאָזיקן אָנבליק דעפרייט געוואָרן און די ריטער האָבן גענומען טרינקען איינער צום אַנדערן, הויבנדיק די כוסות יעדעס מאָל פאַר עפּעס אַנדערש.

— אַ טויט די שוועדן, אַז זיי זאָלן אונדז דאָ דאָס ברויט שוין לאַנג נישט קייען! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — זאָלן זיי זיך שישקעס אין שוועדן פרעסן!

— פאַרן געזונט פון מאַיעסטעט: פון האַר קעניג און דער קעניגין! — האָט סקשעטוסקי געוואונטשן.

און פון די, וואָס זענען טריי דער מאַיעסטעט בייגע-שטאַנען! — האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן.

— פאַר אונדזער געזונט, הייסט עס!

— פאַרן געזונט פון פעטער! — האָט הער ראָך אַרויסגעפּלאַצט

— אַ דאַנק! אין דיינע הענט גיב איך איבער דעם כּוס און לײדיק אים אויס ביז צום באָדעם... זאַגלאָבאַ איז נאָך נישט אײנגאַנצען עבר־ובטל געוואָרן! גנעדיקע הערן! הלוואי מיר זאָלן וואָס גיכער קאָנען די דאָזיקע שלאַנג פון גרונט אַרויסרויכערן און קיין טשענסטאָכאָוו זיך לאָזן!

— קיין טשענסטאָכאָוו! — האָט ראַך אַ געשריי געטאָן — דער הײליקסטער בתּ־לה צוהילף!

— קיין טשענסטאָכאָוו! האָבן אַלע אויסגערופן.

— די יאַסנאָגורער אוצרות שיצן פאַר די געצן־דינער! — האָט זשענדזשאַן צוגעגעבן.

— פאַר די, וואָס מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי גלויבן אין האַר יעזוס, ווילן דערמיט זייער געמיינהייט פאַרדעקן, אָבער אין תּוך גענומען, בילן זיי, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ווי די הינט אַ קעגן דער לבנה און אין דעם באַשטייט זייער גאַנצע אמונה.

— און אַזעלכע הענט הויבן זיך דאָס אויף אויף די יאַסנאָגורער פּראַכט!

— אין פינטל האָט איר אַרײנגעטראָפן, רײדנדיק וועגן זייער אמונה — האָט וואָלאָדיאָװסקי געזאָגט צו זאַגלאָבען — ווייל איך האָב אַליין געהערט, ווי זיי האָבן צו דער לבנה געהײלט. מ׳האָט שפּעטער געזאָגט, אַז דאָס זענען זייערע פּסאַלמען, אָבער ס׳איז זיכער, אַז אַזעלכע פּסאַלמען זינגען אויך די הינט...

— וואָס הייסט? — האָט הער ראַך געזאָגט — זענען זיי אַלע אַזעלכע נפשות?

— נישטאָ בײַ זיי קיין אַנדערע! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט מיט אַ טיפער איבערצײַגונג.

— און זייער קעניג איז אויך נישט בעסער?

— זייער קעניג איז ערגער פון אַלע. ער האָט דאָס בכּיון די דאָזיקע מלחמה אויפגעבלאָזן, כּדי ער זאָל קאָנען די עכטע אמונה אין די קירכעס לעסטערן, וויפל זיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן.

הערנדיק דאָס, האָט הער ראָך, שוין שטאַרק בגילופין זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

– אויב אַזוי, איז ווי איר זעט מיך דאָ, ווי מיין נאָמען איז קאָוואַלסקי! אַזוי וועל איך אין דער ערשטער שלאַכט גלייך אויפן שוועדישן קעניג זיך וואַרפן! וועט ער אַפילו מעגן שטיין אין גרעסטן געדיכטעניש, איז גאָרנישט! מיין טויט, אָדער זיין טויט!.. כ׳וועל גלייך אויף אים די שפיז אָנשטעלן... איר וועט מיך האַלטן פאַר אַ שוטה, אויב כ׳וועל דאָס נישט טון!

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער די פויסט צונויפגעבייל־ט און געוואָלט מיט איר אין טיש אַ זעץ־טאָן. ער וואָלט דערביי געוועז צעבראָכן די גלעזער, די פלאַשן און דעם טיש צעשפּאָלטן, אָבער הער זאַגלאָבאַ האָט אים גיך פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט און זיך אָנגערופן:

– זעץ דיך, ראָך, און לאָז צורו. דאַרפסט אויך וויסן, אַז מיר וועלן דיך נישט האַלטן פאַר אַ שוטה ערשט דעמאָלט, ווען דו וועסט דאָס נישט טאָן, נאָר מיר וועלן דיך אויפהערן צוהאַלטן פאַר אַ שוטה ערשט דעמאָלט, ווען דו וועסט דאָס טאָן. כ׳פאַרשטיי אויך נישט, ווי אַזוי דו וועסט קאָנען די שפּיז אויפן שוועדישן קעניג אָנשטעלן, אַז דו דינסט נישט אין הוזאַרן־פּולק?

– וועל איך אַ רייט־קנעכט ווערן און אין פירשט פּאַלוּבינסקיס פּולק זיך איינשרייבן. און דער טאַטע וועט מיר אויך צוהעלפן.

– דער טאַטע ראָך?

– אַוודאי!

– זאָל ער נאָר צוערשט העלפן, און איצט צעהאַק נישט דאָס גלאָז, ווייל איך וואָלט דער ערשטער דיר דערפאַר דעם קאָפּ צעהאַקט. וועגן וואָס האָבן מיר דאָס גערעדט, גנעדיקע הערן?.. אַהאַ! וועגן טשענסטאָכאָווו... די נכפה וועט מיך נעמען, אויב מיר וועלן צום הייליקן אָרט צו דער רעכטער צייט נישט־קומען צוהילף... די נכפה וועט מיך נעמען, זאָג איך אייך! און אַלץ איבער דעם בוגד ראַדזיוויל און איבער סאַפּיעהאַס אויס־טערלישע גענג.

— איר זאָלט אויפן וואָיעוואָדע גאָרנישט רעדן! ער איז אַן איידעלער שררה! — האָט דער קליינער ריטער זיך אָנגערופן.

— טאָ פאַרוואָס דעקט ער ראַדזיווילן צו מיט ביידע פּאָלעס, ווען איינע וואָלט אויך גענוג געווען? בערך צען טויזנט מאַן שטייען ביי דער דאָזיקער בודע, די בעסטע רייטער און פוס־גייער. בקרוב וועלן זיי אויך די סאַדזעס אין די קוימנס אויסלעקן, ווייל דאָס, וואָס איז געווען אויף די קוימענס, האָבן זיי שוין אויפגעגעסן.

— אונדזער זאַך איז נישט אַריינצוקלערן אין די גענג פון די עלטסטע, נאָר צו פאָלגן!

— אייער זאַך, הער מיכאל, איז עס נישט, אָבער מיין זאַך יאָ, ווייל מיך האָט אַ העלפט פון ראַדזיווילס אַמאָליקן חייל פאַר קאָמענדאַנט אויסגעקליבן און איך וואָלט קאַרל גוסטאַוון שוין געווען איבער די צענטע גרענעץ פאַרטריבן, ווען נישט די אומגליקלעכע עניוות, וועלכע האָט מיך געהייסן דעם שטאַב אין הער סאַפּיעהאָס הענט אַריינלייגן. זאָל ער אָבער אויפהערן צו מאַכן לאַנגע שהיות און זאָל ער זען, אַז כ׳זאָל ביי אים נישט אָפּנעמען דאָס, וואָס כ׳האָב געגעבן.

— נאָר נאָכן אָנטרינקען זיך זענט איר אַזאַ בריה! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— אַזוי זאָגסטו? נו, וועסטו זען! היינט נאָך וועל איך גיין אין די פולקן און רופן: געטרייע הערן! ווער עס וויל מיט מיר גיין קיין טשענסטאָכאָוו און נישט דאָ די עלנבויגנס און קני אין טיקאָטשינער קאַלך זיך אויסרייבן, זאָל מיטגיין מיט מיר! ווער עס האָט מיך פאַר אַ קאָמענדאַנט געמאַכט, ווער עס האָט מיר די מאַכט געגעבן, ווער עס האָט געהאַט בטחון, אַז וואָס איך וועל טאָן, וועט זיין צום ווויל פון פאָטערלאַנד און גלויבן, דער זאָל צו־מיר צושטיין. אַ שיינע זאַך איז בוגדים צו באַשטראָפן, אָבער הונדערט מאָל שענער איז די הייליקסטע בתולה די באַשיצערן פון דער קרוין און אונדזער מאַמע פון ערגערניש און אַפּיקורסישן יאָך אַרויסצוראַטעווען.

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ, וועלכן ס׳האָט זייט אַ געוויסער צייט שוין געדרוישט אין קאָפּ, זיך אַריס געטאָן פון אָרט, ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ באַנק און גענומען שרייען, ווי ער וואָלט זיך געפונען פאַר אַ פאַרזאַמלונג:

— גענעדיקע הערן! יעדער עכטער קאַטאָליק, יעדער פּאָליאַק, יעדער וואָס האָט רחמנות אויף דער הייליקסטער בתולה, קומט מיט מיר!... טשענסטאָכאָוו צו הילף!

— כ׳גיי! — האָט ראָך קאָוואַלסקי אויפשטייענדיק אויסגערופן.

זאַגלאָבאַ האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף די בייגעוועזענע, און זעענדיק די פאַרוואונדערונג און שווײַגנדיקע פּנימער, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון דער באַנק און געזאָגט:

— איך וועל סאַפּיעהאַן לערנען שול!.. אַ שעלמע בין איך, אויב כ׳וועל ביז מאָרגן אַ העלפט חייל פון טיקאָטשין נישט אוועקרייסן און צו קיין טשענסטאָכאָוו נישט אוועקפירן!

— ביי גאָט! לייגט זיך איבער וואָס איר טוט, פאָטער! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— אַ שעלמע בין איך, זאָג איך דיר! — האָט הער זאַגלאָבאַ איבערגעחזרט.

זיי ווידער האָבן זיך דערשראָקן, אַז ער זאָל אויף אַן אמת דאָס נישט טון, ווײַל ער האָט עס געקאָנט טון. אין אַסך פּולקן האָט מען געמורמעלט אויף די טיקאָטשינער צייט-פאַרברענגעניש, און די מענטשן האָבן טראַכטנדיק וועגן טשענסטאָכאָוו באמת געקריצט מיט די ציין. ס׳איז גענוג געווען צו וואַרפן אַפונק אויפן דאָזיקן פּולווער, און ווער שמועסט נאָך ווען עס וואָלט אים געוואָרפן אַזאַ געאַכפּעטער מענטש און אַ ריטער פון אַזאַ גרויסן אָנזען, ווי זאַגלאָבאַ. קודם-כל איז אַ גרעסערער טייל פון סאַפּיעהאַס חיילות באַשטאַנען פון נייוועדבירטע, דערפאַר צו מלחמה-דיסציפּלין נישט געוווינטע און צו מעשים אויף אייגענער האַנט תמיד גרייטע, און זיי וואָלטן בלי ספק ווי איין מאַן זאַגלאָבאַן קיין טשענסטאָכאָוו נאָכגעגאַנגען.

ביידע סקשעטוסקיס האָבן זיך דעריבער דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג, און וואָלאָדיאָווסקי האָט אויסגערופן:

— דער וואָיעוואָדע האָט קוים מיט דער גרעסטער מי אַ ביסל חייל צונויפגעקליבן, ס'איז קוים עפּעס אַ מאַכט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער רעפּובליק צונויפגעשטעלט געוואָרן, און שוין וויל אַ היץ־קאָפּ די פולקן צעשפּליטערן, צו אומגעהאָרכזאַמקייט דערפירן. ראַדזיוויל וואָלט אַסך באַצאָלט פאַר אַזאַ עצה, ווייל דאָס איז וואַסער אויף זיין מיל. ווי שעמט איר זיך נישט אַפילו צו ריידן וועגן אַזאַ אונטערנעמונג!

— אַ שעלמע בין איך, אויב איך וועל דאָס נישט טון! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— דער פעטער וועט אַזוי טאָן! — האָט ראָך קאָוואַלסקי צוגעגעבן.

— שווייג דו פערדישער קאָפּ! — האָט הער מיכאַל אויף אים אַ געשריי געטאָן.

הער ראָך האָט די אויגן אויסגעגלאָצט, דאָס מויל פאַרמאַכט און זיך תיכף אויסגעגלייכט.

דעמאָלט האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך געווענדעט צום הער זאַגלאָבאַ:

— און איך בין אַ שעלמע, אויב איין מענטש פון מיין פולק וועט מיט אייך מיטגיין, און אויב אירווילט דאָס חייל פאַרדאַרבן, זאָג איך אייך, אַז איך וועל דער ערשטער אויף אייערע מענטשן זיך וואַרפן!

— געצענדינער, געמיינער טערק! — האָט זאַגלאָבאַ דערויף געענטפערט — וואָס הייסט, אויף ריטערס פון דער היילקסטער בתולה וועסטו זיך וואַרפן? ביסט עס גרייט צו טון? גוט! מ'קען דיך! איר מיינט, אַז אים גייט עס וועגן חייל, אָדער וועגן דיסציפּלין? ניין! ער האָט נאָר דאָס פרייליין בילעוויטש הינטער די טיקאָטשינער מויערן דערשנאַפּט. צוליב אייגענער טובה און צוליב בייזען ווילן וועסטו ביי זיך פועלן די גערעכטעסטע זאַך צו פאַרלאָזן! וואָלסט אַ בעלן געווען דעם מיידל חנדעלען צו מאַכן און פון איין פוס אויפן צווייטן אַריבערצוטרעטן, און די

האָסט זיך דערהיצט! אָבער ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן! מיין קאָפּ לייג איך איין, אַז עס וועלן דיך דאָרט בעסערע מקדים זיין, כאָטש דער אייגענער קמיטשיק, ווייל אַפילו ער איז נישט ערגער פון דיר.

וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ קוק־געטאָן אויף די בייגעוועזענע, נעמענדיק זיי פאַר עדות, וואָס פאַר אַ גרויסע עולה עס ווערט אים געטאָן. דערנאָך האָט זיך אים דער שטערן געראונצעלט, אַלע האָבן געמיינט, אַז ער וועט מיט אַ כּעס אַרויספּלאַצן, אָבער אַזוי ווי ער איז אויך פון פריער געווען בגילופין, האָט ער מיט אַ מאָל מיט אַ רירנדיקן קול זיך גענומען קלאָגן:

— אָט איז מיין שכר! — האָט ער אויסגערופן — פון די יינגסטע יאָרן דין איך דעם פאָטערלאַנד, לאָז איך די שווערד פון דער האַנט נישט אַרויס! נישט איך האָב אַ היים, נישט איך האָב אַ ווייב, קינדער, איין מענטש אַליין, ווי אַ שפּיז, וואָס שטעקט מיטן קאָפּ אין די הויך אַרויס. די שענסטע מענטשן טראַכטן וועגן זיך, און איך, אַ חוץ ווונדען אין דער הויט, האָב איך קיין אַנדערן שכר נישט געהאַט, דערפאַר איז מען מיך נאָך חושד אין פּריוואַטע פּניות און מען האַלט מיך שעור נישט פאַר אַ בוגד.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער גענומען לאָזן טרערן אויף די געלע וואָנסעלעך, און הער זאַגלאָבאַ איז מיט אַמאָל ווייך געוואָרן און עפּנענדיק די הענט האָט ער אויסגערופן:

— הער מיכאַל! כ'האָב דיר אַ גרויסע עולה געטאָן! כ'בין ווערט דעם תּלין דערפאַר, וואָס איך האָב אַזאַ אויסגעפּרובטן פריינט מבזה געווען!

און פאַלנדיק זיך אין די אָרעמס, האָבן זיי זיך גענומען קושן און צו די ברוסטן איינער דעם צווייטן צודריקן, דערנאָך האָבן זיי ווייטער געטרונקען אויף שלום און ווען דער פאַרדראָס אין די הערצער האָט זיך שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן אויסגעוועפּט, האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן:

— און איר וועט נישט דאָס חייל פאַרדאַרבן, הפקרות אַריינפירן, אַ שלעכטן ביישפּיל געבן?

– כ׳וועל נישט, הער מיכאַל! פאַר דיר וועל איך דאָס טון!

– און אַז גאָט וועט העלפן און מיר וועלן טיקאָטשין איינגעמען, ווען מען גייט עס אָן, וואָס איך זוך הינטער די מויערן. פאַרוואָס זאָל מען דאָס פון מיר חוזק מאַכן, האַ?

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט הער זאַגלאָבאַ גענומען דעם עק פון דער וואָנס אין מויל אַריינלייגן און אים בייסן מיט די ציין, און לסוף האָט ער געזאָגט:

– ניין, הער מיכאַל, כ׳האָב דיך ליב, ווי דאָס שוואַרץ-אַפּל פון אויג, אָבער דו זאָלסט דיר דאָס פרייליין בילעוויטש פון קאָפּ אַרויסשלאָגן.

– פאַרוואָס דען? – האָט דער פאַרוואונדערטער הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

– זי איז שיין, אמת! – האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט – אָבער דאָס איז אַן אָנזעעוודיקער פאַרשוין און עס איז צווישן אייך קיין שום פּראָפּאָרציע נישטאָ. סיידן דו זאָלסט זיך איר זעצן אויפן אָרעם, אָבער ווי אַ קאַנאַרעק, און צוקער פון מויל אַרויספּיקן. זי וואָלט דיך געקאָנט אויך ווי אַן אָדלער אויף דער הענטשקע טראָגן און אויף יעדן שונא נאָכלאָזן, ווייל הגם דו ביסט קליין, שטעכסטו אָבער ווי אַ בין.

– איר הויבט שוין אָן? – האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

– אַז כ׳האָב אָנגעהויבן, לאָזט שוין מיך פאַרענדיקן: איין מיידל איז ווי פאַר דיר באַשאַפן, און דאָס איז טאַקע יענע פּעסטקע... ווי הייסט זי דאָרט? די, מיט וועלכער דער פאַרשטאָרבענער פּאָדביפּיענטאָ האָט געזאָלט חתונה האָבן?

– אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ! האָט הער יאַן סקשעטוסקי אויסגעשריגן – דאָס איז דאָך מיכאַלס אַלטע סימפּאַטיע!..

– ממש אַ גרעטשענע קערנדעל, אָבער שיין איז דאָס בעסטיעלע געווען, ווי אַ פּופּע – האָט הער זאַגלאָבאַ, באַלעקנדיק זיך, געזאָגט.

דאָ האָט הער מיכאַל אָנגעהויבן צו זיפצען און צו איבערחזרן

דאָס, וואָס ער פלעגט תּמיד זאָגן, ווען עמיצער האָט וועגן אַנושאַן דערמאַנט:

— וואָס מאַכט זי, די אָרעמע?.. אָך, ווען איך וואָלט זי ווידער געפונען!

— דו וואָלסט זי שוין נישט פון די הענט אַרויסגעלאָזט... און דו וואָלסט גוט געטאָן, ווייל ביי דיין נטיה צו פאַרליבן זיך, הער מיכאַל, קאָן זיך דיר לייכט טרעפן, אַז די ערשטע בעסטע קאָזע זאָל דיך כאַפּן און אין אַ ציגנבאָק פאַרוואַנדלען. בנאמנות, כ'האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען, אַז עמיצער זאָל זיין אַזוי להוט נאָך ליבע. האָסט געדאַרפט אַ הין געבוירן ווערן, דאָס מיסט מיט די פיסלעך צעגראַבלען און קאָ, קאָ, קאָ!" אויף די הינדעלעך שרייען.

— אַנושאַ! אַנושאַ! — האָט דער פאַרבענקטער וואָלאָדיאָווסקי איבערגעחזרט — ווען גאָט שיקט זי מיר צו!.. און אפשר איז זי גאָר שוין אויף דער וועלט נישטאָ, אָדער אפשר האָט זי חתונה געהאַט און קינדער געבוירן...

— וואָס רעדסטו! — אַ גרינער ריב איז דאָס נאָך געווען, ווען איך האָב זי געזען, און הגם זי איז דערנאָך צייטיק געוואָרן, האָט זי ביז איצט געקאָנט בלייבן נאָך אַ בתולה. נאָך אַזאַ הער לאָנגין, האָט זי אַבי-וועמען נישט געקאָנט נעמען... פון דער צווייטער זייט ווידער, טראַכט אין דער איצטיקער מלחמה-צייט זעלטן אייגער וועגן חתונה-האָבן.

און הער מיכאַל האָט דערויף זיך אָנגערופן:

— איר האָט זי גוט נישט געקענט. אַ כשר מיידל ביז גאָר... אָבער אַזאַ טבע האָט זי שוין געהאַט, אַז זי האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזט, זי זאָל אים באַלד דאָס האַרץ נישט דורכשטעכן... אַזוי האָט זי שוין גאָט באַשאַפן. אַפילו מענטשען פון נידריקערן שטאַנד האָט זי נישט אויסגעמיטן ווי, אַ שטייגער, יענעם מעדיקער פון דער פירשטין גריזעלדא, דעם איטאַליענער, וואָס האָט זיך אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן. אפשר האָט זי שוין מיט אים חתונה-געהאַט און ער האָט זי אויף יענע זייט ים אַרויסגעפירט...

— רייד נישט קיין שטותים, הער מיכאל! — האָט זאַגלאָבאַ מיט אויפרעגונג אויסגערופן — דער מעדיקער, דער מעדיקער... וועט אַ שלאַכטשיצס אַ טאָכטער, פון פיינעם יחוס, חתונה האָבן מיט אַ מענטשן פון אַזאַ געמיינעם שטאַנד?.. כ׳האָב עס דיר שוין איין מאָל געזאָגט! דאָס קאָן נישט זיין!

— איך אַליין האָב אויך דערפאַר געהאַט אויף איר תרעומות, ווייל כ׳האָב זיך געטראַכט: זי ווייס שוין גאָרנישט פון קיין מאָס, אויב זי פאַרדרייט אויף פאַן-מענטשן דעם קאָפּ.

— איך זאָג דיר נביאות, אַז דו וועסט זי נאָך זען — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דאָס אַריינקומען פון פּאָרוטשניק טאָקאַזשעוויטש, וועלכער האָט פריער אין ראַדזיווילס רעגימענט געדינט און נאָך דעם העטמאַנס בגידה האָט ער אינאיינעם מיט די איבריקע אים פאַרלאָזט און איצט אין אָסקערקאָס פולק די פאָן געטראָגן.

— הער פולקאָווניק —, האָט ער צו וואָלאָדיאָווסקין געזאָגט — מיר וועלן די פעטאַרדע אונטערלייגן.

— איז הער אָסקערקאָ שוין גרייט?

— נאָך היינט מיטאָג-צייט איז ער גרייט געוועזן און ער וויל נישט וואַרטן, ווייל די נאַכט זאָגט צו צו זיין אַ פינסטערע.

— איז גוט — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — מיר וועלן גיין זען און איך וועל אויך די מענטשן מיט די ביקסן הייסן שטיין צוגעגרייט, כדי זיי זאָלן פון הינטערן טויער נישט אַרויספאַלן. וועט הער אָסקערקאָ אַליין די פעטאַרדע אונטערלייגן?

— יאָ... ער אַליין... אויך אַ סך פרייווילליקע גייען מיט אים.

— אויך איך וועל גיין! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— מיר אויך! — האָבן ביידע סקשעטוסקיס אויסגערופן.

— אָט, אַ שאָד, וואָס די אַלטע אויגן זעען נישט אין דער פינסטער — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — ווייל כ׳וואָלט

אודאי איך אַליין נישט געלאָזט גיין... אָבער וואָס קומט אַרויס! קוים ווערט נאָר טונקל, קאָן איך שוין מיט דער שווערד נישט פּאָכן... בייטאָג, בייטאָג, ביי דער זון, האָט דער אַלטער נאָך ליב אין שלאַכט-פעלד צו גיין. גיט מיר די געזונטעסטע שוועדן, אַבי באַטאָג!

— און איך וועל גיין — האָט דער פאַכטער פון וואָנסאָש נאָך אַ ישוב-הדעת געזאָגט — ווען מ'וועט דאָס טויער אויפרייסן, וועט אודאי דאָס חייל מאַסנווייז זיך אַ וואָרף-טון אין שלאָס אַריין, און דאָרט קאָן זיין אַ גרויס עשירות אין חפצים און איידלשטיינער.

און זיי זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען, ווייל אין דרויסן איז שוין געוואָרן טונקל; אין דער קוואַרטיר איז געבליבן נאָר איין הער זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט אַ ווײַלע זיך איינגעהערט, ווי דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס פון די אַוועקגייענדיקע; דערנאָך האָט ער גענומען אויפהייבן די פלאַשן איינע נאָך דער אַנדערער און קוקן ביי דער שיין פון פייער, וואָס האָט געברענט אין אויוון, צי ס'איז אין איינעם פון זיי עפּעס נישט פאַרבליבן.

יענע ווידער זענען געגאַנגען צום שלאָס אין דער פינסטער און ביי אַ ווינט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון דער צפון-זייט און האָט געבלאָזן וואָס אַמאָל שטאַרקער, געברומט, גערוישט, טראָגנדיק מיט זיך וואָלקנס פון צעשטויבטן שניי.

— אַ גוטע נאַכט אויף אונטערצולייגן פּעטאַרדע! — האָט וואָלאָדיאָוווסקי געזאָגט.

— אָבער אויך אויף אַרויסצופאַלן — האָט הער סקשעטוסקי געענטפערט; — מיר מוזען גוט אַכטונג געבן און די ביקסן-שיסער מוזן זיין גרייט.

— הלוואי — האָט הער טאָקאַזשעוויטש זיך אָנגערופן — זאָל באַ טשענסטאָכאָוו זיין נאָך אַ גרעסערער שטורעם. אין די מויערן איז אַנדזערע דאָך וואַרעמער... אָבער די שוועדן אויף

די וואַכן וואָלטן אָרענטלעך געפּרוּוירן געוואָרן... אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!

– אַ שרעקלעכע נאַכט! – האָט הער סטאַניסלאַוו געזאָגט – איר הערט, ווי עס הײלט, גלייך ווי טאַטערס וואָלטן צו אַן אַטאַקע געפלויגן?

– אָדער גלייך ווי די שדים וואָלטן ראַדזיווילן אַ הזכרה געמאַכט – האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן.

10 קאַפּיטל

און אין שלאָס האָט דער גרויסע בוגד מיט אַפּאָר טעג שפּעטער אויך געקוקט אויף דער פינסטערניש, וואָס שפּרייט זיך אויס איבער די פאַרשנייטע פעלדער, און געהערט דאָס געהייל פון ווינט.

דער לאָמפּ פון זיין לעבן האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעברענט. יענעם טאָג איז ער מיטאָג-צייט נאָך געגאַנגען, ער האָט נאָך פון די טורעמס אַראָפּגעקוקט אויף די געצעלטן און הילצערנע ביידלעך פון סאַפּיעהאַס חיילות; אָבער מיט צוויי שעה שפּעטער איז ער אַזוי שלאַף געוואָרן, אַז מ'האָט אים געמוזט אין די שטיבן אַוועקטראָגן.

זייט יענע קיידאַנער צייטן, אין וועלכע ער האָט נאָך די קרוין די האַנט אויסגעשטרעקט, האָט ער זיך געביטן נישט צום דערקענען. די האָר אויפן קאָפּ זענען גרוי געוואָרן, אַרום די אויגן האָבן זיך געבילדעט רויטע ראַנדן, דאָס פּנים איז אים אָנגעלאָפן און געשוואָלן געוואָרן, אַזוי, אַז עס האָט נאָך גרעסער אויסגעזען, אָבער געוועזן איז דאָס שוין אַ פּנים כמעט פון אַ בר-

מינן, געצייכנט מיט בלאָע פלעקן, און שרעקלעך דורך זיין אויסדרוק פון איבערמענטשלעכע יסורים.

און דאָך, הגם זיין לעבן האָט זיך שוין כמעט אויף די שעהן געקאָנט ציילן, האָט ער פונדעסטוועגן צו לאַנג געלעבט ווייל ער האָט איבערגעלעבט נישט בלויז דעם גלויבן אין זיך, אין זיין מזלדיקן שטערן, נישט בלויז זיינע האָפנונגען און פלענער, נאָר די אַזוי טיפע ירידה זיינע, אַז ווען ער האָט אַראָפּגעקוקט אויפן באָדעם פון תהום, אין וועלכן ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, האָט ער זיך אַליין נישט געוואָלט גלויבן. אַלץ האָט אים פאַרפירט: די געשעענישן, די אויסרעכענונגען, די פאַרבונדעטע, ער, וועלכן ס׳איז נישט גענוג געווען צו זיין דער מעכטיקסטער פוילישער שררה, פירשט פון דער רוימישער מלוכה, גרויס-העטמאַן און ווילנער וואָיעוואָדע; ער, פאַר וועלכן גאַנץ ליטע איז געווען צו קליין אויף צו זעטיקן זיינע באַגערן און גלוסטענישן, איז איצט געווען פאַרשפאַרט אין איין קליינעם שלאָס, אין וועלכן ס׳האָט אויף אים געוואַרט אָדער דער טויט, אָדער געפאַנגענשאַפט. און ער האָט יעדן טאָג געקוקט אויף די טיר, וועלכע פון דיביידע שרעקלעכע געטינס ס׳וועט צוערשט אַריינקומען נעמען זיין נשמה און זיין שוין האַלב צעפוילטן גוף.

פון זיינע נחלאות, פון זיינע גיטער און סטאַראָסטוועס האָט מען ערשט נישט לאַנג אַ זעלבסשטענדיק קעניגרייך געקאָנט אויסשניידן, היינט איז ער נישט געווען בעל-הבית אַפילו פון די טיקאָטשינער מויערן.

ערשט פאַר אַפּאָר חדשים האָט ער נאָך מיט די שכנותדיקע מלכים אונטערהאַנדעלט, היינט האָט איין שוועדישער קאַפּיטאַן מיט אומגעדולד און ביטול געהערט זיינע באַפעלן און די העזה געהאַט זיין ווילן צו זיין אייגענעם צוצובייגן.

ווען די חיילות האָבן אים פאַרלאָזט, ווען פון אַ מאַגנאַט און שררה, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד, איז ער געוואָרן אַן אומבאַהאָלפענער און נעבעכדיקער מענטש, וואָס האָט זיך אַליין גענויטיקט אין רעטונג און הילף, האָט קאַרל גוסטאַוו אים מיט פאַראַכטונג פאַרלאָזט.

אַ מעכטיקן העלפער וואָלט ער ביז צום הימל אויפגעהויבן, אָבער פון איינעם, וואָס בעט אַליין הילף, האָט ער זיך מיט גאווה אָפּגעקערט.

פונקט ווי מ'האָט דעם גזלן, קאָסטקאַ נאָפּיערסקין, אַנומלט אין טשאָרשטין באַלאַגערט, אַזוי האָט מען אים ראַדזיווילן, איצט אין טיקאָטשינער שלאָס באַלאַגערט. און ווער האָט באַלאַגערט? סאַפּיעהאַ דער גרעסטער פערזענלעכער שונא!

אַז מ'וועט אים באַקומען, וועט מען אים שלעפּן צום משפט ערגער נאָך ווי אַ גזלן, ווייל ווי אַ בוגד.

ס'האָבן אים פאַרלאָזט די קרובים, פריינט, פאַרבונדעטע. די חילות זענען באַפאַלן זיינע גיטער, די אוצרות, דאָס עשירות זענען ווי אַ נעפּל צעפלאָסן געוואָרן, און יענער שררה, יענער פירשט וועלכער האָט אַמאָל דעם פראַנצויזישן הויף פאַרחידושט און פאַרבלענדט מיט זיין פראַכט, וועלכער האָט אויף באַנקעטן טויזנטער שלאַכטשיצעס אויפגענומען, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן, באַקליידט און דערנערט צענדליקער טויזנטער אייגענע זעלנער, האָט איצט נישט געהאַט, מיט וואָס די אָפּגעשוואַכטע כוחות אָפּצומינטערן און אַ שרעק צו זאָגן! ער, ראַדזיוויל, איז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, שיעור נישט אין דער שעה פון זיין טויט – געווען הונגעריק!

אין שלאָס איז שוין לאַנג געווען אַ דוחק אין עסנוואַרג, פון די פאַרבליבענע קנאַפּע זאַפּאַסן האָט דער שוועדישער קאָמענ־דאַנט אָפּגעטיילט קאַרגע פּאָרציעס, און דער פירשט האָט אים נישט געוואָלט בעטן.

ווען די היץ, וואָס האָט פאַרצערט זיינע כוחות, וואָלט ווייניקסטענס ביי אים אויך דאָס באַוווסטזיין אָפּגענומען! אָבער ניין! זיין ברוסט האָט זיך געהויבן וואָס אַמאָל שווערער, דער אָטעם איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ כראָפּן, די אָנגעלאָפענע פיס און הענט זענען פאַרשטאַרט געוואָרן, אָבער דער מוח איז, נישט געקוקט אויף פאַרבייגייענדיקע בלענדענישן, נישט געקוקט אויף די אימהדיקע בילדער און זעענישן, וועלכע האָבן זיך פאַרביי־געריקט פאַר די אויגן, דאָס רוב צייט געבליבן קלאָר. און דער פירשט האָט געזען זיין גאַנצע ירידה, די גאַנצע נויט אין בזיונות,

יער אַלטער זיגרייכער מלחמה־מאַן האָט געזען די גאַנצע מפּלה – און זיינע יסורים זענען געווען אַזוי אָן אַ שיעור גרויס, אַז זיי האָבן זיך אפשר נאָר מיט זיינע זינד געקאָנט גלייכן.

ווייל אַחוץ דעם אַלעם האָבן אים נאָך חרטה־געפילן גע־פּייניקט, און ס'איז אין ערגעץ אויף דער וועלט נישט געווען אַזאַ היילקטום, אין וועלכן ער זאָל זיך קאָנען פאַר זיי אויס־באַהאַלטן. זיי האָבן אים געפּייניקט באַטאָג, געפּייניקט באַנאַכט, אין פעלד און אונטערן דאַך; די גאווה האָט נישט געקאָנט זיי בייקומען און אויך נישט אָפּשטויסן. וואָס טיפער זיין ירידה איז געווען, אַלץ מוראדיקער האָבן זיי אים געפּייניקט. און ער האָט געהאַט אַזעלכע מינוטן, אַז ער האָט געריסן די אייגענע ברוסט. ווען די שונאים זענען דאָס פאָטערלאַנד פון אַלע זייטן באַפאַלן, ווען איבער זיין אומגליקלעכן גורל, איבער זיינע ווייטאָקן און פאַרגאָסענעם בלוט האָבן זיך פרעמדע פעלקער מרחם געווען – האָט ער, דער ליטווישער גרויסהעטמאַן, אַנשטאַט צולאָזן זיך אין שלאַכט־פעלד, אַנשטאַט אים דעם לעצטן טראָפּן בלוט אָפּצוגעבן, אַנשטאַט צו פאַרחידושן די וועלט, ווי לעאָנידאַס, ווי טעמיסטאָקלעס, אַנשטאַט צו פאַרזעצן דעם לעצטן ראָק, ווי סאַפּיעהאַ, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון די שונאים און קעגן דער מאַמע, קעגן דעם אייגענעם האַר די פאַר־ברעכערישע האַנט אויפגעהויבן און זי אין קרובישן, טייערן בלוט איינגעטונקען... ער האָט דאָס אַלץ געטאָן, און איצט שטייט ער באַם סוף נישט בלויז פון שאַנד, נאָר אויך פון לעבן, באַלד וועט ער אַ דין־וחשבון מוזן אָפּגעבן, דאָרט, אויף יענער זייט... וואָס וואַרט דאָרט אויף אים?

די האָר האָבן זיך אים אויפן קאָפּ געשטעלט קאַפּויר, ווען ער האָט וועגן דעם געטראַכט. ווייל ווען ער האָט די האַנט, אויפן פאָטערלאַנד אויפגעהויבן, איז ער זיך אַליין לגבי אים אויסגעקומען גרויס, און איצט האָט זיך אַלץ געביטן. איצט איז ער קליין געוואָרן, און די רעפּובליק, פאַרקערט, וועלכע איז פון שטויב און בלוט אויפגעשטאַנען, איז אים אויסגעקומען עפּעס אַזוי גרויס און וואָס אַמאָל גרעסער, באַדעקט מיט אַ סודותפולער

אימה, פול מיס אַ הייליקער מאַיעסטעט און שרעקלעך. און די איז נאָך כסדר געוואַקסן אין זיינע אויגן און וואָס אַ מאָל ריזיקער אויסגעוואַקסן, ער האָט זיך געפילט לגבי איר ווי שטויב אי אַלס פירשט, אי אַלס העטמאַן, אי אַלס ראַדזיוויל, ער האָט נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס דאָס איז. עפּעס אומבאַקאַנטע כוואַליעס האָבן געפּלייצט אַרום אים, זיי זענען געפלאָסן מיט אַ רעש, מיט אַ געברויז, זענען אָנגעפלאָסן וואָס אַמאָל נענטער, האָבן זיך אויפגעטורעמט וואָס אַמאָל מוראַדיקער, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז דערטרונקען ווערן, אַז עס וואָלטן אין דאָזיקן מבול דערטרונקען געוואָרן אַזעלכע הונדערט, ווי ער. אָבער פאַרוואָס האָט ער די דאָזיקע אימה און סודופולע קראַפט נישט געזען פריער; פאַרוואָס האָט ער, אַ משוגענער, זיך אַ ריס-געטאָן אַ קעגן איר. ווען די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים געעגבערט אין מוח, האָט אים אַ שרעק אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער מאַמע, פאַר דער דאָזיקער רעפּובליק, ווייל ער האָט נישט דערקאָנט איר פּנים, וואָס איז פריער געווען אַזוי גוטמוטיק און מילד.

ער האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן און אין דער ברוסט האָט זיך באַזעצט אַ פּחד. ווייַלנווייז האָט ער געמיינט, אַז עס רינגעלט אים אַרום אַ גאַנץ אַנדער לאַנד, גאַנץ אַנדערע מענטשען. דורך די באַלאַגערטע מויערן איז צו אים דערגאַנגען אַלץ, וואָס האָט זיך אין דער באַלאַגערטער רעפּובליק אָפּגעטאָן, און אָפּגעטאָן האָבן זיך אויסטערלישע און מוראַדיקע זאַכן. ס׳האָט זיך אָנגע- הויבן אַ מלחמה אויף טויט און לעבן קעגן די שוועדן און בוגדים — אַ מלחמה, וואָס איז באַזונדערס געווען שרעקלעך דער- פאַר, וואָס עס האָט זי קיינער נישט פאָרויס געזען, די רעפּובליק האָט גענומען שטראָפן, געווען איז אין דעם עפּעס פון גאָטס צאָרן פאַר דער באַליידיקטער מאַיעסטעט.

ווען עס איז דורך די מויערן דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו, האָט ראַדזיוויל, דער קאַלווי- נער, זיך דערשראָקן און דער פּחד איז שוין מער פון זיין נשמה נישט אַרויס, ווייל טאַקע דעמאָלט האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען יענע סודותפולע כוואַליעס, וועלכע האָבן געזאָלט

פאַרשלינגען די שוועדן און אים; דעמאָלט האָט דער שוועדישער איבערפאַל זיך אים אויסגעוויזן נישט ווי אַן איבערפאַל, נאָר ווי אַ חילול-הקודש און אַ שטראָף, וואָס וועט נישט מיידן. דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגעפאַלן דער שלייער פון זיינע אויגן און ער האָט דערזען דאָס פאַרענדערטע פנים פון פאָטערלאַנד שוין נישט פון אַ מאַמע, נאָר פון אַ שטראָפנדיקער קעניגין.

אַלע, וואָס זענען איר געטריי געבליבן און געדינט בלב-ונפש, זענען עולה-לגדולה געוואָרן און אויסגעוואַקסן וואָס אַ מאָל מער, און ווער עס האָט קעגן איר געזינדיקט — איז געפאַלן.

— טאָר, הייסט עס קיינער נישט טראַכטן – האָט דער פירשט צו זיך געזאָגט וועגן דערהויבן זיך אַליין, אָדער זיין משפחה, נאָר מען דאַרף דאָס לעבן, כוחות און ליבשאַפט איר אַוועקגעבן?

אָבער פאַר אים איז געווען צו שפעט, ווייל ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס אַוועקצוגעבן, ווייל ער האָט שוין פאַר זיך נישט געהאַט קיין צוקונפט, סיידן אויף יענער וועלט, פאַר וועלכע ער האָט געציטערט.

זייט דער באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו, ווען איין מוראדיק געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ברוסט פון אומגעהייערן לאַנד, ווען עס האָט ווי על-פי-נס זיך אין איר געפונען עפעס אַן אויסטערלישע, ביז איצט פאַרזעענע און נישט באַנומענע קראַפט – ווען עס האָט מיט אַמאָל עפעס אַ סודותפולע און ווי פון הימל אַראָפּגעגנידערטע האַנט זיך אויפגעהויבן זי צו פאַרטיידיקן, האָבן נייע ספקות זיך איינגעגעסן אין דער נשמה פון פירשט, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון די שרעקלעכע געדאַנקען, אַז גאָט שיצט יענע זאַך און יענס גלויבן.

און ווען אַזעלכע געדאַנקען האָבן אים געעגבערט אין מוח, דעמאָלט האָט ער אין זיין אייגענער אמונה געצווייפלט און דעמאָלט איז זיין יאוש אַריבערגעשטיגן אַפילו די מאָס פון זיינע זינד.

ירידה אויף דער וועלט, ירידה פון דער נשמה, פינסטערניש. נישטיקייט — אָט וואָס ער האָט דערגרייכט און צו וואָס ער האָט זיך דערדינט. דינענדיק זיך אַליין.

און דאָך איז ער נאָך אין אָנהויב פון דער עקספּעדיציע פון קיידאַני קיין פּאָלעסיע געווען פול מיט האָפנונגען. סאַפּיעהאַ, אַ לאַנג־ערך ערגערער פירער, האָט אים אמת אין דער שלאַכט געשלאָגן, די רעשטלעך פון די פּאָלקן האָבן אים פאַרלאָזט, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט אים באָגוסלאַוו קומען צוהילף. ס'וועט קומען אָנצופליען דאָס דאָזיקע יינגע ראַדזיוויל־אָדלערל, בראש פון פּרייסישע, לוטערישע חיילות, וועלכע וועלן ווי די ליטווישע פּאָלקן צום פויבסטס אָנהענגער נישט אַריבערגיין, און דעמאָלט וועלן זיי אין צווייען דערשטיקן סאַפּיעהאַן, פאַרטיליקן זיינע כוחות, פאַרטיליקן די קאָנפעדעראַטן און אַוועקלייגן זיך אויפן פגר פון ליטע, ווי די צווי לייבן אויפן פגר פון אַן אינדיק און בלויז מיטן רצון וועלן זיי אָפּשרעקן די, וואָס וואָלטן וועלן זי פון זייערע הענט אַרויסרייסן.

אָבער די צייט איז פאַרגאַנגען, יאַנושס כוחות זענען צערונען געוואָרן; אַפילו די אויסלענדישע רעגימענטן זענען אַריבערגע־גאַנגען צום אימהדיקן סאַפּיעהאַ; עס זענען פאַרגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים, און באָגוסלאַוו איז נישט אָנגעקומען.

לסוף האָט זיך אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פון טיקאָטשין.

די שוועדן, וואָס אַ היפּל פון זיי איז פאַרבליבן בײַ יאַנושן, האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט, ווייל נאָכדעם, ווי זיי זענען פריער בײַגאַנגען שרעקלעכע גרויזאַמקייטן, האָבן זיי געוווּסט, אַז אַפילו דאָס אונטערגעבן זיך וועט זיי נישט פאַרהיטן פון דער נוקם־ונוטרדיקער האַנט פון די ליטווינער. דער פירשט האָט אין אָנהויב פון דער באַלאַגערונג נאָך געהאַט די האָפנונג, אַז אין לעצטן פאַל וועט אפשר דער שוועדישער קעניג אַליין אים קומען צוהילף, און אפשר הער קאָניעצפּאָלסקי, וועלכער האָט בראש פון זעקס טויזנט קרוין־פּוילישע רייטער זיך געפונען בײַ קאַרלן. אָבער זיין האָפנונג איז געווען אַן אומזיסטע. קיינער האָט וועגן אים נישט געטראַכט, קיינער איז מיט הילף נישט אָנגעקומען.

— באָגוסלאַוו! באָגוסלאַוו! — האָט דער פירשט איבער־

געחזורט, שפּאַנענדיק איבער די טיקאָטשינער שטובן – אויב דו ווילסט אַ ברודער נישט ראַטעווען, ראַטעווע ווייניקסטנס אַ ראַדזיוויל !..

צום סוף, אין דער לעצטער פאַרצווייפלונג, האָט דער פירשט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שריט, וועלכן זיין שטאָלץ האָט זיך שטאַרק אַקעגן געשטעלט: בעטן וועגן רעטונג באַם פירשט מיכאַל פון ניעשוויעזש.

זיין בריף איז אָבער אין וועג איבערגעכאַפּט געוואָרן דורך סאַפּיעהאַס מענטשן, און דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע האָט אַלס ענטפער איבערגעשיקט יאַנושן אַ בריף פון פירשט טיש-מייסטער, וועלכן ער האָט מיט אַ וואָך צוריק אַליין דערהאַלטן.

יאַנוש האָט אין אים געפונען אַן אָרט, ווו עס איז אָט וואָס געזאָגט געוואָרן:

„אויב עס זענען צום גנעדיקן הער דערגאַנגען ידיעות, אַז איך האָב בדעה צו קומען צוהילף דעם קרוב, דעם ווילנער פירשט וואָיעוואָדע, זאָלט איר אין זיי, גנעדיקער הער, נישט גלויבן, ווייל איך האַלט נאָר מיט די, וואָס ווילן אויסדויערן אין זייער בטחון אין פאָטערלאַנד און אין האַר אונדזערן און צוריקשטעלן די אַמאָליקע פרייהייטן פון דער הערלעכער רעפּובליק, און פון מיר איז נישט צו דערוואַרטן, אַז איך זאָל בוגדים שיצן פאַר דער גערעכטער און פאַרדינטער שטראָף. באָגוסלאַוו וועט אויך נישט אָנקומען, ווייל ווי איך הער, וויל דער קורפירשט בעסער טראַכטן וועגן זיך און וויל נישט צעטיילן די כוחות, און וואָס שייך קאָניעצפּאָלסקין, וועט ער אַוודאי פאָרן בעטן די האַנט באַ דער אלמנה, וואָס כדי זי זאָל עס ווערן, איז אים געלעגן, אַז דער פירשט וואָיעוואָדע זאָל וואָס גיכער אַ סוף איינגעמען".

דער דאָזיקער בריף, צו סאַפּיעהאַן אַדרעסירט, האָט באַם אומ-גליקלעכן יאַנוש דאָס רעשט ביסל האָפענונג צוגענומען און ס'איז אים נישט געבליבן עפּעס אַנדערש, ווי צוואַרטן, אַז דאָס אים באַשערטע זאָל מקוים ווערן.

די באַלאַגערונג האָט געהאַלטן באַם ענדיקן זיך.

די ידיעה וועגן הער סאַפּיעהאַס אָפּפאָרן האָט כמעט אין

דער זעלבער מינוט זיך דורכגעריסן דאָך די מויערן, אָבער די האָפנונג, אַז צוליב זיין אָפּפאָרן וועלן די פיינטלעכע שריט אויפהערן, האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווייל אדרבא, אין די פוס-גייער-פּאָלקן איז קענטיק געווען עפּעס אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג. אַפּאָר טעג זענען אָבער אַריבער גענוג רויק, מחמת דער פּלאַן אויפצורייסן דאָס טויער מיט פּעטאַרדע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, ס'איז אָבער אָנגעקומען דער 31 דעצעמבער, אין וועלכן נאָר די צוגעפּאַלענע נאַכט האָט געקאָנט שטערן די באַלאַגערער, וואָרים זיי האָבן אַפּנים געמאַכט עפּעס הכנות קעגן שלאָס, אויב נישט צו אַ שטורעם, איז ווייניקסטנס צו אַ נייער אַטאַקע פון האַרמאַטן אויף די אָפּגעשוואַכטע מויערן.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. דער פירשט איז געלעגן אין אַזוי גערופענעם „האָרן-זאַל", וואָס האָט זיך געפונען אין מערבדיקן טייל פון שלאָס. אויפן ריזיקן קאַמין האָבן געברענט גאַנצע פעכיקע סאָסנאָווע קלעצער, וואַרפנדיק אַ העלע שיין אויף די ווייסע און גענוג פוסטע ווענט, דער פירשט איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף אויף דער טערקישער סאָפע, וואָס איז בכיון אַרויסגערוקט געוואָרן אין מיטן שטוב, כדי די וואַרעמקייט פון די פלאַמען זאָל צו איר קאָנען צוקומען, נעבן קאַמין. אַ ביסל אין שאָטן, איז אויף אַ טעפּיך געשלאָפן אַ פּאַזש, און נעבן פירשט זענען געזעסן, דרעמלענדיק אויף די שטולן: מאַדאַם יאַקימאָוויטש, געוועזענע אויפזעערין פון פרויען-צימער אין קיידאַני, אַ צווייטער פּאַזש, אַ מעדיקער און צוגלייך דעם פירשטס אַסטראָלאָג און כאַרלאָמפּ.

דער לעצטער האָט דעם פירשט נישט פאַרלאָזט, הגם ער איז פון די אַלטע מיליטער-לייט כמעט איינער אַליין בא אים געבליבן. אַ ביטערע דינסט איז דאָס געווען, ווייל דאָס האַרץ און די נשמה פון אַלטן אָפיציר זענען גראָד געווען אויף יענער זייט פון די טיקאָטשינער מויערן, אין סאַפּיעהאַס לאַגער, פונדעסטוועגן האָט ער דעם אַמאָליקן פירער נישט פאַרלאָזט. דער אָרעמער זעלנער איז פון קעלט און צרות איינגעדאַרט געוואָרן, ווי אַ סקעלעט. פון זיין פּנים איז געבליבן נאָר די נאָז, וועלכע

האָט איצט אויסגעזען נאָך גרעסער און די וואָנסעס, ווי די שטרויווישן, אָנגעטאָן איז ער געווען אין פולן וואָפן, אין אַ פּאַנצער, עפּאָלעטן, שטורעם־הויב מיטן דראָטענעם עק, וועלכער איז אים אַראָפּגעפלאָסן אויף די אַקסלען. די אייזערנע בענדער האָבן אים געגלאַנצט אויף די עלנבויגנס, ווייל ער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון די מוירן, אויף וועלכע ער איז מיט אַ ווײַלע צוריק אַרויסגעיאַנגען אַ קוק־טאָן, וואָס עס טוט זיך, און אויף וועלכע ער האָט יעדן טאָג דעם טויט געזוכט. איצט האָט ער פון מידקייט איינגעדרעמלט, הגם דער פירשט האָט מוראדיק געכאַרכלט, גלייך ווי די גסיסה וואָלט זיך אָנגעהויבן, און הגם דער ווינט האָט אין דרויסן געברומט און געפייפט.

מיטאַמאָל האָבן קורצע צוקונגען גענומען אויפטרייסלען ראַדזיווילס ריזיקן קערפּער און ער האָט אויפגעהערט צו כאָרכלען. ס'האָבן זיך תּיכּף אויפגעוועקט די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און זיי האָבן גענומען שאַרף קוקן צוערשט אויף אים, דערנאָך אויף זיך.

אָבער ער האָט געזאָגט:

— ווי עס וואָלט מיר עמיצער פון דער ברוסט אַראָפּגעקראָכן: ס'איז מיר גרינגער...

דערנאָך האָט ער אַביסל דעם קאָפּ אומגעדרייט, גענומען זיך גוט אין דער טיר איינקוקן און צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— כאַרלאָמפּ!

— אייער דורכל, גנעדיקער הער פירשט.

— וואָס וויל דאָ סטאַכאָוויטש?

אונטער דעם אָרעמען כאַרלאָמפּ האָבן די פיס אַ ציטער־געטאָן, ווייל אויף וויפיל ער איז דער שלאַכט געווען אומדערשראָקן, אויף אַזוי פיל ער געווען אָבערגלויביש, ער האָט זיך דעריבער גיך אַרומגעקוקט און געזאָגט מיט אַ געהעמטער שטים.

— סטאַכאָוויטש איז דאָ נישטאָ. דער גנעדיקער הער פירשט האָט אים אין קיידאַני געהייסן דערשיסן.

דער פירשט האָט צוגעמאַכט די אויגן און קיין וואָרט ניש‏ט געענטפערט.

אַ געוויסע צייט האָט מען נאָר געהערט דאָס יאָמערלעכע און דערצויגענע וואָיען פון ווינט.

– אַ מענטשלעך געוויין הערט מען אין דאָזיקן ווינט – האָט דער פירשט ווידער געזאָגט, אויפמאַכנדיק די אויגן ביי אַ פולן באַוווסטזיין – אָבער איך האָב די שוועדן נישט אַראָפּגעבראַכט, נאָר ראַדזשעיאָוווסקי.

און אַז קיינער האָט נישט געענטפערט, האָט ער נאָך אַ קורצער ווײַלע צוגעגעבן:

– ער איז אַממייסטן שולדיק, ער איז אַממייסטן שולדיק, ער איז אַ ממייסטן שולדיק.

און ער האָט דערפילט אַ פרישן מוט אין דער ברוסט, גלייך ווי עס וואָלט אים דערפרייט דאָס דערמאַנען זיך, אַז עס איז געווען עמיצער מער שולדיק פון אים.

באַלד האָבן אים אָבער אַנדערע, שווערערע געדאַנקען געמוזט קומען אין קאָפּ אַריין, ווייל דאָס פּנים איז אים פינסטער געוואָרן און ער האָט אַפּאָר מאָל איבערגעחזרט:

– יעזוס! יעזוס! יעזוס!

און ווידער איז אים באַפאַלן אַ דושנעקייט; ער האָט גענומען כאָרכלען נאָך שרעקלעכער, ווי פריער.

דערווייל זענען פון דרויסן דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פון ביקסן-שאָסן, תּחילת זעלטענע, דערנאָך וואָס אַמאָל געדיכטערע, אָבער אין מיטן פון שניי-שטורעם און געברום פון ווינט האָבן זיי נישט אַזוי הויך אָפּגעהילכט און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס הערן זיך נאָכאַנאַנד קלעפּ אין טויער.

– מ׳שלאָגט זיך! – האָט דעם פירשטס מעדיקער געזאָגט.

– ווי געוויינלעך! – האָט כאַרלאָמפּ געענטפערט – די מענטשן פרירן אין דער קעלט, ווילן זיי זיך בעסער שלאָגן, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

שוין דער זעקסטער טאָג, ווי דער דאָזיקער ווינט און שניי האַלטן אָן – האָט דער מעדיקער געזאָגט – גרויסע שנויים

װעלן פּאַרקומען אין דאָזיקן קעניגרייך, װײַל דאָס איז אַן אומ־געװײנלעכע זאַך!

דערויף האָט כאַרלאַמפּ געענטפערט:

— הלואי! ערגער װי עס איז װעט נישט װערן!

דעם װײַטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דער פּירשט, װעלכן ס׳איז װידער גרינגער געװאָרן:

— כאַרלאַמפּ!

— אײַער דינער, גנעדיקער הער פּירשט!

— צי דאַכט זיך מיר אַזוי פון שװאַכקייט, אָדער אָסקערקאַ האָט טאַקע מיט אַפּאָר טעג צוריק געװאָלט מיט פּעטאַרדע דאָס טויער אויפרײַסן?

— ער האָט געװאָלט, גנעדיקער הער פּירשט, אָבער די שװעדן האָבן די פּעטאַרדי געכאַפּט און ער איז אַליין אומשעדלעך פון אַ קויל געטראָפן געװאָרן און סאַפּיעהאַס מענטשן זענען אָפּגעשלאָגן געװאָרן.

— אויב אומשעדלעך, װעט ער נאָך אַמאָל פּרובן... און װאָס פאַר אַ טאָג איז היינט?

— דער לעצטער אין דעצעמבער, גנעדיקער הער פּירשט.

— גאָט זיי דערבאַרמיק איבער מיין נשמה!... איך װעל שוין נישט דערלעבן ביז ניי־יאָר... מ׳האָט מיר שוין לאַנג פאָרויס געזאָגט, אַז אין יעדן פינפטן יאָר װעט דער טויט זיין נאָענט צו מיר.

— גאָט איז לייטזעליק, גנעדיקער הער פּירשט.

— גאָט איז מיטן הער סאַפּיעהאַ — האָט דער פּירשט שטיל געענטפערט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך גענומען אומקוקן און געזאָגט.

— אַ קעלט בלאָזט פון אים אויף מיר... כ׳זע אים נישט, אָבער כ׳שפּיר, אַז ער איז דאָ.

— װער, גנעדיקער הער פּירשט?

— דער טויט!

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט!

— אַ װײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשװייגן, מ׳האָט נאָר

געהערט דאָס שטילע געבעט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך מאַדאַם יאַקימאָוויטש.

— זאָגט — האָט דער פירשט זיך אָנגערופן מיט אַן איבער געהאַקטער שטים — גלויבסט איר באמת, אַז דורך אַן אַנדערן גלויבן, ווי אייערן, קאָן קיינער נישט אויסגעלייזט ווערן?

— אפילו אין דער שעה פון טויט קאָן מען נאָך תשובה-טאָן — האָט כאַרלאָמפּ געענטפערט.

די אָפּקלאַנגען פון שיסעריי זענען אין דער רגע געוואָרן נאָך געדיכטער. דאָס דונערן פון די האַרמאַטן האָט גענומען אויפטרייסלען די שויבן, וועלכע האָבן יעדעס מאָל אָפּגעענטפערט מיט אַ יאָמערלעכן געקלימפּער.

דער פירשט האָט אַ געוויסע צייט געהאָרכט רויק, דערנאָך האָט ער צוקאָפּנס אַ ביסל זיך אונטערגעהויבן, ביסלעכווייז האָבן די אויגן גענומען ברייטער ווערן, די שוואַרץ-אַפּלען גלאַנצען. ער האָט זיך אויפגעזעצט; אַ ווײַלע האָט ער מיט די הענט דעם קאָפּ אָנגעהאַלטען, מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן, ווי אַ מטורף:

— באַגוסלאַוו! באַגוסלאַוו! באַגוסלאַוו!

כאַרלאָמפּ איז ווי אַ צעדולטער פון דער שטוב אַרויסגעלאָפן.

דער גאַנצער שלאָס האָט זיך געטרייסלט און געצאַפּלט פון הארמאַטן-געקנאַל.

מיטאַמאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי פון אַ פּאָר טויזנט שטימען, דערנאָך האָט עפּעס מיט אַ מוראדיקן רעש אַ ריס-געטאָן די ווענט, אַז די גליענדיקע העלצער און קוילן האָבן זיך אַזש פון קאַמין אויף די פּאָדלאָגע אַרויסגעשאָטן, אינאיינעם דערמיט איז כאַרלאַמפּ צוריק אַרײַנגעפאַלן אין זאַל.

— סאַפּיעהאַס מענטשן האָבן דאָס טויער אויפגעריסן! — האָט ער אַגעשריי געטאָן — די שוועדן זענען אַנטלאָפן אין טורעם!..

דער שונא איז דאָ!.. געגעדיקר הער פירשט...

די ווייטערדיקע ווערטער זענען אים אויף די ליפּן אָפּגעשטאָרבן. ראַדזיוויל איז געזעסן אויף דער סאָפע מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן; מיטן אָפענעם מויל האָט ער פון צייט

צו צייט געכאַפּט לופט, ציין האָט ער געהאַט אויסגעשטשירעטע. מיט די הענט האָט ער געריסן די סאָפּע, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און קוקנדיק מיט שרעק טיף אין די שטוב, האָט ער געשריגן און גיכער געכראָפּעט צווישן איין אָטעם-כאַפּן און דעם צווייטן:

— דאָס האָט ראַדזשעיאַווסקי... נישט איך... ראַטעוועט!.. וואָס ווילט איר?! נעמט די קרוין!.. דאָס האָט ראַדזשעיאַווסקי... ראַטעוועט, מענטשן! יעזוס! יעזוס! מ אַ ר י אַ!

דאָס זענען געווען ראַדזיווילס לעצטע ווערטער.

דערנאָך האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעכער שלוקערץ, די אויגן זענען אים נאָך מער פון די לעכער אַרויסגעקראָכן, ער האָט זיך אויסגעצויגן, איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף און געבליבן אָן באַוועגונג.

— געשטאָרבן! — האָט דער מעדיקער געזאָגט.

— ער האָט מאַריאַן גערופן! איר האָט געהערט, הגם ער איז אַ קאַלווינער! — האָט זיך מאַדאַם יאַקימאָוויטש אָנגערופן.

— וואַרפט-צו צום פייער! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט צו די פון שרעק פאַרשטאַרטע פּאַזשן.

און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צום מת, האָט אים די אויגן צוגעמאַכט, דערנאָך האָט ער פון פּאַנצער אַראָפּגענומען דאָס גילדענע בילד פון דער געטלעכער מוטער, וועלכעס ער האָט אויף אַ קייטל געטראָגן און צוגיפלייגנדיק ראַדזיווילס הענט אויף דער ברוסט, האָט ער עס אים אַרייגעלייגט צווישן די פינגער.

דאָס ליכט פון פייער האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דעם גילדענעם פאָן פון בילד, און דער דאָזיקער אָפּגלאַנץ איז געפאַלן אויפן פּנים פון וואָיעוואָדע און עס אַזוי אויפגעהייטערט, אַז עס האָט קיינמאָל אַזוי רואיק נישט אויסגעזען.

כאַרלאַמפּ האָט זיך געזעצט נעבן קערפּער און אָנשפּאַרנדיק די עלנבויגנס אויף די קני האָט ער דאָס פּנים אין די הענט באַהאַלטן.

דאָס שטילשווייגן האָט איבערגעריסן נאָר דאָס דונערן פון דער שיסעריי.

מיטאַמאָל איז געשען עפּעס מוראדיקס. ס'האָט צוערשט אַבליץ געטאָן אַ בלענדענדיקע ליכטיקייט; ס'האָט זיך געדוכטן, אַז די גאַנצע וועלט איז אין אַ פייער פאַרוואַנדלט געוואָרן, און צו דער זעלבער צייט כּמעט האָט זיך דערהערט אַזאַ קנאַל, ווי די ערד וואָלט אונטערן שלאָס זיך געשפּאַלטן. ס'האָבן זיך אַוואַקל-געטאָן די ווענט, דער סופית האָט געפּלאַצט מיט אַן אימהדיקן טראַסק, אַלע פענסטער זענען אויף די פּאָדלאָגע אַראָפּגעפאַלן און דאָס גלאָז פון די שויבן איז צעקנאַקט געוואָרן אויף הונדערטער פיצלעך. דורך די פּוסטע עפענונגען פון די פענסטער האָבן זיך אין דער רגע אַריינגעריסן וואָלקנס שניי און דער ווינט האָט יאָמערלעך גענומען היילן אין די ווינקלען פון זאַל.

אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב, זענען מיט די פּנימער געפאַלן אויף די ערד, אַלע זענען פאַרשטומט געוואָרן פון שרעק.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן כאַרלאַמפּ און ער האָט באַלד אַ קוק געטאָן אויפן וואָיעוואָדעס קערפּער; אָבער דער בר-מינן איז געלעגן גלייך, רויק, נאָר דאָס גילדענע בילדל האָט זיך אַ ביסל אויסגעבויגן אין די הענט.

כאַרלאַמפּ האָט פרייער אָפּגעעטעמט. פריער איז ער זיכער געווען, אַז דאָס האָט אַ מחנה שדים זיך אַריינגעריסן אין זאַל נאָך דעם פירשטס קערפּער.

— ס'איז געשען! — האָט ער געזאָגט — דאָס האָבן די שוועדן געמוזט מיט פּולווער אויפרייסן דעם טורעם און זיך...

אָבער פון דרויסן האָט קיין שום אָפּקלאַנג זיך נישט דער-טראָגן. משמעות, אַז סאַפּיעהאָס חיילות זענען שטיין געבליבן אין שטילער באַוואונדערונג, אָדער אפשר אין דער מורא, אַז דער גאַנצער שלאָס איז אונטערגעמינעוועט און אַז דאָס פּולווער וועט איין מאָל נאָכן צווייטן אויפרייסן.

— וואַרפט-צו צום פייער! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט צו די יינגלעך.

און ווידער האָט אין דער שטוב אויפגעפלאַקערט אַ העל, גלענדנדיק ליכט. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טויט-שטילקייט, נאָר דאָס פייער האָט געצישעט, נאָר דער ווינט האָט געוואָיעט און וואָס אַמאָל געדיכטערער שניי האָט זיך געשאָטן דורך די פוסטע פענסטער.

ביז עס האָבן אָפּגעהילכט געמישטע קולות, דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון שפּאָרנס און אַ געטרעט פון אַ סך פיס; די טיר פון זאַל האָט זיך אויפגעפראַלט און די זעלנער זענען אַריינגעפאַלן אין מיטן שטוב.

ס'איז געוואָרן ליכטיק פון די הוילע שווערדן און דורך דער טיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט וואָס אַמאָל מער ריטערלעכע געשטאַלטן, אָנגעטאָן אין העלמען, קאַפּוזעס, פוטערנע היטלעך. אַ סך האָבן אין די הענט געטראָגן לאַמטערנס און געלויכטן מיט זיי, גייענדיק פאָרזיכטיק, הגם אין שטוב איז אַזוי אויך געווען ליכטיק פון פייער.

צום סוף איז פון דער מאַסע אַרויסגעשפּרונגען אַ קליינער ריטער, איינגעטאַנצן אין עמאַלירטן כלי-זיין, און אויסגעשריגן:

— ווו איז דער ווילנער וואָיעוואָדע?

— דאָ! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן קערפּער, וואָס איז געלעגן אויף דער סאָפע.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ קוק-געטאָן און געזאָגט:

— ער לעבט נישט!

— ער לעבט נישט! ער לעבט נישט! — איז די שטים גע-גאַנגען פון מויל צו מויל — עס לעבט נישט דער בוגד און פאַרקויפטע נשמה!

— יאָ — האָט כאַרלאַמפּ טריב געזאָגט — אָבער אויב איר וועט זיין גוף מבזה זיין און אים מיט די שווערדן צעשניידן, וועט איר שלעכט טאָן, ווייל ער האָט פאַר יציאת-נשמה די הייליקסטע בתולה געגרופן און ער האַלט איר בילד אין דער האַנט!

די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. די קולות זענען אַנטשוויגן געוואָרן און די זעלנער האָבן גענומען

זיך דערנענטערן, די סאָפּע אַרומגיין און צום בר-מינן זיך צו-קוקן. די, וואָס האָבן געהאַט לאַמטערנס, האָבן מיט זיי אים אין די אויגן אַריין געלויכטן, און ער איז געלעגן אַ ריזיקער, אַ פֿאַרחושכטער, מיט אַ העטמאַנישע מאַיעסטעט אין פּנים און קאַלטער ערנסט פֿון טויט.

די זעלנער זענען צוגעקומען איינער נאָכן אַנדערן און צווישן זיי אויך די עלטסטע. עס זענען בכן צוגעגאַנגען סטאַנקעוויטש און ביידע סקשעטוסקיס און האָראָטקעוויטש און יאַקוב קמיטשיץ און אָסקערקאָ און הער זאַגלאָבאַ.

— אמת טאַקע!.. — האָט הער זאַגלאָבאַ מיט אַ שטילער שטים געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט דעם פּירשט אויפֿצוּוועקן. — די הייליקסטע בתולה האָלט ער אין די הענט און אַ שיין פֿאַלט פֿון איר אויף זיין פּנים...

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל פֿון קאָפּ. אין דער רגע האָבן אויך אַלע אַנדערע דאָס געטאָן. ס'האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן פֿול מיט דרך-ארץ. עס האָט עס צום סוף איבערגעריסן וואָלאָדיאָווסקי.

— אַך! — האָט ער געזאָגט — ער שטייט שוין פֿאַר גאָטס משפּט און די מענטשן האָבן שוין צו אים גאָרנישט!

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו כאַרלאַמפּן:

— אָבער דו, אומגליקלעכער, פֿאַרוואָס ביסטו צוליב אים פֿון פֿאָטערלאַנד און פֿון האַר אָפּגעטרעטן?

— גיט אים אַהער!.. — האָבן זיך באַלד אַ פּאָר שטימען אָנגערופֿן.

דאָ האָט זיך כאַרלאַמפּ אויפֿגעשטעלט און אַרויסנעמענדיק די שווערד האָט ער זי מיט אַ געקלאַנג אויף די ערד אַ וואָרף געטאָן.

— אָט האָט איר מיך, צעהאַקט! — האָט ער געזאָגט — איך האָב אים נישט פֿאַרלאָזט צוזאַמען מיט אייך, ווען ער איז געווען מעכטיק ווי אַ קעניג, און דערנאָך האָט מיר נישט געפּאַסט אים צו פֿאַרלאָזן, ווען ער איז געווען אין אַ נויט און ווען קיינער איז באַ אים נישט פֿאַרבליבן. אוי! כ'בין נישט פֿעט געוואָרן פֿון

דער דאָזיקער דינסט, ווייל כ׳האָב שוין דריי טעג גאָרנישט אין מויל געהאַט און די פיס וואַקלען זיך אונטער מיר... אָבער איר האָט מיך, צעהאַקט מיך! ווייל אויך דאָס בין איך מודה... — דאָ האָט הער כאַרלאַמפּס שטים אַ ציטער-געטאָן — אַז איך האָב אים ליב געהאַט...

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אַ וואַקל-געטאָן און ער וואָלט געווען אומגעפאַלן, אָבער זאַגלאָבאַ האָט אים די אָרעמע געפּענט, אַ כאַפּ-געטאָן, אונטערגעהאַלטן און דערנאָך גענומען שרייען:

— בײַ גאָט! גיט אים צו עסן און צו טרינקען!

דאָס האָט אַלעמען געטראָפן אין האַרץ אַריין און מ׳האָט טאַקע דעם הער כאַרלאַמפּ אָנגענומען בײַ די הענט און אים תּיכּף פון דער שטוב אַרויסגעפירט. דערנאָך האָבן אויך די זעלנער איינער נאָכן אַנדערן גענומען זי פאַרלאָזן און דערבײַ זיך פרום איבערגעצלמט.

אויפן וועג צו דער קוואַרטיר האָט הער זאַגלאָבאַ זיך עפּעס אין מוח איבערגעלייגט, פאַרטראַכט זיך, געהוסט, צום סוף האָט ער דעם הער וואָלאָדיאָווסקי פאַר דער פּאָלע אַ צי-געטאָן.

— הער מיכאַל! — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז?

— דער כּעס אויף ראַדזיווילן איז בײַ מיר שוין אַריבער, אַ בר-מינן איז פאָרט אַ בר-מינן!.. כ׳בין אים מוחל במחילה גמורה, וואָס ער האָט מיר דאָס לעבן געוואָלט צונעמען.

— ער שטייט שוין פאַרן בית-דין של מעלה! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

— אַוודאי, אַוודאי!.. הם! ווען דאָס וואָלט אים עפּעס געהאָלפן, וואָלט איך איבעריקנס אַפילו אויף אַ הזכרה געגעבן, ווייל עס דוכט זיך מיר, אַז ער האָט דאָרט אַ זייער שווערע מערכה.

— גאָט איז דערבאַרמיק!

— אמת, גאָט איז טאַקע דערבאַרמיק, אָבער אויך ער קאָן

די אַפּיקורסים נישט סובל זיין, און דאָס איז דאָך נישט בלויז אַן אַפּיקורס, נאָר אויך אַ בוגד. — אָט וואָס!

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ פאַרריסן דעם קאָפּ און גענומען קוקן אין די הויך.

— כ'האָב מורא — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — אַז עס זאָל מיר עפּעס אַ שוועד, פון די, וואָס האָבן זיך מיט פּולווער אויפגעריסן, אויפן קאָפּ מיר נישט אַראָפּפליען, וואָרום עס איז דאָך זיכער, אַז מ'האָט זיי דאָרט אין הימל נישט אַריין געלאָזט!

— ווילע יינגען! — האָט הער מיכאַל מיט אַנערקענונג געזאָגט — זיי האָבן בעסער געוואָלט אומקומען, איידער זיך אונטערגעבן. נישטאָ אַ סך אַזעלכע זעלנער אויף דער וועלט!

און זיי זענען ווייטער געגאַנגען שטילשווייגנדיק. מיט־אַמאָל האָט הער מיכאַל זיך אָפּגעשטעלט.

— פריילין בילעוויטש איז אין שלאָס נישט געווען — האָט ער געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— כ'האָב געפרעגט יענע פּאַזשן. באַגוסלאַוו האָט זי גענומען קיין טוראָגי.

— אוי! — האָט זאַגלאָבא געזאָגט — דאָס איז ווי מ'וואָלט דעם וואָלף אַ ציג אָנפאַרטרויט. אָבער דאָס גייט דיך נישט אָן, דיר איז יענע פעסטקע באַשערט!

11 קאַפּיטל

לווּוו איז זייט דעם קעניגס אָנקוּמען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתע הויפּט-שטאָט פוּן דער רעפּוּבליק. צוּזאַמען מיטן קעניג איז אָנגעקוּמען דער גרעסטער טייל בּיסקוּפּן פוּן גאַנצן לאַנד אוּן יענע אַלע וועלטלעכע סענאַטאָרן, וועלכע האָבּן נישט געדינט דעם שוׂנא. די אַרויסגעגעבּענע אינסטרוּקציעס האָבּן גערוּפן צוּם געווער איין די שלאַכטע פוּן דער רייסישער וואָיעוואוּדזטווע אוּן פוּן די ווייטערדיקע דערנעבּנדיקע וואָיעוואוּדזטוועס. זי האָט זיך געשטעלט אין אַ גרויסער צאָל אוּן בּאַוואָפנט. אָן מניעות אין דאָס בּאַזוּנדערס דערפאַר, וואָס די שוועדן זענען אין ע מקומות כּלל נישט געווען. די אויגן אוּן די הערצער האָבּן אָנגעקוואָלן אויפן אָנבּליק פוּן דאָזיקן לאַנד-שטוּרעם ווייל ער האָט מיט גאָרנישט דערמאַנט יענעם גרויספּויל ע, לאַנד-שטוּרעם, וועלכער האָט בּיי אוּישטשע געשטעלט דעם שוׂנא זײַן שוואַכן ווידערשטאַנד. פאַרקערט, דאָ איז אָנגעקוּמען די

אימהדיקע און קריגערישע שלאַכטע, וועלכע איז פון קינדוויין אָן אויף די פערד און אויף די שלאַכט פעלדער געהאָדעוועט געוואָרן, וועלכע איז פון די כסדרדיקע אָנפאַלן פון די טאָטערישע פרא אדמס געוווינט געוואָרן צו בלוט-פאַרגיסונג און שרפות, און וועלכע האָט בעסער באַהערשט די שווערד, ווי לאַטיין. עס האָט זי נאָר-וואָס נאָך אויסגעבילדעט כמעלניצקיס מרידה, וועלכע האָט זיבן יאָר אָן איבעררייס אָנגעהאַלטן, אַזוי, אַז עס איז צווישן זיי נישט געווען קיין מענטש, וועלכער זאָל נישט זיין געווען אין פייער לכל-הפחות אַזוי פיל מאָל, וויפיל ער האָט געהאַט יאָרן. אַלץ ניי׃ חמרים פון דער דאָזיקער שלאַכטע זענען קיין לוווו אָנגעקומען. אַ טייל איז געקומען פון די אָפגרוט-טיפע בעשטשאַדעס, אַנדערע פון די ברעגעס פון פרוט, דניעסטער און סערעט; די, וואָס זענען געזעסן אויף די שלענגלדיקע טייך-געביטן פון דנייסטער, די, וואָס זענען געזעסן אויף די ברעגעס פון צעפלאָסענעם בוג, די, וועלכע זענען אויף די ברעגעס פון סיניוכאָ דורך די פויערישע איבערפאַלן פון דער ערד נישט אָפגעמעקט געוואָרן, די, וואָס האָבן אויף די טאָטערישע גרעניצן זיך באַזעצט — זיי אַלע האָבן אויפן רוף פון האַר געאיילט אין די לייבן-שטאָט, כדי פון דאָרט אויף דעם נאָך אומבאַקאַנטן שונא צו מאַרשירן. ס'האָט געשטראָמט די שלאַכטע פון וועלין אנון פון נאָך ווייטערע וואָיעוודזטוועס, אַזאַ שנאה האָט אין אַלעמענס הערצער אָנגעצונדן די שרעקלעכע ידיעה וועגן דעם, אַז דער שונא האָט זיין פאַרברעכערישע האַנט אויפגעהויבן אויף די באַשיצערן פון דער רעפּובליק אין טשענסטאָכאָוו.

און די קאָזאַקן האָבן זיך נישט דערוועגט צו מאַכן שטערונגען, ווייל אַפילו ביי די פאַרהאַרטעוועטסטע האָבן ביי די הערצער אַ ריר-געטאָן און אגב זענען זיי דורך די טאָטערס געצוווּנגען געוואָרן דורך שליחים זיך צו פאַרנייגן פאַרן קעניג און צום הונדערסטן מאָל צו באַגייען די שבועה אויף טריישאַפט. די פאַר דיזם קעניגס

שונאים געפערלעכע טאָטערישע דעפּוטאַציע אונטער דער פירונג פון סובאַגהאַזי-בעי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לוווו, פאַרלייגנדיק אין כאַנס נאָמען הונדערט טויזנט טאָטערישע זעלנער אויף צו העלפן דער רעפּובליק. פערציק טויזנט פון זיי האָבן באַלד פון קאַמענעץ געקאָנט אין מלחמה-פעלד אַרויס-מאַרשירן.

אַ חוץ דער טאָטערישער דעפּוטאַציע איז אויך אָראָפּגע-קומען אַ דעלעגאַציע פון זיבנבירגן אויף צו פירן די אונטער-האַנדלונגען וועגן יורש-עצר, וואָס זענען אָנגעהויבן געוואָרן מיט ראַקאָטשין; ס'האָט אויך געוויילט אַ קייזערלעכער שליח, ס'איז געווען דער פּויבסטלעכער נונציוס, וועלכער איז צוזאַמען מיטן קעניג געקומען, יעדן טאָג זענען אָנגעקומען דעפּוטאַציעס פון די קרוין-פּוילישע און ליטווישע חיילות, פון וואָיעוואָדזטוועס און לענדער מיט דערקלערונגען וועגן טריישאַפט פאַר דער מאַיעסטעט און חשק מיט מסירות-נפש צו פאַרטיידיקן דאָס פון שונאים באַפאַלענע פאָטערלאַנד.

ס'איז אַזוי אַרום געוואַקסן די מאַכט פון קעניג, און די רעפּובליק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַזוי נידער-געשלאָגן, האָט זיך פאַר אַלעמענס אויגן דערהויבן צו דער פאַרוואונדערונג פון דורות און פעלקער. ס'האָט אין די מענטשלעכע הערצער זיך צעברענט אַ לעבעדיקע נאָך מלחמה און נקמה און צו דער זעלבער צייט זענען אויך די דאָזיקע הערצער פאַר-האַרטעוועט געוואָרן. און פּונקט ווי דער וואַרעמער און געדיכטער רעגן שמעלצט צום פרילינג די שנייען, אַזוי האָט אויך די מעכטיקע האָפנונג די ספקות צעשמאָלצן. מ'האָט נישט בלויז געוואָלט נצחונות, נאָר מ'האָט אין זיי אויך געגלויבט. אַלע בייזע גינסטיקע ידיעות, הגם אָפט נישט ריכטיקע, האָבן געוואַנדערט פון מויל צו מויל. דאָ האָט מען דערציילט וועגן אָפּגענומענע שלעסער, דאָ וועגן שלאַכטן, אין וועלכע אומבאַ-קאַנטע פאָלקן אונטער דער קאָמאַנדע פון ביז איצט אומבאַקאַנטע פירער האָבן געמאַכט אַ תל-עולם פון די שוועדן, דאָ וועגן

מוראדיקע כמאַרעס פֿון פויערן, וועלכע האָבן זיך ווי אַ היישעריק אויפגעהויבן קעגן שונא. סטעפּאַן טשאַרניעצקיס נאָמען איז וואָס אַמאָל אָפֿטער דערמאַנט געוואָרן דורך אַלעמענס מיילער.

די פּרטים וועגן יענע ידיעות זענען אָפֿט געווען נישט ריכטיקע, אָבער אינאיינעם גענומען האָט זיך אין זיי ווי אין אַ שפּיגל, אָפּגעשלאָגן אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין גאַנצן לאַנד.

אָבער אין לוואָוו איז געווען ווי אַן אומאויפהערלעכער יום־טוב. ווען דער קעניג איז אָנגעקומען האָט אים די שטאָט פֿייערלעך מקבל־פּנים געווען: עס האָבן אים באַגריסט די גייסטלעכקייט פֿון די דריי אמונות, די אָרטיקע ראַט־מיטגלידער, די סוחרים, צעכן. אויף די פּלעצער און גאַסן, וווּ מ'האָט נאָר מיט אַן אויג געוואָרפֿן, האָבן געפֿלאַטערט ווייסע סאַפּירענע, פּורפּורדיקע און גילדענע פֿאָנען. די לוואָווער בירגער האָבן שטאָלץ אויפגעהויבן זייער גילדענעם לייב אין בלאָען פֿעלד, דערמאָנענדיק מיט גדלות די נאָר־וואָס איבערגעלעבטע קאָזאַקישע און טאָטערישע אָנפֿאַלן. ביי יעדן באַווייזן זיך פֿון קעניג האָבן די מאַסן געמאַכט קולות, און קיין מאַסן האָט קיינמאָל נישט געפֿעלט.

די באַפֿעלקערונג האָט זיך פֿאַרטאָפּלט אין די לעצטע טעג. אַחוץ סענאַטאָרן, ביסקופּן, אַחוץ שלאַכטע, האָבן צוגעשטראָמט אויך מאַסן פּויערן, ווייל עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער קעניג פּלאַנט דעם גורל פֿון די פּויערן צו פֿאַרבעסערן. סוקמאַנעס און גראָבע פּויערן־קיטלען האָבן זיך בכן אויסגעמישט מיט די געלע קאַפּאָטעס פֿון די שטאָט־לייט. אַרמענישע סוחרים מיט טונקעלע פּנימער האָבן אויפֿגעשלאָגן געצעלטן מיט סחורות און געווער, וועלכעס די פֿאַרזאַמלטע שלאַכטע האָט גערן געקויפֿט.

געווען אויך אַ היבשע צאָל טאָטערס ביי דער דעפּוטאַציע און אונגאַרן און וואַלאַכן און עסטרייכער, אַ מאַסע ציוויל־מענטשן, אַ מאַסע מיליטער־לייט, אַ מאַסע פֿאַרשיידנאַרטיקע

בנימער, אַ מאַסע אויסטערלישע הלבשות, פאַרביקע, העלע, מכל המינים, אַ מאַסע הויף-דינער: ריזיקע פּאַיוקן, היידוקן, יאַניטשאַרן, הויך-געוואַקסענע קאָזאַקן, לויפערס, אויפן אויסלענדישן שטייגער אָנגעטאָענע.

אויף די גאַסן איז פון באַגינען ביז אָוונט געשטאַנען אַ מענטשלעך געטומעל, עס זענען דורכגעפאָרן דאָ רעגולערע פּולקן, דאָ אָפּטיילונגען פון רייטנדיקע שלאַכטע, ס'האָבן זיך געהערט קאָמאַנדע-געשרייען, ס'האָבן געפינקלט פּאַנצערס און הוילע שווערדן, פערד האָבן געהירזשעט, האַרמאַטן געפּילדערט און ס'האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט געזאַנגען פול מיט דראונגען און קללות פאַרן שוועד.

און די גלאָקן אין די פּוילישע, רייסישע און אַרמענישע קירכעס האָבן געקלונגען אָן אויפהער, אָנזאָגנדיק אַלעמען, אַז דער קעניג איז אין לעמבערג און אַז לעמבערג איז פון די הויפּט-שטעט די ערשטע, וואָס האָט, צו איר אייביקן רום, אויפגענומען דעם פאַרטריבענעם קעניג.

מ'האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט, ווו ער האָט זיך נאָר געוויזן; די היטלעך זענען געפלויגן אין די הויך, און די געשרייען: „וויוואַט!" האָבן די לופט אויפגעטרייסלט; מ'האָט זיך אויך פאַרנייגט פאַר די קאָטשן פון די ביסקופּן, וועלכע האָבן דורך די פענסטער געבענטשט די פאַרזאַמלטע מאַסן; מ'האָט זיך אויך גענייגט און געמאַכט אויסגעשרייען פאַר די סענאַטאָרן, ערנדיק אין זיי די טרייַשאַפט פאַרן האַר און פאַרן פאָטערלאַנד.

אַזוי האָט געקאָכט די גאַנצע שטאָט. אַפילו ביינאַכט האָט מען געברענט אויף די פלעצער שטויסן האָלץ, ביי וועלכע ס'האָבן, נישט געקוקט אויף די קעלט און פראָסט, די נעכט פאַרבראַכט, די, וואָס האָבן מחמת דער צו גרויסער ענגשאַפט אין די קוואַרטירן נישט געקאָנט אַריין.

און דער קעניג האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויף באַראַטונגען מיט די סענאַטאָרן, מ'האָט אויפגענומען אויסלענדישע שליחים, דעפּוטאַציעס פון לענדער און אַרמייען; מ'האָט באַטראַכט די מיטלען ווי אַזוי פול צו מאַכן די פּוסטע קאַסע מיט געלד;

מ'האָט אָנגעוועגדט אַלערליי תחבולות, כדי פונאַנדערצובלאָזן דאָס פייער פון מלחמה אומעטום. ווו עס האָט נאָך ביז-איצט נישט געברענט.

עס זענען געפלויגן קורירן אין די גרעסערע שטעט, אין אַלע עקן פון דער רעפובליק, אַזש העט ביז צום ווייטן פּרייסן און אין הייליקן זשאַמעט; קיין טישאָוויצע, צו די העטמאַנס, צום הער סאַפּיעהאַ, וועלכער איז נאָכן חרוב מאַכן טיקאָטשין אַוועק אין גרויסע מאַרשן מיט זיין חיל קיין דרום; עס זענען געגאַנגען קורירן צום הער גרויס-כאָראָנזשי קאָניעצפּאָלסקי, וועלכער איז נאָך געשטאַנען ביי די שוועדן. דאָרט, ווו עס איז נויטיק געווען, האָט מען געשיקט געלט-מיטלען, די פאַרשלאָפענע האָט מען מיט מאַניפעסטן מעורר געווען.

דער קעניג האָט אָנערקענט, געהייליקט און באַשטעטיקט די טישאָוויצער קאָנפעדעראַציע און איז אַליין צו איר צוגעטרעטן, נעמענדיק די פירונג פון אַלע ענינים אין זיינע אומדערמידלעכע הענט: ער האָט געאַרבעט פון באַגינען ביז נאַכט, האָבנדיק מער אין זין דאָס וווּל פון פאָטערלאַנד, ווי זיין אייגענע באַקוועמלעכ-קייט, ווי זיין אייגן געזונט.

אָבער דאָ איז נאָך נישט געווען דער סוף פון זיינע אָנשטרענגונגען – וואָרום ער האָט באַשלאָסן אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון די שטאַנדען צו שליסן אַזאַ אָפּמאַך, וועלכן קיין שום ערדישע מאַכט זאָל נישט בכוח זיין בייצוקומען און וועלכער זאָל להבא קאָנען דינען דער אויפריכטונג פון דער רעפּובליק.

דער דאָזיקער מאָמענט איז לסוף געקומען.

דער סוד האָט זיך געמוזט דורכרייסן פון די סענאַטאָרן צו דער שלאַכטע, און פון דער שלאַכטע צום המון, ווייל פון אין דער פרי אָן האָט מען געשמועסט, אַז בעת די תפלות וועט געשען עפּעס וויכטיקס, אַז דער קעניג וועט עפּעס פייערלעכע שבועות אָפּגעבן, מ'האָט געשמועסט וועגן פאַרבעסערונג פון דעם גורל פון די פויערן און וועגן אַ קאָנפעדעראַציע מיטן הימל; אַנדערע האָבן אָבער געזאָגט, אַז דאָס זענען זאַכן, וואָס קאָנען גאָרנישט געמאָלט זיין און אַז אַזעלכע ביישפּילן זענען אין דער

געשיכטע גאָרנישט בנמצא, אָבער די נייגעריקייט איז געווען געררייצט און אַלע האָבן עפּעס דערוואַרט.

דער טאָג איז געווען אַ פּראָסטיקער, אַ ליכטיקער, קליינינקע שניי-ברעקלעך זענען געפלויגן אין דער לופט, בלישטשענדיק ווי די פונקען. די פוס-גייער פון לוווו און זשידאַטשאָווער פּאָוויאַט, אין בלאָע פּעלצלעך, אַרומגעזוימט מיט גאָלד, און אַ האַלבער אונגאַרישער רעגימענט, האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער שורה פּאַר דער קאַטעדרע, האַלטנדיק די ביקסן בײַ די פיס; פּאַר זיי זענען, ווי די פּאַסטוכער, דורכגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט אָפיצירן מיט רוירשטעקעלעך אין דער האַנט. צווישן צוויי שפּאַלערן האָט ווי אַ טייך געשטראָמט צו דער קירך אַ פֿאַרשיידן-פאַרביקע מענטשן-מאַסע. צוערשט שלאַכטע און ריטער, נאָך זיי דער אָרטיקער סענאַט מיט באַגילטע קייטן אויף די העלזער און מיט ליכט אין די הענט, און געפירט האָט אים דער בירגער מייסטער, אַ מעדיקער, וואָס האָט געשמט איבער דער גאַנצער וואָיעוואָדזטווע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער טאָגע און אין אַ קאַפּל; נאָכן סענאַט זענען געגאַנגען די סוחרים, און צווישן זיי אַסך אַרמענער, אין גרין-גאָלדענע מיצלעך אויף די קעפּ און אין ברויטע מזרחדיקע כאַלאַטן. זיי, הגם זיי האָבן צו אַן אַנדערער אמונה געהערט, זענען געקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע, כּדי דעם שטאַנד צו רעפּרעזענטירן. נאָך די סוחרים האָבן מאַרשירט די צעכן מיט זײַ פאָנען, דהיינו: די קצבים, בעקערס, שוסטערס, גאָלדשמידן, צין-גיסער, שיכטאַזשעס, פּאַנצער-שמידן, לעדער-מאַכער, מעד-זידער און וויפיל אַנדערע עס זענען נאָר נאָך געווען; די פון יעדן צעך אויסדערוויילטע מענטשן זענען געגאַנגען הינטער זייער פאָן, וועלכן ס׳האָט געטראָגן דער שענסטער פאָן-טרעגער, דערנאָך ערשט האָבן זיך געצויגן די פאַרשיידענע ברודערשאַפטן און דער געוויינלעכער המון, אין באַסטענע קאַפּאָטעס, אין פעלצן, גראָבע קיטלען, סוקמאַנעס, די איינוווינער פון די פאָרשטעט, די פויערן. מ׳האָט קיינעם דעם צוטריט נישט געשטערט, ביז די קירך איז ניט געוואָרן פול-געפּאַקט מיט מענטשן פון אַלע שטאַנדן און פון בײדע מינים.

צום סוף האָבן אויך אָנגעהויבן צו פאַרפאָרן די קאָטשן, אָבער זיי האָבן געמיטן די הויפּט-טיר, ווייל דער קעניג, ביסקופּן און הויכע באַאַמטע האָבן געהאַט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג נעבן גרויסן אַלטאַר. יעדע ווײַלע האָט דאָס חייל פּרעזענטירט דאָס געווער, דערנאָך האָבן די זעלנער אַראָפּגעלאָזט די ביקסן צו די פיס און געהויכט אויף די געפּרווירענע הענט, אַרויסוואַרפנדיק פון דער ברוסט קנוילן פּאַרע.

ס'איז פאַרפאָרן דער קעניג מיטן נוציוס ווידאָן, דערנאָך דער גנערנער אַרציביסקופּ מיטן פּירשט ביסקופּ טשאַרטאָריסקי, דערנאָך דער קראָקאָווער קסיאָנדז ביסקופּ, דער לוואָווער קסיאָנדז אַרציביסקופּ, דער קרוין-פּוילישער גרויס-קאַנצלער, אַסך וואָיעוואָדעס און קאַשטעלאַנס. זיי אַלע זענען נעלם געוואָרן אין די זייטיקע טירן, און זייערע קאָטשן, הויפּן, שטאַל-קנעכט און כל המינים הויף-לייט האָבן געבילדעט ווי אַ נייע אַרמיי, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט פון דער קאַטעדרע.

די תּפילה האָט אָפּגעריכט דער אַפּאָסטאָלישער נונציוס ווידאַן, טראָגנדיק אויפן פּורפּור אַ ווייסן אָרנאַט, אויסגעהאָפטן מיט פּערל און גאָלד.

פאַרן קעניג האָט מען איינגעאָרדענט אַ קני-שטול צווישן גרויסן אַלטאַר און די גלחים-בענק, פאַרן קני-שטול איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ טערקישער דיוואַן. די קאַנאָנישע פּאָטעלן האָבן פאַרנומען די ביסקופּן און וועלטלעכע סענאַטאָרן.

די פאַרשיידנפאַרביקע ליכטיקייט, וואָס איז אַריינגעקומען דורך די פענסטער איז צוזאַמען מיט דער שיין פון די ליכט, פון וועלכער דער אַלטאַר האָט געשיינט צו ברענען, געפאַלן אויף די סענאַטאָרישע פּנימער, וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן אין שאָטן פון די קאַנאָנישע פּאָטעלן, אויף די ווייסע בערד, אויף די הערלעכע געשטאַלטן, אויף די גילדענע קייטן, סאַמעטן און פּיאָלעטן. וואָלסט געמיינט: אַ רוימישער סענאַט, אַזאַ מאַיעסטעט און חשיבות איז געווען אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע זקנים; דאָ און דאָרט האָט מען אין מיטן די גראָע קעפּ געזען דאָס פּנים פון אַ סענאַטאָר אַ מלחמה-מאַז, דאַ און דאָרט האָט אַ בליין-געטון

דאָס העלע קעפּל פון אַ יונגען שררהלע; אַלעמענס אויגן זענען אָנגעשטעלט אויפן אַלטאַר, אַלע זענען מתפלל; עס בלינצלען און פלאַטערן די פלעמלעך פון די ליכט; די רויכן פון די פאָנען שפּילן און קנוילן זיך אין די שטראַלן. פון דער צווייטער זייט גלחים-בענק איז די קירך געווען אָנגעפּראָפּט מיט קעפּ, און איבער די קעפּ האָט אַ רעגענבויגן פון פאנען, ווי אַ רעגנבויגן פון בלומען זיך געמיניעט.

די מאַיעסטעט פון קעניג יאַן קאַזשימיעזש איז, לויטן מנהג, געפאַלן ווי אַ צלם און זיך מתחטא געווען פאַר גאָטס מאַיעסטעט. לסוף האָט דער קסיאָנדז נונציוס אַרויסגענומען פון ציבאָריום דעם בעכער און איז מיט אים צוגעגאַנגען צום קני-שטול. דעמאָלט האָט דער קעניג זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, עס האָט זיך דערהערט די שטים פון נונציוס: „Ecce AgnuoPei” און דער קעניג האָט גענאָסן פון הייליקן אָונט-מאָל.

אַ געוויסע צייט האָט ער געקניט אַן איינגעבויגענער; צום סוף האָט ער זיך אויפגעהויבן, די אויגן געווענדט צום הימל און אויסגעשטרעקטביידע הענט.

— ס'איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן אין דער קירך, אַזוי אַז מ'האָט דאָס מענטשלעכע אָטעמען נישט געהערט. אַלע האָבן זיך משער געווען, אַז דער מאָמענט איז געקומען און אַז דער קעניג וועט עפּעס אַ שבועה אָפּגעבן; אַלע האָבן געהאָרכט מיט גרויס כּוונה און ער איז אַלץ געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, צום סוף האָט ער מיט אַ גערירטער, אָבער ווי דער גלאָקן-קלאַנג דייטלעכער שטים אַזוי געזאָגט:

„גרויסע מאַמע פון דער געטלעכער מענטשהייט און בתולה! איך, יאַן קאַזשימיעזש, מלך מיטן חסד פון דיין זון, דעם מלך פון די מלכים, און מיין האַר און מיט דיין גנאָד, קום צו דיינע הייליקסטע פיס און מאַך-אָפּ אָט וואָס: דיך קלייב איך היינט אויס פאַר מיין באַשיצערין און פאַר די מלכּה פון מיין מלוכה, מיך, מיין פּויליש קעניגרייך, דאָס ליטווישע גרויס-

פירשטנטום, דאָס רייסישע, פרייסישע, מאַזאָווישע, זשאַמעטער, ליפלענדישע און טשעכניגאָווער געביטן, דאָס חייל פון ביידע פעלקער און דאָס גאַנצע פאָלק גיב איך איבער דיין באַזונדערער השגחה און שוץ; דיינע רחמים אין דער איצטיקער עת-צרה פון מיין קיניגרייך, און הילף קעגן די שונאים בעטל איך מיט הכנעה..."

דאָ איז דער קעניג געפאַלן אויף די קני און האָט אַ ווײַלע שטילגעשוויגן. אין דער קירך האָט ווײַטער אָנגעהאַלטן אַ טויט-שטילקייט, און נאָכדעם, ווי ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

„און היות דיינע גרויסע חסדים נויטן מיך צוזאַמען מיטן פוילישן פאָלק צו נעמען אויף זיך די נייע און הייסע פליכט דיר צו דינען, זאָג איך דיר צו אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון די מיניסטאָרן, סענאַטאָרן, שלאַכטע און גאַנצען פאָלק, דעם כבוד און רום פון דיין זון יעזוס קריסטוס, אונדזער אויסלייזער, דורך אַלע קאַנטען פון פוילישן קעניגרייך צו פאַרשפרייטן, און אויב איך וועל מיטן גנאָד פון דערבאַרעמדיקן זון דיינעם אַ נצחון איבערן שוועד אָפּהאַלטן, וועל איך זיך באַמיען, אַז דער יאָר-טאָג אין מיין מלוכה זאָל פייערלעך געפראַוועט ווערן עד סוף כל הדורות דורך אַריינטון זיך מיט אַלע מחשבות אין די געטלעכע און דיינע חסדים, ריינסטע בתולה!"

דאָ האָט ער ווידער איבערגעריסן און אַנידערגעקניט. אין דער קירך האָט זיך דערהערט אַגעמורמל, אָבער דעם קעניגס קול האָט עס תיכף איינגעשטילט און הגם עס האָט איצט געציטערט פון הכנעה און געריכטקייט, האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט נאָך דייטלעכער:

„און היות וואָס איך בין מודה מיט אַ טיפן צער פון מיין האַרצן — איך קום-אָפּ פאַר די צרות און לייד פון אָרעמען פויערן-פאָלק, וואָס איז דורך די זעלנער געפייניקט געוואָרן, די גערעכטע שטראָף פון מיין גאָט, וועלכער האָט אין משך פון זיבן יאָר מיין קעניגרייך מיט פאַרשיידענע פורעניות געפּלאָגט, בין איך זיך מתחייב, אַז נאָכדעם, ווי עס וועט ווערן פרידן,

וועל איך זיך צוזאַמען מיט די שטאַנדן פון דער רעפּובליק מיט אַלע כּוחות באַמיען, אַז דאָס ביז איצט געפּלאָגטע פאָלק זאָל מער נישט וויסן פון קיין שום אכזריות, און איך בעט דיך, מאַמע פון רחמים, קעניגין און האַרין מיינע, אַז פּונקט ווי דו האָסט מיך באַהויכט מיט דיין גייסט צו טאָן דעם דאָזיקן נדר, אַזוי זאָלסטו מיט דיין לייטזעליקן גנאָד ביי דיין זון אויסבעטן פאַר מיר הילף, אַז איך זאָל קאָנען זיין דאָס, וואָס איך בין מבטיח״.

עס האָבן געהערט דער קעניגס דאָזיקע ווערטער די גייסטלעכקייט, די סענאַטאָרן, שלאַכטע, דאָס פּראָסטע פאָלק. אַ גרויס געוויין האָט זיך דערהערט אין דער קירך, עס האָט צו ערשט די פּויערישע ברוסטן אויפגעטרייסלט, פון דאָרט האָט עס אַרויסגעפּלאַצט און זיך דערנאָך אויף אַלעמען אַריבערגעטראָגן. אַלע האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל, פאַרוויינטע קולות האָבן איבערגעחזרט: „אמן! אמן! אמן!״. צום צייכן, אַז זיי פאַרייניקן זייערע געפילן און זייער הסכמה מיטן נדר פון קעניג. אַ התלהבות האָט אַרומגעכאַפּט די הערצער און זיי האָבן זיך אין דער רגע פאַרברידערט אין ליבשאַפט פאַר דער רעפּובליק און איר באַשיצערין. דערנאָך האָט אַן אומבאַנומענע פרייד, ווי אַ לויטערער פלאַם זיך צעשטראַלט אויף די פּנימער, ווייל אין דער גאַנצער קירך איז קיין איינער נישט געווען, וואָס זאָל נאָך מסופק זיין, אַז גאָט וועט די שוועדן באַגראָבן.

און דער קעניג איז נאָך דער פאַרענדיקטער תּפלה, אין מיטן פון אַ דונערדיקער שיסערייַ פון ביקסן און האַרמאַטן, אין מיטן פון הויכע אויסגעשרייען: „נצחון! נצחון! זאָל לעבן!״ געפאָרן אין די שטאָט און דאָרט יענע הימלישע קאָנפעדעראַציע צוזאַמען מיט דער טישאָווצער באַשטעטיקט.

12. קאַפּיטל.

נאָך יענע פייערלעכקייטן האָבן פֿאַרשיידענע ידיעות גענומען זיך אָנטראָגן ווי פֿליענדיקע פֿייגל קיין לוווו. עס זענען געווען עלטערע און פֿרישע, מער אָדער ווייניקער גינסטיקע, אָבער אַלע האָבן צוגעגעבן מוט. קודם־כּל האָט די טישאָווצער קאָנפֿעדעראַציע זיך פֿאַרשפּרייט ווי אַ פֿייער. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און אַ פֿוס איז צוגעשטאַנען צו איר, סיי פֿון דער שלאַכטע, סיי פֿון פּראָסטן פֿאָלק. די שטעט האָבן צוגעשטעלט וועגנס, ביקסן און פֿוס־גייער, די יידן געלט. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו ווידערשפּעניקן אירע אוניווערסאַלן; די פֿאַרשלאָפֿנסטע האָבן זיך אויפֿן פֿערד געזעצט. ס׳איז אויך אָנגעקומען וויטעמבערגס דראָענדיקער מאַניפֿעסט, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן בונד. פֿייער און שווערד האָבן געזאָלט שטראָפֿן די, וואָס זענען צו אים צוגעטרעטן. אָבער געהאַט האָט דאָס אַזאַ פּעולה, ווי עמיצער וואָלט וועלן אַ פֿלאַם מיט בוילווער פֿאַרשיטן. דעם דאָזיקן מאַניפֿעסט, מסתּמא מיטן וויסן

פֿון קעניג און כּדי נאָך מער צו רייצן די שנאה קעגן די שוועדן, האָט מען אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן פֿונאַנדער־געוואָרפֿן איבער לוווו און ס׳פּאַסט נישט צו זאָגן, וואָס דער המון האָט געמאַכט מיט די דאָזיקע פּאַפּירן, געגוג, אַז דער ווינט האָט זיי מיאוס־געשענדעטע געטראָגן איבער די לוואָווער גאַסן, און די שול־בחורים האָבן צום פֿאַרגניגן פֿון די מאַסן געוויזן אין די קריפּן־שפּילן „וויטעמבערגס בזיון״, זינגענדיק דערביי אַ ליד, וואָס הויבט זיך אָן פֿון די ווערטער:

„אָרעמער וויטעמבערג, אַנטלויף בעסער מעבר־לים, ווי אַ האָז! ווייל אַז עס וועלן זיך אַ שיט־טאָן די קלעפּ, וועסטו פֿאַרלירן די הויזן, אַנטלויפֿנדיק!״

און ער, ווי ער וואָלט וועלן מקיים זיין די ווערטער פֿון ליד, האָט איבערגעגעבן די קאָמאַנדע אין קראָקע דעם טיכטיקן ווירץ און אַליין איז ער איילִיק אַוועק קיין עלבינג, וווּ דער שוועדישער קעניג האָט זיך אויפֿגעהאַלטן צוזאַמען מיט דער קעניגין, פּטרענדיק די צייט אויף סעודות און פֿרייענדיק זיך אין האַרצן, וואָס ער איז געוואָרן דער מושל פֿון אַזאַ הערלעכן קעניגרייך.

עס זענען קיין לוווו אויך געקומען ידיעות וועגן פֿאַלן פֿון טיקאָטשין און זיי האָבן אויפֿגעהייטערט די געמיטער. אַ חידוש איז געווען, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן וועגן דעם צו רעדן נאָך איידער וועלכער עס איז קוריער אָנגעקומען. מ׳האָט נאָר נישט געקאָנט דורכקומען מכּוח דעם, צי דער ווילנער פֿירשט וואָיעוואָדע איז געשטאָרבן, אָדער ער איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט, מ׳האָט אָבער פֿאַרזיכערט, אַז הער סאַפּיעהאַ איז פֿון פֿאָלעסיע בראש פֿון אַ באַדייטנדיקער מאַכט שוין אַריין אין די לובלינער וואָיעוואָדזטווע, כּדי זיך צו פֿאַרייניקן מיט די העטמאַנס, אַז אויפֿן וועג שלאָגט ער די שוועדן און אַז זיין קראַפֿט וואַקסט מיט יעדן טאָג.

צום סוף זענען פֿון אים אַליין געקומען שליחים און אין אַ היפּשער צאָל, ווייל דער וואָיעוואָדע האָט נישט מער און

נישט ווייניקער ווי אַ גאַנצען פאָלק צוגעשיקט צו דער דיספּאָזיציע פון קעניג, ווילנדיק דורך דעם אַרויסווייזן כבוד דעם האַר, באַוואָרענען יין פּערזאָן פון יעדער מעגלעכער סבה און אפשר דורך דעם אויך די אייגענע חשיבות הויבן.

געבראַכט יענץ פאָלק האָט דער יינגער פּאָלקאָווניק וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער איז דעם קעניג גוט באַקאַנט געווען, יאַן קאַזשימיעזש האָט טאַקע באַלד אים געהייסן זיך שטעלן פאַר זיך און דריקנדיק אים פאַרן קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— זיי באַגריסט, באַרימט זעלנערל! אַסך וואסער איז אָפּגעפלאָסן זייט מיר האָבן דיך פאַרלוירן פון די אויגן. דוכט זיך, אַז ביי בערעסטעטשקאָ האָבן מיר דיך געזען צום לעצטן מאָל, איינגאַנצען אין בלוט און איינגעטונקען.

הער מיכאל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום קעניגס קני און געענטפערט:

— שפּעטער בין איך אויך אין וואַרשע, גנעדיקער האַר, געווען אין שלאָס מיטן היינטיקן הער קיעווער קאַשטעלאַן.

— און דו דינסט נאָך אַלץ? ס׳האָט זיך דיר נישט פאַרגלוסט פון אַרויסקער היים צו געניסן?

— די רעפּובליק איז דאָך געווען אין אַ נויט, און אין יענע שטורעמדיקע צייטן איז אויך דאָס פאַרמעגן לאיבוד-געגאַנגען. כ׳האָב נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגען, גנעדיקער האַר, אָבער איך האָב נישט קיין תרעומות, ווייל איך טראַכט מיר, אַז דער ערשטער חוב פון אַ זעלנער איז צו דינען דער מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד.

— הלואי וואָס מער אַזעלכע! הלואי וואָס מער... דער שונא וואָלט זיך אַזוי נישט צעבאַלעבאַטעוועט. מיט גאָטס הילף וועט אויך קומען אַ צייט אויף באַלוינונגען, אין איצט זאָג, וואָס איר האָט מיטן ווילנער וואָיעוואָדע געמאַכט?

— דער ווילנער וואָיעוואָדע שטייט פאַר גאָטס משפט. ער האָט די נשמה אויסגעהויכט גראָד דעמאָלט, ווען מיר זענען צום לעצטן שטורעם געגאַנגען.

— ווי אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען?

— אָט איז אַ באַריכט פון וויטעבסקער וואָיעוואָדע — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

דער קעניג האָט גענומען דעם בריף און אָנגעהויבן לייענען, קוים האָט ער אָבער אָנגעהויבן, האָט ער באַלד איבערגעריסן:

— דער הער סאַפּיעהאַ איז זיך טועה — האָט ער געזאָגט — שרייבנדיק, אַז דער גרויס-ליטווישער שטאַב איז פריי; ער איז נישט פריי, ווייל אים גיב איך אים איבער.

— נישטאָ קיינער, וואָס זאָל דערצו מער ראוי זיין פון אים — האָט הער מיכאַל זיך אָנגערופן — און דאָס גאַנצע חייל וועט ביזן טויט אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט דאַנקבאַר זיין פאַר דעם דאָזיקן שריט.

דער קעניג האָט אַ שמייכל געטון אויף די דאָזיקע תמימותדיקע זעלנערישע פאַרטרוילעכקייט און ער האָט ווייטער געלייענט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זיפץ-געטון.

— ראַדזיוויל וואָלט געקאָנט זיין די שענסטע פערל אין דערדאָזיקער הערלעכער קרוין, ווען די גדלות און די פאַלשקייטן, צו וועלכע ער האָט זיך באַקענט, וואָלטן אים די נשמה נישט אויסגעטרוקנט... פאַרפאַלן! אומדערפאָרשט איז גאָטס משפט!.. ראַדזיוויל און אָפּאַלינסקי.., כמעט אין איין צייט... משפט זיי גאָט, נישט לויט זייערע חטאים, נאָר לויט דיינע רחמים.

ס'האָט אָנגעהאַלטען אַ שטיל שווייגן און דערנאָך האָט דער קעניג גענומען ווייטער לייענען.

— מיר זענען דאַנקבאַר דעם הער וואָיעוואָדע — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געענדיקט — וואָס ער האָט מיר אַ גאַנצען פאָלק און דעם גרעסטן ריטער, ווי ער שרייבט, צוגעשיקט. אָבער דאָ בין איך זיכער, און די ריטער, בפרט אַזעלכע, זענען איצט אַ ממייסטן אין פעלד נויטיק. רוט זיך אויס אַ ביסל און דערנאָך וועל איך אייך דעם הער טשאַרניעצקי צו הילף אַוועקשיקן, ווייל אויף אים וועט אוודאי דער גרעסטער אימפעט זיך אָקערטאָן.

— מיר האָבן זיך שוין גענוג אויסגערוט ביי טיקאָטשין,

גנעדיקער האַר — האָט דער קליינער ריטער מיט באַגייסטערונג זיך אָנגערופן — איצט דאַרף מען אפשר אַ ביסל די פערד די כּוחות אויפפרישן, מיר אָבער וואָלטן נאָך היינט געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַריין, ווייל מיטן הער טשאַרניעצקי וועט שוין איינמאָל גיין אָן מחיה!.. אַ גרויס גליק איז דאָס צו קוקן אונדזער גנעדיקן האַר אין פּנים אַריין, אָבער צו די שוועדן איילן מיר זיך אויך שטאַרק.

דער קעניג האָט אויפגעלויכטן. אַ פּאַטערלעכע גוטסקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים און קוקנדיק מיט צופרידנ־הייט אויף די היציקע געשטאַלט פון קליינעם ריטער, האָט ער געזאָגט:

— דאָס האָסט דו, זעלנערל, דער ערשטער דעם פּולקאָווניק־שטאַב דעם פאַרשטאָרבענעם פירשט וואָיעוואָדע צו די פיס געוואָרפן?

— כ׳האָב נישט דער ערשטער געוואָרפן, קעניגלעכע מאַיעס־טעט, נאָר כ׳האָב צום ערשטן מאָל, און הלוואי צום לעצטן, אויף די מלחמה־דיסציפלין עובר געווען.

דאָ האָט הער מיכאל זיך פאַרהאַקט און אין אַ ווילע אַרום צוגעגעבן:

— כ׳האָב אַנדערש נישט געקאָנט טון!

— אוודאי — האָט דער קעניג געזאָגט — שווערע צייטן זענען דאָס געווען פאַר די, וואָס פאַרשטייען זייער מיליטערישע פליכט, אָבער אויך די געהאָרכזאַמקייט מוז האָבן אירע גרענעצן, הינטער וועלכע עס הויבט זיך אָן די זינד. אַ סך עלטסטע זענען דאָרט ביי ראַדזיווילן געבליבן?

— אין טיקאָטשין האָבן מיר פון די אָפיצירן געטראָפן נאָר איין הער כאַרלאַמפּן, וועלכער האָט לכתחילה דעם פירשט נישט פאַרלאָזט, ער האָט אים דעריבער שפּעטער אין דער נויט אויך נישט געוואָלט פאַרלאָזן. בלויז דאָס רחמנות האָט אים באַם פירשט געהאַלטן, ווייל די איינגעבוירענע ליבשאַפט האָט אים צו אונדז געצויגן. מיר האָבן אים קוים דאָס האַרץ דערכאַפּט, אַזאַ הונגער איז שוין דאָרט געווען, און ער האָט זיך נאָך פון מויל

אָפּגעשפּאָרט, כּדי צום פּירשט צו דערנערן. איצט איז ער געקומען אַהער קיין לוואָוו בעטן בײַ אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט פֿאַרגעבונג און אויך איך פֿאַל פֿאַר אים צו אײַערע פֿיס, גנעדיקער האַר, ווײַל דאָס איז אַן אויסגעפּרובטער און גוטער זעלנער.

— זאָל ער דאָ קומען — האָט דער קעניג געזאָגט.

— ער האָט אויך אַ וויכטיקע זאַך אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט, צום גנעדיקן האַר מײַנעם, מודיע צו זײַן, אַ זאַך, וואָס ער האָט פון פּירשט באָגוסלאַווס מויל אין קיידאַני געהערט און וועלכער איז נוגע דעם געזונט און זיכערקייט פון דער פּאַר אונדז הייליקער פּערזאָן פון אײַער קעניגלעכער מאַיעסטעט.

— נישט אַמאָל וועגן קמיטשיצן?

— יאָ, גנעדיקער האַר!..

— און דו האָסט קמיטשיצן געקענט.

— כ'האָב געקענט און געשלאָגן זיך מיט אים, אָבער ווו ער איז איצט, ווייס איך נישט.

— וואָס טראַכטסטו וועגן אים?

— גנעדיקער האַר, קוים האָט ער אַזאַ זאַך זיך אונטערגענומען אויסצופירן, זענען נישטאָ אַזעלכע ענויים, וואָס ער זאָל נישט האָבן פאַרדינט, ווײַל אַן אויסוווּרף איז דאָס, וואָס זײַנס גלײַכן קאָן מען נאָר אין גיהנום געפינען.

— דאָס איז נישט אמת — האָט דער קעניג געזאָגט — דאָס אַלץ האָט פּירשט באָגוסלאַוו אויסגעטראַכט... אָבער לאָזנדיק אין אַ זײַט דעם דאָזיקן ענין, זאָג, וואָס ווייסטו וועגן דאָזיקן מענטש פון זײַנע פריערדיקע צײַטן?

— אַ זעלנער איז דאָס געווען תמיד אַ גרויסער און אין מלחמה-פאַך האָט ער צו זיך קיין גלײַכן נישט געהאַט. אַזוי ווי ער איז כאָוואַנסקין אונטערגעקומען, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר הונדערט מענטשן דער גאַנצער פײַנטלעכער מאַכט געבערענטע צרות אָנגעטון, וואָלט דאָס קיין שום אַנדערער נישט באַוויזן, אַ נס, וואָס מ'האָט פון אים די הויט נישט אַראָפּגעשונדן און אויף אַ פּויק נישט אָנגעצויגן! ווען עמיצער וואָלט דעמאָלט דעם פּירשט וואָיעוואָדע גופא כאָוואַנסקין אין די הענט איבערגעגעבן,

וואָלט ער אים נאָך נישט אַזאַ נחת-רוח פאַרשאַפט, ווי ווען ער וואָלט אים, קמיטשיצן אַ מתנה געשענקט... וואָס הייסט! ס'איז דאָך דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז קמיטשיץ האָט מיט כאַוואַנסקיס כלים געגעסן, איז אויף זיין טעפיך געשלאָפן, מיט זיין שליטן און אויף זיין פערד געפאָרן. אָבער דערנאָך איז ער אויך צו די אייגענע געווען אַן אכזר, האָט מוראדיק געהוליעט, מיט די אורטיילן פונקט ווי הער לאַשטש זיך געקאָנט דעם אויבער-ראָק אונטערנייען, און אין קיידאַני איז ער שוין גאָר טיף געזונקען.

דאָ האָט הער וואָלאָדיאָווסקי באריכות דערציילט אַלץ, וואָס האָט זיך אין קיידאַני פאַרלאָפן.

און יאַן קאַזשימיעזש האָט גיריק געהערט און ווען הער מיכאל איז לסוף צוגעקומען דערצו, ווי הער זאַגלאָבאַ האָט באַפרייט צוערשט זיך און דערנאָך אַלע חברים פון ראַדזיווילס געפאַנגענשאַפט, האָט דער קעניג פאַר די זייטן זיך געהאַלטן פון געלעכטער.

— אַן אומפאַרגלייכלעכער מאַן! אַן אומפאַרגלייכלעכער מאַן! — האָט ער איבערגעחזרט — איז ער דאָ מיט דיר?

— אויפן באַפעל פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

— אוליסעסן האָט דער דאַזיקער שלאַכטשיץ איבערגעשטיגן! ברענג אים מיר צום טיש, וועלן מיר זיך אַביסל משמח זיין און די הערן סקשעטוסקיס אויך, און איצט דערצייל, וואָס דו ווייסט נאָך וועגן קמיטשיצן?

— פון די בריף, וואָס זענען ביי ראַך קאָוואַלסקין געפונען געוואָרן, האָבן מיר זיך ערשט דערוווסט, אַז מ'האָט אונדז קיין בירזשע נאָכן טויט געשיקט. דער פירשט האָט אונז נאָך געיאָגט און מיט מיליטער זיך באַמיט אונדז אַרומצורינגלען, אָבער ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. מיר האָבן זיך בשלום אַרויסגעדרייט... און נישט בלויז דאָס, מיר האָבן נישט ווייט פון קיידאַני געכאַפט קמיטשיצן, וועלכן איך האָב באַלד באַפוילן צו דערשיסן.

— אוי! — האָט דער קעניג געזאָגט — ווי איך זע, איז דאָס ביי אייך דאָרט אין ליטע שנעל צוגעגאַנגען!

— אָבער פריער האָט הער זאַגלאָבאַ אים געהייסן באַזוכן, צי ער האָט נישט ביי זיך עפּעס בריף. מ׳האָט טאַקע געפונען דעם העטמאַנס אַ בריף, פון וועלכן מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ווען נישט קמיטשיץ, וואָלט מען אונדז קיין בירזשע נישט אַרויסגעפירט, נאָר אָן שהיות אין קיידאַני דערשאָסן.

— זעסטו ! — האָט דער קעניג באַמערקט.

— דערנאָך האָט אונדז שוין מער נישט געפּאַסט אויף זיין לעבן זיך אָנצוזעצן. מיר האָבן אים אָפּגעלאָזט... וואָס ער האָט ווייטער געטאָן, ווייס איך נישט, אָבער פון ראַדזיווילן איז ער נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען. איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז... ס׳איז לייכטער וועגן יעדן אַנדערן צו האָבן אַמיינונג, ווי וועגן אַזאַ רוח. ביי ראַדזיווילן איז ער געבליבן, דערנאָך איז ער ערגעץ געפאָרן... און ווידער האָט ער אונדז מתרה געווען, אַז דער פירשט מאַרשירט פון קיידאַני. שווער צו פאַרלייקענען, וואָס פאַר אַ גרויסע טובה ער האָט אונדז געטאָן, ווייל ווען נישט די דאָזיגע התראה וואָלט דער ווילנער וואָיעוואָדע אויף דעם אומבאַזאָרגטן חייל אָנגע-פאַלן און איינצלווייז די פולקן פאַרטיליקט... כ׳ווייס אַליין נישט, גנעדיקר האַר, וואָס איך זאָל טראַכטן... אויב ס׳איז אַ שקר-בלבול, וואָס פירשט באָגוסלאַוו האָט געזאָגט...

— דאָס וועט זיך תיכף אַרויסשטעלן — האָט דער קעניג געזאָגט...

און ער האָט אָפּאַטש-געטאָן אין די הענט.

— רוף דאָ אַריין דעם הער באַבינישט — האָט ער געזאָגט צום פּאַזש, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

דער פאַזש איז נעלם געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט די טיר פון קעניגס חדר זיך אויפגעמאַכט און ס׳האָט זיך אין איר אָפּגעשטעלט הער אַנדזשעי. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אים תחילת נישט דערקענט, מחמת דער יינגער ריטער איז געווען שטאַרק פאַרענדערט און אויסגעבלייכט, ווייל זייט דעם לעצטן קאַמף אין דער הייל האָט ער נאָך נישט געקאָנט קומען

צו זיך, הער מיכאל האָט בכן אויף אים געקוקט, נישט דער־קענעדיק אים.

— אַ פּלא! — האָט ער זיך לסוף אָנגערופן — ווען נישט דאָס מאָגערע פּנים און ווען נישט דאָס, וואָס אייער קעניגלעכע מאַיעסטעט האָט אַן אַנדערן נאָמען אָנגערופן, וואָלט איך געזאָגט: הער קמיטשיץ!

דער קעניג האָט אַ שמייכל־געטאָן און געזאָגט:

— דער דאָזיקער קליינער ריטער האָט מיר אָקאָרשט דאָ דערציילט וועגן איין מוראדיקן רשע, וועלכער האָט אַזוי געהייסן, אָבער איך האָב אים באותות ובמופתים דערוויזן, אַז ער איז זיך טועה אין זיין משפּט און כ'בין זיכער, אַז הער באַבינטש וועט דערויף מעיד זיין.

— גנעדיקער האַר — האָט באַבינטש גיך געענטפערט — איין וואָרט פון אייער קעניגלעכער מאַיעסטעט וועט דעם דאָזיקן רשע בעסער ריינוואַשן, ווי מיינע גרעסטע שבועות!

— און די שטים איז די אייגענע — האָט דער קליינער פּולקאָווניק געזאָגט מיט אַ רירנדיקער פאַרווונדערונג — נאָר די דאָזיקע ווונד אויפן פּנים איז נישט געווען.

— גנעדיקער הער — האָט קמיטשיץ דערויף זיך אָנגערופן — דער קאָפּ פון אַ שלאַכטשיץ דאָס איז אַ רעגיסטער, אויף וועלכן עס שרייבט יעדעס מאָל אַן אַנדערע האַנט... אָבער פאַראַן דאָ אויך אייער אָנמערקונג, דערקענטזשע מיך...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם אונטערגעגאָלטן קאָפּ און מיט אַ פינגער אָנגעטייט אויף אַ לאַנגן ווייסלעכן שניט, וואָס האָט זיך געצויגן האַרטביים שפּיץ־קאָפּ.

— מיין האַנט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן — דאָס איז קמיטשיץ!

— און איך זאָג דיר אַז דו קענסט נישט קמיטשיצן! — האָט דער קעניג זיך אָנגערופן.

— וואָס הייסט, גנעדיקער האַר?..

— ווייל דו האָסט געקענט דעם גרויסן זעלנער, אָבער

הפקר-מענטש און ראַדזיווילס שותּף צו דער בגידה... און דאָ שטייט דער טשענסטאָכאָווער העקטאָר, וועלכן יאַסנאַ גוראַ האָט נאָכן קסיאָנדז לאָרדעצקי אַממייסטן צו פֿאַרדאַנקען, דאָ שטייט אַ פֿאַרטיידיקער פֿון פֿאָטערלאַנד און מיין טרייער דינער, וועלכער האָט מיך מיט דער אייגענער ברוסט געשיצט און דאָס לעבן מיר מציל געווען, ווען כ׳בין אין די היילן צווישן די שוועדן, ווי צווישן אַ סטאַדע וועלף, אַריינגעפאַלן. אַזעלכער איז דאָס דער דאָזיקער נייער קמיטשיץ... דערקען-זשע אים און האָב אים ליב, ווייל ער איז עס ווערט!

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט גענומען באַוועגן מיט די געלע וואָנסעלעך, נישט ווייסנדיק, וואָס צו זאָגן, און דער קעניג האָט צוגעגעבן:

— און ווייסן זאָלסטו אויך דאָס, אַז ער האָט נישט בלויז דעם פירשט באָגוסלאַוו גאָרנישט צוגעזאָגט, נאָר דער ערשטער אין אים פאַר זיינע אינטריגעס זיך נוקם געווען, ווייל ער האָט אים געכאַפּט און געוואָלט אים אין אייערע הענט איבערגעבן.

— און אונדז האָט ער געוואָרנט פאַרן ווילנער פירשט וואָיעוואָדע! — האָט דער קליינער ריטער אויסגערופן — וואָס פאַר אַ מלאך האָט דאָס אייך אַזוי מחזיר-למוטב געווען!

— נעמט זיך אַרום! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— כ׳האָב אייך באַלד ליב באַקומען! — האָט הער קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און דער קעניג האָט דערויף געקוקט און פון צייט צו צייט דאָס מויל, ווי זיין רגילות איז געווען, מיט צופרידנהייט אָנגעבלאָזן. און קמיטשיץ האָט דעם יינגן ריטער אַזוי הערצלעך געדריקט, אַז ער האָט אים אַזש אין דער הויך ווי אַ קאַץ אויפגעהויבן און נישט גיך צוריק אויף די פיס אַוועקגעשטעלט...

דערויף איז דער קעניג אַרויסגעגאַנגען אויף די טעגלעכע באַראַטונג, בפרט אַז קיין לוווו זענען אָנגעקומען אויך ביידע

קרוין-פוילישע העטמאַנס, וועלכער האָבן דאָרט געזאָלט דאָס מיליטער בילדן, כדי עס שפּעטער אָנוועקפירן צו הילף דעם הער טשאַרניעצקי און די קאָנפעדערירטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך אונטער דער קאָמאַנדע פון פאַרשיידענע פירער איבערן לאַנד אַרומגעטריבן.

די ריטערס זענען געבליבן אַליין.

— קומט אין מיין קוואַרטיר — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — איר וועט דאָרט געפינען די סקשעטוסקיס און דעם הער זאַגלאָבאַ, וועלכער ווילן מיט שמחה הערן דאָס, וואָס דער האַר קעניג האָט מיר געזאָגט. אויך הער כאַרלאָמפּ איז דאָרט פאַראַן.

אָבער קמיטשיץ איז צוגעטרעטן צום קליינעם ריטער מיט אַ גרויסער אומרואיקייט אויפן פנים.

— אַ סך מענטשן האָט איר געפונען ביים פירשט ראַדזי-וויל ? — האָט ער געפרעגט.

— פון די עלטסטע איז נאָר איין כאַרלאָמפּ ביים אים געווען.

— נישט וועגן די מיליטער-לייט פרעג איך, גאָט מיינער !.. און פון די פרויען ?..

— כ'שטוים זיך אָן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך : — האָט דער קליינער ריטער, אַביסל רויט-ווערנדיק געענטפערט — דאָס פריילין בילעוויטש האָט פירשט באָגוסלאַוו קיין טוראָגי אַרויסגעפירט.

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיצס פנים זיך מיט אַמאָל פאַרענדערט : צווערשט איז עס געוואָרן בלייך ווי פערגאַמענט, דערנאָך רויט, דערנאָך נאָך בלייכער, ווי פריער. ער האָט תחילת קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, נאָר מיט די נאָז-לעכער געשנאָרכט, כאַפּנדיק לופט, וועלכע האָט אַפּנים אים אין דער ברוסט פאַרפעלט. דערנאָך האָט ער זיך מיט ביידע הענט די שלייפן אָנגעכאַפּט און לויפנדיק איבער

דער שטוב ווי אַ משוגענער האָט ער גענומען איבערחזרן:
אַ בראָך איז צו מיר, אַ בראָך, אַ בראָך!
– קומט, כאַרלאַמפּ וועט אייך אַ בעסערן באַריכט אָפּגעבן,
ווייל ער איז געווען דערביי – האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

13 קאַפּיטל.

נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס פון קעניג, זענען ביידע ריטערס געגאַנגען שטילשווייגנדיק. וואָלאָדיאָווסקי האָט נישט געוואָלט רעדן, קמיטשיץ האָט נישט געקאָנט, ווייל ס'האָט אים געגאָגט אַ ווייטאָק און אַ רציחה; זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די מאַסן, וועלכע האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אויף די גאַסן אין אַ גרויסער צאָל צוליב די ידיעות, אַז די ערשטע אָפּטיילונג פון די טאָטערס, וואָס זענען דורך דעם כאַן צוגעזאָגט געוואָרן דעם קעניג, איז אָנגעקומען און זאָל אַריין אין דער שטאָט, כדי זיך צו פּרעזענטירן דעם קעניג. דער קליינער רישער האָט געפירט, קמיטשיץ איז ווי אַ צעדולטער געפלויגן הינטער אים מיטן היטל אַראָפּגערוקט אויף די אויגן, שטויסנדיק די מענטשן אויפן וועג.

– ערשט, ווען זיי זענען אַרויס אויף אַ ברייטהדיקערן פּלאַץ, האָט הער מיכאַל אָנגעכאַפּט קמיטשיצן פאַרן געלענק פון דער האַנט און געזאָגט:

— באַרואיקט זיך !.. מיט פאַרצווייפלונג וועט איר גאָרנישט אויפטאָן !..

— איך בין נישט פאַרצווייפלט — האָט קמיטשיק געענטפערט — נאָר איך דאַרף זיין בלוט האָבן !

— איר קאָנט זיכער זיין, אַז איר וועט אים צווישן די שונאים פון פאָטערלאַנד געפינען !

— איז אַודאי גוט ! — האָט הער אַנדזשעי פיבערדיק געזאָגט — אָבער ווען כ'וואָלט אים אַפילו אין אַ קירך געטראָפן...

— ביי גאָט, לעסטער נישט ! — האָט דער קליינער ריטער גיך איבערגעהאַקט.

— דער דאָזיקר בוגד ברענגט מיך צו עברות !

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, דערנאָך האָט הער קמיטשיק דער ערשטער געפרעגט :

— וווּ איז ער איצט ?

— אפשר אין טיראָגי, און אפשר נישט. כאַרלאַמפּ וועט בעסער וויסן.

— קומט !

— שוין נישט וויַיט. דער פּולק שטייט הינטער דער שטאָט, און מיר דאָ... אויך כאַרלאַמפּ איז מיט אונדז.

אין־דעם האָט קמיטשיק גענומען אַזוי שווער עטעמען, ווי אַ מענטש, וואָס קלעטערט אויף אַ משופּעדיקן באַרג.

— איך בין נאָך זייער שוואַך — האָט ער זיך אָנגערופן.

— מוזט איר אַודאי זיך באַרואיקן, בפרט אַז איר וועט מיט אַזאַ ריטער האָבן צו טאָן.

— כ'האָב שוין געהאַט מיט אים צו טאָן און אָט וואָס עס איז מיר נאָך דעם פאַרבליבן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיק אָנגעוויזן אויף אַ שראַם אויפן פּנים.

— דערציילט מיר, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, ווייל דער האַר קעניג האָט קוים דערמאָנט ?

דער הער קמיטשיק האָט גענומען דערציילן און הגם צר האָט דערביי מיט די ציין געקריצט און אַזש דאָס היטל אויף דער

ערד אַ וואָרף-געטאָן, האָט פונדעסטוועגן זיין געדאַנק זיך אָפּגעריסן פון אומגליק און ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט.

— כ׳האָב געוווּסט, אַז איר זענט אַן אַנטשלאָסענער מענטש — האָט דער קליינער ריטער געזאָגט — אָבער ראַדזיווילן פון צווישן זיינע חיילות פאַרכאַפּן, אויף דעם האָב איך זיך אַפילו פון אייך אויך נישט געריכט.

דערווייל זענען זיי צוגעקומען צו דער קוואַרטיר. די צוויי סקשעטוסקיס, הער זאַגלאָבאַ, דער פאַכטער פון וואָנסאָש און כאַרלאַמפּ זענען געווען פאַרנומען מיט באַקוקן די קרימער פעלצלעך, וועלכע אַ טאָטער אַ העגדלער האָט גראָד געבראַכט צום אויסקלייבן. כאַרלאַמפּ, וועלכער האָט צום בעסטן געקאָנט קמיטשיצן, האָט אים אויך דערקאָנט פון ערשטן בליק און אַרויסלאָזנדיק אַ פעלצל, האָט ער אויסגעשריגן:

— יעזוס, מאַריאַ!

— זאָל גאָטס נאָמען זיין געלויבט! — האָט דער פאַכטער פון וואָנסאָש אויסגערופן.

אָבער נאָך איידער אַלע האָבן זיך אויסגעניכטערט פון דער פאַרוווּנדערונג, האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט:

— איך שטעל אייך פאָר דעם טשענסטאָכאָווער העקטער און דעם קעניגס טרייען דינער, וועלכער האָט פאַרן גלויבן, פאָטערלאַנד און מאַיעסטעט זיין בלוט פאַרגאָסן.

דאָ, ווען די פאַרוווּנדערונג איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט דער איידעלער הער מיכאַל גענומען דערציילן מיט גרויס התלהבות, וואָס ער האָט געהערט פון קעניג וועגן קמיטשיצס פאַרדינסטן און פון הער אַנדזשעין גופא וועגן פאַרכאַפּן דעם פירשט באָגוסלאַוו און צום סוף האָט ער אַזוי אויסגעלאָזט:

— ס׳איז בכן נישט בלויז נישט אמת דאָס, וואָס פירשט באָגוסלאַוו האָט וועגן דאָזיקן ריטער דערציילט, נאָר פאַרקערט; ער האָט נישט קיין גרעסערן שונא פון הער קמיטשיץ און דעריבער האָט ער דאָס פריילין בילעוויטש פון קיידאַני אַרויס געפירט, כדי פון אים אויף וועלכן ס׳איז אופן נקמה צו נעמען.

- און אונדז האָט דער דאָזיקער ריטער דאָס לעבן מציל

געווען און די קאָנפעדערירטע פּוילן פאַרן פירשט וואָיעוואָדע געוואָרנט — האָט הער זאַגלאָבאַ אויסגערופן — לגבי אַזעלכע פּאַרדינסטען, ווערן די אַלטע זינד בטל-ומבוטל! באַ גאָט! גוט, וואָס ער איז מיט אייך, הער מיכאַל, און נישט אַליין צו אונדז געקומען, גוט אויך, וואָס אונדזער פּוילק שטייט הינטער דער שטאָט, ווייל די לאודער מענטשען זענען אויף אים מוראדיק ברוגז און ער וואָלט נישט באַוויזן אַ פּיפּס-צו טאָן, ווי זיי וואָלטן אים אויף די שווערדן צעטראָגן.

— מיר באַגריסן אייך מיטן גאַנצען האַרצן, ווי אַ ברודער און להבאדיקן וואָפן-חבר! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

כּאַרלאַמפּ האָט זיך אַזש פאַרן קאָפּ אָנגענומען.

— אַזאַ איינער וועט קיינמאָל נישט פאַרפאַלן ווערן! — האָט ער געזאָגט — פון יעדער זייט וועט ער אַרויסשווימען און נאָך רום אויפן ברעג אַרויסטראָגן!

— האָב איך דען דאָס נישט געזאָגט! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — ווי נאָר כ׳האָב אים אין קיידאַני דערזען, האָב איך זיך באַלד געטראַכט: דאָס איז אַ זעלנער און אַ העלד! און איר געדענקט, אַז מיר האָבן זיך באַלד גענומען קושן, אמת, אַז דורך מיר האָט ראַדזיוויל געהאַט אַ מפּלה, אָבער אויך דורך אים. גאָט האָט מיר אין בילעוויטשע שכל אַריינגעגעבן, אַז איך האָב נישט דערלאָזט מען זאָל אים דערשיסן... גנעדיקע הערן, עס פּאַסט נישט אַזאַ ריטער טרוקן מקבל-פּנים צו זיין, כּדי ער זאָל אונדז נישט אין פאַלשקייט חושד-זיין.

דערהערנדיק דאָס האָט זשענדזשאַן באַלד משלח געווען דעם טאַטער מיט די פעלצלעך און אַליין האָט ער מיטן יינגל זיך גענומען פאַרן אַרום משקאות.

אָבער הער קמיטשיץ האָט געטראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי וואָס גיכער זיך אויסצופרעגן ביי כּאַרלאַמפּן וועגן אָלענקאַס באַפרייאונג.

— איר זענט געווען דערביי? — האָט ער געפרעגט.

— כ׳האָב זיך כמעט פון קיידאַנע נישט אַרויסגערירט — האָט דער לאַנג-נאַזיקער געענפערט — פירשט באָגוסלאַוו איז געקומען

צו אונדזער פירשט וואָיעוואָדע. צום אָוונט-מאָל האָט ער זיך אויסגעפּוצט אַזוי, אַז די אויגן האָבן וויי-געטאָן פון קוקן און ס'איז קענטיק געווען, אַז פרייליין בילעוויטש האָט ביי אים שטאַרק נושא-חן געווען, ווייל ער האָט פון נחת שיִר נישט געמרוטשעט ווי-אַ קאַץ, ווען מ'גלעט זי איבערן רוקן. אָבער ווען דער קאַץ זאָגט מען, אַז זי טוט תּפֿלה, און פירשט באָגוס-לאַוו, אויב ער טוט תּפֿלה, איז אַוודאי נאָר צום טייוול. און ער האָט זיך צוגעהנפּעט, און געמאַכט חנדלען, און זיך צוגע-שאַרט...

— הערט אויף! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן — צופיל יסורים פאַרשאַפט איר דעם דאָזיקן ריטער!

— פאַרקערט! רעדט, גנעדיקער הער, רעדט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— ער האָט געזאָגט ביים טיש — האָט כאַרלאַמפּ דערציילט — אַז עס איז נישט קיין פּחיתת-הכּבוד אַפילו פאַר די ראַדזיווילס מיט שלאַכטשאַנקעס חתונה צו האָבן און אַז ער גופא וואָלט בעסער וועלן נעמען אַ שלאַכטשאַנקע, איידער יענע פּרינצעסינס וועלכע דאָס פראַנצויזישע קעניגלעכע פּאָר האָט אים געשדכנט און וואָס זייערע נעמען זענען מיר אַרויס פון זכרון, אַזוי אויסטערליש און משוגעדיק זענען זיי געווען.

— דאָס איז נישט וויכטיק! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— ער האָט משמעות דאָס געזאָגט, כּדי דאָס מיידל צוגעווינען, וואָס מיר האָבן תּיכּף פאַרשטאַנען און דערפאַר איינער דעם אַנדערן גענומען אָנקוקן און מיט די אויגן פינטלען, האַלטנדיק מיט רעכט, אַז דאָ ווערט צוגעגרייט אַ נעץ פאַר דער צניעות.

— און זי? און זי?!.. — האָט קמיטשיץ פיבערדיק געפרעגט.

— זי, היות דאָס איז אַ מיידל פון גרויסן יחוס און הויכע מאַניערן, האָט קיין שום צופרידנהייט נישט אַרויסגעוויזן און אויף אים אַפילו נישט געקוקט און ערשט ווען פירשט באָגוסלאַוו האָט גענומען רעדן וועגן אייך, האָט זי באַלד אין אים די אויגן איינגעגראָבן. אַ שרעק, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען ער האָט געזאַגט, אַז איר האָט זיך אים אָנגעבאָטן פאַר עפּעס

אַ סכום דוקאַטן דעם קעניג צופאַרכאַפּן און אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן די שווערדן צו צושטעלן. מיר האָבן געמיינט, אַז די נשמה וועט פון מיידל אַרויסשפּרינגען, אָבער דער כּעס אויף אייך איז אין איר געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט די מיידלשע שוואַכקייט גובר געווען און אַז ער האָט גענומען דערציילן, מיט וואָס פאַר אַן עקל ער האָט אייער אָנבאָט אָפּגעוואָרפן, האָט זי ערשט רעכט גענומען אים נושא-פּנים זיין און דאַנקבאַר אויף אים קוקן און דערנאָך האָט זי שוין אַפילו פון אים די האַנט נישט אַוועק-גענומען, ווען ער האָט זי פון טיש געוואָלט אַוועקפירן.

קמיטשיץ האָט מיט די הענט די אויגן פאַרשטעלט.

— שלאָגט, שלאָגט, ווער אין גאָט גלויבט! — האָט ער געשריגן.

מיט אַמאָל האָט ער זיך פון אָרט אַ ריס-געטאָן.

— זייט געזונט!

— וואָס הייסט? וווהין? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט, פאַר-שטעלנדיק אים דעם וועג.

— דער קעניג וועט מיר דערלויבן און איך וועל פאָרן און אים געפינען! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— ביי גאָט! וואַרט צו! איר האָט זיך נאָך אַלץ נישט דערוווּסט, און זוכן אים האָט איר צייט. מיט וועמען וועט איר פאָרן? ווו וועט איר אים געפינען?

קמיטשיץ וואָלט אפשר נישט געפאָלגט, אָבער ס׳האָבן אים כּוחות אויסגעפעלט, ווייל ער איז פון די וווּנדן געווען אויס-געמאַטערט, ער האָט דעריבער זיך אויף דער באַנק אַראָפּגעלאָזט און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פּלייצעס אין דער וואַנט, האָט ער די אויגן צוגעמאַכט.

זאַגלאָבאַ האָט אים דערלאַנגט אַ בעכער וויין און ער האָט אים מיט ציטערדיקע הענט אַ כאַפּ-געטאָן און אויסגיסנדיק די פליסיקייט אויף דער באָרד און ברוסט, האָט ער אים אויסגעטרונקען ביז צום באָדעם.

— דאָ איז נאָך גאָרנישט פאַרלוירן — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — מען מוז נאָר זיין זייער פאָרזיכטיק, בפרט אַז מ׳האָט

צ׳טאָן מיט אַזאַ גרויסן שרהה. מיט אַ גיכן שריט, מיט אַן איבער־געאײלטער אונטערנעמונג קאָנט איר אומברענגען דאָס פרײלײן בילעוויטש און זיך.

— הערט אויס כאַרלאַמפּן ביז צום סוף — האָט יאַן זאַגלאָבאַ געזאָגט.

קמיטשיץ האָט פאַרביסן די ציין.

— איך הער געדולדיק.

— צי דאָס פרײלײן איז גערן אַרויסגעפאָרן — האָט כאַר־לאַמפּ זיך אָנגערופן — דאָס ווייס איך נישט, ווייל כ׳בין ביי איר אַרויסגעפאָרן נישט געווען; כ׳ווייס, אַז דער ראָסיענער שווערד־טרעגער האָט פּראָטעסטירט, אַז מ׳האָט מיט אים צוערשט איינ־געטענהט, דערנאָך אים אין וואָפן־מאַגאַזין איינגעשפּאַרט און צום סוף אים דערלויבט פריי קיין בילעוויטשע אָפּצופאָרן. דאָס מיידל איז אין שלעכטע הענט, נישטאָ וואָס צו פאַרהוילן, ווייל אַז מ׳זאָל דריגגען פון דעם, וואָס מ׳דערציילט וועגן יינגן פירשט, איז קיין שום טערק נישט אַזוי להוט נאָכן שיינעם מין, ווי ער. ווען עפּעס אַ פרוי געפעלט אים, מעג זי אַפילו האָבן אַ מאַן, איז ביי אים רעכט אויף דעם אויך נישט צו קוקן.

— אַ בראָך! אַ בראָך! — האָט קמיטשיץ איבערגעחזרט.

— שעלמע! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי געטאָן.

— אַ חידוש איז מיר נאָר דאָס, וואָס דער פירשט וואָיעוואָדע האָט זי באָגוסלאַוון אַרויסגעגעבן — האָט סקשעטוסקי געזאָגט.

— איך בין נישט קיין מלוכה־מאַן — האָט כאַרלאַמפּ דערויף געענטפערט — דעריבער וועל איך אייך איבערחזרן נאָר דאָס, וואָס די אָפיצירן האָבן דערציילט, גאַנצהאָף, אַ שטייגער, וועלכער האָט דעם פירשטס אַלע סודות געוווּסט. כ׳האָב מיט די אייגענע אויערן געהערט, ווי עמיצער האָט ביי אים אויסגעשריגן: „קמיטשיץ וועט קיין הנאה נישט האָבן נאָך אונדזער יינגן פירשט!" — און גאַנצהאָף זאָגט אַזוי: אין דעם דאָזיקן אַרויספירן זי שטעקט מער פּאָליטיק, ווי ליבשאַפט. פירשט באָגוסלאַוו (זאָגט ער) שענקט קיין איינער נישט, און קיים זאָל אים דאָס דאָזיקע

מיידל אַ ווידערשטאַנד שטעלן, וועט ער אין טוירעאַגי זיך מיש־ איר נישט קאָנען באַגיין, ווי מיט אַנדערע; ווייל ס'וואָלט געוואָרן אַ טומל, און דאָרט האַלט זיך אויף דעם פּירשט וואָיעוואָדעס ווייב מיט דער טאָכטער, מיט וועלכע באָגוסלאַוו מוז זיך שטאַרק רעכענען, ווייל ער פּרעטענדירט אויף די האַנט פון דער יינגער פּרינצעסין... ס'וועט אים שווער זיין (זאָגט ער) צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ צדיק, אָבער אין טוירעאַגי מוז ער.

— אַ שטיין דאַרף אייך פון האַרצן אַראָפּפאַלן! — האָט העלענע זאַגלאָבאַ אויסגערופן — ווייל מ'זעט דערפון, אַז דעם מיידל דראָט גאָרנישט.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער זי אַרויסגעפירט? — האָט קמיטשיץ אַרויסגעפּלאַצט.

— גוט, וואָס איר ווענדט זיך צו מיר — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — ווייל נישט איין זאַך בין איך באַלד תופס, בעת אַן אַנדערער וואָלט אַ גאַנץ יאָר זיך בחנם דעם קאָפּ געבראָכן. פאַרוואָס ער האָט זי אַרויסגעפירט? כ'שפּאַר נישט אָפּ, אַז זי האָט ביי אים געמוזט נושא־חן זיין, אָבער אַרויסגעפירט האָט ער זי דערפאַר, כדי דורך איר אַלע בילעוויטשס, וואָס זייער צאָל און זייער תקיפות איז גרויס, פון פיינדלעכע מעשים קעגן די ראַדזיווילס צוריקצוהאַלטן.

— דאָס קאָן זיין! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — זיכער איז, אַז אין טוירעאַגי מוז ער דעם יצר־הרע גובר זיין און אַז ער מוז זיך דאָרט האַלטן אין אַ געוויסער מדרגה.

— ווו איז ער איצט?

— דער פּירשט וואָיעוואָדע האָט אין טיקאָטשין זיך משער געווען, אַז ער מוז זיין אין עלבינג ביים שוועדישן קעניג, צו וועלכן ער האָט נאָך פאַרשטאַרקונגען געזאָלט פאָרן. זיכער איז, אַז ער איז אין טוירעאַגי איצט נישטאָ, ווייל די שליחים האָבן אים דאָרט נישט געפונען.

דאָ האָט כאַרלאַמפּ זיך געווענדעט צו קמיטשיצן:

— איר ווילט פאָלגן אַ פּשוטן זעלנער, וועל איך אייך זאָגן.

וואָס איך טראַכט: אויב עס האָט דאָרט אין טוירעגי מיטן פריילײן בילעוויטש שוין געטראָפן עפּעס אַ סבה, אָדער אויב דער פירשט האָט באַוויזן אין איר אַ ליבשאַפט צו וועקן, האָט איר נישט דאָרט נאָך וואָס צופאָרן, און אויב נישט, אויב זי איז ביי דער פירשטין און וועט צוזאַמען מיט איר קיין קורלאַנד פאָרן, איז זי דאָרט זיכערער, ווי אַנדערשוווּ און קיין בעסער אָרט וואָלט איר נישט געפונען פאַר איר אין דער גאַנצער רעפּובליק, וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון מלחמה-פלאַמען.

— אויב איר זענט אַזאַ מוטיקער מענטש, ווי מ'זאָגט, און ווי איך אַליין האַלט אויך — האָט סקשעטוסקי זיך אַריינגעמישט — דאַרפט איר קודם-כל באַגוסלאַוון דערווישן און האָבנדיק אים אין דער האַנט, וועט איר אַלץ באַקומען.

— ווו איז ער איצט? — האָט קמיטשיץ איבערגעחזרט, ווענדנדיק זיך צו כאַרלאַמפּן.

— כ'האָב אייך שוין געזאָגט — האָט דער לאַנג-נאָזיקער געענטפערט — אָבער פון גרויס עגמת-נפש פאַרגעסט איר. איך נעם אָן, אַז ער איז אין עלבינג און וועט מסתמא צוזאַמען מיט קאַרל גוסטאַוון אין דער מלחמה קעגן הער טשאַרניעצקין אַרויסמאַרשירן.

— און איר וועט צום בעסטן טאָן, אויב איר וועט צוזאַמען מיט אונדז צום הער טשאַרניעצקי זיך אַרויסלאָזן, ווייל אויף אַזאַ אופן קאָנט איר גיך מיט באָגוסלאַוון זיך טרעפן — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— איך דאַנק אייך פאַר די פריינטלעכע עצות! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

און ער האָט זיך גענומען מונטער געזעגענען מיט אַלע, און זיי האָבן אים נישט פאַרהאַלטן, וויסנדיק, אַז אַ געפּלאָגטער מענטש טויג נישט, נישט צום שמועסן און נישט צום טרינקען, דערפאַר האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן:

— כ'וועל אייך באַגלייטן ביז צום אַרציביסקופס פּאַלאַץ, ווייל איר זענט אַזוי אויפגערעגט אַז איר קאָנט נאָך ערגעץ אויף דער גאַס פאַלן.

— אויך איך! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— אויב אַזוי לאָמיר אַלע גיין! — האָט זאַגלאָבאַ צוגעגעבן.

זיי האָבן אָנגעגורט די שווערדן, אָנגעטאָן די וואַרעמע בורקעס און אַרויסגעגאַנגען. אויף די גאַסן זענען נאָך מער געווען מענטשן, ווי פריער. יעדע ווײַלע האָבן זיי באַגעגנט אָפּטײלונגען פון באַוואָפנטער שלאַכטע, זעלנער, דינערשאַפט פון שררות און שלאַכטשיצעס, אַרמענער, יידן, וואַלאַכן, רייסישע פויערן פון די פאָרשטעט, וואָס זענען אָפּגעברענט געוואָרן בעת כמיעלניצקיס ביידע אָנפאַלן.

די סוחרים זענען געשטאַנען פאַר זייערע קלייטן, די פענסטער פון די הייזער זענען פול געווען מיט קעפּ פון נייגעריקע, אַלע האָבן איבערגעחזרט, אַז די טאָטערישע אָפּטײלונג איז שוין אָנגעקומען און אַז באַלד וועט זי דורך דער שטאָט דורכמאַרשירן, כּדי זיך צו פּרעזענטירן פאַרן קעניג. יעדער האָט געוואָלט זען דאָס דאָזיקע חייל, ווײַל אַ גרויסער חידוש איז עס געווען צו קוקן אויף טאָטערס, וואָס פאָרן רויק דורך די גאַסן פון דער שטאָט. אַנדערש פלעגט לוווו ביז-איצט זען די דאָזיקע געסט, זי האָט זיי אייגנטלעך געפלעגט זען נאָר הינטער די מויערן, אין דער געשטאַלט פון אומדורכדרינגלעכע כמאַרעס, אויפן פאָן פון די ברענענדיקע פאָרשטעט און אַרומיקע דערפלעך. איצט האָבן זיי געזאָלט אַרײַנפאָרן אַלס פאַרבונדעטע קעגן די שוועדן. דעריבער טאַקע האָבן אונדזערע ריטערס זיך קוים געקאָנט אַ וועג דורכברעכן דורך די מאַסן. יעדע ווײַלע האָבן אויסגעשרייען: „זיי פאָרן! זיי פאָרן!" זיך דורכגעטראָגן פון איין גאַס אין דער צווייטער און דעמאָלט האָט זיך דער עולם צעווויפגעפרעסט אין אַזעלכע ענגע מאַסן, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אַ שפּרייז צו מאַכן.

— האַ! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּ-שטעלן. הער מיכאַל, ס'וועט זיך אונדז דערמאַנען דער נאָענטער עבר, ווען מיר האָבן נישט פון אַ זייט, נאָר גלייך אין די שליפּיעס אַרײַן געקוקט די דאָזיקע אָקסן. און איך בין דאָך אויך אין געפאַנגענשאַפט ביי זיי געווען. מ'זאָגט, אַז דער קינפּטיקער

כאַן איז געראָטן אין מיר ווי צוויי טראָפּנס וואַסער... אָבער נאָך וואָס פאַרגאַנגענע ווילטאָגן דערמאַנען!

— זיי פאָרן! זיי פאָרן! — האָט זיך ווידער דערהערט אַ אויסרוף.

— גאָט האָט די הערצער פון די הינטישע נאמנות איבער־געקערט — האָט זאַגלאָבאַ ווייטער געזאָגט — אַז אַנשטאָט די רייסישע געביטן חרוב צו מאַכן, גייען זיי אונדז צו הילף... דאָס איז אַ בפירושער נס; ווייל איך זאָג אייך, אַז ווען פאַר יעדן געצנדינער, וואָס די דאָזיקע אַלטע האַנט האָט אין גיהנום אַריין געשיקט, וואָלט מען מיר איין עבירה מוחל געווען, וואָלט איך שוין געווען צו די קדושים פאַררעכנט און ערב יום־טוב וואָלט איר געמוזט צו מיר פאַסטן, אָדער איך וואָלט אויף אַ פייערדיקן רייטוואָגן לעבעדיקערהייט אין הימל אַריין געכאַפּט געוואָרן.

— און איר געדענקט, וואָס עס איז געוואָרן דעמאָלט, ווען מיר זענען פון ראַשקאָוו קיין זבאַראַזש געפאָרן?..

— אַודאי געדענק איך! איר זענט עפּעס אין אַ גרוב אַריינ־געפאַלן און איך האָב זיך נאָך זיי דורך די געדיכטעניש אַזש ביז צום טראַקט געיאָגט. איז ווען מיר זענען נאָך אייך צוריקגעקומען האָבן אַלע ריטער זיך נישט געקאָנט אויסחידושן, ווייל ביי יעדן ביימל איז אַ בעסטיע געלעגן.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געדענקט, אַז דעמאָלט איז געווען פונקט קאַפּויער, אָבער ער האָט אין פלוג נישט געענטפערט, ווייל ער האָט זיך שטאַרק געחידושט און ביז ער האָט זיך אָפּגעקילט, האָבן שטימען צום צענטען, אָדער צום וויפילטן מאָל גענומען רופן:

— זיי פאָרן! זיי פאָרן!..

דאָס אויסגעשריי איז פון אַלעמען אונטערגעכאַפּט געוואָרן, דערנאָך איז שטיל געוואָרן און אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אַ קער־געטאָן אין די זייט, פון וועלכער די טאָטערישע אָפּטיילונג האָט געזאָלט אָנקומען. פון דערווייטנס האָט זיך טאַקע אָנגערופן אַ ליאַרמדיקע מוזיק, די מאַסן האָבן זיך גענומען פאַנאַנדעררוקן פון מיטן גאַס צו די ווענט פון די הייזער און פון עק האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טאָטערישע רייטער.

— קוקט! אויך אַ קאַפּעליע האָבן זיי מיט זיך, דאָס איז ביי די טאָטערס אַ זעלטענע זאַך.

— ווייל זיי ווילן וואָס בעסער זיך פּרעזענטירן — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — אָבער מאַנכע טאָטערישע אָפּטיילונגען, האָבן פונדעסטוועגן זייערע מוזיקאַנטען, וועלכע שפּילן זיי צו, ווען זיי שלאָגן ערגעץ אויף זייערע געצעלטן אויף אַ לענגערע צייט. דאָס מוז זיין טאַקע אַ צוגעקליבענע אָפּטיילונג!

דערווייל האָבן די רייטערס זיך דערנענטערט און גענומען פאַרביימאַרשירן. צוערשט איז אויף אַ געפלעקטן פערד געפאָרן אַ שמוציק-ברוינער, ווי אין רויך אָפּגעווענזלטער טאָטער, וועלכער האָט אין מויל געהאַלטן צוויי פייפעלעך. אַריבערבויגנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן און צומאַכנדיק די אויגן האָט ער מיט די פינגער געשפּילט אויף די דאָזיקע פייפעלעך, אַרויסקריגנדיק פון זיי קוויטשנדיקע און גרילצנדיקע און אַזעלכע גיכע טענער, אַז דאָס אויער האָט זיי קוים געקאָנט אויפכאַפּן. נאָך אים זענען געפאָרן צוויי טאָטערס, וועלכע האָבן געהאַלטן שטעקנס, באַצירט אויף די אויבערשטע עקן מיט מעשענע קלימפּערלעך, און זיי האָבן זיי געטרייסלט מיט אַ ווילדער רציחה; אַביסל ווייטער האָבן אַ פּאָר טאָטערס מוראדיק געזעצט אין מעשענע טעלערס, אַנדערע האָבן געקלאַפּט אין פויקן, אַנדערע האָבן אויפן קאָזאַקישן שטייגער געשפּילט אויף האַרפעס, און אַלע, אַ חוץ די פייפער, האָבן צוגעזונגען, און בעסער געזאָגט צוגעברומט פון צייט צו צייט אַ ווילד ליד בלישטשענדיק דערביי מיט די ציין און פאַרדרייענדיק די אויגן. הינטער דער דאָזיקער צעלאָזענער און ווילדער מוזיק, וועלכע האָט זיך ווי אַ שטורעם דורכגעטראָגן פאַר די איינוווינער פון לוווו, האָט געשפּאַנט צו פיר פערד אין אַ ריי די גאַנצע אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון בערך פיר הונדערט מאַן.

געווען איז דאָס באמת אַ צוגעקליבענע אָפּטיילונג, וואָס איז דורן כאַן אַלס אַן אַדרעסיף צוגעשיקט געוואָרן, צו דער דיספּאָזיציע פון פּוילישן קעניג, אויף צו באַווייזן זיך און צו באַערן אים. אָנגעפירט מיט אים האָט אַקבאַ-אולאַן פון די דאָברוצקער,

און די טיכטיקסטע טאָטערס אין אַ שלאַכט, אַן אַלטער און אויס־געפּרוווטער מלחמה־מאַן, וועלכער איז פאַר זיינע גבורות און שטרענגקייט געווען שטאַרק געאַכפּערט צווישן די טאָטערס. געפאָרן איז ער איצט אין דער מיט, צווישן דער מוזיק און דער רעשט אָפּטיילונג, אָנגעטאָן אין אַ רויזיקער סאַמעטענער, אָבער שטאַרק אָפּגעשאָסענער און אויף זיין מעכטיקער פיגור צו ענגער שובע, אונטערגעגייט מיט אויסגעריבענע מאַרדערס. אויפן בויך האָט ער געהאַלטן אַ שטאַב מיט פעדערן, אַזעלכן, וואָס די קאָזאַקישע פּולקאָווניקעס פלעגן באַנוצן. זיין רויט פנים איז פון קאַלטן ווינט געוואָרן בלאָ און ער האָט זיך אַביסל געוויגט אויפן הויכן זאָטל, פון צייט צו צייט האָט ער געקוקט אין די זייטן, אָדער אומגעדרייט דעם קאָפּ צו זיינע טאָטערס, גלייך ווי ער וואָלט נישט אינגאַנצן זיכער געווען, צי זיי וועלן אויסהאַלטן אויפן אָנבליק פון די מאַסן, ווייבער, קינדער, אָפענע קראָמען, טייערע סחורות און צי זיי וועלן זיך מיט ווילדע קולות נישט וואַרפן אויף די דאָזיקע חידושים.

אָבער זיי זענען געפאָרן רויק, ווי די הינט, וואָס ווערן אויף שטריק געפירט און האָבן מורא פאַר דער בייטש, און נאָר פון די טריבע און גיריקע בליקן האָט מען געקאָנט דרינגען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די נשמות פון די דאָזיקע באַרבאַרן. און די מאַסן האָבן אויף זיי געקוקט נייגעריק, הגם כמעט אומפריינט־לעך, אַזוי גרויס איז אין די דאָזיקע מקומות פון דער רעפּובליק געווען די באַרביטערטקייט קעגן די געצנדינער. פון צייט צו צייט האָבן זיך אַרויסגעריסן אויסגעשרייען: „אַ הו! אַ הו!" ווי אויף וועלף. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן פון זיי זיך אַ סך צוגעזאָגט.

— די שוועדן האָבן שרעקלעך מורא פאַר די טאָטערס און די זעלבער דערציילן זיך וועגן זיי אָן נסים־ונפלאות, פון וואָס די שרעק וואַקסט וואָס אַמאָל מער — האָבן די, וואָס האָבן געקוקט אויף די טאָטערס, געזאָגט.

— גאַנץ ריכטיק — האָבן אַנדערע געענטפערט — נישט פאַר קאַרלס רייטער איז מלחמה צו האַלטן מיט די טאָטערס, וועלכע,

און באַזונדערס די דאָברוצקער, קאָנען אַמאָל אויך מיט אונדזערע רייטער זיך אויסגלייכן. איידער יענער שווערער רייטער וועט זיך אומקוקן, וועט אים שוין אַ טאָטער אין אַ נעץ אַריינכאַפּן.

ס'איז אַ זינד צו רופן געצנדינער צו הילף! – האָבן שטימען זיך אָנגערופן.

– אַ זינד, צי נישט אַ זינד, צונויף קומען וועלן זיי!

– זייער אַ לייטישע אָפּטיילונג! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט.

די דאָזיקע טאָטערס זענען באמת געווען גוט אָנגעטאָן, אין ווייסע, שוואַרצע און פאַרשיידנפאַרביקע פעלצן, מיט דער וואָל פון אויבן; שוואַרצע פייַלנבויגנס און קעסטלעך פול מיט פייַלן האָבן זיך געוויגט אויף די פּלייצעס, יעדער האָט דערביי געהאַט אַ שווערד, וואָס עס פלעגט אין די גרויסע מחנות נישט טרעפן, ווייל די אָרעמערע האָבן זיך אַזאַ לוקסוס נישט געקאָנט פאַרגינען, באַנוצנדיק זיך אין האַנט-געפעכט מיט פערדישע קין-באַקן, צו אַ שטעקן צוגעבונדענע. אָבער געווען זענען דאָס מענטשן, ווי געזאָגט, אויף צו באַווייזן זיך, האָבן דעריבער מאַנכע געהאַט אַפילו פּיסטאָלעטן, וואָס זענען געלעגן אין פילצענע שיידן, און אַלע זענען געזעסן אויף גוטע פערד, קליינע אמת, געניוג מאָגערע, וועלכע האָבן די לאַנג-גזשיבעדיקע קעפּ נידריק געטראָגן, זייער פלינקייט אין לויפן איז אָבער געווען אומפאַרגלייכלעך.

אין דער מיט פון דער אָפּטיילונג זענען נאָך געגאַנגען פיר קעמלען; דער המון האָט אָנגענומען, אַז אין די דאָזיקע פּאַק-זאָטלען האָבן זיך געפונען דעם כאַנס מתנות פאַרן קעניג; אָבער דאָס איז געווען אַ טעות, ווייל דער כאַן האָט בעסער געוואָלט נעמען מתנות, ווי געבן; ער האָט טאַקע צוגעזאָגט הילף, אָבער נישט בחנם.

ווען די אָפּטיילונג איז שוין געווען פאַרבייגעגאַנגען האָט הער זאַגלאָבאַ טאַקע געזאָגט:

– די דאָזיקע הילף וועט קאָסטן טייער! כלומרשט פאַר-בונדעטע. אָבער אויך זיי וועלן פון לאַנד אַ תל-מאַכן... נאָך די

שווערן און נאָך זיי וועט קיין איין גאַנצער דאַך אין דער רעפּובליק נישט בלייבן.

— אַודאי איז דאָס אַ זייער שווערער שותּף — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — מיר קענען זיי שוין!

— כ'האָב נאָך געהערט אין וועג — האָט הער מיכאַל געזאָגט — אַז אונדזער האַר קעניג האָט געשלאָסן אַזאַ אָפּמאַך, אַז צו יעדע פינף הונדערט טאָטערס זאָל צוגעגעבן ווערן אונדזער אַן אָפיציר, וועלכער וועט האָבן די קאָמאַנדע און דאָס רעכט צו באַשטראָפן. אַנדערש וואָלטן טאַקע די דאָזיקע פריינט בלויז הימל און ערד איבערגעלאָזט.

— און די דאָזיקע אָפּטיילונג?.. וואָס וועט דער קעניג מיט איר מאַכן?

— דער כאַן האָט זיי צוגעשיקט צו דער דיספּאָזיציע פון קעניג, כמעט ווי אַלס מתּנה, און הגם ער וועט זיי אויך אין חשבון אַריינרעכענען, קאָן אָבער דער קעניג מיט זיי טאָן, וואָס ער וועט וועלן און ער וועט זיי אַודאי צוזאַמען מיט אונדז צום הער טשאַרניעצקי אַוועקשיקן.

— נו! הער טשאַרניעצקי וועט זיי שוין קאָנען האַלטן אין דער מורא.

— סיידן ער זאָל צווישן זיי ווינען, אַ נישט וועלן זיי באַלד היגטער זיינע אויגן אָנהויבן זיך לאָזן ווילגיין. נישט אַנדערש, נאָר עס וועט אויך זיי אַן אָפיציר צוגעגעבן ווערן.

— און ער וועט אָנפירן? און וואָס וועט יענער פעטער אַגאַ טאָן?

— אויב ער וועט נישט אָנטרעפן אויף אַ לא־יצלח, וועט ער די באַפעלן אויספירן.

— זייט געזונט! זייט מיר געזונט! — האָט קמיטשיץ מיט אַמאָל אויסגעשריגן.

— וווהין איילט איר זיך אַזוי?

— פאַלן דעם האַר קעניג צו די פיס, אַז ער זאָל מיר די קאָמאַנדע איבער די דאָזיקע מענטשן איבערגעבן!

14 קאַפּיטל

דעם זעלבן טאָג האָט אַקבאַ-אולאַן זיך פאַרנייגט פאַרן קעניג און צו דער גלייכער צייט אים איבערגעגעבן דעם כאַנס בריף, אין וועלכע דער לעצטער האָט איבערגעחזרט די הבטחה אַרויסצומאַרשירן מיט הונדערט טויזנט טאָטערס קעגן די שוועדן, אַבי מ'זאָל אים פּאָרויס פּערציק טויזנט טאָלער אויסצאָלן און אַבי עס זאָלן זיך די ערשטע גראָזן אויף די פעלדער באַווייזן, ווייל אָן דעם וואָלט אין אַ לאַנד, וואָס איז פון דער מלחמה חרוב געוואָרן, שווער געווען צו געבן חיונה אַזאַ גרויסער צאָל פערד. וואָס שייך ווידער דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָט זי דער כאַן איצט אַרויסגעשיקט צום צייכן פון ליבשאַפט צום „ליבסטן ברודער", כדי אויך די קאָזאַקן, וואָס האָבן נאָך געטראַכט וועגן מרידה, זאָלן זען אַ באַשיינפערלעכן סימן, אַז די דאָזיקע ליבשאַפט האַלט כסדר אָן און זאָל נאָר דער ערשטער אָפּקלאַנג וועגן אַ מרידה דערטראָגן זיך צום כאַנס אויערן, וועט דעמאָלט זייז נוקם-ונוטרדיקער כעס טרעפן אַלע קאָזאַקן.

דער קעניג האָט אַקבאַ-אולאַנען אויפגענומען בסבר פנים

יפות און שענקענדיק אים אַ שיין פערד, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט אים תיכּף אַרויסשיקן אין די מלחמה דעם הער טשאַרניעצקי, ווייל ער וויל, אַז אויך די שוועדן זאָלן זיך בחוש איבערצייגן, דאָס דער כאַן גיט הילף דער רעפּובליק. דעם טאָטערס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען ער האָט געהערט, אַז ער וועט דינען אונטער הער טשאַרניעצקיס קאָמאַנדע, ווייל ער האָט אים געקענט פון די אַמאָליקע אוקראַינישע מלחמות און צוגלייך מיט אַלע אַ גאַס אים פאַרערט.

דערפאַר איז אים אָבער ווייניקער געפעלן געוואָרן דאָס אָרט אין כאַנס בריף, וואָס האָט געבעטן דעם קעניג, אַז ער זאָל דער אָפּטיילונג צוגעבן אַן אָפיציר, וואָס קען גוט דאָס לאַנד און וועלכער זאָל אָנפירן מיט דער אָפּטיילונג און צו דער גלייכער צייט די מענטשען און אַקבאַ-אולאַנען גופא פון רויבערייען און הוליען איבער די איינוווינער צוריקהאַלטן. אַקבאַ-אולאַנען וואָלט אודאי געווען מער ניחא נישט צו האָבן איבער זיך אַזאַ אויפזעער, אָבער היות דאָס איז געווען דער בפירושער ווילן פון כאַן און פון קעניג, האָט ער דעריבער נאָר נאָך אַמאָל זיך טיף פאַרבייגט, באַהאַלטנדיק די אומצופרידנהייט און צוזאָגנדיק זיך אפשר אין האַרצן, אַז נישט ער פאַרן אויפזעער, נאָר דער אויפזעער וועט פאַר אים זיך בוקן.

קוים האָט דער טאָטער זיך דערווייטערט און די סענאַטאָרן זענען אַוועקגעגאַנגען, ווי קמיטשיץ, וועלכער האָט בעת דער אוידיענץ זיך געהאַלטן ביי דער זייט פון קעניג, איז געפאַלן צום קעניגס פיס און געזאָגט:

– גענעדיקער האַר! כ'בין נישט ווערט דעם חסד, וועגן וועלכן כ'בעט, אָבער עס איז מיר אין אים, ווי אין לעבן געלעגן. דערלויב, גענעדיקער פאָטער, אַז איך זאָל איבער די דאָזיקע טאָטערס קאָנען די קאָמאַנדע איבערנעמען און מיט זיי באַלד אין די מלחמה זיך אַרויסלאָזן.

– כ'זאָג נישט אָפּ – האָט דער פאַרוואונדערטער יאַן קאַזשימיעזש געזאָגט – ווייל אַ בעסערן אָנפירער וואָלט מיר פאַר זיי שווער געווען צו געפינען. ס'איז דאָרט נויטיק אַ ריטער מיט אַ גרויסן

מוט און אַנטשלאָסנקייט, כּדי ער זאָל זיי קאָנען האַלטן אין דער מורא, ווייל אַ נישט וועלן זיי באַלד נעמען אויך אונדזערע ברענען און מאָרדן... איך קאָן נאָר בשום-אופן נישט מסכּים זיין, אַז דו זאָלסט מאָרגן זיך לאָזן אין וועג אַריין, נאָך איידער די הויט וועט זיך דיר נאָך די שוועדישע שווערדן פאַרהיילן.

— כ'שפּיר, אַז ווי נאָר דער ווינט אין פעלד וועט אויף מיר אַ בלאָז-טאָן, וועט מיין שוואַכקייט באַלד אַריבערגיין און איך וועל צוריקבאַקומען די כּוחות, און וואָס שייך די טאָטערס, וועל איך זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן און אויף ווייכן וואַקס זיי אויסקנעטן.

— אָבער פאַרוואָס איילסטו זיך אַזוי? וווהין ווילסטו גיין?

— אויף די שוועדן, גנעדיקער האַר!.. כ'וועל שוין דאָ מער גאָרנישט אויסניצן, ווייל דאָס, וואָס כ'האָב געוואָלט, האָב איך שוין: אייער גנאָד און די פאַרגעבונג פון די אַמאָליקע חטאים... כ'וועל גיין צום הער טשאַרניעצקי צוזאַמען מיט וואָלאָדיאָווסקין, אָדער כ'וועל גאָר באַזונדער דעם שונא אונטער-קומען, ווי אַ נימלט כּאָוואַנסקין, און כ'האָב בטחון אין גאָט, אַז ער וועט שענקען הצלחה.

— נישט אַנדערש, נאָר דיך ציט נאָך עפּעס אין פעלד!

— ווי פאַר אַ פאָטער וועל איך זיך מתודה זיין און די גאַנצע נשמה אַנטפּלעקן... פירשט באָגוסלאַוו האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן שקר-בלבול, וואָס ער האָט אויף מיר געוואָרפן, און ער האָט נאָך דאָס מיידל פון קיידאַני אַרויסגעפירט און האַלט זי אין טויראָגי געפאַנגען, אָדער נאָך ערגער: ווייל ער זעצט זיך אָן אויף איר ערלעכקייט, אויף איר צניעות, אויף איר מיידלשן כּבוד... גנעדיקער האַר!.. איך גיי פון זינען אַראָפּ, ווען איך טראַכט, אין וועמענס הענט זי געפינט זיך נעבעך... כ'שווער ביי גאָטס פּיין, אַז די דאָזיקע ווונדן טוען ווייניקער וויי... דאָס דאָזיקע מיידל מיינט דאָך עד-היום, אַז איך האָב זיך דעם דאָזיקן רשע, דעם דאָזיקן כּלב-שבכּלבים אָנגע-באָטן אויף אייער מאַיעסטעט, האַר, די האַנט אויפצוהייבן... און זי האַלט מיך פאַרן לעצטן אויסוואורף! כ'וועל נישט אויסהאַלטן,

געגעדיקער קעניג, כ'קאָן נישט, כל־זמן איך וועל אים נישט פּאַקן, כל־זמן כ'וועל זי נישט אַרויסרייסן... גיט מיר, האַר, די דאָזיקע טאַטערס, און איך שווער אייך, אַז איך וועל נישט בלויז מיין פּריוואַטע זאַך אין זינען האָבן, נאָר אַזוי פיל שוועדן פאַרטיליקן, אַז מ'וועט דעם דאָזיקן הויף מיט קעפּ קאָנען אויס־פלאַסטערן...

– באַרויק זיך ! – האָט דער קעניג געזאָגט.

– ווען איך וואָלט צוליב פּריוואַטע ענינים די דינסט אָוועקגעוואָרפן און פון דער פאַרטיידיקונג פון מאַיעסטעט און רעפּובליק זיך אָפּגעזאָגט, וואָלט מיר אַ בושה געווען צו בעטן, אָבער דאָ קומט זיך איינס צונויף מיטן צווייטן. ס'איז געקומען די צייט די שוועדן צו שלאָגן ? איך וועל דאָך עפּעס אַנדערש נישט טאָן... ס'איז געקומען די צייט דעם בוגד צו פאַרפאָלגן, וועל איך אים דאָך פאַרפאָלגן ביז ליפלאַנד, ביז קורלאַנד, ווען אַפילו ער זאָל צו די צפון־לייט, אָדער גאָר מעבר־לים קיין שוועדן אַנטלויפן, וועל איך אים נאָכגיין !

– מיר האָבן ידיעות, אַז באָגוסלאַוו מיט קאַרלן זאָלן גאָר בקרוב פון עלבינג אַרויסמאַרשירן.

– אויב אַזוי וועל איך זיי אַקעגנגיין !

– מיט אַזאַ קליינער אָפּטיילונג ? מיטן קאַפּעלוש וועלן זיי דיך צודריקן.

–כאָוואַנסקי האָט מיך מיט אַכציק טויזענט מאַן געוואָלט צודריקן און נישט צוגעדריקט.

– וויפיל טרייע חיילות עס זענען פאַראַן זענען זיי אַלע ביי טשאַרניעצקין. זיי וועלן קודם־כל אויפּז הער טשאַרניעצקי זיך וואַרפן !

– איך וועל גיין צום הער טשאַרניעצקי. ערשט רעכט דאַרף מען אים, גנעדיקער האַר, וואָס גיכער הילף געבן.

– צום הער טשאַרניעצקי וועסטו גיין, אָבער קיין טויראָגי וועסטו מיט אַזאַ קליינער מחנה נישט אָנשפּאַרן. אַלע שלעסער אין זשאַמעט האָט דער פירשט וואָיעוואָדע דעם שונא אַרויסגעגעבן און אומעטום שטייען שוועדישע גאַרניזאָנען, און דאָס דאָזיקע

טויראָגי ליגט, דוכט זיך מיר, עפּעס האַרט בײַ דער פּרייסישער גרענעץ, נישט ווייט פון טילזש.

– האַרט אויף דער קורפירשטלעכער גרענעץ, גענעדיקער האַר, אָבער אויף אונדזער זייט, און פון טילזש בערך פיר מייל. איך וועל זיכער צוקומען אַהין און נישט בלויז די מענטשן נישט פאַרלירן, נאָר עס וועלן נאָך אויפן וועג אַסך אומדערשראָקענע צו מיר צושטיין. און דאָס דאַרפט איר נאָך געדענקען, גענעדיקער האַר, אַז דאָרט, ווו איך וועל מיך נאָר ווייזן, וועט די גאַנצע געגנט אויפן פערד זיך זעצן קעגן די שוועדן. דער ערשטער וועל איך זשאַמעט דערצו מעורר זין, אויב אַן אַנדערער וועט דאָס נישט טאָן. ווי קאָן מען דאָס נישט אָנשפּאַרן איצט, ווען אין גאַנצן לאַנד קאָכט, ווי אין אַ קעסל, איך בין שוין געוווינט זיך אין קאָכעניש צו דרייען.

– און דו קוקסט אויך נישט אויף דעם, אַז די טאָטערס וועלן אפשר נישט וועלן אַזוי ווייט גיין מיט דיר?

– נו, נו, זאָלן זיי נאָר נישט וועלן, זאָלן זיי נאָר פּרוּוון – האָט קמיטשיץ געזאָגט און בלויז אויפן געדאַנק די ציין צונויפגעפּרעסט – אַלע פיר הונדערט, אָדער וויפיל זיי זענען דאָרט, וועל איך הייסן אויפהענגען!.. קיין בוימער וועלן נישט אויספעלן!.. זאָלן זיי נאָר פּרוּוון זיך צו בונטעווען...

– יענדרעק! – האָט דער קעניג אויסגערופן, אַריינפאַלנדיק אין אַ גוטן הומאָר און אָנבלאָזנדיק דאָס מויל – ווי גאָט איז מיר ליב, אַז קיין בעסערן פּאַסטוך פאַר די דאָזיקע שעפעלעך וועל איך נישט געפינען! נעם זיי און פיר זיי, ווו דיין האַרץ גלוסט נאָר!

– אַ דאַנק, גנעדיקער האַר! גוטהאַרציקער פאָטער! – האָט דער ריטער געזאָגט, דריקנדיק דעם קעניגס קני.

– ווען ווילסטו זיך לאָזן אין וועג אַריין? – האָט יאַן קאַזשימיעזש געפרעגט.

– מאָרגן!

– אפשר וועט אַקובאַ אולאַנ נישט וועלן, ווייל די פערד זענען פאַרמאַטערט?

— וועל איך אים הייסן צום זאָטל אויף אַ קייט צובינדען און ער וועט גיין צו-פוס, אויב ס'איז אים אַ שאָד דאָס פערד.

כ'זע שוין, אַז דו וועסט דיר מיט אים אַן עצה געבן. אָבער כל-זמן מ'קאָן, גיי-אום מיט גוטן. און איצט... יענדרעק... היינט איז שוין שפעט, אָבער מאָרגן וויל איך דיך נאָך זען... לעת-עתה נעם דעם דאָזיקן רינג, וועסט זאָגן דיין ראָיאַליסטקע, אַז דער קעניג האָט דיר אים געגעבן און אַז דער קעניג באַפעלט איר, אַז זי זאָל זיין טרייען דינער און פּאַרטיידיקער תמיד ליב האָבן...

— הלואי! — האָט דער יינגער ריטער מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — הלואי איך זאָל אַנדערש נישט אומקומען, נאָר ביים פּאַרטיידיקן אייך, גנעדיקער האַר!

דאָ האָט דער קעניג זיך צוריקגעצויגן, ווייל ס'איז שוין געווען שפעט, און קמיטשיץ איז אַוועק אין זיין קוואַרטיר זיך גרייטן אין וועג אַריין און מיישב זיין זיך פון וואָס אָנצוהויבן, ווו מ'דאַרף צוערשט פאָרן.

עס זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין כאַרלאַמפּס ווערטער, אַז אויב עס וועט זיך נאָר אַרויסשטעלן, אַז דער פירשט באָגוסלאַוו איז אין טוראָגי נישטא, איז צום בעסטן דאָס מיידל דאָרט איבערצולאָזן, ווייל פון טוראָגי, וואָס ליגט האַרט אויף דער גרענעץ, איז באמת לייכט געווען צו אַנטלויפן קיין טילזש, אונטערן שוץ פון קורפירשט. איבעריקנס, הגם די שוועדן האָבן אין דער לעצטער נויט פאַרלאָזט דעם ווילנער פירשט וואָיעוואָדע האָט מען זיך דאָך געדאַרפט ריכטן, אַז זיי וועלן האָבן רעספּעקט פאַר זיין אַלמנה, דעריבער, אויב אָלענקא וועט נאָר בלייבן אונטער איר השגחה, וועט איר קיין שום בייז נישט געשען. און אויב זיי וועלן פאָרן קיין קורלאַנד, איז אודאי גוט.

— און קיין קורלאַנד פאָרן מיט מיינע טאָטערס קאָן איך נישט, — האָט קמיטשיץ צו זיך געזאָגט — ווייל דאָס איז שוין אַן אַנדערע מלוכה.

ער איז אַרומגעגאַנגען און געאַרבעט מיטן מוח. איין שעה איז פאַרגאַנגען נאָך דער אַנדערער, און ער האָט נאָך אַלץ נישט

געטראַכט וועגן אַפרו און דער גערדאַנק וועגן דער נייער עקספּעדיציע האָט אים אַזוי אויפגעמונטערט, אַז הגם ער איז אין דער פרי נאָך געווען שוואַך, האָט ער איצט געשפּירט, אַז די כּוחות זיינע באַנייען זיך און ער איז גרייט געווען זיך תּיכּף אויפן פערד צו זעצן.

די יינגלעך האָבן לסוף געענדיקט צונויפצובינדען די רימענס און זיי האָבן זיך געקליבן צו גיין רוען, אָבער דאָ האָט מיט אַמאָל עמיצער גענומען קראַצן אין דער טיר פון דער שטוב.

— ווער איז דאָרט? — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

און דערויף זיך געווענדעט צום יינגל:

— גיי נאָר אַ קוק-טאָן!

דאָס יינגל איז געגאַנגען און שמועסנדיק הינטער דער טיר איז ער תּיכּף צוריקגעקומען.

— עפּעס אַ זעלנער וויל וואָס גיכער זיך זען מיט אייך, גענעדיקער האַר. ער זאָגט, אַז ער הייסט סאָראָקאַ.

— לאָז אַריין, געדענק אין גאָט! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן.

און נישט וואַרטנדיק, אַז דאָס יינגל זאָל דעם באַפעל אויספירן, איז ער אַליין צו דער טיר צוגעשפּרונגען.

— קום אַריין, ליבער סאָראָקאַ! קום אַריין!

דער זעלנער איז אַריין אין די שטוב און תּיכּף געוואָלט פאַלן צו די פיס פון זיין פּאָלקאָווניק, ווייל געווען איז דאָס ניכער אַפּריינט און אַ דינער, אַ טרייער און אַ צוגעבונדענער, אָבער די זעלנערישע דיסציפּלין האָט גובר געווען, ער האָט זיך דעריבער אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— צו אייערע באַפעלן, גענעדיקער האַר!

— זיי באַגריסט, ליבער חבר, זיי באַגריסט! — האָט קמיטשיץ לעבהאַפט געזאָגט — כ'האָב געמיינט, אַז מ'האָט דיך דאָרט אין טשענסטאָכאָוו צעהאַקט!

און ער האָט אים אַ דריק-געטון פאַרן קאָפּ און דערנאָך אַפילו גענומען טרייסלען זיינע הענט, וואָס ער האָט געקאָנט

טאָן נישט אַראָפּלאָזנדיק זיך צו נידריק, ווייל סאָראָקאָ איז אַרויסגעקומען פון דער קליינער שלאַכטע.

דאָ ערשט האָט אויך דער אַלטער וואַכמייסטער אַרומגענומען זיין האַרס קני.

— פון וואַנען קומסטו? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— פון טשענסטאָכאָווע, גנעדיקער האַר.

— און דו האָסט מיך געזוכט?

— יאָ.

— און פון וועמען האָט איר זיך דאָרט דערוווּסט, אַז איך לעב?

— פון קוקלינאָווסקיס מענטשן. קסיאָנדז קאַרדעצקי האָט פון שמחה אַ גרויסע תפלה אָפּגעריכט און אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה צו גאָט. דערנאָך, ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז ער באַגיניטש האָט דעם קעניג דורך די בערג דורכגעפירט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דאָס איז דער גנעדיקער האַר און נישט קיין אַנדערער.

— און קסיאָנדז קאַרדעצקי איז געזונט?

— געזונט, גנעדיקער האַר, נאָר מען ווייסט נישט, צי די מלאכים וועלן אים אַ ליאַדע טאָג לעבעדיקערהייט נישט נעמען אין הימל אַריין, ווייל דאָס איז אַ הייליקער מענטש.

— אודאי, ס'איז גאָר קיין שום ספק נישט. ווי-זשע האָסטו זיך דערוווּסט, אַז כ'בין מיטן קעניג קיין לוווו אָנגעקומען?

— כ'האָב זיך געטראַכט אַזוי: קוים האָט דער גנעדיקער האַר דעם קעניג באַגלייט, מוז ער זיין בײַ אים, כ'האָב אָבער מורא געהאַט, אַז דער גנעדיקער האַר איז שוין אפשר אין פעלד אַרויסגעפאָרן און אַז כ'וועל פאַרשפּעטיקן.

— מאָרגן לאָז איך זיך מיט טאָטערס אין וועג אַריין!

— איז גוט געשען, ווייל איך האָב דעם גנעדיקן האַר צוויי פולע געלט-גאַרטלען מיטגעבראַכט: דעם, וואָס איך האָב געטראָגן און וואָס דער האַר האָט געטראָגן, און אַ חוץ דעם יענע בלישטשנדיקע שטיינדעלעך, וואָס מיר האָבן פון די היטלעך פון די באָיאַרן אַראָפּגענומען און די, וואָס דער גנעדיקער האַר האָט

נוגענומען דעמאָלט, ווען מיר האָבן כאָוואַנסקיס קאַסע פאַרכאַפּט.

— גוטע צייטן געווען, ווען מיר האָבן די קאַסע פאַרכאַפּט, אָבער קיין סך מוז שוין דאָרט נישט זיין, ווייל איך האָב פולע גאָרשקעס אויך דעם קסיאָנדז קאַרדעצקי איבערגעלאָזט.

— כ׳ווייס נישט, וויפיל ס׳איז פאַראַן, נאָר קסיאָנדז קאַרדעצקי האָט געזאָגט, אַז מ׳קאָן פאַר דעם צוויי גרויסע דערפער קויפן.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז סאָראָקאַ צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון זיך די געלט-גאַרטלען.

— און די שטיינדעלעך ליגן אין דער דאָזיקער בלעך — האָט ער צוגעגעבן, אַוועקלייגנדיק נעבן די געלט-גאַרטלען די זעלנערישע פעלד-פלאַש אויף בראָנפען.

הער קמיטשיץ האָט גאָרנישט זאָגנדיק אַרויסגעשאָקלט אין די האַנט אַריין אַביסל גאָלד-גילדן, אָן חשבון און געזאגט צום וואַכמייסטער:

— נאַ דיר!

— איך פאַל צו די פיס דעם גנעדיקן האַר! עי! ווען איך וואָלט געהאַט אין וועג כאָטש אַזאַ איין דוקאַטל!

— וואָס איז דען? — האָט דער ריטער געפרעגט.

— ווייל כ׳בין פון הונגער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זעלטן ווו איז מען איצט מכבד אַ מענטש מיט אַ שטיקל ברויט, ווייל יעדער האָט מורא, האָב איך טאַקע צו לעצט פון הונגער די פיס קוים געשלעפּט.

— ביי גאָט! האָסט דאָך דאָס אַלץ געהאַט ביי זיך!

— כ׳האָב זיך נישט דערוועגט אָן דערלויבעניש — האָט דער וואַכמייסטער קורץ געזאָגט.

— האַלט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים אַ צווייטע גאָרשקע.

דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף די יינגלעך:

— נו שעלמעס! עסן גיט אים וואָס גיכער, ווייל איך וועל אייך די קעפּ אַראָפּהאַקן.

די יינגלעך זענען געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן

און באַלד איז פאַר סאַראָקאָן געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט געראוכערטן פלייש און אַ פלאַש מיט בראָנפן.

דער זעלנער האָט אַריינגעשפּיזט די גיריקע אויגן אין דעם עסן, די ליפּן און וואָנסעס האָבן אים געציטערט, אָבער זעצן זיך ביים פּולקאָווניק האָט ער קיין העזה נישט געהאַט.

— זעץ דיך, עס ! — האָט קמיטשיץ אַקאָמאַנדע-געגעבן.

ער האָט קוים געענדיקט, ווי דאָס טרוקענע פלייש האָט שוין גענומען קנאַקן צווישן סאַראָקאָס מעכטיקע ציין. די צוויי יינגלעך האָבן אויף אים געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— טראָגט זיך אָפּ ! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

די יינגלעך זענען אַרויסגעפלויגן אויף יענע זייט טיר ; און דער ריטער האָט מיט איילי́קע טריט געשפּאַנט איבער דער שטוב און געשוויגן, נישט וועלנדיק שטערן דעם טרייען דינער. דער ווידער האָט יעדעס מאָל ביים אָנגיסן זיך אַ גלעזל בראָנפן שיף אַ קוק-געטאָן אויפן פּולקאָווניק אין דער מורא, צי ער וועט אַ געראונצלטן שטערן נישט באַמערקן, דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען די משקה, אויסדרייענדיק זיך צו דער וואַנט.

קמיטשיץ האָט געשפּאַנט, געשפּאַנט, צום סוף האָט ער גענומען אַליין מיט זיך רעדן.

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין ! — האָט ער געברומט — מ׳דאַרף אים דאָרט שיקן... כ׳וועל הייסן איר זאָגן... ס׳וועט נישט נוצן ! זי וועט נישט גלויבן !.. קיין בריף וועט זי נישט וועלן לייענען, ווייל זי האַלט מיך פאַר אַ בוגד און כלב... זאָל ער איר אין די אויגן נישט קריכן, נאָר זאָל ער קוקן און מיר געבן צו וויסן, וואָס דאָרט טוט זיך.

דאָ האָט ער מיט אַמאָל אויסגערופן :

— סאָראָקאַ !

דער זעלנער איז אַזוי גיך אויפגעשפּרונגען, אַז ער האָט שיר נישט דעם טיש איבערגעקערט און זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

— לויט באַפעל !

— דו ביסט אַ געטרייער מענטש און דורכגעטריבן אין

אַ נויט. וועסט פאָרן אין אַ ווייטן וועג, אָבער נישט הונגעריקערהייט.

– לויט באַפעל!

– קיין טוראָגי, צו דער פּרייסישער גרענעץ. דאָרט וווינט דאָס פרייליין בילעוויטש... ביים פּירשט באָגוסלאַוו... וועסט דערגיין, צי ער איז דאָרט... און וועסט אויף אַלץ וואַרפן אַן אויג... איר אין די אויגן אַריין זאָלסטו נישט קריכן, סיידן, אַז עס וועט זיך מאַכן אַז עס וועט, אַליין אויסקומען. דעמאָלט וועסטו איר זאָגן און שווערן, אַז אידהאָב דעם קעניג דורך די בערג דורכגעפירט און אַז איך בין נעבן זיין פּערזאָן. זי וועט דיר אודאי נישט גלויבן, ווייל דער פירשט האָט אויף מיר דאָרט אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז איך גיי אויפן לעבן פון קעניג, וואָס עס איז שקר-וכזב!

– לויט באַפעל!

– אין די אויגן, האָב איך געזאָגט, זאָלסטו נישט קריכן, ווייל זי וועט דיר סיי ווי נישט גלויבן... אָבער אַז עס וועט זיך מאַכן, זאָלסטו זאָגן, וואָס דו ווייסט. און קוק זיך גוט אום און היט זיך צו אַלץ צו! און אַליין זאָלסטו זיך היטן, ווייל אויב דער פירשט איז דאָרט דאָ און ער וועט דיך דערקענען, ער, אָדער עמיצער פון הויף, וועט מען דיך אויף אַ תליה אַרויפציען!

– לויט באַפעל!

– כ׳וואָלט געוועז שיקן דעם אַלטן קעמליטש, אָבער ער איז אויף יענער וועלט, ווייל ער איז אין דער הייל אומגעקומען, און די זין זענען צו נאַריש. זיי וועלן גיין מיט מיר. ביסט געוועז אין טוראָגי?

– ניין, גנעדיקער האַר.

– וועסט גיין קיין שטשוטשין, פון דאָרט האָרט ביי דער פּרייסישער גרענעץ אַזש ביז טילזש. טוראָגי ליגט בערך פיר מייל אַקעגנאיבער, אויף אונזער זייט... זיך אין טוראָגי אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אַלץ נישט דערגיין און דערנאָך קער צוריק. וועסט מיך געפינען דאָרט, ווו כ׳וועל זיין... פרעג דיך אויס וועגן די טאָטערס און וועגן הער באַבינישט... אוז איצט גיי שלאָפן צו די קעמליטשס! מאָרגן אין וועג אַריין!

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז סאָראָקאַ אוועקגעגאַנגען,

קמיטשיץ האָט זיך אָבער נאָך לאַנג נישט געלייגט שלאָפן, צום סוף האָט די מידקייט גובר געווען. ער האָט זיך דעמאָלט אַ וואָרף-געטאָן אויפן געלעגער און איז איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף.

צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען זייער אַ מונטערער און שטאַרקער, ווי נעכטן. דער גאַנצער הויף איז שוין געווען אויף די פיס און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די געוויינלעכע טעגלעכע אַרבעטן. קמיטשיץ איז צוערשט אַוועק אין די קאַנצעלאַריע נאָך די נאָמינאַציע און נאָך אַ באַגלייט-בריף, דערנאָך האָט ער באַזוכט סובאַגאַזי-בעין, דעם ראש פון כאַנס דעפּוטאַציע אין לוווו און געהאַט מיט אים אַ לענגערן שמועס.

בעתן דאָזיקן שמועס האָט הער אַנדזשעי צוויי מאָל אַריינגעטאָן די האַנט אין געלט-בייטל. דערפאַר טאַקע, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט סובאַגאַזי מיט אים זיך געביטן די היטלען, אים איבערגעגעבן אַ שטאַב פון גרינע פעדערן און אַ פּאָר איילן גרינע זיידענע שנור.

פאַרזאָרגט מיט די אַלע זאַכן, איז הער אַנדזשעי צוריקגעגאַנגען צום קעניג, וועלכער איז גראָד געווען פון דער תפלה געקומען ; דער יינגער ריטער איז נאָך אַמאָל געפאַלן צום קעניגס פיס און דערנאָך אין באַגלייטונג פון די קעמליטשס און די יינגלעך אַוועק גלייך הינטער די שטאָט, וווּ אַקבאַ-אולאַן איז געשטאַנען מיט דער אָפּטיילונג.

דער אַלטער טאַטער האָט אויף זיין אָנבליק צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, מויל און ברוסט, אָבער דערוויסנדיק זיך, ווער קמיטשיץ איז און וועגן וואָס ער איז געקומען, איז ער באַלד געוואָרן אויפגעבראַכט ; דאָס פּנים איז אים אָנגעכמורעט געוואָרן און זיך באַצויגן מיט גדלות.

– קוים האָט דיך דער קעניג פאַר אַן איבערפירער צו געשיקט – האָט ער געזאָגט צו קמיטשיצן אין אַ געבראָכענער רוטענישער שפּראַך – וועסטו מיר ווייזן דעם וועג, הגם איך וואָלט אַליין אויך געטראָפן, און דו ביסט יינג און אומדערפאַרן.

– ער באַשטימט מיר פאָרויס, וואָס איך זאָל זיין – האָט

קמיטשיץ זיך געטראַכט – אָבער כּל־זמן מ׳קאָן, וועל איך זיך באַגיין מיט אים איידל.

דאָ האָט ער זיך הויך אָנגערופן.

– אַקבאַ־אולאַן, דער קעניג שיקט מיך צוהער פאַר אַ פירער און נישט פאַר אַן איבערפירער... און דאָס זאָג איך דיר, אַז דו וועסט בעסער טאָן, ווען דו וועסט דעם רצון פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט נישט ווידערשפעניקן.

– איבער די טאָטערס האָט אַ דעה צו זאָגן דער כאַן און נישט דער קעניג! – האָט אַקבאַ־אולאַן געענטפערט.

– אַקבאַ־אולאַן, – האָט הער אַנדזשעי איבערגעחזרט, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף יעדן וואָרט – דער כאַן האָט דיך געשענקט דעם קעניג, אַזוי ווי ער וואָלט אים געשענקט אַ הינט אָדער אַ סאָקאָל, דערפאַר זאָלסטו פאַר אים דרך־ארץ האָבן, כּדי מ׳זאָל דיך ווי אַ הינט אויף אַ שטריק נישט בינדען.

– אַלאַ! – האָט דער פאַרוווּנדערטער טאָטער אויסגעשריגן.

– עי, צערייץ מיך נישט! – האָט קמיטשיץ געענטפערט.

אָבער אַקבאַ־אולאַנס אויגן זענען מיט בלוט פאַרלאָפן געוואָרן, אַ געוויסע צייט האָט ער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן; די אָדערן אויפן קאַרק זענען אים אָנגעשוואָלן געוואָרן, די האַנט האָט זיך צום קינזשאַל אַכאַפּ־געטאָן.

– מיר וועלן בייסן! מיר וועלן בייסן! – האָט ער מיט אַ געשטיקטער שטים געשריגן.

אָבער אויך הער אַנדזשעי, הגם ער האָט בדעה געהאַט זיך מיט אים איידל צו באַגיין, האָט שוין גענוג געהאַט, ווייל ער איז בטבע געווען זייער אַ היציקער. ס׳האָט אים אין איין רגע עפּעס ווי אונטערגעהויבן אַזוי, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, מיט דער גאַנצער קאַנט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם טאָטער פאַר דער באָרד און פאַררייסנדיק אים דעם קאָפּ אין די הויך, ווי ער וואָלט אים וועלן עפּעס אויפן סופיט ווייזן, האָט ער גענומען ריידן דורך פאַרביסענע ציין:

– הער, דו ציגנבאָק! וואָלסט בעסער וועלן קיינעם נישט האָבן איבער זיך, כּדי דו זאָלסט קאָנען ברענען, ראַבעווען,

קוילן!.. פאַר אַן איבערפירער ווילסטו מיך האָבן! אָס האָסטו אַן איבערפירער! האָסטו אַן איבערפירער!

און צושפּאַרנדיק אים צו דער וואַנט, האָט ער גענומען האַקן אין איר מיט זיין קאָפּ.

ער האָט אים לסוף אָפּגעלאָזט אַפּולשטענדיק פאַרשטאַרטן, וועלכער האָט אָבער צום מעסער זיך שוין נישט געכאַפּט. געטריבן פון זיין הייסן בלוט, האָט קמיטשיץ נישט ווילנדיק אַנטדעקט דאָס בעסטע מיטל צו איבערצייגן די מזרח-מענטשן, וואָס זענען צו קנעכטשאַפט געוווינט. אין צעהאַקטן קאָפּ פון טאָטער האָט טאַקע, נישט געקוקט אויף די גאַנצע רציחה, וואָס האָט אים געשטיקט, אַבליץ-געטאָן דער געדאַנק, ווי מעכטיק און וואָס פאַר אַ תקיף עס מוז זיין דער דאָזיקער ריטער, וועלכער באַגייט זיך מיט אים, אַקבאַ-אולאַנען, אויף אַזאַ אויפן, און זיינע פאַרבלוטיקטע ליפּן האָבן דריי מאָל איבערגעחזרט ז׳עם אויסדרוק:

– באַגאַדיר! באַגאַדיר! באַגאַדיר!

קמיטשיץ האָט דערווייל אַרויסגעלייגט סובאַגאַזיס היטל אויפן קאָפּ, האָט אויסגעצויגן דעם גרינעם שטאָב, וועלכן ער האָט אַזש ביז איצט בכיון געהאַלטן הינטער די פּלייצעס, הינטער דער גאַרטל אַריינגעשטעקט, און געזאָגט:

– קוק דאָ, קנעכט! און דאָ!

– אַלאַ! – האָט דער איבערגעשראָקענער אולאַן זיך אָנגערופן.

– און דאָ! – האָט קמיטשיץ צוגעגעבן, אַרויסנעמענדיק די שנור פון דער טאַש.

אָבער אַקבאַ-אולאַן איז שוין געלעגן ביי זיינע פיס און זיך געבייגט ביז צו דער ערד.

מיט אַ שעה שפּעטער האָבן זיך די טאָטערס אין אַ לאַנגער שלענגלדיקער ריי אויסגעצויגן איבערן וועג, וואָס האָט געפירט פון לוווו צו „ויעלקע אָטשי״, און הער קמיטשיץ, וועלכער איז געזעסן אויף אַ טיכטיקן קאַשטאַן-ברוינעם פערד, וואָס דער קעניג האָט אים געשענקט, האָט געטריבן די אָפּטיילונג, ווי

אַ הונט טרייבט די שעפסן. אַקבאַ-אולאַן האָט געקוקט אויף דעם ייִנגען ריטער מיט פּחד און באַוווּנדערונג.

די טאָטערס, מבֿינים אויף מלחמה-מענטשן, האָבן פון ערשטן בליק זיך אָנגעשטויסן, אַז אונטער דער קאָמאַנדע פון דאָזיקן פירער וועט זיי נישט פעלן קיין בלוט און קיין שלל. זיי זענען דעריבער געגאַנגען מיט חשק, זינגענדיק און שפּילנדיק.

קמיטשיצן ווידער האָט דאָס האַרץ געקוואָלן, ווען ער האָט געקוקט אויף די דאָזיקע געשטאַלטן, ענלעך אויף וואַלד-חיות, ווייל זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין פעלצן און אין קאַפּטאַנעס פון קעמל-פעל מיט דער וואָל פון אויבן. אַ כוואַליע פון ווילדע קעפּ האָט זיך געוויגט צום טאַקט פון די פערדישע באַוועגונגען, און ער האָט זיי געציילט און געקלערט, וואס מ'וועט מיט אַזאַ מאַכט קאָנען אונטערנעמען.

— עפּעס אַ משונהדיקע אָפּטיילונג איז דאָס — האָט ער זיך געטראַכט — און עס דוכט זיך מיר עפּעס, ווי איך וואָלט מיט אַ סטאַדע וועלף אָנגעפירט, אָבער מיט אַזעלכע קאָן מען טאַקע די גאַנצע רעפּובליק דורכגיין און גאַנץ פּרייסן דורכטרעטן. וואַרט-זשע, פירשט באָגוסלאַוו!

דאָ זענען באַרימערישע געדאַנקען אים געקומען אין קאָפּ אַריין, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נטיה צו רימען זיך.

— גאָט האָט דעם מענטש געגעבן הצלחה — האָט ער צו זיך געזאָגט — נעכטן האָב איך געהאַט נאָר די צוויי קעמליטשעס, און היינט גייען מיר נאָך פיר הונדערט רייטער. לאָמיך נאָר אָנהויבן דעם טאַנץ, וועל איך האָבן טויזנט, אָדער גאָר צוויי טויזנט אַזעלכע פּרא-אדמס, אַז די אַמאָליגע חברים וואָלטן זיך אויך נישט געהאַט מיט זיי וואָס צו שעמען... וואַרט-זשע פירשט באָגוסלאַוו!

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, כדי צו באַרואיקן דאָס באַוווּסט-זיין, האָט ער צוגעגעבן:

— און דערביי וועל איך אויך דעם פאָטערלאַנד און מאַיעסטעט גרויסע פאַרדינסטן אָפּגעבן...

און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ זייער גוטן הומאָר. ס'האָט

אים זייער שטאַרק אַ הנאה געטון אויך דאָס, וואָס די שלאַכטע, יידן, פויערן, אַפילו גרעסערע קופּקעלעך פון לאַנד-שטורעם האָבן אין דער ערשטער רגע זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון שרעק אויפן אָנבליק פון זיין חייל. געווען איז גראָד געפעלדיק, ווייל דאָס פייכטע וועטער האָט די לופט מיט פּאַרע אָנגעזאַפּט. דערפאַר האָט טאַקע אָפטמאָל געטראָפן, אַז עמיצער איז נאָענט אָנגעפאָרן און דערזעענדיק מיט אַמאָל וועמען ער האָט פאַר זיך, האָט ער אויסגעשריגן:

— יעזוס, מאַריאַ, יוזעף!

— טאָטערס! טאָטעריש חייל.

אָבער די טאָטערס האָבן רואיק געמיטן פורן, אָנגעלאָדענע וועגנס, סטאַדעס פערד און דורכפאָרנדיקע. אַנדערש וואָלט געווען, ווען דער פירער וואָלט דערלויבט, אָבער אויף אייגענער דעה האָבן זיי זיך גאָרנישט דערוועגט אונטערצונעמען, ווייל זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען ביים אַרויסמאַרשירן, ווי אַקבאַ-אולאַן אַליין האָט דעם דאָזיקן פירער געהאָלפן אויפן פערד זיך אַרויפזעצן.

דערווייל איז לוווו שוין נעלם געוואָרן אין דער ווייטנס הינטער די נעפּלען. די טאָטערס האָבן אויפגעהערט צו זינגען און די אָפּטיילונג האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם אין מיטן פון וואָלקנס פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די פערד. מיט אַמאָל האָבן טריט פון אַ פערד אָפּגעהילכט הינטער דער אָפּטיילונג.

מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך באַוויזן צוויי רייטער. איינער פון זיי איז געווען הער וואָלאָדיאָווסקי, דער צווייטער דער פאַכטער פון וואָנסאָש. ביידע האָבן מיידנדיק די אָפּטיילונג געאיילט גלייך צו קמיטשיצן.

— שטיי! שטיי! — האָט גערופן דער קליינער ריטער.

קמיטשיץ האָט דאָס פערד פאַרהאַלטן.

— דאָס זענט איר!

וואָלאָדיאָווסקי האָט אויך זיין שקאַפּע פאַרהאַלטן.

— כ'פאַרנייג זיך! — האָט ער געזאָגט — בריף פון קעניג! איינער צו אייך, דער צווייטער צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע.

— אין פאַר דאָך צום הער טשאַרניעצקי און נישט צום הער סאַפּיעהאַ.

— לייענט נאָר צוערשט איבער דעם בריף!

קמיטשיץ האָט אָפּגעבראָכן די חתימה און געלייענט אָט וואָס:

„מיר דערוויסן זיך דורך אַ קוריער, וואָס איז נאָר-וואָס פון וויטעבסקער וואָיעוואָדע אָנגעקומען, אַז דער הער וואָיעוואָדע קאָן דאָ אַהער אין די קליין-פּוילישע מדינות נישט קומען און ער קערט זיך פון וועג אום ווידער קיין פּאָלעסיע, און דאָס דערפאַר, וואָס פירשט באָגוסלאַוו בלייבט מיט זיין גרויסער מאַכט נישט באַם שוועדישן קעניג, נאָר ער האָט בדעה זיך צו-וואַרפן אויף טיקאָטשין און אויפן הער סאַפּיעהאַ. און אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון הער סאַפּיעהאַס כוחות האָט געמוזט בלייבן אין די שלעסער, דערפאַר באַפעלן מיר דיר, אַז דו מיט דער דאָזיקער טאָטערישער אָפּטיילונג זאָלסט דעם הער וואָיעוואָדע גיין צוהילף. און היות אויך דיין באַגער ווערט אויף דעם אופן באַפרידיקט, וואָלט עס אומנויטיק געווען אויף דיר גוזר צו זיין, אַז דו זאָלסט זיך צעאיילן. דעם צווייטן בריף וועסטו אָפּגעבן דעם וואָיעוואָדע און אין אים בעטן מיר אים אַרויסצווייזן ליבשאַפט דעם הער באַבינִיטש, אונדזער טרייען דינער, און קודם-כל בעטן מיר גאָט אים צו שיצן.

יאַן קאַזשימיעזש, קעניג".

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! אָט איז פאַר מיר אַ גליקלעכע בשורה! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן — כ'ווייס פּשוט נישט ווי אַזוי איך זאָל דעם האַר קעניג און אייך פאַר איר דאַנקען!

— כ'האָב טאַקע אַליין זיך אונטערגענומען צו פאָרן — האָט דער קליינער ריטער געזאָגט — און דאָס מחמת מיטלייד פאַר אייך, ווייל כ'האָב געזען אייער צער און דערפאַר, כדי די בריף זאָלן זיכער צו אייך אָנקומען.

— ווען איז דאָס יענער קוריער געקומען?

— מיר זענען געווען ביים קעניג אויף מיטאָג, איך, די-

צוויי הערן סקשעטוסקי, הער כאַרלאָמפּ און הער זאַגלאָבאַ. איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס דער הער זאַגלאָבאַ האָט דאָרט אָנגעבראָיעט, ווי ער האָט דערציילט וועגן סאַפּיעהאַס אומבאַהאָלפנקייט און זיינע אויפטועכצן. געווג, אַז דעם קעניג זענען אַזש געראָנען טרערן פון די אויגן פון כסדרדיקן לאַכן, און די ביידע העטמאַנס האָבן אָן אויפהער פאַר די זייטן זיך געהאַלטן. אין־דעם איז אַריינגעקומען אַ קאַמער־דינער מיט אַ בריף, אויף וועלכן דער קעניג האָט זיך באַלד אָנגעבייזערט: „גיי צום טייוול, (האָט ער געזאָגט) אפשר אַ שלעכטע בשורה, מאַך מיר נישט קאַליע די פריילעכע שטימונג!" ערשט אַז ער האָט זיך דערוווסט, אַז דער בריף איז פון הער סאַפּיעהאַן, האָט ער זיך גענומען איט לייענען. ער האָט טאַקע אַ שלעכטע בשורה אַרויסגעלייענט, ווייל עס האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס מ'האָט שוין לאַנג דערציילט, אַז דער קורפירשט האָט אַלע שבועות געבראָכן און סוף כל סוף קעגן לעגיטימען האַר געמאַכט יד־אחת מיטן שוועדישן קעניג.

— נאָך איין שונא, גלייך ווי עס וואָלט זיי ביז איצט געפעלט! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

און ער האָט די הענט צונויפגעלייגט.

— גרויסער גאָט! זאָל מיר נאָר דער הער סאַפּיעהאַ דערלויבן אויף איין וואָך זיך אין פירשטלעכן פרייסן אַריינצוכאַפּן, און דער לייטזעליקער גאָט וועט העלפן, אַז ביזן צענטען דור וועט מען מיך און מיינע טאַטערס געדענקען!..

— עס קאָן זיין, אַז איר וועט גיין אַהין — האָט הער מיכאַל געזאָגט — אָבער צוערשט מוזט איר באָגוסלאַוון פאַרטיליקן, ווייל צוליב דעם קורפירשטס בגידה האָט מען אים טאַקע פאַרזאָרגט מיט מענטשן און דערלויבט צו מאַרשירן קיין פּאָלעסיע.

— אויב אַזוי וועלן מיר זיך באַגעגענען, ווי איצט איז טאָג, ווי אַ גאָט איז אין הימל, מיר וועלן זיך באַגעגענען! — האָט קמיטשיץ געזאָגט מיט פינקעלדיקע אויגן — ווען איר וואָלט מיר אַ נאָמינאַציע אויף די ווילנער וואָיעוואָדזטווע

געבראַכט, וואָלט עס מיר קיין גרעסערע שמחה נישט פאַרשאַפט!

— דער קעניג האָט טאַקע באַלד אויסגעשריגן: „אַ פערטיקע עקספעדיציע פאַר יענדרעקן, פון וועלכער די נשמה וועט זיך אין אים דערפרייען‟. ער האָט אויך געוואָלט דעם קאַמער-דינער תיכּף נאָך אייך אַרויסשיקן, אָבער איך האָב געזאָגט: כ׳וועל אַליין פאָרן, וועל איך מיך נאָך מיט אים געזעגענען.

קמיטשיץ האָט זיך אַריבערגעבויגן אויפן פערד און דעם קליינעם ריטער אין די אָרעמס אַ כאַפּ-געטון.

— אַ ברודער וואָלט פאַר מיר נישט געטון דאָס אַלץ, וואָס איר האָט שוין געטון! הלוואי איך זאָל אייך מיט עפּעס קאָנען אָפּדינען!

— אָבער איך האָב דאָך אייך געוואָלט דערשיסן.

— ווייל כ׳בין טאַקע עפּעס בעסערס נישט ווערט געווען.

שאַט נישט! — זאָל מען מיך אין דער ערשטער שלאַכט צעהאַקן, אויב איך האָב פון אַלע ריטער עמיצן מער ליב פון אייך!..

דאָ האָבן זיי זיך ווידער אַרומגענומען און ביים געזעגענען זיך האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט:

— זייט פאָרזיכטיק מיט באָגוסלאַוון! זייט פאָרזיכטיק, ווייל מיט אים איז נישט קיין לייכטע מערכה!

— איינם פון אונדז איז שוין דער טויט באַשערט!

— גוט!

— ע׳, ווען איר, וואָס איר זענט אַ בריה מיט דער שווערד, וואָלט מיר אייערע סודות אַנטפּלעקט! וואָס קומט אַרויס! נישטאָ קיין צייט!.. אָבער סיי ווי וועלן מיר די מלאכים באַשטיין און איך וועל זען זיין בלוט, סיידן מיינע אויגן וועלן זיך פריער פאַרמאַכן אויף אייביק און נישט זען מער די ליכטיקע שיין.

— זאָל גאָט אייך העלפן!.. אַ גליקלעכע נסיעה!.. און גיט זיי דאָרט צופאַרזוכן דעם טעם פון ביטערע קרייטעכצער, די פּרוסאַקעס די בוגדים! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— זייט רואיק. דער לוטעראַניזם וועט זיי נמאס ווערן!

דאָ האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געגעבן אַ צייכן זשענדזשאַנען,

וועלכער האָט פאַר דער דאָזיקער צייט גערעדט מיט אַקבאַ־אולאַנען און אים אָנדערציילט וועגן קמיטשיצס אַמאָליקע גבורות איבער כאָוואַנסקין און דערנאָך זענען ביידע צוריק געפאָרן קיין לוווו.

און קמיטשיץ האָט מיט דער אָפּשטעלונג פון אָרט זיך אומגעדרייט, ווי אַ פורמאַן דרייט־אים מיט דער פור און ער איז אַוועק גלייך צו צפוז־צו

15 קאַפּיטל

הגם די טאָטערס, און באַזונדערס די דאָברוצקער, האָבן געקאָנט ברוסט אַקעגן ברוסט זיך שלאָגן מיט באַוואָפנטע מענער אין פעלד, איז ביי זיי פונדעסטוועגן די ליבסטע מלחמה געווען מאָרדן שוצלאָזע, פאַרכאַפּן מיידלעך און ייִנגען אין געפאַנגענשאַפט, און מער פון אַלץ ראַבעווען. קיין חידוש נישט, וואָס דער וועג האָט שטאַרק גענודעט דער אָפּטיילונג, מיט וועלכער קמיטשיץ האָט אָנגעפירט, ווייל אונטער זיין אייזערנער האַנט האָבן די ווילדע מלחמה-לייט געמוזט מגולגל ווערן אין לעמעלעך, האַלטן די מעסערס אין די שיידן און די פאַרלאָשענע פייער-שוואָמען און צונויפגעוויקלטע שטריק אין די קווער-זעק. תחילת האָבן זיי געוואָרטשעט.

נעבן טאַרנאָגרוד זענען אַ צוואָנציק פון זיי בכיון געבליבן הינטערשטעליק, כדי אין כמיעלעווסק „רויטע פייגעלעך" באַכלאָזן און מיט מיידלעך אַ הוליע-טאָן. אָבער הער קמיטשיץ, וועלכער האָט זיך שוין צו טאָמאַשאָוו-צו גערוקט, האָט זיך

אויפֿן ערשטן אָפּגלאַנץ פֿון פֿייער אומגעקערט און געהייסן די שולדיקע זיך איינער דעם אַנדערן אויפֿהענגען. און ער האָט שוין אַזוי געהאַט באַוועלטיקט אַקבאַ־אולאַנען, אַז ער האָט שוין נישט בלויז קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט, נאָר צו־געזאָגט די פֿאַרמשפּטע, אַז זיי זאָלן גיכער זיך הענגען, ווייל אַ נישט וועט דער „באַגאַדיר“ זיך בייזערן. פֿון דעמאָלט אָן זענען די „לעמעלעך“ געגאַנגען רואיק, צונויפֿדריקנדיק זיך וואָס ענגער אין די דערפֿער און שטעטלעך, כּדי עס זאָל אויף ווער־מען עס איז נישט פֿאַלן קיין חשד. און די עקזעקוציע, הגם קמיטשיץ האָט זי אַזוי שטרענג דורכגעפֿירט, האָט אַפֿילו נישט אַרויס־גערופֿן קעגן אים קיין אומצופֿרידנהייט און אויך נישט קיין שנאה, ווייל אַזאַ הצלחה האָט שוין געהאַט דער דאָזיקער רוצח, אַז די, וואָס זענען אים געווען אונטערגעוואָרפֿן, האָבן אים ליב געהאַט פּונקט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך פֿאַר אים געשראָקן.

אמת איז, אַז הער קמיטשיץ האָט זיי אויך קיין עולה נישט געלאָזט טאָן. דאָס לאַנד איז דורך כמיעלניצקיס און שערעמעטעס איבערפֿאַל ערשט נישט לאַנג חרובֿ־ומוחרבֿ געוואָרן, אין עסנוואַרג און פֿאַשע איז דעריבער, ווי ערבֿ דעם שניט, געווען אַ דוחק, פֿונדעסטוועגן האָט אַלץ געמוזט זיין צו דער־צייט און בשפֿע, און אין קריניצע, ווען די איינוווינער האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און נישט געוואָלט קיין שום שפּייז צושטעלן, האָט הער קמיטשיץ אַ פּאָר פֿון זיי געהייסן מיט בייטשן שמייסן, און דעם וויצע־סטאַראָסטע האָט ער מיט אַ קלאַפּ פֿון העמערל אויסגעצויגן.

דאָס האָט די טאָטערס שטאַרק געגומען און קוויקנדיק זיך מיט די געשרייען פֿון די געשלאָגענע קריניצער איינוווינער, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט:

— עי! אַ סאָקאָל איז אונדזער קמיטאַ, ער וועט זיינע לעמעלעך קיין עולה נישט לאָזן טאָן!

גענוג, אַז זיי זענען נישט בלויז נישט מאָגער געוואָרן.

גאָר זיך נאָך אויסגעפּאַשעט, די מענטשן און די פערד. דער אַלטער אולאַן, ביי וועמען דער בויך איז געוואַקסן, האָט וואָס אַמאָל מיט מער התפעלות געקוקט אויפן יינגען ריטער און מיט דער צונג געקלאַפּט.

— ווען אַלאַ וואָלט מיר געגעבן אַ זון, וואָלט איך אַזעלכן געוואָלט האָבן. כ'וואָלט אויף דער עלטער נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער! — האָט ער זיך געטראַכט.

און קמיטשיץ האָט פון צייט צו צייט אים אַ זעץ־געטאָן מיט דער פויסט אין בויך אַריין און געזאָגט:

— הער, חזיר! אויב די שוועדן וועלן דיר דעם בויך נישט אויפשניידן, וועסטו אַלע שפּייז־קאַמערס אין אים אַריינפּאַקן!

— ווו האָט איר דאָ שוועדן? די שטריק וועלן אונדז פאַרפוילט ווערן, פון די פייל־בויגנס וועט זיך פּרוכנע שיטן — האָט געענטפערט אולאַן, וועלכער האָט זיך פאַרבענקט נאָך די מלחמה.

זיי זענען טאַקע געפאָרן צוערשט דורך אַזאַ לאַנד, צו וועלכן קיין פוס פון אַ שוועד האָט נישט געקאָנט צוקומען, און דערנאָך דורך אַזאַ לאַנד, אין וועלכן עס זענען אין זיין צייט געווען גאַרניזאָנען, אָבער די קאָנפעדעראַציע האָט זיי שוין געהאַט אַרויסגעשטויסן. דערפאַר האָבן זיי אומעטום באַגעגנט קלענערע און גרעסערע קופּעס פון שלאַכטשיצעס, וועלכע האָבן זיך באַוואָפנטערהייט געצויגן אין פאַרשיידענע זייטן און נישט קלענערע קופּעס פון פויערן, וועלכע האָבן זיי נישט איינמאָל באַדראָט און פאַרשטעלט דעם וועג און וועלכע ס'איז אָפט שווער געווען קלאָר צו מאַכן, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט פריינט און דינער פון פוילישן קעניג.

זיי זענען לסוף צוגעקומען צו זאַמאָשטש. די טאָטערס זענען אַריינגעפאַלן אין התפעלות אויפן אָנבליק פון דער דאָזיקער מעכטיקער פעסטונג, און גאָר באַזונדערס, ווען

מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז ערשט גאָר נישט לאַנג האָט זי פּאַר־האַלטן כמיעלניצקיס גאַנצע מאַכט.

הער יאַן זאַמאָיסקי, דער אָרדינאַט, האָט צום צייכן פון צוגעניגטקייט און געגאַד זיי דערלויבט אַריינצוקומען אין די שטאָט. מ׳האָט זיי אַרייגעלאָזט דורך דעם שטשעבזשעשינער טויער, וואָס האָט אויך געהייסן ציגל־טויער, ווייל די צוויי אַנדערע זענען געווען פון שטיין. קמיטשיץ אַליין האָט זיך נישט געריכט צו דערזען עפּעס ענלעכס און ער האָט זיך גאָר־נישט געקאָנט אויסחידושן אויפן אָנבליק פון די ברייטע גאַסן, וואָס זענען אין איטאַליענישן נוסח אין אַ גלייכער ליניע געווען געבויט, אויפן אָנבליק פון דער פּרעכטיקער קאָלעגיאַט־קירך און אַקאַדעמישע הייזער, שלאָס, מויערן, מעכטיקע האַרמאַטן און בלערליי „פאַרזאָרגונג״־פונקט ווי זעלטן ווער פון די מאַגנאַטן האָט זיך געקאָנט גלייכן מיטן אייניקל פון גרויסן קאַנצלער, אַזוי האָט אויך זעלטן אַ פעסטונג זיך גע־קאָנט גלייכן מיט זאַמאָשטש.

אָבער אין די גרעסטע התפעלות זענען די טאָטערס אַריינגעפאַלן, ווען זיי האָבן דערזען דעם אַרמענישן טייל פון דער שטאָט. זייערע נאָזלעכער האָבן גיריק אַריינגעצויגן דעם ריח פון זאַפיאַן־לעדער, וועלכן די סוחרים פון קאַפאַ האָבן אויסגעאַרבעט אין גרויסע פאַבריקן, און די אויגן זייערע האָבן געשמייכלט צו דעם נאַשוואַרג, מזרחדיקע טעפּיכער, גאַרטלען, אויסגעזעצטע שווערדן, קינזשאַלן, פייל־בויגנס, טערקישע לאָמפּן און כל־המינים טייערע חפצים.

דער הער קרוין־שענקער גופא האָט ביי קמיטשיצן שטאַרק נושא־חן געווען. געווען איז דאָס אַן אמתר מושל אין זיין זאַמאָשטש: אַ מענטש אין בליענדיקן עלטער, אַ שיין־געשטאַלטיקער, הגם אַביסל אַ קרענקלעכער, ווייל אין די יאָרן פון דער ערשטער יוגנט האָט ער נישט געבוג דעם יצר־הרע איינגעהאַלטן. ער האָט אָבער נאָך אַלץ ליב געהאַט דעם ווייסן מין, און דאָס געזונט זיינס איז נישט אויף אַזוי פיל

געווען אָפּגעשוואַכט, אַז די פרייליכקייט זאָל אים פון פּנים אָפּגעטון ווערן. ביז איצט האָט ער נישט חתונה געהאַט, און הגם די אַנגעזעענסטע הייזער אין דער רעפּובליק האָבן פאַר איט ברייט די טויערן אויפגעמאַכט, האָט ער געהאַלטן, אַז ער קאָן אין זיי קיין געגוג שיין מיידל נישט געפינען. ער האָט עס געפונען אַ ביסל שפּעטער, אין דער פּערזאָן פון אַ יינגען פראַנצויזישן פריילין, וואָס הגם זי איז געווען אין אַן אַנדערן פאַרליבט, האָט זי אים אָן קווענקלעניש צוליב זיין עשירות איר האַנט אָפּגעגעבן, נישט פאָרויסזעענדיק. אַז יענער ערשטער, וועלכן זי האָט אָוועקגעוואָרפן, וועט אַמאָל זיין און איר קאָפּ באַצירן מיט דער קעניגלעכער קרוין.

דער מושל פון זאַמאָשטש האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שאַרפן שכל, ער האָט אים פאַרמאָגט נאָר אַזוי פיל, וויפיל ער האָט פאַר זיך געדאַרפט. נאָך כבוד און אָמטן איז ער נישט להוט געווען, הגם זיי זענען אַליין צו אים געגאַנגען, און ווען די פריינט האָבן אים געמוסרט, אַז עס פעלט אים איינגעבוירענע אַמביציע, האָט ער געענטפערט:

— ס׳איז נישט אמת, אַז עס פעלט מיר אַמביציע, אדרבא, איך האָב זי מער פון די, וואָס בוקן זיך. צו וואָס זאָל איך די הויפישע שוועלן אָפּרייבן? אין זאַמאָשטש בין איך נישט בלויז יאַן זאַמאָיסקי, נאָר סאָביעפּאַן *) זאַמאָיסקי.

אַלע האָבן אים טאַקע גערופן סאָביעפּאַן און ער איז פון דאָזיקן צונאָמען געווען שטאַרק צופרידן. ער האָט אויך ליב געהאַט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ הדיוט, הגם ער האָט באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג און די יוגנט פאַרבראַכט אויף נסיעות איבער פרעמדע מדינות. אַליין האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ פּשוטן שלאַכטשיץ און אַ סך גערעדט וועגן דער מיטלמעסיקייט פון זיין שטאַנד, אפשר צוליב דעם, כדי אַנדערע זאָלן אָפּשפּאַרן און אפשר כדי מ׳זאָל די מיטלמעסיקייט פון זיין שכל נישט באַמערקן. חוץ דעם אַלעם איז דאָס געווען אַ פיינער

*) Sobiepan — זעלבסטשטענדיקער בעל־הבית.

מאַן און אַ בעסערער זון פון דער רעפּובליק, ווי אַ סך אַנדערע.
און פּונקט ווי ער האָט ביי קמיטשיצן, אַזוי האָט אויך קמיטשיק ביי אים נושא-חן געווען, דערפאַר טאַקע האָט ער אים פאַרבעטן אין די שלאָס-שטובן און אויפגענומען, ווייל ער האָט אויך ליב געהאַט, אַז מען זאָל זיין גאַסטפריינטשאַפט לויבן.
הער אַנדזשעי האָט אין שלאָס זיך באַקענט מיט אַ סך השובע מענטשן, און קודם-כל מיט דער פירשטין גריזעלדאַ ווישניאָוויעצקאַ, דעם הער זאַמאָיסקיס שוועסטער און אלמנה נאָכן גרויסן יערעמי, נאָך דעם אין זיין צייט כמעט גרעסטן שררה אין דער רעפּובליק, וועלכער האָט אָבער בעת דעם קאָזאַקישן איבערפאַל געהאַט אָנגעווירן דאָס גאַנצע אומגעהייערע פאַרמעגן זיינס, אַזוי אַז די פירשטין איז געזעסן אין זאַמאָשטש, אָנגעוויזן אויפן חסד פון ברודער יאַן.
געווען איז דאָס אָבער אַ האַרין פון אַזאַ חשיבות, מאַיעסטעט און מיט אַזעלכע גוטע מדות, אַז הער יאַן האָט דער ערשטער פאַר איר דעם שטויב אָוועקגעבלאָזן און דערביי פאַר איר מורא געהאַט, ווי פאַר אַ פייער. נישט געווען אויך דער פאַל, אַז ער זאָל איר רצון נישט באַפרידיקן אָדער אַז ער זאָל זיך מיט איר אין די וויכטיקסטע פאַלן נישט משאל-עצה זיין. די הויף-לייט פלעגן אַפילו זאָגן, אַז די פירשטין רעגירט מיט זאַמאָשטש, מיט דער אַרמיי, פינאַנסן און דעם ברודער דעם סטאַראָסטע; אָבער זי האָט נישט געוואָלט נהנה זיין פון איר איבערמאַכט, זייענדיק מיט דער גאַנצער נשמה אַריינגעטון אין טרויער נאָכן מאַן און אין דער דערציאונג פון זון.
דער דאָזיקער זון האָט גראָד ערשט נישט לאַנג אויף אַ קורצע צייט פון ווינער הויף אין לאַנד צוריקגעקערט און זיך ביי איר אויפגעהאַלטן, געווען איז דאָס אַ בחור אין די בליענדיקע יאָרן; אָבער אומזיסט האָט אויף זיין פּנים הער קמיטשיק געזוכט סימנים, וואָס זאָלן מעיד זיין, אַז ער איז אַ זון פון גרויסן יערעמי.
די געשטאַלט פון יינגען פירשט איז געווען מלא-חן; דאָס פּנים גרויס, אָנגעגאָסן, די בולטע אויגן האָבן געקוקט אומדרייסט;

ליפּן האָט ער געהאַט גראָבע, פייכטע, ווי מענטשן, וואָס זענען להוט נאָך טיש-תענוגים; די לאַנגע און פעך-שוואַרצע האָר זענען אים אַזש אויף די אַקסלען אַראָפּגעפאַלן. ער האָט טאַקע נאָכן פּאָטער געירשענט בלויז די דאַזיקע פעך-שוואַרצע האָר און די טונקעלע הויט-קאָליר.

די, וואָס האָבן אים נעענטער געקענט, האָבן אָבער פאַרזיכערט דעם הער קמיטשיק, אַז דער ייִנגער פירשט פאַרמאָגט אַן איידעלע נשמה, אַן אומגעוויינלעכע תפיסה און אַ זעלטענעם זכרון, אַ דאַנק וועלכן ער האָט כמעט אויף אַלע לשונות געקאָנט ריידן און אַז נאָר אַ געוויסע שווערפעליקייט פון קערפער און גייסט און בטבעדיקע זשעדנעקייט אין עסן, בילדן די חסרונות פון דאַזיקן יעדנפאַלס אומגעוויינלעכן ייִנגען שררה.

אַריינלאָזנדיק זיך מיט אים אין אַ שמועס האָט הער קמיטשיק טאַקע זיך איבערצייגט, אַז דער פירשט האָט נישט בלויז אַ שאַרפן שכל און אַ טרעפלעכן אורטייל וועגן אַלץ, נאָר אויך אַ סיגול צוצובינדען צו זיך מענטשן. קמיטשיק האָט אים אין ערשטן שמועס ליב באַקומען מיט דעם געפיל, אין וועלכן ס'איז מער פון אַלץ פאַראַן רחמנות. ער האָט דערפילט, אַז ער וואָלט אַ סך געגעבן, אַז מ'זאָל דעם דאָזיקן יתום אומקערן זיין גלענצענדיקן גורל, וואָס איז אים געקומען לויט זיין יחוס.

ער האָט זיך אָבער אויך איבערצייגט ביים ערשטן מיטאָג, אַז עס איז אמת געווען דאָס, וואָס מ'האָט געזאָגט וועגן מיכאַלס זשעדנעקייט. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז דער ייִנגער פירשט טראַכט נישט וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן עסן. זיינע בולטע אויגן האָבן אומרואיק באַטראַכט יעדן מאכל, און ווען מ'האָט אים געבראַכט די וואַזע, האָט ער אויפן טעלער אָנגעלייגט גרויסע קופּעס און געגעסן גיריק, קלאַפּנדיק מיט די ליפּן, ווי נאָר זולל-וסובאס עסן. דאָס מאַרמאַרנע פּנים פון דער פירשטין האָט זיך אויפן דאָזיקן אָנבליק באַצויגן מיט אַ נאָך גרעסערן צער. און קמיטשיצן איז געוואָרן אומהיימלעך, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַוועקגעדרייט די אויגן און אַ קוק-געטאָן אויפן הער סאָביעפּאַן זאַמאָיסקי.

אָבער דער קאַלושער סטאַראָסטע האָט נישט געקוקט נישט

אויפֿן פּירשט מיכאַל און נישט אויף זיין גאַסט. קמיטשיץ איז אָכגעגאַנגען זיין בליק און הינטער די אַקסלען פון דער פירשטין גריזעלדאַ דערזען אַ באמת װוּנדערבאַרע דערשיינונג, װעלכע ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט.

געװען איז דאָס אַ קליין קעפּל פון אַ מיידל, װייס װי מילך, שיין װיאַ רויז און היצנדיק װי אַ בילד. קליינינקע, פון זיך אַליין זיך קרייזלענדיקע לעקלעך האָבן באַצירט איר שטערן, די פלינקע אויגעלעך האָט זי געװאָרפן צו די אָפיצירן, װאָס זענען געזעסן נעבן הער סטאַראָסטע, נישט אויסמיידנדיק אויך אים אַליין; לסוף האָט זי זיי אָפּגעשטעלט אויפן הער קמיטשיץ און זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַזאַ עקשנותדיקער פאַרליבט־קייט, װי זי װאָלט אים װעלן טיף אין האַרץ אַריינקוקן.

אָבער קמיטשיץ האָט זיך נישט לייכט געלאָזט פאַרטומלען; ער האָט בכן געגומען גאָר עזותדיק קוקן אין די דאָזיקע אויגעלעך און דערנאָך האָט ער אַ שטויס־געטון אין די זייט דעם דערנעבן־זיצנדיקן הער שורסקי, דעם פאַרוטשניק פון זאַמאָשטשער הויף־פאַנצער־פּולק, און שטילערהייט געפרעגט:

— װאָס איז דאָס פאַר אַ פייגעלע?

גענעדיקער הער — האָט הער שורסקי שאַרף געענטפערט — רעדט נישט מיט אַזאַ ביטול, װען איר װייסט נישט װעגן װעמען איר רעדט... דאָס איז נישט קיין פייגעלע, נאָר פרײלײן אַננאַ באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ... און איר זאָלט זי אויך אַנדערש נישט רופן, אויב איר װילט נישט אייער גראָבקייט באַדויערן!

— איר מוזט אַוודאי נישט װיסן, אַז פייגעלעך קאָנען אויך זיין זייער שיינע, דערפאַר איז אין דעם װאָרט קיין שום באַליידיקונג נישטאָ — האָט קמיטשיץ לאַכנדיק געענטפערט — אָבער דרינגענדיק פון אייער כעס, מוזט איר זיין שטאַרק פאַרליבט!

— און װער איז דאָ נישט פאַרליבט? — האָט שורסקי צאָרנדיק געברומט — דער הער סטאַראָסטע אַליין קוקט זיך שיר די אויגן נישט אויס און זיצט װי אויף שפּילקעס.

— כ׳זע דאָס, כ׳זע!

— וואָס זעט איר !.. ער, איך, גראַבאָווסקי, סטאָלאָנגעוויטש, קאָנאָיאַדזקי, רובעצקי פון די דראַגונער, פּיעטשינגאַ, אַלעמען האָט זי די קעפּ פאַרדרייט... און מיט אייך וועט דאָס אייגענע געשען, אויב איר וועט דאָ לאַנג זיצן. איר זענען פיר און צוואָנציק שעה געגונג !

— עי, הער ברודער ! אין פיר און צוואָנציק חדשים וואָלט זי זיך אויך קיין עצה נישט געגעבן !

— וואָס הייסט ? — האָט הער שורסקי מיט רוגזה געפרעגט — איר זענט פון אייזן, אָדער וואָס ?

— ניין ! נאָר ווען עמיצער וועט אייך דעם לעצטן טאָלער פון דער טאַש אַרויסגנבענען, פאַרשפּאָרט איר שוין מורא צו האָבן פאַר אַ גנב...

— סיידן אַזוי ! — האָט שורסקי געזאָגט.

קמיטשיץ ווידער איז מיט אַמאָל באַטריבט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע אייגענע יסורים און שוין מער נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, וואָס די שוואַרצע אויגעלעך האָבן וואָס אַמאָל עקשנותדיקער אין אים געקוקט, ווי זיי וואָלטן געפרעגט: ווי הייסטו און פון וואַנען האָסטו זיך גענומען, יינגער ריטער ?

און שורסקי האָט געברומט:

— עגבערט, עגבערט !.. זי האָט אַזוי געעגבערט אויך אין מיר, ביז זי האָט זיך צום האַרץ נישט דערעגבערט... איצט קוקט זי זיך אַפילו נישט אום !

קמיטשיץ האָט זיך פון זיינע מחשבות אָפּגעטרייסלט.

— פאַרוואָס האָט איינער פון אייך נישט חתונה, צום טייוול ?

— ווייל איינער דעם צווייטן שטערט !

— אויב אַזוי, איז דאָך רעכט, אַז דאָס מיידל זאָל פאַרזיצן... הגם, דעם אמת געזאָגט, מוזן אין דער דאָזיקער פּרי נאָך זיין ווייסע קערעלעך.

דערויף האָט שורסקי אויסגעגלאָצט די אויגן און צובויגנדיק זיך צו קמיטשיצס אויער, האָט ער זייער סודותדיק געזאָגט:

— מ'זאָגט, אַז זי איז פינף און צוואָנציק יאָר אַלט, ווי גאָט

איז מיר ליב! נאָך פאַר דער קאָזאַקישער מלחמה איז זי געווען ביי דער פירשטין גריזעלדאַ.

— פלאַי-פלאַים, כ׳וואָלט איר מער פון זעכצען נישט געגעבן, זאָל זיין אַכטצען, מער נישט!

דערווייל האָט דאָס „שדל" אַ פּנים זיך אָנגעשטויסן, אַז מ׳רעט וועגן איר, ווייל עס האָט די ברענענדיקע אויגעלעך מיט די ווימפּערן צוגעדעקט און נאָר פון אַ זייט אַ ביסל געשאָסן מיט זיי צו קמיטשיצן, פרעגנדיק אַלץ: ווער ביסטו, אַזאַ באַהונטער? פון וואַנען האָסטו זיך גענומען?

און ער האָט אומגערנווילליק גענומען דרייען די וואָנסעס.

נאָכן מיטאָג האָט אים גענומען אונטערן אָרעם דער קאַלושער סטאַראָסטע, וועלכער האָט צוליב קמיטשיצס הויף-מאַניערן, אים באַהאַנדלט נישט ווי אַ געוויינלעכן גאַסט.

— הער באַביניטש — האָט ער געזאָגט — איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט פון ליטע?

— יאָ, הער סטאַראָסטע.

— זאָגט-זשע מיר, קענט איר נישט אין ליטע די פּאָדבי-פּיענטאָס?

— קענען קען איך זיי נישט, ווייל זיי זענען שוין אויף דער וועלט נישטאָ, על-כל-פנים די, וואָס האָבן זיך „זערוויקאַפּטור" געחתמעט. דער לעצטער איז ביי זבאַראַזש געפאַלן. געווען איז דאָס דער גרעסטער ריטער, וואָס ליטע האָט אַרויסגעגעבן. ווער האָט ביי אונדז וועגן די פּאָדביפּיענטאָס נישט געהערט?

— איך האָב אויך געהערט וועגן דעם, אָבער אָט פאַרוואָס איך פרעג: ביי מיין שוועסטער האַלט זיך אויף אַ פריילין, וואָס הייסט באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ... אַ מיוחסדיקע משפחה!.. געווען איז זי די כלה פון דעם פּאָדביפּיענטאָ, וואָס איז אומגעקומען ביי זבאַראַזש. אַ יתומה איז זי, אָן פאָטער און מוטער. די שוועסטער האָט זי אַפילו זייער ליב, זייענדיק אָבער דער נאַטירלעכער אַפּוטרופּס פון דער שוועסטער, האָב איך דערמיט אויך דאָס דאָזיקע מיידל אונטער מיין השגחה.

— אַן אָנגענעמע השגחה איז דאָס! — האָט קמיטשיץ באַמערקט.

דער הער סטאַראָסטע האָט אַ שמייכל געטון, געפינטעלט מיט די אויגן און געקלאַפּט מיט דער צונג.

— וואָס? אַ צאַצקעלע! וואָס?..

באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער גיט זיך אויס און אָנגעשטעלט אַן ערנסט פּנים.

— בוגד! — האָט ער געזאָגט האַלב וויציק, האַלב ערנסט — איר האָט מיך געוואָלט אויף די ווענדקע כאַפּן, כ'האָב זיך שיר נישט פאַררעט!..

— מיט וואָס? — האָט הער קמיטשיץ געפרעגט, קוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן אַריין.

דאָ האָט סאָביעפּאַן סוף כל סוף איינגעזען, אַז ער וועט דעם גאַסט אין פלינקייט פון שכל נישט אַריבערשטייגן און באַלד זיך גענומען צום עצם ענין.

— דער דאָזיקער פּאָדביפּיענטאָ — האָט ער געזאָגט — האָט איר פאַשריבן עפּעס פּאָלוואַרקס דאָרט אין אייערע מקומות. די נעמען געדענק איך נישט, ווייל זיי זענען אויסטערליש. עפּעס אַ באַלטופּיע, סירוטשאַני, מישיקישקי, הקיצור, אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. באמנות, איך געדענק נישט... פינף אָדער זעקס פּאָלוואַרקס.

— נישט קיין פּאָלוואַרקס זענען דאָס, נאָר גיכער גאַנצע גיטער-באַצירקן. פּאָדביפּיענטאָ איז געווען זייער אַ גרויסער עושר און ווען דאָס דאָזיקע מיידל וואָלט אַמאָל זיין גאַנץ פאַרמעגן באַקומען, וואָלט זי געקאָנט האָבן אַן אייגן פרויען-צימער און צווישן סענאַטאָרן זיך אַ מאַן זוכן.

— אַזוי זאָגט איר? איר קענט יענע דערפלעך?

— איך קען בלויז לובאָוויטשע און שעפּוטי, ווייל זיי ליגן נעבן מיינע נחלאות. בלויז די וואַלד-גרענעץ וועט פאַרנעמען אַ מייל צווייִ, און די גרענעץ פון די פעלדער און לאָנקעס אויך אַזוי פיל.

— ווו-זשע איז דאָס?

— אין וויטעבסקער קאַנט.

— אוי! ווייט, דער בעל־דבר איז ד' מי נישט ווערט, בפרט, אַז יענע מקומות זענען פון שונא באַזעצט.

— אַז מיר וועלן די שונאים אַרויסטרייבן, וועלן מיר די נחלאות צוריק באַקומען. אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן זייערע גיטער אויך אין אַנדערע מקומות, און אין זשאַמעט זייער גרויסע, איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, ווייל איך האָב אויך דאָרט אַ שטיקל נחלה.

— איך זע, אַז אייער פאַרמעגן איז אויך אַ גאַנץ היבשס?

— עס ברענגט איצט גאָרנישט. אָבער צו פרעמדס דאַרף איך נישט אָנקומען.

— גיט־זשע מיר אַן עצה, ווי אַזוי דאָס מיידל אויף די פיס צושטעלן?

קמיטשיץ האָט זיך צעלאַכט.

— כ'וויל בעסער אַזאַ עצה געבן, איידער אַן אַנדערע. צום בעסטן איז צום הער סאַפּיעהאַן זיך צו ווענדן. זאָל ער זיך נאָר די זאַך צום האַרצן נעמען, וואָלט ער אַלס וויטעבסקער וואָיעוואָדע און אָנגעזעענסטער פּערזאָן אין ליטע אַ סך געקאָנט אויפטאָן.

— ער וואָלט געקאָנט אַ וויזן צו די טריבונאַלן פאַנאַנדערשיקן, אַז דאָס פאַרמעגן איז דער באָזשאָבאָהאַטאַ אין אַ צוואה פאַרשריבן געוואָרן, כדי די ווייטערע קרובים זאָלן דערפון נישט רייסן שטיקער.

— יאָ, אָבער קיין טריבונאַלן זענען איצט נישטאָ, און הער סאַפּיעהאַ האָט נאָך עפּעס אַנדערש אויפן קאָפּ.

— מ'וואָלט געקאָנט דאָס מיידל אין זיין רשות און השגחה אָפּגעבן, האָבנדיק זי פאַר די אויגן, וואָלט ער גיכער פאַר איר עפּעס געטון.

קמיטשיץ האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק־געטאָן אויפן סטאַראָסטע.

— וואָס פאַר אַ כונה האָט ער דערביי, אַז ער וויל זי פון דאַנען פּטור ווערן? — האָט ער זיך געטראַכט.

און דער סטאַראָסטע האָט ווייטער געזאָגט:

— עס קאָן קיין רייד נישט זיין, אַז זי זאָל אין לאַגער,

אין געצעלט פון וויטעבסקער וואָיעוואָדע ווינען, אָבער זי וואָלט געקאָנט ביים וואָיעוואָדעס טעכטער בלייבן.

— כ׳פאַרשטיי נישט! — האָט קמיטשיץ זיך געטראַכט — איז ער באמת אויסן נאָר איר אַפּוטרופּס צו זיין?

— די שוועריקייט ליגט נאָר אין דעם, ווי אַזוי זי אין די היינטיקע אומרואיקע צייטן אין יענע מקומות אַרויסצושיקן. מ׳וואָלט דערצו געדאַרפט אַ פּאָר הונדערט מענטשן, און איך קאָן זאַמאָשטש נישט אויסליידיקן. ווען איך וואָלט אַזוי געפונען איינעם, וואָס זאָל זי בשלום דערפירן... אָט, איר וואָלט זיך געקאָנט דאָס אונטערנעמען, ווייל איר פאָרט סיי ווי צום הער סאַפּיעהאַ. כ׳וואָלט אייך געגעבן בריף... און איר וואָלט מיר געגעבן אַ ריטערלעך וואָרט, אַז איר וועט זי בשלום אָפּפירן.

— איך זאָל זי צום הער סאַפּיעהאַ פירן? — האָט קמיטשיץ מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— איז דאָס דען אַזאַ אומאַנגענעמע שליחות?.. און ווען זי זאָל אַזוי אופן וועג אייער ליבשאַפט געווינען?

— עהע! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — מיין ליבשאַפט האָט שוין עמיץ אַנדערש געפאַכטעט און הגם מען צאָלט מיר נישט קיין פאַכט־שכירות, האָב איך פונדעסטוועגן דעם פאַכטער נישט בדעה צו בייטן.

— איז אַוודאי גוט, וועל איך זי אייך נאָך רואיקער אָנפאַרטרויען.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

— וואָס? איר וואָלט זיך אונטערגענומען? — האָט דער סטאַראָסטע געפרעגט.

— איך גיי מיט טאָטערס.

—מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז די טאָטערס האָבן פאַר אייך מער מורא, ווי פאַר אַ פייער. נו, וואָס? איר וואָלט זיך אונטערגענומען?

— הם! פאַרוואָס נישט? ווען איך זאָל אייך דערמיט אַ טובה טאָן... נאָר...

אַהאַ! איר מיינט, אַז די פירשטין דאַרף דערלויבן... זי וועט דערלויבן! ווי גאָט איז מיר ליב! וואָרום שטעלט אייך פאָר, אַז זי איז מיך חושד...

דאָ האָט דער סטאַראָסטע עפּעס לאַנג גענומען שעפּטשין קמיטשיצן אין אויער אַריין, צום סוף האָט ער הויך צוגעגעבן:

— זי איז דערפאַר אויף מיר שטאַרק ברוגז געווען און איך האָב זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט, ווייל איידער האָבן צו טון מיט ווייבער, וואָלט איך שוין בעסער וועלן שווערדן האָבן ביי זאַמאָשטש. אָבער זי וועט האָבן דעם בעסטן באַווייז, אַז איך בין קיין שום בייז נישט אויסן, אויב איך וויל אַליין דאָס מיידל פון דאַנען אַרויסשיקן. זי וועט זיך שטאַרק חידושן, אמת... נו! ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך מיט איר וועגן דעם אַ שמועס טון.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער סטאַראָסטע זיך אויסגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען, און קמיטשיץ האָט אים נאָכגעקוקט און אַ ברום־געטאָן:

— עפּעס נעצן שפּינסטו, הער סטאַראָסטע, און הגם איך פאַרשטיי נישט דעם ציל, זע איך אָבער גוט דאָס געוועב, ווייל דו מאַכסט דאָס זייער אומגעשיקט.

דער הער סטאַראָסטע ווידער איז געווען צופרידן פון זיך. הגם ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ערשט אַ האַלבע אַרבעט אָפּגעטון און איבערגעבליבן איז די צווייטע העלפט, אַזאַ שווערע, אַז אויפן געדאַנק וועגן איר האָט אים אַ ספק און אַפילו אַ שרעק באַוועלטיקט: מ'האָט פּשוט געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער פירשטין גריזעלדאַ, וואָס פאַר איר קפּדנות און דורכדרינגלעכן שכל האָט דער סטאַראָסטע מורא געהאַט אימת־המות.

אַז ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער אָבער געוואָלט די זאַך וואָס גיכער אויספירן, צומאָרגנס אין דער פרי נאָך דער תּפלה, נאָכן פרישטיק און נאָך דער מוסטערונג פון די געדונגענע דייטשע פוס־גייער איז ער דעריבער אַוועק און די שטובן פון דער פירשטין.

ער האָט געטראָפן זי אַליין העפטן אַן אָרנאַט פאַר דער קאַלעגיאַט-קירך: הונטער איר האָט אַנושאַ אויפגעוויקלט זייד, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעהאָנגען אויף צוויי שטולן; אַ צווייטן קנויל זייד פון רויזיקער קאָליר האָט זי פאַרלייגט אויפן האַלז און שווינדלענדיק גיך מיט די הענטלעך, איז זי געלאָפן אַרום די שטולן, יאָגנדיק זיך נאָכן פאָדעם, וואָס האָט זיך אָפּגעוויקלט.

דעם סטאַראָסטע האָבן די אויגן אויפגעלויכטן אויף איר אָנבליק, אָבער ער האָט גיך געמאַכט אַן ערנסטע מינע און באַגריסנדיק זיך מיט דער פירשטין האָט ער כלומרשט בהיסח-הדעת אַזוי אָנגעהויבן:

— דער דאָזיקער הער באַבינישש, וואָס איז דאָ מיט די טאָטערס אָנגעקומען, איז אַ ליטווינער. עפּעס אַ רייכער מענטש און זייער אַ פיינער, און אַ ריטער זאָל ער זיין גאָר אַ גרויסער. דו האָסט אים באַמערקט, שוועסטער?

— האָסט דאָך אַליין אים צו מיר צוגעפירט — האָט די פירשטין גריזעלדאַ גלייכגילטיק געענטפערט — ער האָט אַן ערלעך פּנים און זעט אויס צו זיין אַ גוטער זעלנער.

— כ'האָב אים אויסגעפרעגט וועגן יענע גיטער, וואָס זענען דעם פריילין באָזשאָבאָהאַטאַ פאַרשריבן געוואָרן. ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַרמעגן שיר נישט אַזוי גרויס ווי ראַדזיווילס.

— זאָל גאָט העלפן אַנושאַן. עס וועט איר גרינגער זיין צו לעבן אַלס יתומה, און דערנאָך אויף דער עלטער — האָט די פירשטין געזאָגט.

— ס'איז נאָר דאָ אַ סכנה, אַז די ווייטע קרובים זאָלן עס נישט שטיקערווייז צעכאַפּן. באַבינישש זאָגט, אַז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע וועט ער זאָל וועלן, וואָלט ער זיך געקאָנט דערמיט פאַרנעמען. דאָס איז אַן איידעלער מענטש און אונדזער אַ פריינט און איך וואָלט אים אַן אייגענע טאָכטער אָנפאַרטרויט... ער וואָלט נאָר געדאַרפט אַן אַוויז צום טריבונאַל שיקן און פאַר אַן אַ פּוטרופּס זיך דערקלערן. אָבער באַבינישש זאָגט, אַז דערצו איז נויטיק, אַז פריילין אַננאַ זאָל אַליין פאָרן אין יענע מקומות,

— וווהין ? צום הער סאַפּיעהאַ ?

— אָדער צו די פּרייליינס סאַפּיעהאַ, כּדי זי זאָל דאָרט זיין און דאָס איבערנעמען די פאַרשריבענע נחלאות זאָל פאָרמעל קאָנען פאַרקומען.

דער וואָיעוואָדע האָט אין דער רגע אויסגעטראַכט דאָס דאָזיקע פאָרמעלע איבערנעמען די נחלאות, מיינענדיק מיט רעכט, אַז די פירשטין וועט די דאָזיקע פאַלשע מטבע אָננעמען פאַר גוט-געלט.

און זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט :

— ווי אַזוי קאָן זי איצט פאָרן, ווען די שוועדן זענען אויפן וועג ?

כ׳האָב טאַקע אַ ידיעה, אַז זיי זענען פון לובלין אָפּגעטרעטן, דאָס גאַנצע לאַנד פון דער זייט ווייסל איז פריי.

— און ווער וואָלט דאָס האַנקאַן צום הער סאַפּיעהאַ אָפּגעפירט ?

— אַפילו דער אייגענער באַבּיניטש.

— מיט די טאָטערס ? געדענק אין גאָט, ברודער, דאָס איז דאָך אַ ווילד און צעלאָזן פאָלק.

— איך האָב קיין מורא נישט — האָט אַנושאַ מיט אַ פאַר-בויגונג זיך אַריינגעמישט.

אָבער די פירשטין גריזעלדאַ האָט זיך שוין משער געווען, אַז דער ברודער איז געקומען מיט עפּעס אַפּאַרטיקן פּלאַן, זי האָט דעריבער אַנושאַן פון דער שטוב אַרויסגעשיקט און אַליין מיט אַ פרעגנדיקן בליק גענומען קוקן אויפן סטאַראָסטע.

און ער האָט געזאָגט, ווי צו זיך אַליין :

— די דאָזיקע טאָטערס האָבן פאַר באַבּיניטשן מורא אימת-המות. ער הענגט זיי פאַר אַ ליאַדע עבירה.

— איך קאָן אַזאַ עקספּעדיציע נישט דערלויבן — האָט די פירשטין געענטפערט — דאָס מיידל איז אַן אָרענטלעכס, אָבער אַ קאָפּ-פאַרדרייערין און וועקט לייכט אין מענטשן די ליידנשאַפטן... דו ווייסט דאָס אַליין צום בעסטן. כ׳וואָלט זי קיינמאָל נישט אָנפאַרטרויט אַ ייִנגן און אומבאַקאַנטן מענטשן.

— אומבאַקאַנט איז ער אַפילו נישט, ווייל ווער האָט דאָס נישט געהערט וועגן די באַבינישס, ווי וועגן מיוחסים און געזעצטע מענטשן! (דער ערשטער האָט דער סטאַראָסטע קיינמאָל אין לעבן וועגן די באַבינישס נישט געהערט). איבעריקנס — האָט ער ווייטער געזאָגט — וואָלסטו איר געקאָנט עמיצן פֿון די געזעצטע פרויען צו דער חברותא צוגעבן, וועסטו אויך פֿאַר לייטן יוצא זיין. פֿאַר באַבינישן זאָג איך גוט. איך וועל דיר נאָך דאָס זאָגן, שוועסטער, אַז ער האָט אין יענע מקומות אַ כלה, אין וועלכער ער איז, ווי ער זאָגט אַליין, מוראדיק פֿאַרליבט... און ווער עס איז פֿאַרליבט, האָט עפּעס אַנדערש אין קאָפּ. דער עיקר איז דאָס, אַז אַזאַ צווייטע געלעגנהייט וועט אפשר אַזוי גיך זיך נישט מאַכן; דעם מיידל אָבער קאָן דאָס פֿאַרמעגן לאיבוד־גיין און אויף די עלטערע יאָרן וועט זי בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די פירשטין האָט אויפגעהערט צו העפטן, דעם קאָפּ אויפגעהויבן און דעם ברודער דורכגעדרונגען מיט די אויגן.

— וואָס פֿאַר אַ כונה האָסטו דערביי, וואָס דו ווילסט זי פֿון דאַנען אַרויסשיקן?

— וואָס פֿאַר אַ כונה איך האָב דערביי? — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן — וואָס פֿאַר אַ כונה קאָן איך דערביי האָבן? גאָרנישט!

— יאַן!.. דו האָסט זיך מיט קמיטשיצן צונויפגערעדט פֿון איר צניעות זי צו באַרויבן?!

— אָט האָסטו! ווי גאָט איז מיר ליב! דאָס האָט נאָך געפֿעלט. וועסט איבער־לייענען דעם בריף, וואָס איך וועל צום הער סאַפּיעהאַ שרייבן און וועסט אַן אייגענעם צוגעבן... און איך זאָג דיר נאָר צו, אַז איך וועל פֿון זאַמאָשטש זיך נישט אַרויסרירן. צום סוף וועסטו נאָך אַליין באַבינישן חוקר־ודורש־זיין און וועסט אים אַליין בעטן, אַז ער זאָל די שליחות איבער־נעמען. קוים ביסטו מיך חושד וויל איך וועגן גאָרנישט וויסן.

— פֿאַרוואָס אָבער גייט עס דיר אַזוי שטאַרק אין דעם, אַז זי זאָל אַרויספֿאָרן פֿון זאַמאָשטש?

– ווייל איך בין אויסן איר טובה און עס האַנדעלט זיך וועגן אַן אומגעהייערן פאַרמעגן... איבעריקנס... כ׳בין זיך מודה! עס איז מיר שטאַרק אין דעם געלעגן, אַז זי זאָל פון זאַמאָשטש אַרויספאָרן. עס זענען מיר שוין נמאס געוואָרן דיינע חשדים, עס שמעקט מיר אויך נישט דאָס, וואָס דו ביסט תמיד אויף מיר ברוגז און קוקסט אויף מיר בייז... כ׳האָב געמיינט אַז דער־לויבנדיק דעם מיידל אַוועקצופאָרן, וועט דאָס זיין די בעסטע ראיה קעגן די חשדים. בנאמנות! כ׳האָב עס שוין גענוג, ווייל כ׳בין דאָך נישט עפּעס אַ ייִנגעל אָדער אַ שלימזל, וואָס גנבעט זיך ביינאַכט אונטער צו די פענסטער... כ׳וועל דיר נאָך מער זאָגן: די אָפּיצירן לעבן צווישן זיך נישט בשלום צוליב איר און האַקן זיך מיט די שווערדן, נישט קיין שלום, נישט קיין אָרדנונג, נישט קיין דינסט, ווי ס׳געהערט צו זיין. כ׳האָב עס גענוג! אָבער קום שטעכסטו מיך נאָך מיט די אויגן, טו ווי דו ווילסט און מיכאַלן היט אַליין, ווייל דאָס איז דיין זאַך, און נישט מיינע.

– מיכאַלן? – האָט די פירשטין מיט פאַרווונדערונג געזאָגט.

– איך רייד אויף דעם מיידל גאָרנישט... זי פאַרדרייט אים נישט דעם קאָפּ מער פון אַנדערע, אָבער אויב דו, שוועסטער, זעסט נישט זיינע שפּיזיקע בליקן און הייסע געפילן, וועל איך דיר זאָגן נאָר דאָס, אַז אויך קופּידאָ פאַרבלענדט נישט אַזוי, ווי די ליבע פון אַ מאַמע.

דער פירשטינס ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן און איר פּנים איז בלאַס געוואָרן.

און דער סטאַראָסטע, זעענדיק, אַז ער האָט אַריינגעטראָפן, האָט זיך מיט די הענט אַ קלאַפּ געגעבן איבער די קני און ווייטער געזאָגט:

– יאָ, אַזוי איז עס, שוועסטער, אַזוי איז עס!.. וואָס גייט דאָס מיך אָן! זאָל איר מיכאַלעק זייד צום אויפוויקלען דערלאַנגען, זאָל ער סאַפּן ווען ער קוקט אויף איר, זאָל ער זיך היצן, זאָל ער דורך די לעכלעך אין דער טיר אויף איר קוקן!.. וואָס אַרט דאָס מיך!.. איבעריקנס... כ׳ווייס!.. דאָס פאַרמעגן איז אַ היבשס...

די משפחה! נו, אַ שלאַכעצקע, און איך שטעל מיך נישט העכער איבער דער שלאַכטע. ווילסט אַליין, גוט! די יאָרן זענען נאָר נישט אַזוי געפּאַסט, אָבער דאָס איז שוין נישט מיין עסק.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער סטאַראָסטע זיך אויפֿגעשטעלט און פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר דער שוועסטער זייער העפלעך האָט ער זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

דער פּירשטין איז דערווייל דאָס בלוט געלאָפן אין פּנים אַריין. די שטאָלצע שררהטע האָט אין דער גאַנצער רעפּובליק נישט געזען קיין שידוך, וואָס זאָל אָנשטיין ווישניאַוויעצקין, און אין אויסלאַנד סיידן צווישן די עסטרייכישע ערצהערצאָגלעכע פּרינצעסינס, די ווערטער פֿון ברודער האָבן זי דעריבער אָפּגעבריט ווי מיט געגליטן אייזן.

— יאַן! — האָט זי געזאָגט — וואַרט!

— שוועסטער — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט — כ'האָב געוואָלט, ראשית: דיר געבן אַ באַווייז, אַז דו ביסט מיך בחנם חושד, שנית: אַז דו דאַרפֿסט אַן אַנדערן היטן. איצט וועסטו טון ווי דו וועסט וועלן, איך האָב גאָרנישט מער וואָס צו זאָגן.

דאָ האָט הער זאַמאָיסקי זיך פֿאַרנייגט און איז אַוועק־ געגאַנגען.

.16 קאַפּיטל.

דער סטאַראָסטע האָט נישט אײַנגאַנצען ליגן געזאָגט פאַר ־יער שוועסטער, ווען ער האָט גערעדט וועגן מיכאַלס געפילן פאַר אַנושאַן, ווייל דער ייִנגער פירשט האָט זיך אין איר געליבט אַזוי ווי אַלע, נישט אויסשליסנדיק די הויפּישע פאַזשן אָבער געווען איז דאָס אַ ליבע נישט זייער אַ היציקע און כלל נישט קיין אונטערנעמערישע; גיכער אַ זיסע באַרוישונג פון קאָפּ און פון די חושים, נישט קיין דראַנג פון אַ ליבנדיקן האַרץ, וואָס שטרעבט צו באַזיצן די געליבטע זאַך. צו אַזאַ שטרעבונג האָט מיכאַלן נישט געקלעקט קיין ענערגיע.

און דאָך האָט די פירשטין גריזעלדאַ, וועלכע האָט געחלומט וועגן אַ גלענצענדיקן עתיד פאַרן זון, זיך שטאַרק איבערגעשראָקן צוליב דעם דאָזיקן געפיל.

אין דער ערשטער רגע האָט זי פאַרחידושט די פלוצלינגדיקע הסכמה פון סטאַראָסטע, אַז אַנושאַ זאָל אַוועקפאָרן; איצט האָט זי אויפגעהערט וועגן דעם צו טראַכטן, אַזוי ווייט

איז איר נשמה געווען פֿאַרנומען מיט דער דראָענדיקער סכנה. דער שמועס מיטן זון, וועלכער איז בלאָס געוואָרן און האָט געציטערט פֿאַר איר און נאָך איידער ער האָט זיך אין עפּעס מודה געווען, האָט ער שוין געגומען טרערן פֿאַרגיסן, האָט זי באַפֿעסטיקט אין דער מיינונג, אַז די סכנה איז גרויס.

און פֿונדעסטוועגן האָט זי נישט גלייך געקאָנט ביי זיך פּועלן און ערשט ווען אַנושאַ, וועלכע עס האָט זיך געוואָלט אַ נייע וועלט און נייע מענטשן זען, און אפשר אויך אַ ביסל דעם קאָפּ פֿאַרדרייען דעם יינגען ריטער, איז איר צוגעפֿאַלן צו די פֿיס מיט דער בקשה ווען אַ דערלויבעניש, האָט די פֿירשטין נישט געפֿונען גענוג כּוח איר דאָס אָפּצוזאָגן.

אַנושאַ האָט אמת זיך באַגאָסן מיט טרערן אויפֿן געדאַנק וועגן צעשיידן זיך מיט איר האַרין און מוטער, אָבער פֿאַר דעם געביפּטן מיידל איז פֿולשטענדיק קלאָר געווען, אַז בעטנדיק וועגן אַ צעשיידונג, דערווייטערט זי ממילא פֿון זיך יעדן חשד, אַז זי זאָל צוליב וועלכע עס איז לכתחילה אָנגעצייכנטע צילן האָבן פֿאַרדרייט דעם קאָפּ דעם יינגען פּירשט, אָדער גאָר דעם זער סטאַראָסטע אַליין.

די פֿירשטין גריזעלדאַ, ווילנדיק זיך איבערצייגן, צי ס איז נישטאָ עפּעס אַ מדובר צווישן ברודער דעם סטאַראָסטע און קמיטשיצן, האָט דעם לעצטן געהייסן זיך שטעלן פֿאַר איר. דער הער סטאַראָסטעס צוזאָג, אַז ער וועט זיך פֿון זאַמאָשטש נישט אַרויסרירן, האָט זי אמת שטאַרק באַרואיקט, זי האָט אָבער נעענטער געוואָלט באַקענען זיך מיט דעם מענטש, וועלכער האָט געזאָלט דאָס מיידל אָפּפירן.

דער שמועס מיט קמיטשיצן האָט זי אינגאַנצען באַרואיקט.

דעם יינגען שלאַכטשיץ האָט פֿון די גראָע אויגן אַרויסגע-בליקט אַזאַ תמימות און אמת, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אין איר צו צווייפֿלען. ער האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז ער איז פֿאַרליבט אין אַן אַנדערער און דערפֿאַר האָט ער צו קאָפּ פֿאַרדרייעניש קיין חשק און קיין קאָפּ נישט. צום סוף

האָט ער געגעבן אַ ריטערלעך וואָרט, אַז ער וועט דאָס מיידל שיצן פאַר יעדער סיבה, סיידן ער זאָל אַ ליין פריער דאָס לעבן פּטור ווערן.

— צום הער סאַפּיעהאַ וועל איך זי בשלום דערפירן, ווייל דער סטאַראָסטע האָט געזאָגט, אַז דער שונא איז אויך פון לובלין אָפּגעטרעטן... אָבער דערנאָך וויל איך וועגן איר גאָרנישט וויסן... און נישט דערפאַר, ווייל איך זאָג מיך אָפּ פרייוויליק צו דינען דער געגעדיקער פירשטין; פאַר דער אַלמנה נאָכן גרעסטן מלחמה-העלד און שטאָלץ פון גאַנצען פאָלק בין איך תמיד גרייט מיין בלוט צו פאַרגיסן... נאָר מחמת איך האָב מיר מיינע אייגענע שווערע דאַגות, וואָס איך ווייס נישט, צי איך וועל פון זיי מיטן לעבן אַרויס.

— עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן גאָרנישט מער — האָט די פירשטין געזאָגט — נאָר וועגן דעם, אַז איר זאָלט זי אין הער סאַפּיעהאָס הענט אָפּגעבן, און דער הער וואָיעוואָדע וועט דאָס טון פאַר מיינעטוועגן און זיך נישט אָפּזאָגן פון אַ ווייטערדיקער אַפּוטרופּסות איבער איר.

דאָ האָט זי אים אויסגעשטרעקט די האַנט, וועלכער ער האָט מיטן גרעסטן דרך-ארץ אַקוש-געטאָן; און זי האָט אים געזאָגט ביים געזעגענען זיך:

— גיט אַכטונג, הער ריטער, גיט אַכטונג! און פאַרלאָזט זיך נישט דערויף, וואָס דאָס לאַנד איז פריי פון שונא.

אויף די לעצטע ווערטער האָט קמיטשיץ זיך אָפּגעשטעלט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך וועגן זיי צו פאַרטראַכטן, ווייל באַלד האָט אים געפּאַקט דער הער סטאַראָסטע.

— וואָס, הער ריטער — האָט ער פריילעך געזאָגט — דאָס שענסטע צירונג פירט איר מיר פון זאַמאָשטש אַרויס?

— אָבער מיט אייער רצון — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— היט-זשע זי גוט. דאָס איז אַ געשמאַקער ביסן! עס קאָן זיך געפינען אַ בעלן זי אייך אָפּצושלאָגן!

— זאָל ער נאָר פּרובן! אַ וואַ! כ'האָב געגעבן דאָס

ריטערלעכע וואָרט דער פירשטין און ביי מיר איז אַ וואָרט אַ הייליקע זאַך!

— נו, איך זאָג דאָס נאָר אויף אַ קאַטאָוועס... איר דאַרפט נישט מורא האָבן און אויך קיין אויסערגעוויינלעכע פאַר-היטונג-מיטלען נישט אונטערנעמען.

— כ׳וועל טאַקע בעטן אייך, גענעדיקער הער, וועגן עפּעס אַ צוגעמאַכטער, גוט באַוואָרענטער קאָטש.

— כ׳וועל אייך געבן אַפילו צוויי!.. אָבער איר פאָרט דאָך נישט באַלד?

— איך איל מיך! איך זיץ שוין אַזוי אויך דאָ צו לאַנג.

— טאָ שיקט אַרויס צוערשט אייערע טאַטערס קיין קראַסנאָסטאַוו. איך פון מיין זייט וועל תיכּף אַרויסשיקן אַ קוריער, אַז עס זאָל דאָרט פאָשע פאַר זיי זיין צוגעגרייט, און אייך וועל איך אַן אייגענע באַגלייטונג אַזש ביז קראַסנאָסטאַוו מיטגעבן. דאָ קאָן אייך קיין שום בייז נישט געשען, ווייל דאָס איז מיין לאַנד.. כ׳וועל אייך געבן גוטע יינגלעך פון די דראַגונער, מענטשן דרייסטע, וואָס קענען דעם וועג... איבעריקנס איז דער וועג קיין קראַסנאָסטאַוו אַ גראָדער.

— און צו וואָס זאָל איך בלייבן אַליין?

— כּדי איר זאָלט מיט אונדז לענגער פאַרברענגען, איר זענט ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט און כ׳וואָלט אייך גערן אַפילו אַ גאַנץ יאָר פאַרהאַלטן. אַגב, האָב איך געשיקט נאָך די סטאַדעס קיין פּערעספּאַ, אפשר וועט זיך לאָזן אויסקלייבן עפּעס אַ פערדל, וואָס וועט אייך אין אַ נויט נישט פאַרפירן, גלויבט מיר!..

קמיטשיץ האָט שאַרף אַקוק געטון דעם סטאַראָסטע אין די אויגן, דערנאָך, ווי ער וואָלט פלוצלונג אָנגענומען אַ באַשלוס, האָט ער געזאָגט:

— איך דאַנק און בלייב, און די טאָטערס וועל איך צוערשט אַרויסשיקן.

און ער איז באַלד אַוועק אַרויסגעבן זיי באַפעלן

און נעמענדיק אין אַ זייט אַקבאַ-אולאַנען, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— אַקבאַ-אולאַן. איר דאַרפט איצט גיין צוערשט קיין קראַסנאָסטאַוו מיט אַ גראָדן וועג. איך בלייב דאָ און מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך אייך וועל איך זיך לאָזן אין וועג אַריין אין באַגלייטונג פון סטאַראָסטעס מענטשן, הער-זשע איצט, וואָס איך וועל דיר זאָגן: קיין קראַסנאָסטאַוו זאָלט איר מיר נישט גיין, נאָר אין די ערשטע וועלדער הינטער זאַמאָשטש זאָלט איר זיך אָפּשטעלן אַזוי, אַז קיין לעבעדיקע נשמה זאָל וועגן אייך נישט וויסן; און אַז איר וועט דערהערן אַ שאָס אויפן שליאַך, זאָלט איר איילן צו מיר, ווייל מען וויל מיר דאָ עפּעס אַ שטיקל אָפּטון.

— אייער רצון וועט געשען — האָט אַקבאַ-אולאַן געזאָגט, צולייגנדיק די האַנט צום שטערן, מויל און ברוסט.

— איך האָב דיך דורכגעבליקט, הער סטאַראָסטע! — האָט קמיטשיץ צו זיך געזאָגט — אין זאַמאָשטש האָסטו מורא פאַר דער שוועסטער, ווילסטו דעריבער דאָס מיידל פאַרכאַפּן און ערגעץ אין דער נאָענט פאַרשלעפּן, און פון מיר מאַכן אַ וועררק-צייג פון דיינע גלוסטעבישן און ווער ווייסט, צי אויך נישט דאָס לעבן צונעמען. וואַרט-זשע! האָסט אָנגעטראָפן אויף אַ בעסערן פון זיך... און דו וועסט אַליין אין דיין אייגענע נעץ אַריינפאַלן!

אין אָוונט האָט פאַרוטשניק שורסקי אָנגעקלאַפּט אין קמיטשיצס טיר, דער אָפיציר האָט אויך עפּעס געוווסט, עפּעס זיך אָנגעשטויסן, און אַזוי ווי ער האָט אַנושאַן געליבט, האָט ער דעריבער בעסער געוואָלט, אַז זי זאָל אַוועקפאָרן, איידער אַז זי זאָל אַריינפאַלן אין סטאַראָסטעס רשות. פונדעסטוועגן האָט ער אָפן זיך נישט דערוועגט צו ריידן, און אפשר האָט ער אויך נישט געהאַט קיין זיכערקייט; ער האָט זיך דעריבער נאָר געחידושט, וואָס קמיטשיץ האָט מסכים געווען צוערשט די טאָטערס אַרויס-צושיקן; ער האָט גוט-געזאָגט, אַז די וועגן זענען נישט אַזוי זיכער, ווי מ׳זאָגט, אַז אומעטום שלעפּן זיך אַרום באַוואָפנטע קופּעס, וואָס זענען עלול צו באַגיין גוואַלד-טאַטן.

אָבער הער אַנדזשעי האָט באַשלאָסן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער שטויסט זיך גאָרנישט אָן.

— וואָס קאָן מיר פּאַסירן? — האָט ער געזאָגט — דער הער סטאַראָסטע גיט דאָך מיר אַן אייגענע באַגלייטונג!

— יאָ, אָבער דייטשן!

— זענען דאָס דען אומזיכערע מענטשן?

— די דאָזיקע הינטישע נאמנות קאָן מען קיינמאָל נישט טרויען. ס'האָט געטראָפן, אַז צונויפריידנדיק זיך אין וועג, פלעגן זיי צום שונא אַריבערלויפן...

— קיין שוועדן זענען דאָך נישטאָ אויף דער זייט ווייסל.

— זיי זענען דאָ די כּלבים אין לובלין! נישט אמת, אַז זיי זענען אַרויס. איך ראָט אייך, ווי אַ גוטער פריינט, אַז איר זאָלט די טאָטערס צוערשט נישט אַרויסשיקן, ווייל אין אַ גרעסערער קופּע איז מען שטענדיק זיכערער.

— אַ שאָד, וואָס איר האָט מיר דאָס פריער נישט געזאָגט, איין צונג האָב איך אין מויל און אַ באַפעל, וואָס איך האָב איינמאָל געגעבן, ציִ איך נישט צוריק.

צומאָרגנס זענען די טאָטערס טאַקע צוערשט אַרויסגעפאָרן, און קמיטשיץ האָט געזאָלט פאָרן פאַרנאַכט אַזוי, אַז אויפן ערשטן נאַכט-לעגער זאָל ער זיך אָפּשטעלן אין קראַסנאָסטאַוו. דערווייל האָט מען אים איבערגעגעבן צוויי בריף צום הער סאַפּיעהאַ: איינעם פון דער פירשטין, אַ צווייטן פון סטאַראָסטע.

קמיטשיץ האָט געהאַט אַ גרויסן חשק צו עפענען דעם לעצטן בריף, ער האָט אָבער זיך נישט דערוועגט, דערפאַר האָט ער אים דורכגעקוקט בײַ ליכט און זיך איבערצייגט, אַז אין דער מיט ליגט ריין פּאַפּיר. די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט בײַ אים שוין נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק, אַז סײַ דאָס מיידל און סײַ די בריף דאַרפן בײַ אים אויפן וועג אָפּגענומען ווערן.

בינו-לבינו איז די סטאַדע פון פערעספּאַ אָנגעקומען און דער סטאַראָסטע האָט געשענקט דעם יינגען ריטער אַ וווּנדער-שיין טאָטעריש פערדל, וועלכעס ער האָט מיט דאַנק אָנגענומען, טראַכטנדיק זיך אין האַרצן, אַז ער וועט מיט אים ווייטער פאַרפאָרן.

זי דער סטאַראָסטע ריכט זיך. ער האָט אויך געטראַכט וועגן זיינע טאָטערס, וועלכע האָבן שוין געמוזט אין די וועלדער זיין באַהאַלטן און אַ געלעכטער איז אים אָנגעגאַנגען. ווײַלנווייז האָט ער ווידער אין האַרצן געהאַט תּרעומות און זיך געגעבן דאָס וואָרט דעם סטאַראָסטע גוט אָנצולערנען.

ס'איז לסוף געקומען די צייט פון מיטאָג, וואָס איז אַריבער זייער טריב. אַנושאַ האָט געהאַט רויטע אויגן; די אָפיצירן האָבן געשוויגן, איין הער סטאַראָסטע איז געווען אויפגערוימט און געהייסן צוגיסן אין די בעכערס, וועלכע קמיטשיץ האָט אָנגעפילט איינעם נאָכן אַנדערן. אָבער ווען ס'איז געקומען די צייט פון אָפפאָרן, האָבן נישט קיין סך פערזאָנען זיך געזעגנט מיט די אָפפאָרנדיקע, ווייל דער סטאַראָסטע האָט די אָפיצירן איז דינסט-ענינים משלח געווען.

אַנושאַ איז דער פירשטין צו די פיס געפאַלן און מ'האָט זי לאַנג נישט געקאָנט אַוועקרייסן, און דער פירשטינס פנים אַליין האָט אויסגעדריקט אַ קענטיקע אומרואיקייט. אפשר האָט זי זיך אין האַרצן געמאַכט פאָרווורפן, וואָס זי האָט אַ געטרייער דינערין דערלויבט אַוועקצופאָרן, אין אַזעלכע צייטן, ווען אומ־גליקן זענען זייער שכיח. אָבער דאָס הויכע געוויין מיכאַלס, וועלכער האָט האַלטנדיק די הענט ביי די אויגן, געקלאָגט ווי אַ שול־ייִנגעל, האָט די שטאָלצע שררהטע באַפעסטיקט אין דער איבערצייגונג, אַז מ'דאַרף פאַרהיטן פון ווייטערדיקע פאָלגן פון דער יוגנט־ליבע. לסוף האָט זי זיך אויך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז אין סאַפּיעהאַס משפחה וועט דאָס מיידל געפינען השגחה, שוץ און צולעצט אויך יענס גרויסע פאַרמעגן, וואָס זאָל איר גורל אויף איר גאַנצען לעבן אַרויס באַוואָרענען.

— אייער ערלעכקייט, מוט און ריטערלעכקייט טרוי איך זי אָן — האָט די פירשטין נאָך אַמאָל געזאָגט צו קמיטשיצן — און איר זאָלט געדענקען, אַז איר האָט מיר צוגעשווירן, דאָס איר וועט זי בשלום צום הער סאַפּיעהאַ אָפּפירן.

— ווי גלאָז וועל איך זי פירן און אין אַ גויט־פאַל, וועל איך זי מיט פאַקולעס אַרומוויקלען, און אַז כ'האָב געגעבן

אַ וואָרט, וועט שוין סיידן דער טויט מיר שטערן עס צו האַלטן — האָט דער ריטער געענטפערט.

און ער האָט דערלאַנגט די האַנט אַנושאַן, זי ווידער איז אויף אים בייז געווען, ווייל ער האָט לגמרי אויף איר נישט געקוקט און געגנוג ביטולדיק זי באַהאַנדעלט, זי האָט אים דעריבער דערלאַנגט די האַנט זייער גאוהדיק, אַוועקדרייענדיק די אויגן און דעם קאָפּ אין אַן אַנדערע זייט.

ס'איז איר אַ שאָד געווען אַוועקצופאָרן און אַ פּחד איז זי איצט באַפאַלן, אָבער צוריקציען זיך איז שוין געווען צו שפּעט.

דער מאָמענט איז געקומען: זיי האָבן זיך בכן געזעצט, זי אין די קאָטש אַריין מיט אַן אַלטער דינערין, פריילין סוואַלסקאַ, ער אויפן פערד און מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. צוועלף דייטשע רייטער האָבן אַרומגערינגעלט די קאָטש און דעם וואָגן מיט אַנושאַס זאַכן. ווען ס'האָבן צום סוף אַ סקריפּ-געטון די טירן אין וואַרשאַווער טויער און ב'האָט זיך דערהערט אַ געפּילדער פון רעדער איבער דער אַראָפּגעלאָזטער בריק, האָט אַנושאַ זיך הויך צעוויינט.

קמיטשיץ האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער קאָטש.

— האָט נישט קיין מורא, פריילין, כ'וועל אייך נישט אויפעסן!

— גראָבער יינג! — האָט אַנושאַ זיך געטראַכט.

זיי זענען אַ געוויסע צייט געפאָרן נעבן הייזער, וואָס זענען געלעגן הינטער די מויערן, גלייך צו אַלט-זאַמאָשטש צו, דערנאָך זענען זיי אַרויסגעפאָרן אויף פעלדער און אַריינגעפאָרן אין אַ וואַלד, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט געצויגן דורך אַ בערגיקן לאַנד אַזש העט ביז צום בוג און אויף יענע זייט בוג פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען דורכגעהאַקט דורך דערפער אַזש ביז זאַוויכוואָסט.

די נאַכט איז שוין געווען צוגעפאַלן, אָבער זי איז געווען זייער לויטער און ליכטיק, דער שליאַך האָט זיך געצויגן ווי אַ זילבערנער פּאַס; די שטילקייט איז איבעגעריסן געוואָרן נאָר

דורכן גערויש פון דער קאַטש און דעם אָפּהילך פון די פערדישע טריט.

— דאָ מוזן מיינע טאַטערס שוין ליגן אין די געדיכטעניש פון די וועלף — האָט קמיטשיץ זיך געטראַכט.

אין־דעם האָט ער אָנגעשטעלט דאָס אויער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט דעם אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די רייטערס.

— עס הערן זיך פערדישע טריט!.. עפּעס אַ רייטער פליט אי הינטער אונדז! — האָט דער אָפיציר געענטפערט.

קוים האָט ער געענדיקט, איז אויף אַ פאַרשוימטן פערד אַ קאָזאַק צוגעפלויגן און געזופן:

— הער באַבינישט! הער באַבינישט! אַ בריף פון סטאַראָסטע!

די סוויטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָזאַק האָט דעם בריף דערלאַנגט קמיטשיצן.

קמיטשיץ האָט אָפּגעבראָכן די חתימה און ביי דער שיין פון לאַמטערן, וואָס האָט זיך געפונען ביי די קאָזלעס פון דער קאַטש, האָט ער געלייענט אָט וואָס:

„געענדיקער און מיר זייער טייערער הער באַבינישט! באַלד נאָכן אָפּפאָרן פון פריילין באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז די שוועדן זענען נישט בלויז נישט אָפּגעטרעטן פון לובלין, נאָר האָבן גאָר בדעה אויף מיין זאַמאָשטש זיך צוּוואַרפן. צוליב דעם איז אַ ווייטערע נסיעה און וואַנדערונג אוממעגלעך. נעמענדיק אין אַכט די סכּנות, אויף וועלכע דאָס מיידל קאָן זיין אויסגעשטעלט, ווילן מיר דאָס פריילין באָזשאָבאָהאַטאַ צוריק האָבן אין זאַמאָשטש. די זעלבע רייטער וועלן זי צוריקפירן, און איך, וואָס איילט זיך אַוודאי אין ווייטערדיקן וועג אַריין, ווילן מיר אומזיסט נישט מטריח זיין. מיטטיילנדיק אייך דעם דאָזיקן רצון אונדזערן, בעטן מיר, אַז איר זאָלט די רייטער באַווייליקן אַרויסצוגעבן באַפעלן לויט אונדזערע באַגערן".

— ער איז נאָך אַזוי פיל ערלעך, אַז ער זעצט זיך נישט אָן אויף מיין לעבן, ער וויל נאָר מיך מאַכן צו נאַר — האָט

קמיטשיק זיך געטראַכט – ס׳וועט זיך טאַקע באַלד אָפּן אַרויס־ווייזן, צי ס׳שטעקט אין דעם אַ שפּיצל, אָדער נישט.

דערווייל האָט אַנושאַ דעם קאָפּ דורכן פענסטער אַרויסגעשטעקט.

– וואָס איז דאָרט ? – האָט זי געפרעגט.

– גאָרנישט ! דער הער סטאַראָסטע טרויט אייך אָן נאָך אַמאָל מיין מוט. מער גאָרנישט.

– דאָ האָט ער זיך געווענדעט צום קוטשער און צו די רייטער :

– פאָרן !

– אָבער דער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די רייטער, האָט דאָס פערד אַ צי־צוריק־געטון.

– שטיי ! – האָט ער אַ געשריי־געטון אויפן קוטשער.

און דערנאָך צו קמיטשיצן :

– וואָס הייסט : פאָרן ?

– און נאָך וואָס לענגער אין וואַלד שטיין ! – האָט קמיטשיק תמעוואַטע געפרעגט.

– ווייל איר האָט אָפגענומען עפּעס אַ באַפעל.

– און וואָס גייט דאָס אייך אָן ! כ׳האָב אָפּגענומען און טאַקע דערפאַר באַפעל איך : פאָרן !

– שטיי ! – האָט דער אָפיציר אויסגערופן.

– פאָרן ! – האָט קמיטשיק איבערגעחזרט.

– וואָס איז דאָרט ? האָט אַנושאַ ווידער געפרעגט.

– מיר וועלן קיין איין טריט נישט גיין ווייטער, ביז איך וועל דעם באַפעל נישט זען ! – האָט דער אָפיציר אַנטשלאָסן געזאָגט.

– קיין באַפעל וועט איר נישט זען, ווייל נישט צו אייך איז ער געשיקט געוואָרן !

– אויב איר ווילט אים נישט פאָלגן, וועל איך אים אויספירן... פאָרט־זשע אייך געזונטערהייט קיין קראַסנאָסטאַוו און גיט אַכטונג, אַז מיר זאָלן אייך קיין צידה־לדרך נישט מיטגעבן, און מיר וועלן מיטן פריילין צוריקקערן.

הער קמיטשיק האָט נאָר דאָס געוואָלט, אַז דער אָפיציר זאָל זיך מודה זיין, אַז ער ווייסט, וואָס עס שטייט אין באַפעל; וואָרום ס'האָט זיך דערפון אַרויסגעשטעלט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ לכתחילה געפּלאַנטער שווינדל.

— פּאַרט געזונטערהייט! — האָט דער אָפיציר שוין בייז איבערגעחזרט.

און אין דער רגע האָבן די רייטערס אָן אַ קאָמאַנדע די שווערדן פון די שיידן אַרויסגעצויגן.

— אָ, שדים! נישט קיין זאַמאָשטש וואָלט איר וועלן דאָס מיידל פירן, נאָר ערגעץ אין אַזייט אַוועקשלעפּן, כדי דער הער סטאַראָסטע זאָל פריי קאָנען זיינע גלוסטענישן באַפרידיקן. אָבער איר האָט אָנגעטראָפן אויף אַ קלוגערן!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער פון אַפּיסטאָלעט אין די לופט אויסגעקנאַלט.

אויף דעם דאָזיקן אָפּקלאַנג האָט אין די טיפענישן פון וואַלד אָפּגעהילכט אַ מוראדיקער ליאַרעם, גלייך ווי דער שאָס וואָלט אויפגעוועקט גאַנצע סטאַדעס וועלף, וואָס זענען געשלאָפן אין דער נאָענט. אַ געהייל האָט זיך אָנגערופן פון פאָרנט, פון הינטען, פון די זייטן, צו דער זעלבער צייט האָבן אָפּגעהילכט טריט פון פערד, אַ געקנאַק פון צווייגן, וואָס זענען אונטער קאָפּיטעס צעבראָכן געוואָרן און דער שליאַך איז שוואַרץ געוואָרן פון קופּעס רייטער, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט מיט אַן אוממענטשלעכן געהייל און געקוויטש.

— יעזוס! מאַריאַ! יוזעף! — האָבן די איבערגעשראָקענע פרויען אין דער קאָטש געשריגן.

דערווייל זענען די טאָטערס חמרימווייז צוגעפאַלן, אָבער קמיטשיק האָט זיי פאַרהאַלטן מיט אַ דריי-מאָליקן אויסגעשריי און אַליין האָט ער זיך געווענדעט צום איבערגעשראָקענעם אָפיציר און גענומען זיך גרויסן:

— זעט, אויף וועמען איר האָט אָנגעטראָפן... דער הער

סטאַראָסטע האָט געוואָלט מיך צו־נאַר־מאַכן, אין אַ בלינדן ווערק־צייג מיך פאַרוואַנדלען... און אייך האָט ער איבערגעגעבן די עובדא פון אַ מעקלער, וועלכע איר, הער אָפיציר, האָט אויף זיך גענומען, כדי נושא־חן צו זיין ביים האַר! גיט־זשע אָפּ דעם הער סטאַראָסטע אַגרוס פון באַבינישן און זאָגט אים, אַז דאָס מיידל וועט בשלום אָנקומען צום הער סאַפּיעהאַ!

דער אָפיציר האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ שרעקעוודיקן בליק אין דערזען ווילדע פנימער, וואָס האָבן מיט אַ מוראדיקער גיריקייט געקוקט אויף אים און אויף די רייטער. ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיי וואַרטן נאָר אויף אַ פּיפּס, כדי זיך אויף זיי צו וואַרפן און צוצערייסן אויף שטיקער.

— איר וועט טון, ווי אייך גלוסט, ווייל מיט געוואַלט וועלן מיר גאָרנישט פועלן — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים — אָבער דער הער סטאַראָסטע וועט בכוח זיין צו נעמען נקמה.

קמיטשיץ האָט זיך צעלאַכט.

זאָל ער אין אייך זיך נוקם זיין, ווייל ווען נישט דאָס, וואָס איר האָט זיך פאַררעדט, ווען איר וואָלט נישט אויסגעגעבן, אַז איר ווייסט פון פריער, וואָס אין באַפעל ווערט געזאָגט און וואָלט נישט פּראָטעסטירט קעגן וויטערדיקן פאָרן, וואָלט איר מיך נישט געווען איבערצייגט אין דעם פאַרפירערישן פּלאַן און איך וואָלט דאָס מיידל באַלד אין קראַסנאָסטאַוו געווען אָפּגעגעבן. זאָגט דעריבער אויך אייער סטאַראָסטע, אַז ער זאָל קלוגערע פון אייך מאַכן פאַר זיינע מעקלער.

דער רואיקער טאָן, מיט וועלכן הער קמיטשיץ האָט דאָס געזאָגט, האָט דעם אָפיציר צוגעגעבן אַ ביסל זיכערקייט על־פּי פּנים אין דעם פּרט, אַז עס דראָט נישט קיין טויט נישט אים און נישט די רייטער, ער האָט דעריבער לייכטער אָפּגעעטעמט און געזאָגט:

— זאָלן מיר הייסט עס, צוריקקערן קיין זאַמאָשטש מיט גאָרנישט?

און קמיטשיק האָט דערויף געענטפערט:

— מיט גאָרנישט וועט איר נישט צוריקקערן. ווייל איר וועט צוריקקערן מיט מיינעם אַבריף, וואָס איך וועל יעדן פון אייך אויף דער הויט הייסן אָנשרייבן.

— געגעדיקער הער...

— נעמט זיי! — האָט קמיטשיק אַ געשריי־געטון.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געברויז און אַ קאָכעניש אַרום דער קאָטש. די יעלות פון די טאָטערס האָבן פאַרהילכט די הילף רופן און וויגעשרייען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די ברוסטן פון די פרויען.

אָבער דאָס געראַנגעל האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל אין אַקורצער צייט אַרום זענען די רייטער שוין געלעגן אויפן שליאַך געבונדען איינער נעבן צווייטן.

איצט האָט קמיטשיק געהייסן זיי קאַטעווען מיט בייטשן פון רויען אַקסן־לעדער, אָבער נישט צופיל, כדי זיי זאָלן צופוס קאָנען צוריקקערן קיין זאַמאָשטש. די פראָסטע זעלנער האָבן בכן באַקומען צו הונדערט, און דער אָפיציר הונדערט פופציק שמיץ, נישט געקוקט אויף די תחנונים און רחמים־געבעט פון אַנושאַן, וועלכע האָט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס אַרום איר טוט זיך, געמיינט, אַז זי איז אַריינגעפאַלן צו עפעס שרעקלעכע מענטשן, און צוגויפלייגנדיק די הענט האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן פאַר איר לעבן.

— שענקט מיר דאָס לעבן, ריטער!.. וואָס האָב איך קעגן אייך געזינדיקט?.. שענקט מיר דאָס לעבן! דערבאַרעמט זיך!..

— שווייגט שטיל, פריילין! — האָט קמיטשיק אַגעשריי געטון.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט?

— אפשר האָט איר זיך גאָר אַליין צונויפגערעדט?

— וועגן וואָס האָב איך מיך צונויפגערעדט? גאָט, האָב רחמנות אויף מיר, זינדיקער!..

— ווייסט איר הייסט עס, נישט, אַז דער הער סטאַראָסטע

האָט נאָר לפּנים דערלויבט אייך אַרויסצופאָרן, כּדי אייך פון דער פירשטין אָפּצעשיידן און אויפן וועג צו פאַרכאַפּן און כּדי אין עפּעס אַ פּוסטן שלאָס אויף אייער צניעות זיך אָנצוזעצן?

– יעזוס פון נצרת! – האָט אַנושאַ אויסגעשריגן.

און אין דאָזיקן געשריי איז געווען אַזוי פיל אמת און אויפריכטיקייט, אַז קמיטשיץ האָט מילדער געזאָגט:

– וואָס הייסט? האָט איר זיך נישט צונויפגערעדט?.. ס'קאָן זיין!

אַנושאַ האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים, אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט רעדן, זי האָט נאָר כּסדר איבער־געחזרט:

– יעזוס, מאַריאַ! יעזוס, מאַריאַ!

– באַרואיקט זיך, פריילין – האָט הער קמיטשיץ נאָך מילדער געזאָגט – איר וועט בשלום פאָרן צום הער סאַפּיעהאַ, ווייל דער הער סטאַראָסטע האָט נישט אויסגערעכנט, מיט וועמען ער האָט צו טון... אָט די מענטשן, וועלכע מען קאָטעוועט דאָרט, האָבן אייך געזאָלט פאַרכאַפּן... איך שענק זיי דאָס לעבן, כּדי זיי זאָלן דעם הער סטאַראָסטע קאָנען דערציילן, ווי גלאַטיק ס'איז זיי אָפּגעגאַנגען.

– האָט איר מיך אויף אַזאַ אויפן פון שאַנד מציל געווען?

– יאָ! הגם כ'האָב נישט געוווסט, צי איר וועט צופרידן זיין.

אַנשטאָט צו ענטפערן אָדער אָפּצושפּאַרן, האָט אַנושאַ מיטאַמאָל דעם הער אַנדזשעי פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט און זי צוגעדריקט צו אירע בלייכע ליפּן.

און איבער אים זענען פינקען דורכגעלאָפן פון פיס ביזן קאָפּ.

– לאָזט צורו, ביי גאָט! וואָס איז דאָס ווידער!.. – האָט ער אויסגעשריגן – זעצט זיך אַריין אין די קאָטש, ווייל איר וועט די פיס דורכנעצן... און האָט נישט קיין מורא!.. ביי דער מאַמע וואָלט איר נישט זיכערער געווען...

— כ'וועל איצט פאָרן מיט אייך אַפילו אין עק וועלט!
— איר זאָלט אַזעלכע זאַכן נישט זאָגן!
— גאָט וועט אייך באַלוינען, וואָס איר האָט מיין צניעות באַשיצט!
— צום ערשטן מאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעגנהייט — האָט קמיטשיק געענטפערט.

און אין דער שטיל האָט ער געברומט צו זיך אַליין:
— קיין גרויסע מי האָט דאָס מיך נישט געקאָסט!

אָבער דערווייל האָבן די טאָטערס אויפגעהערט צו שמייסן די רייטערס און הער אַנדזשעי האָט זיי געהייסן טרייבן נאַקעטע און פאַרבלוטיקטע אויפן וועג קיין זאַמאָשטש. זיי זענען געגאַנגען, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן. די פערד, געווער און מלבושים האָט קמיטשיק געשענקט זיינע טאָטערס, און זיי האָבן זיך גיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין, ווייל ס'איז געווען אַסכּנה צו מאַכן לאַנגע שהיות.

אויפן וועג האָט דער ייִנגער ריטער נישט געקאָנט גובר זיין דעם חשק אַריינצוקוקן אין די קאָטש, און גיכער צו כאַפּן אַ קוק אין די ביסטרע אויגעלעך און וווּנדער-שיינעם פּנים פון מיידל. ער האָט אויך יעדעס מאָל געפרעגט, צי זי דאַרף נישט עפּעס האָבן, צי די קאָטש איז באַקוועם און צי די צו גיכע נסיעה פאַרמאַטערט זי נישט.

זי האָט אים דאַנקבאַר געענטפערט, אַז איר איז אַזוי ווויל, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זי איז שוין אויך געווען אינגאַנצן אָפּגעקילט פון דער שרעק. דאָס האַרץ איז איר איבערגע-גאַנגען פון צוטרוי פאַרן באַשיצער. און אין האַרצן האָט זי זיך געטראַכט:

— ער איז גאָרנישט אַזאַ האַרטער מענטש און אַזאַ גראָבער יונג, ווי איך האָב תּחילת געמיינט!

— עי, אָלענקאַ, וואָס איך לייד פאַר דיר! — האָט קמיטשיק צו זיך געזאָגט — וועסטו מיר מיט אומדאַנקבאַרקייט באַצאָלן?.. ווען דאָס איז אַזוי אין די אַלטע צייטן... אוהאַ!..

דאָ זענען אים די חברים געקומען אויפן זכּרון און די פאַרשיידענע הפקרדיקע מעשים, וואָס ער איז בשותּפות מיט

ווי באַגאַנגען, ווילנדיק דעריבער פאַרטרייבן די זינדיקע מחשבות, האָט ער גענומען פאַר זייערע אומגליקלעכע נשמות זאָגן: „אַן אייביקע מנוחה“.

אָנקומענדיק קיין קראַסנאָסטאַוו, האָט הער קמיטשיק איינגעזען, אַז עס איז בעסער אויף ידיעות פון זאַמאָשטש נישט צו וואַרטן און ער האָט זיך באַלד געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אָבער אָנגעשריבן און איבערגעשיקט דעם הער סטאַראָסטע פאָלגנדיקן בריף:

„הויך-וווילגעבוירענער הער סטאַראָסטע.

און צו מיר זייער לייטזעליקער בעל-חסד און בעל-טובה!

„וועמען גאָט האָט אויף דער וועלט גרויס געמאַכט, דעם האָט ער אויך מיט אַ גרעסערער מאָס שכל געלייטזעליקט. כ'האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז דער הויך-וווילגעבוירענער הער האָט מיך געוואָלט נאָר אויף אַ נסיון אויסשטעלן, איבערשיקנדיק מיר אַ באַפעל אַרויסצוגעבן דאָס פרייליין באַזשאָבאָהאַטאַ קראַשיעַנסקאַ, און כ'האָב דאָס פאַרשטאַנען ערשט רעכט, ווען די רייטער האָבן זיך פאַררעדט, אַז זיי ווייסן דעם אינהאַלט פון באַפעל, הגם איך האָב זיי דעם בריף נישט געוויזן און הגם דער הויך-וווילגעבוירענער הער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך ערשט נאָכן אַרויספאָרן די זאַך אַנדערש איבערגעלייגט. איך באַוווּנדער פון איין זייט אייער פאַרזיכטיקייט, אָבער פון דער צווייטער זייט, כדי פולשטענדיק צו באַרואיקן דעם זאָרגעוודיקן אַפּוטרופּס, בין איך נאָך אַמאָל מבטיח, אַז קיין שום זאַך וועט מיך נישט אָפּהאַלטן צו דערפילן די שליחות, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן. אָבער היות די דאָזיקע זעלנער, וועלכע האָבן אַ פּנים שלעכט פאַרשטאַנען אייער כוונה, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער גראָבע יינגען און אַפילו מיין לעבן געדראָט, מיין איך דעריבער, אַז כ'וואָלט געוווען צוגעטראָפן צו אייער געדאַנק, ווען איך וואָלט געוווען זיי הייסן אויפהענגען. און אויב איך האָב דאָס נישט געטון בעט איך דעם הויך-וווילגעבוירענעם הער מיר מוחל זיין; אָבער מיט בייטשן האָב איך זיי געהייסן אָרינטלעך מקיים-פּסק זיין, און די דאָזיקע שטראָף, אויב איר

האַלט זי פֿאַר צו קלײן, קאָנט איר לױט אײער אײגן זען כּפֿלען. האָפֿנדיק דערבײ, אַז איך האָב פֿאַרדינט אַ גרעסערן צוטרױ און דאַנקבאַרקײט, צײכן איך זיך אַלס אײער טרײער און גיטס־ װינטשנדיקער דינער. —

באַבינישׁ.

װען די דראַגונער האָבן זיך שפּעט אין דער נאַכט געהאַט דערשלעפּט ביז זאַמאָשטש, האָבן זײ זיך נישט דערװעגט צו װײזן פֿאַר דעם הער סטאַראָסטעס אױגן, ער האָט זיך דעריבער דערװוּסט װעגן גאַנצן פֿאַרלױפֿעניש ערשט פֿון דאָזיקן בריף, װעלכן אַ קראַסנאָסטאַװער קאָזאַק האָט צומאָרגנס געבראַכט.

נאָכדעם װי דער הער סטאַראָסטע האָט אים איבערגעלײענט, האָט ער אױף דרײ טעג זיך פֿאַרמאַכט אין זײן שטוב, נישט צו־לאָזנדיק צו זיך קײנעם פֿון די הױף־לײט, אַחוץ די קאַמער־דינער, װאָס האָבן אים עסן געבראַכט. מ'האָט אױך געהערט, אַז ער האָט געשאָלטן אױף פֿראַנצױזיש, װאָס ער האָט געטון נאָר דעמאָלט, װען ער איז געװען אױפֿגעבראַכט ביז גאָר.

ביסלעכװײז האָט זיך אָבער דער דאָזיקער שטורעם אײנ־געשטילט. דעם פֿערטן און פֿינפֿטן טאָג האָט דער הער סטאַראָסטע נאָך עקשנותדיק שטילגעשװיגן; ער האָט עפּעס געדריקט אין זיך און געציפּט די װאָנסעס; ערשט אין אַ װאָך אַרום, זיצנדיק שױן אײנגאַנצן אַ פֿרײלעכער און אַ ביסל בגילופֿינדיק בײם טיש, האָט ער מיטאַמאָל גענומען די װאָנסעס דרײען און נישט ציפּן און ער האָט זיך אָנגערופֿן צו דער פֿירשטין׃

— דו װײסט, שװעסטער, איך בין גענוג פֿאָרזיכטיק... איך האָב מיט אַפּאָר טעג צוריק בכּיון אױסגעשטעלט אױף אַ נסיון דעם שלאַכטשיץ, װאָס האָט אַנושאַן מיטגענומען און איך קאָן דיך פֿאַרזיכערן, אַז ער װעט זי געטרײ דעם הער סאַפּיעהאַן צושטעלן.

און דוכט זיך, אַז שױן מיט אַ חודש שפּעטער, האָט דער הער סטאַראָסטע דאָס האַרץ געװענדט ערגעץ אַנדערשװוּ, און אַחוץ דעם איז ער פֿולשטענדיק און אַלײן געװען איבער־צײגט, אַז דאָס װאָס איז געשען, איז געשען מיט זײן װילן און װיסן.

י. ל. פרץ שול
געגר. דעצ. 15
1929

17 קאַפּיטל.

די לובלינער וואָיעוואָדזטווע איז אין אַ גרויסן טייל, און די פּאָלעסיער כּמעט אינגאַנצען, געווען אין פּוילישע הענט, דאָס הייסט אין די הענט פון דער קאָנפעדעראַציע און פון סאַפּיעהאַן. אַזוי ווי דער שוועדישער קעניג האָט זיך אַלץ אויפגעהאַלטן אין פּרייסן, ווו ער האָט מיטן קורפירשט אונטערהאַנדלט, האָבן די שוועדן, נישט פילנדיק זיך זייער ביי די כּוחות און מחמת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדער רגע, זיך נישט דערוועגט אַרויסצורירן זיך פון די שטעט און שלעסער, און נאָך ווייניקער אַריבער-צוגיין די ווייסל, וואָס אויף איר צווייטער זייט זענען געווען די גרעסטע פּוילישע כּוחות. מ'האָט בכן אין די דאָזיקע בײדע וואָיעוואָדזטוועס געאַרבעט ביים שאַפן אַ באַדייטנדיקע און לייטישע אַרמיי, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרמעסטן מיטן רעגולערן שוועדישן זעלנער. אין די פּריוואַט-שטעט האָט מען צוגעגרייט די פוס-גייער, און אַזוי ווי די פויערן האָבן זיך בכלל געכאַפּט צום געווער, האָט קיין מענטשן נישט געפעלט, מ'האָט נאָר געדאַרפט צוגעוווינען צו

אַ סדר און צו אַ רעגולערער קאָמאַנדע די דאָזיקע צעלאָזענע מחנות, וואָס זענען אָפּט פאַרן אייגענעם לאַנד געווען געפערלעך.

ס׳האָבן זיך דערמיט פאַרנומען די פּאָוויאַטאָווע ריטמייסטערס. אַחוץ דעם האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן פיל פולמאַכטן אַלטע און דערפאַרענע זעלנער, מ׳האָט בכן ווערבירט מענטשן אין אַלע קאַנטען, און אַזוי ווי קיין מלחמה־מענטשן האָט אין יענע מקומות נישט געפעלט, האָבן זיך דעריבער געבילדעט פולקן פון אויס־געצייכנטער קאַוואַלעריע. אַ טייל איז אַוועק אויף יענע זייט ווייסל אונטערהעצן די מלחמה פון יענער זייט, אַ צווייטער טייל צום הער טשאַרניעצקי, אַ דריטער צום הער סאַפּיעהאַ. אַזוי פיל הענט האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, אַז יאַן קאַזשימיעזשס אַרמיי איז שוין געווען גרעסער פון דער שוועדישער.

דאָס לאַנד, וואָס איבער זיין שוואַכקייט האָט ערשט נישט לאַנג גאַנץ אייראָפּע זיך געחידושט, האָט איצט געגעבן אַ ביישפּיל פון קראַפט, אויף וועלכער עס האָבן זיך נישט גערעכנט נישט בלויז די שונאים, נאָר אַפילו דער אייגענער קעניג, אַפילו די, וואָס זייער טריי הארץ איז צעריסן געוואָרן פאַר אַ פּאָר חדשים פון ווייטאָק און יאוש. ס׳האָט זיך געפונען געלט, התלהבות, מוט און די אַממייסטן פאַרצווייפלטע נשמות האָט באַלעבט די איבער־צייגונג, אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ מצב, אַזאַ געפאַלנקייט, אַזאַ שוואַכקייט, פון וועלכער עס זאָל קיין רעטונג נישט זיין און אַז דאָרט, ווו קינדער ווערן געבוירן, קאָן קיין מוט נישט אונטערגיין.

קמיטשיץ איז געגאַנגען פאָרויס אָן שטערונגען, צונויפ־קלייבנדיק אויפן וועג אומרואיקע נפשות, וואָס זענען געוועזן צוגעשטאַנען צו דער אָפּטיילונג, אין דער האָפנונג, אַז בשותפות מיט די טאָטערס וועלן זיי געניסן פון וואָס מער בלוט און גזלות. זיי האָט ער לייכט פאַרוואַנדלט אין אָרענטלעכע און געשיקטע זעלנער, ווייל ער האָט געהאַט דעם סיגול צו וועקן פּחד און בעהאָרכזאַמקייט ביי די אונטערוואָרפענע. מ׳האָט אים אויפן וועג פריידיק באַגריסט, און דאָס צוליב די טאָטערס ווייל זייער

אָנבליק האָט איבערצייגט, אַז דער כּאַן גייט באמת דער רעפּובליק צו הילף. ס'האָט זיך טאַקע פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז צום הער סאַפּיעהאַ שיטן זיך פאַרשטאַרקונגען, וואָס באַשטייען פון פערציק טויזנט געקליבענע טאָטערישע זעלנער. מ'האָט זיך אָנגערציילט וווּנדער וועגן דער „באַשיידנקייט" פון די דאָזיקע פאַרבונדעטע, וואָס באַגייען נישט אויפן וועג קיין שום געוואַלט־טאַטן און קיין שום רציחות. מ'האָט זיי די אייגענע זעלנער פאַר אַ מוסטער אָנגעגעבן.

הער סאַפּיעהאַ איז לעת־עתה געשטאַנען אין בּיאַלאַ. זיינע כּוחות זענען באַשטאַנען פון בערך צען טויזנט רעגולערע זעלנער, רייטער און פוס־גייער. געווען איז דאָס דער יתר־הפליטה פון די ליטווישע חיילות, וואָס זענען דערגאַנצט געוואָרן דורך דעם גייעם המון. די רייטער, באַזונדערס מאַנכע פולקן זייערע, האָבן מיט זייער טיכטיקייט און געשיקטקייט אַריבער־געשטיגן די שוועדישע רייטער, אָבער די פוס־גייער זענען געווען שלעכט אויסגעבילדעט און עס האָבן איר געפעלט ביקסן און באַזונדערס פולווער. ס'האָבן אויך געפעלט האַרמאַטן. דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך מיט זיי פאַרזאָרגן אין טיקאָטשין, דערווייל האָבן אָבער די שוועדן, אויפרייסנדיק זיך אַליין מיט פולווער, פאַרניכטעט צוגלייך אַלע שלאָס־האַרמאַטן.

אַ חוץ די דאָזיקע כּוחות זענען אין דער סביבה פון בּיאַלאַ געשטאַנען ביז צוועלף טויזנט פּראָסטע לייט פון גאַנץ ליטע, פון מאַזאָוויע, פון פּאָדלעסיע, אָבער פון זיי האָט דער וואָיעוואָדע קיין נחת נישט דערוואַרט, בפרט אַז האָבנדיק מיט זיך אָן אַ שיעור וועגנס, האָבן זיי באַשווערט די מאַרשן און געמאַכט פון לאַגער אַ קוים זיך רירנדיקע און אומבאַוועגלעכע מאַסע.

אַריינפאָרנדיק קיין בּיאַלאַ האָט קמיטשיץ געטראַכט וועגן איין זאַך: ביי סאַפּיעהאַן האָבן געדינט אַזוי פיל שלאַכטע פון ליטע און אַזוי פיל ראַדזיווילס אָפיצירן, זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, אַז ער האָט מורא געהאַט, זיי וועלן אים דערקענען, און דער־קענענדיק וועלן זיי אים מיט די שווערדן צעהאַקן נאָך איידער ער וועט באַווייזן אַ געשריי צו טון: יעזוס מאַריאַ! זיין נאָמען

איז געווען פאַרהאַסט אין גאַנץ ליטע און אין סאַפּיעהאַס לאַגער, ווייל ס'איז נאָך אַלעמען פריש געלעגן אין זכרון, ווי ער האָט דינענדיק ביי ראַדזיווילן אויסגעקוילעט די פּולקן, וועלכע האָבן קעגן העטמאַן און פאַרן פאָטערלאַנד זיך דערקלערט.

אָבער דעם הער אַנדזשעי האָט צוגעגעבן מוט דאָס, וואָס ער האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט. ווייל קודם-כל איז ער דאַר געוואָרן, צווייטנס איז אים אויפן פּנים צוגעקומען אַ וווּנד פון באָגוסלאַווס קויל, אַ חוץ דעם אַלעם האָט ער איצט געטראָגן אַ באָרד, אַ געניג לאַנגע, ביים עק אויפן שוועדישן שטייגער פאַרדרייט, און אַזוי ווי ער האָט די וואָנסעס אַרויפגעקעמט האָט ער גיכער געהאַט אַ פּנים פון עפּעס אַן עריקסאָן, איידער פון אַ פּוילישן שלאַכטשיץ.

— זאָל נאָר נישט באַלד זיך מאַכן אַ טומעל קעגן מיר, ווען זיי נאָך דער ערשטער שלאַכט שוין האָבן אַן אַנדערע מיינונג וועגן מיר — האָט קמיטשיץ זיך געטראַכט אַרייגפאָרנדיק קיין ביאַלאַ.

ער איז אַריינגעפאָרן בין-השמשות-צייט, האָט זיך אָנגע-מעלדעט, פון וואַנען ער איז, אַז ער פירט בריף פון קעניג און באַלד געבעטן דעם הער וואָיעוואָדע וועגן אַ ספּעציעלער אוידיענץ.

דער וואָיעוואָדע האָט אים גענעדיק אויפגענומען, און דאָס צוליב דעם קעניגס הייכער רעקאָמענדאַציע.

„מיר שיקן אייך דעם טרייעסטן דינער אונדזערן — האָט דער קעניג געשריבן — וועלכן מ'רופט „דער טשענסטאָכאָווער העקטאָר", זייט דער באַלאַגערונג פון דער דאָזיקער בארימטער שטאָט, און אונדזער פרייהייט און אונדזער געזונט האָט ער בעתן דורכגיין דורך די בערג מיטן אייגענעם לעבן געראַטעוועט. גאָר באַזונדערס גיט אַכטונג, אַז עס זאָל אים מצד די זעלנער קיין עולה נישט געשען. זיין אמתן נאָמען קענען מיר, אויך די טעמים, צוליב וועלכע ער דינט אונטער אַן אַנדערן נאָמען, און ויעגן דעם דאָזיקן אַנדערן נאָמען זאָל קיינער אויף אים קיין חשד נישט וואַרפן, אויך נישט אין אינטריגעס באַשולדיקן".

— און פאַרוואָס טראָגסטו אַן אַנדערן נאָמען, קאָן מען נישט וויסן? — האָט דער הער וואָיעוואָדע געפרעגט.

— ווייל איך בין אַ פאַרטריבענער און אונטערן אייגענעם נאָמען וואָלט איך נישט געקאָנט ווערבירן... און דער קעניג האָט מיר געגעבן פולמאַכט-בריף און אַלס באַבינישט קאָן איך ווערבירן.

— צו וואָס דאַרפסטו ווערבירן, אַז דו האָסט טאָטערס?

— ווייל די גרעסטע מאַכט קאָן אויך נישט שאַטן.

— און פאַרוואָס ביסטו פאַרטריבן?

— אונטער וועמענס קאָמאַנדע איך גיי און וועמען איך בעט וועגן שוץ, דעם דאַרף איך אַלץ, ווי אַ פאָטער, אויסזאָגן. מיין אמתער נאָמען איז: קמיטשיץ!

דער וואָיעוואָדע האָט זיך אויף אַ פאָר טריט צוריקגעצויגן.

— דער, וואָס האָט באָגוסלאַוון צוגעזאָגט דעם קעניג און האַר אונדזערן אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן צו פאַרכאַפּן?

קמיטשיץ האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע דערציילט, ווי און וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן, ווי אַזוי ער האָט אַ פאַרבלענדעטער געדינט די ראַדזיווילס, ווי ער האָט, דערהערנדיק פון באָגוסלאַווס מויל וועגן די אמתדיקע כוונות פון די פירשטן, אים פאַרכאַפּט און דורכדעם די אומבארחמנותדיקע נקמה אויף זיך אַרויפגעצויגן.

דער וואָיעוואָדע האָט געגלויבט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט נישט גלויבן, בפרט, אַז אויך דעם קעניגס בריף האָבן די ריכטיקייט פון קמיטשיצס ווערטער באַשטעטיקט. אַגב, איז דעם וואָיעוואָדעס נשמה געווען אַזוי דערפרייט, אַז ער וואָלט דעם גרעסטן שונא זיינעם אין דער רגע צום האַרצן צוגעדריקט, דעם גרעסטן חטא פאַרגעבן. די דאָזיקע פרייד האָט אים פאַרשאַפט די פאָלגנדיקע שטעל פון קעניגס בריף:

„דער גרויסער ליטווישער קאָמאַנדע-שטאַב, וואָס איז נאָכן טויט פון ווילנער וואָיעוואָדע פריי געוואָרן, קאָן אַפילו לויטן געוויינלעכן געזעץ נאָר אויפן סיים דעם ממלא-מקומו איבערגעגעבן ווערן, אָבער ביי די היינטיקע אויסערגעוויינלעכע

אומשטענדיין לאָז איך אַ דורך דעם איינגעפירטן סדר און גיב איבער דעם דאָזיקן שטאָב אייך, וואָס איר זענט אונדז זייער טייער, פאַר דער טובה פון דער רעפּובליק און אייערע היסטאָרישע פאַרדינסטען, האַלטנדיק מיט רעכט, אַז ווען עס וועט מיט גאָטס הילף ווערן רואיק וועט אויפן קומענדיקן סיים קיין איין שטים זיך נישט אויפהויבן קעגן דאָזיקן ווילן אונדזערן און אַלע וועלן אויף אונדזער שריט מסכים זיין".

סאַפּיעהאַ האָט, ווי מ'האָט דעמאָלט געזאָגט אין דער רעפּובליק, „פאַרמשכּונט דעם לעצטן ראָק און פאַרקויפט דעם לעצטן זילבערנעם לעפל", ער האָט בכן נישט צוליב נוצן און אויך נישט צוליב כּבוד גערינט דעם פאָטערלאַנד. אָבער אַפילו דער אומאייגננוציקסטער מענטש זעט גערן, אַז מען שאַצט-אָפּ זיינע פאַרדינסטען, מען צאָלט מיט דאַנקבאַרקייט, מען קען זיך אויף גוטע מדות. דערפאַר האָט זיין ערנסט פּנים אומגעוויינלעך געשיינט.

דער דאָזיקער אַקט פון קעניגס ווילן האָט מיט אַ נייעם גלאַנץ באַשיינט סאַפּיעהאַס משפּחה, און דערצו איז קיין איינער פון די דעמאָלטיקע שררות נישט גלייכגילטיק געווען; מ'איז געווען צופרידן, אויב עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געשטרעבט אומגעזעצלעך עולה-לגדולה צו זיין. דער הער סאַפּיעהאַ איז דעריבער גרייט געווען איצט צו טון פאַרן קעניג אַלץ, וואָס איז געלעגן און וואָס איז נישט געלעגן אין זיין מאַכט.

— קוים בין איך אַ העטמאַן — האָט ער געזאָגט צום הער קמיטשיץ — גייט איר אַרונטער אונטער מיין אינקוויזיציע און וועט געפינען שוץ. אַסך לאַנד-שטורמער זענען דאָ פאַראַן, עס קאָן דעריבער לייכט אַ טומל זיך אויפהויבן, דערפאַר זאָלט איר אין די אויגן נישט שטאַרק קריכן, ביז איך וועל די זעלנער נישט מתרה זיין און נישט אַראָפּנעמען פון אייך דעם שקר-בלבול, וואָס באָגוסלאַוו האָט אויף אייך אַרויפגעוואָרפן.

קמיטשיץ האָט פון טיפן האַרצן נעדאַנקט און איצט גענומען רעדן וועגן אַנושאַן, וועלכע ער האָט מיט זיך פון ביאַלאַ

מיטגעבראַכט. דאָ האָט דער הער העטמאַן זיך גענומען בייזערן, אָבער היות ער איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטן הומאָר האָט ער אויך געבייזערט זיך פריילעך.

— ער איז משוגע געוואָרן סאָביעפּאַן! ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט ער געזאָגט — זיצט זיך דאָרט מיט דער שוועסטער הינטער די זאַמאָשטשער מויערן, ווי ביי גאָט הינטערן אויוון און מיינט, אַז יעדער קאָן, ווי ער, די פּאָלעס פון ראָק פאַרקאַטשן, צום קאָמין זיך אומדרייען און די פּלייצעס וואַרעמען. איך האָב די פּאָדביפּיענטאָס געקענט. ווייל זיי זענען בזשאָסטאָווסקיס קרובים, און די בזשאָסטאָווסקיס זענען מיינע אייגענע. דאָס פאַרמעגן איז אַ שררהשס, מ׳קאָן נישט זאָגן, אָבער הגם די מלחמה מיט די צפון-לייט איז לעת-עתה שוואַכער געוואָרן, שטייען זיי אָבער פאָרט נאָך אין יענע מקומות... ווי עפּעס זיכן, ווי האָט איר דאָרט געריכטן, אַמטן? ווער ווער וועט דאָס פאַרמעגן אָפּנעמען און דאָס מיידל איינאָרדנען? פריש און געזונט און משוגע! מיר זיצט באָגוסלאַוו אויפן קאַרק און איך זאָל גאָר די עובדא פון אַ לאַנדשאַפט-פאַרטרעטער דערפילן און מיט ווייבער זיך דעם קאָפּ פאַרדרייען...

— דאָס איז נישט קיין ווייב, נאָר אַ קאַרש — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — אָבער וואָס גייט דאָס מיך אָן!.. מ׳האָט געהייסן פירן, האָב איך געפירט; מ׳האָט געהייסן אָפּגעבן, געב איך אָפּ!

דער אַלטער העטמאַן האָט דערויף דעם הער קמיטשיץ פאַרן אויער אָנגעכאַפּט און געזאָגט:

— און ווער ווייסט דיך, קונדס, אין וואָס פאַר אַ מעמד דו האָסט זי אַהער-געבראַכט?.. זאָל גאָט דערפאַר אָפּהיטן, די מענטשן וועלן נאָך זאָגן, אַז פון סאַפּיעהאָס אַפּוטרופּסות האָט זי באַקומען אַ שטעכעניש אין די זייטן, און איך וועל אויף די אַלטע יאָרן די אויגן פאַר בושה אַראָפּלאָזן... און וואָס האָסטו אויף די פּאָשע-ערטער געטאָן? זאָג מיר נאָר באַלד, [illegible]עצן-דינער, האָסטו נישט אַמאָל פון דיינע טאָטערס טערקישע מנהגים איבערגענומען?

— אויף די פּאָשע-ערטער — האָט קמיטשיק פֿריילעך נעענטפֿערט — האָב איך די יינגלעך געהייסן מיט בייטשן די הויט מיר קאַטעווען, כּדי צו פֿאַרטרייבן די נישט לייטישע גלוסטענישן, וואָס האָבן אונטער דער הויט זייער נעסט, און וועלכע האָבן, דעם אמת געזאָגט, ווי די בינען מיך געביסן.

— זעסטו... איז דאָס עפּעס אַ וווּל מיידל?

— אַזוי! אַ קאָזע, הגם זייער אַ שיינע, און גאָר אַגרויסע קאָקעטקע.

— האָט אַ טערק זיך שוין אַוודאי געפּוּנען!

— אָבער אַ צנועה, ווי אַ נאָנע, דאָס מוז איך מודה זיין. אָבער וואָס שייך דעם שטעכעניש אין די זייטן, מיין איך, אַז זי וואָלט עס גיכער פֿון הער זאַמאָיסקיס אַפּוטרופּסות באַקומען.

דאָ האָט קמיטשיק דערציילט, ווי און וואָס עס איז געווען. ערשט איצט האָט דער העטמאַן דער גענומען קלאַפּן אין די פּלייצעס און לאַכן.

— נו, דו ביסט אַ פויגל! נישט בחנם דערציילט מען אַזוי פיל וועגן קמיטשיצן. האָב נישט קיין מורא! הער יאַן איז נישט קיין פאַרביסענער מענטש און מיינער אַ נאָענטער ידיד. דער ערשטער כּעס וועט אים אַריבער, וועט ער זיך נאָך אַליין אויסלאַכן און דיך באַלוינען.

— איך דאַרף נישט האָבן! — האָט קמיטשיק איבערגעהאַקט.

— גוט אויך, וואָס דו האָסט אַמביציע און קוקסט מענטשן נישט אין די הענט אַריין. זיי מיר נאָר אַזאַ בריה קעגן באָגוסלאַוון, ועסטו פֿאַר די אַלטע חטאים נישט דאַרפֿן מורא האָבן.

דאָ האָט סאַפּיעהאַ זיך פֿאַרחידושט, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן דאָזיקן זעלנערישן פּנים, וועלכעס איז נאָר-וואָס געווען אַזוי תמימותדיק און פֿריילעך. קמיטשיק איז דערהערנדיק באָגוסלאַווס נאָמען באַלד בלאַס געוואָרן און דאָס פּנים האָט זיך אים צוזאַמענגעצויגן, ווי דער פּיסק ביי אַ בייזן הונט, ווען ער וויל בייסן.

— אַז דער דאָזיקער בוגד זאָל מיט זיין אייגענעם שפּייעכץ זיך פאַרסמען. זאָל ער מיר נאָר נאָך פאַרן טויט אין די הענט אַריינפאַלן! — האָט ער טריב געזאָגט.

— דיין פאַרביסנקייט חידושט מיך נישט... געדענק נאָר, אַז דער כעס זאָל אין דיר די בריהשקייט נישט דערשטיקן, ווייל דו וועסט האָבן צו טאָן נישט מיט אַבי־וועמען. גוט, וואָס דער קעניג האָט דיך אַהער געשיקט. די וועסט מיר באַגוסלאַוון אונטערקומען, ווי אַ גומעלט כאָוואַנסקין.

— ר׳וועל אים בעסער אונטערקומען! — האָט קמיטשיץ ווידער טריב געענפערט.

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט. קמיטשיץ איז אַוועקגעפאָרן שלאָפן אין די קוואַרטיר, ווייל ער איז געווען פאַרמאַטערט פון וועג.

דערווייל האָט זיך צווישן חייל פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער קעניג האָט דעם גרויסן קאָמאַנדע־שטאַב דעם באַליבטן פירער צוגעשיקט. אַ פרייד האָט דעמאָלט ווי אַ פלאַם אויסגעבראָכן צווישן די טויזנטער מענטשן.

די אָפיצירן פון פאַרשיידענע פולקן האָבן מאַסנווייז געוומען אָנלויפן אין העטמאַנס קוואַרטיר. די פאַרשלאָפענע שטאָט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. מ׳האָט אָנגעצונדן פייער, די פאָן־טרעגער זענען אָנגעלאָפן מיט די פאָנען. טראָמפּייטן האָבן זיך צעשאַלט, קעסלען זיך צעפּויקט, אַ שיכעריי פון האַרמאַטן און ביקסן האָט זיך צעהילכט, און הער סאַפּיעהאַ האָט געפּראַוועט אַ גרויסאַרטיקע סעודה און מ׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויוואַטעוועט, טרייַנקנדיק פאַרן געזונט פון קעניג, פון העטמאַן און פאַרן קומענדיקן נצחון איבער באַגוסלאַוון.

דער הער אַנדזשעי איז, ווי געזאָגט, אויף דער סעודה נישט בייגעווען.

דערפאַר האָט דער העטמאַן פאַרפירט ביי די טישן אַ שמועס וועגן באַגוסלאַוון און נישט זאָגנדיק, ווער עס איז יענער אָפיציר, וועלכער איז מיט די טאָטערס געקומען און

דעם שטאַב געבראַכט, האָט ער גערעדט בכלל וועגן דעם פּירשטס רשעות.

—ביידע ראַדזיווילס — האָט ער געזאָגט — האָבן ליב געהאַט אינטריגעס, אָבער פּירשט באָגוסלאַוו האָט דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער נאָך אַריבערגעשטיגן... איר געדענקט דאָך קמיטשיצן, אָדער איר האָט אודאי וועגן אים געהערט. שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס, וואָס פּירשט באָגוסלאַוו האָט צעפּויקט, אַז קמיטשיץ זאָל זיך אים האָבן אָנגעבאָטן אויפצוהויבן די האַנט אויף אונדזער קעניג און האַר, איז אַ ליגן!

— יאַנושן האָט קמיטשיץ אָבער געהאָלפן גוטע ריטערס אויסצוקוילן.

— אמת, יאַנושן האָט ער טאַקע געהאָלפן, אָבער לסוף האָט ער זיך אויך אַרומגעזען, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעזען, האָט ער נישט בלויז די דינסט אָוועקגעוואָרפן, נאָר אַזוי ווי איר ווייסט, אַז דאָס איז געווען אַ זייער דרייסטער מענטש, האָט ער זיך נאָך אויך אויף באָגוסלאַוון געוואָרפן. אַ סברה, אַז מיטן יינגען פּירשט האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל און ער איז קוים מיטן לעבן פון קמיטשיצס הענט ביצול געוואָרן.

— קמיטשיץ איז געווען אַ גרויסער זעלנער! — האָבן אַ סך שטימען זיך אָנגערופן.

— און דער פּירשט האָט צוליב נקמה אויסגעטראַכט אויף אים אַזאַ בלבול, פון וועלכן די האָר שטעלן זיך קאַפּויר.

— דער טייוול וואָלט קיין בעסרן נישט אויסגעטראַכט!

— זייט וויסן, אַז כ'האָב באַוויזן אין די הענט, שוואַרץ אויף ווייס, אַז דאָס איז געווען אַ נקמה פאַר קמיטשיצס תשובה-טאָן.

— אַזוי אַ מענטשנס נאָמען שענדען!.. איין באָגוסלאַוו איז דאָס מסוגל צו טאָן!

— אַזאַ זעלנער באַגראָבן!

— כ'האָב געהערט — האָט דער העטמאַן ווייטער געזאָגט —

אַז קמיטשיץ האָט, זעענדיק, אַז עס בלייבט אים דאָ שוין גאָרנישט איבער וואָס צו טאָן, עוקר געווען קיין טשענסטאָכאָווו און דאָרט גרויסע פאַרדינסטען אָפּגעגעבן, און דערנאָך האָט ער דעם קעניג מיט דער אייגענער ברוסט באַשיצט.

דערהערנדיק דאָס, האָבן די זעלבע זעלנער, וועלכע וואָלטן קמיטשיצן נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק מיט די שווערדן געווען צעהאַקט, גענומען וואָס אַמאָל פרייַנטלעכער וועגן אים זיך אָפּרופן.

– קמיטשיץ וועט אים דאָס נישט שענקען, ער איז נישט פון די מענטשן, ער וועט אַפילו אויף ראַדזיווילן זיך וואַרפן!

– אַלע זעלנער האָט דער פירשט שטאַלמייסטער מבזה געווען, וואַרפנדיק אויף איינעם אַזאַ בזיון!

– קמיטשיץ איז געווען אַ הפקר-מענטש און אַן אכזר, אָבער נישט קיין פאָטער-מערדער!

– ער וועט נקמה נעמען, ער וועט נקמה נעמען!

– מיר וועלן פריער נקמה נעמען!

– קוים זאָגט דער הויך-וויל-געבוירענער העטמאַן פאַר אים גוט, האָט עס אַוודאי אַזוי געמוזט זיין.

– אַזוי איז עס געווען! — האָט דער העטמאַן געזאָגט.

– פאַרן העטמאַנס געזונט!

און ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז מ'זאָל אויך פאַר קמיטשיצס געזונט טרינקען. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָבן זיך זייער היציקע שטימען אָנגערופן אויך קעגן אים, באַזונדערס צווישן ראַדזיווילס אַמאָליקע אָפּיצירן. הערנדיק זיי, האָט דער העטמאַן געזאָגט:

– און ווייסט איר, מײַנע הערן, פאַרוואָס דער דאָזיקער קמיטשיץ איז מיר געקומען אין זין אַריין? אָט דערפאַר, ווייל באַבּיניטש, דער קעניגלעכער קוריער, איז שטאַרק ענלעך אויף אים. כ'האָב אַליין אין דעם ערשטן מאָמענט זיך טועה געווען.

דאָ האָט הער סאַפּיעהאַ גענומען אַ ביסל שאַרפער קוקן און רעדן מיט אַ גרעסערער חשיבות:

– ווען אַפילו קמיטשיץ אַליין וואָלט דאָ אַהערגעקומען, איז ווייל ער האָט תשובה געטאָן, ווייל ער האָט דאָס הייליקע אָרט

מיט אַ גרויסן מסירות-נפש פּאַרטיידיקט. וואָלט איך אים באַוויזן מיט מיין העסנאַישן אָנזען צו באַשיצן; איך בעט אייך דעריבער, אַז עס זאָלן דאָ קיין שום סקאַנדאַלן צוליב דעם דאָזיקן שליח נישט אויסברעכן. איך בעט געדענקען, אַז ער איז געקומען אַהער אין נאָמען פון קעניג און כאַן. און באַזונדערס דאַרפן דאָס געדענקען די ריטמייסטערס פון לאַנד-שטורעם, ווייל דאָרט איז נישט אַזוי לייכט די דיסציפּלין איינצוהאַלטן!

ווען הער סאַפּיעהאַ האָט אויף אַזאַ אופן גערעדט, פלעגט איין הער זאַגלאָבאַ זיך דערוועגן אונטערצוברומען אונטער דער נאָז, אַלע איבעריקע פלעגן זיצן שטיל. אַזוי זענען זיי אויך איצט געזעסן, אָבער ווען דעם העטמאַנס פּנים איז ווידער גע-וואָרן אויפגערוימט, האָבן זיך אויך די איבעריקע דערפרייט. די כוסות, וואָס זענען יעדע ווײַלע אָנגעגאָסן געוואָרן, האָבן די שמחה נאָך מער פאַרשטאַרקט און די גאַנצע שטאָט האָט געטומלט ביז אין דער פרי, אַז די ווענט פון די הייזער האָבן אַזש געציטערט, און דער רויך פון די וויוואַט-שאָסן האָט זיי איינגאַנצן פאַרשטעלט, ווי נאָך אַ שלאַכט.

צומאָרגנס באַגינען האָט הער סאַפּיעהאַ אַרויסגעשיקט אַנושאַן קיין גראָדנע מיטן הער קאָטשיץ. אין גראָדנע, פון וואַנען כאָוואַנסקי האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרויסגערוקט, האָט רעזידירט דעם וואָיעוואָדעס משפּחה.

די אָרעמע אַנושאַ, וואָס איר קאָפּ האָט זיך צוליב דעם שיינעם באַביניטש געהאַט אַ ביסל פאַרדרייט, האָט זיך מיט אים זייער האַרציק געזעגנט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן שטייף און ערשט ביים אָפּפאָרן האָט ער איר געזאָגט:

— ווען נישט איין שד, וואָס זיצט אין האַרצן ווי אַ דאָרן, וואָלט איך זיך אַוודאי געווען אין אייך שטערבלעך פאַרליבט.

אַנושאַ האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ שפּילטער, וועלכן מ׳קאָן מיט אַ ביסל געדולד מיט אַ נאָדל נישט אַרויס-גראַבלען, אָבער אַזוי ווי זי האָט פאַר דעם דאָזיקן באַביניטש אויך אַ ביסל מורא געהאַט, האָט זי דעריבער גאָרנישט געזאָגט — האָט שטיל אָפּגעזיפצט און איז אָפּגעפאָרן.

18. קאַפּיטל.

נאָך אַנושאַס אָפּפאָרן מיט קאָטשיצן איז סאַפּיעהאַס לאַגער נאָך אַ וואָך געשטאַנען אין ביאַלאַ. קמיטשיץ, וועלכער איז מיט די טאָטערס אָפּגעשיקט געוואָרן אין נאָענטן ראָקיטנאָ, האָט אויך אָפּגערוט, ווייל מ׳האָט געדאַרפט די פערד פאַשן נאָך דער לאַנגער נסיעה. ס׳איז געקומען קיין ביאַלאַ אויך איר באַזיצער, דער פירשט טיש-מייסטער מיכאַל קאַזשימיעזש ראַדזיוויל, אַ מעכטיקער שררה, פון דער ניעשוויעזשער ליניע, וועגן וועלכער מ׳האָט געזאָגט, אַז נאָך די קישעקס אַליין האָט זי געירשענט זיבציק שטעט און פיר הונדערט דערפער. דער איז מיט גאָרנישט געווען געראָטן אין זיינע בירזשער קרובים. אפשר נישט ווייניקער פון זיי אַמביציער, אָבער אַן אַנדערש גלויביקער, אַ הייסער פּאַטריאָט און אָנהענגער פון לעגיטימען קעניג, איז ער בלב-נפש צוגעשטאַנען צו דער טישאָוצער קאָנפעדעראַציע און לויט יכולת איר נאָך מיט צוגעגעבן. זיינע ריזיקע נחלאות זענען אַפילו דורך דער לעצטער מלחמה מיט די היפּערבאָרייער שטאַרק חרוב געוואָרן, אָבער ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען בראש פון

היפשע כּוחות און האָט דעם העטמאַן נישט קיין קליינע הילף געבראַכט.

די צאָל פון זיינע זעלנער האָט אָבער נישט געקאָנט אויף דער וואָגשאָל פון דער מלחמה אַזוי פיל מכריע זיין, ווי דאָס, וואָס דאָ איז אַ ראַדזיוויל געשטאַנען קעגן אַ ראַדזיוויל; וואָרום אויף אַזאַ אופן איז אָפּגעדעקט געוואָרן דער שלייער פון גערעכטיקייט מיט וועלכן באָגוסלאַוו האָט זיך איינגעהילט, און זיינע מעשים זענען בולט געשטעמפּעלט געוואָרן מיטן חותם פון איבערפאַל און בגידה.

דערפאַר טאַקע האָט הער סאַפּיעהאַ מיט שמחה געזען אין זיין לאַגער דעם פירשט טיש-מייסטער. ער איז שוין איצט זיכער געווען, אַז ער וועט באָגוסלאַוון מנצח זיין, ווייל ער האָט אים אויך אין כּוחות אַ סך איבערגעשטיגן. אָבער ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, די פלענער לאַנגזאַם באַטראַכט, באַקלערט, איבערגעלייגט און די אָפּיצירן אויף באַראַטונגען גערופן.

אויף די דאָזיקע באַראַטונגען פלעגט אויך הער קמיטשיץ זיין. ער האָט אַזוי פיינט באַקומען דעם נאָמען ראַדזיוויל, אַז דערזעענדיק צום ערשטן מאָל דעם פירשט מיכאַל האָט ער אויפגעציטערט פון גרויל און רציחה, אָבער מיכאַל האָט מענטשן געקאָנט געווינען בלויז מיטן פּנים, אויף וועלכן שיינקייט איז געווען צונויפגעפּאָרט מיט ליבלעכקייט, דערביי האָבן זיינע גרויסע מעלות, די שווערע טעג, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג איבערגעלעבט, פאַרטיידיקנדיק דאָס לאַנד פון זאָלטאַרענקאָן און סרעבירנין, די אמתע ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד און קעניג, דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די איידלסטע ריטער פון זיין צייט. בלויז זיין געפינען זיך אין לאַגער פון סאַפּיעהאַן, דעם קעגנער פון ראַדזיווילס הויז, האָט עדות-געזאָגט, ווי ווייט דער יינגער פירשט איז מסוגל זיינע פּריוואַטע אינטערעסן צו ברענגען אַ קרבן פאַר דער טובת-הכּלל. ווער עס האָט אים געקענט, האָט אים געמוזט ליב באַקומען. דעם דאָזיקן געפיל, נישט געקוקט אויפן ערשטן אומחן, האָט זיך נישט געקאָנט אַקעגנשטעלן אפילו דער היציקער הער אַנדזשעי.

אינגאַנצען געווונען זיין האַרץ האָט אָבער דער פירשט מיט זיינע עצות.

וואָרום ער האָט געעצהט, אַז מ׳זאָל נישט פאַרלירנדיק קיין צייט נישט בלויז קעגן באָגוסלאַוון מאַרשירן, נאָר נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין שום אונטערהאַנדלונגען תיכּף-ומיד אויף אים זיך וואַרפן, נישט לאָזן אים די שלעסער צוריקגעווינען, נישט געבן אים קיין רו, קיין מנוחה, שלאָגן זיך מיט אים אויף זיין אייגענעם שטייגער. אין אַזאַ אַנטשלאָסנקייט האָט דער פירשט געזען אַ גיכן און זיכערן נצחון.

– עס קאָן נישט זיין, אַז אויך קאַרל גוסטאַוו זאָל זיך נישט לאָזן אין וועג אַריין, מיר מוזן דעריבער וואָס גיכער האָבן פרייע הענט, כּדי טשאַרניעצקין איילן צו הילף.

די זעלבע מיינונג האָט אויך געהאַט קמיטשיץ, וועלכער האָט שוין דעם דריטן טאָג זיך געמוזט ראַנגלען מיט זײַער אַלטער רגילות נאָכצוגעבן זיין אייגענעם ווילן, כּדי ער זאָל זיך אָן אַ קאָמאַנדע נישט לאָזן אין וועג אַריין.

אָבער סאַפּיעהאַ האָט ליב געהאַט צו האַנדלען אויף זיכער, ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדן אומאיבערגעלייגטן שריט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו וואַרטן אויף גענויערע ידיעות.

און דער העטמאַן האָט אויך געהאַט זיינע טעמים. באָגוסלאַווס אָנגעזאָגטע עקספּעדיציע קיין פּאָלעסיע האָט געקאָנט זיין נאָר אַ שפּיצל און אַ מלחמה-מאַנעוור. דאָס איז אפשר געווען אַן אָנגעשטעלטע עקספּעדיציע, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן בראש פון מינדערוועכטיקע כּוחות, כּדי נישט צו דערלאָזן צו אַ פאַראייניקונג פון סאַפּיעהאַס מיט די קרוין-פּוילישע חיילות. באָגוסלאַוו וועט זיך בכן פון סאַפּיעהאַן אַרויסדרייען, נישט אויפנעמענדיק אין ערגעץ קיין שלאַכט, אַבי צו מאַכן שהיות, און קאַרל גוסטאַוו מיטן קורפירשט וועלן בינֵי-לבינֵי זיך וואַרפן אויף טשאַרניעצקין, פאַרטיליקן אים מיט דער איבערוועגנדיקער מאַכט, זיך אַ לאָז-טאָן אויפן קעניג גופא און דערשטיקן דאָס ווערק פון דער אָנגעהויבענער פאַרטיידיקונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן גלענצענדיקן ביישפּיל פון טשענסטאָכאָוו. סאַפּיעהאַ

איז נישט בלויז געווען אַ פירער, נאָר אויך אַ מלוכה-מאַן. זיינע טעמים האָט ער אויף די באַראַטונגען אַזוי קלאָר מסביר געווען, אַז קמיטשיץ אַליין האָט אין האַרצן געמוזט זיי גערעכט געבן. קודם-כל האָט מען געדאַרפט וויסן, ביי וואָס זיך צו האַלטן. ווען עס וואָלט זיך אַרויס געוויזן, אַז באָגוסלאַווס איבערפאַל איז נאָר אַ מאַנעווער, וואָלט גענוג געווען איבערצולאָזן קעגן אים אַ פּאָר פּולקן, און מיט אַלע כוחות אין גרעסטן איילעניש זיך אַ לאָזטאָן צו טשאַרניעצקין און דער פיינטלעכער הויפּט-מאַכט. און אַ פּאָר אָדער אַפילו מער פּולקן וואָלט דער העטמאַן דרייסט געקאָנט איבערלאָזן, ווייל נישט אַלע זיינע כוחות זענען געשטאַנען אין דער סביבה פון ביאַלאַ. דער יינגער הער קשישטאָף, אָדער דער אַזוי גערופענער קשישטאָפעק סאַפּיעהאַ, איז מיט צוויי לייכטע פּולקן און מיט אַ רעגימענט פוס-גייער געשטאַנען אין יאַוואָראָוו; האָראָטקעוויטש האָט זיך געדרייט אין דער אומגעגנט פון טיקאָטשין, האָבנדיק אונטער זיין קאָמאַנדע אַ האַלבן רעגימענט זייער גוט אויסגעבילדעטע דראַגונער און ביז פינף הונדערט פרייוויליקע, אַ חוץ דעם וואָיעוואָדעס אייגענעם פּולק פון לייכטע רייטער. אַ חוץ דעם זענען אין ביאַליסטאָק געשטאַנען פוס-גייער.

די דאָזיקע כיחות וואָלטן איבערגענוג געווען אויף אַקעגנצושטעלן באָגוסלאַוון. אויב ער האָט מער ווי אַ פּאָר הונדערט רייטער נישט פאַרמאָגט.

דער פאָרזיכטיקער העטמאַן האָט דעריבער פאַנאַנדערגעשיקט קוריערן אין אַלע זייטן און געוואַרט אויף ידיעות.

ביז עס זענען לסוף אָנגעקומען ידיעות, אָבער זיי האָבן געווירקט ווי די דונערס, באַזונדערס דערפאַר, וואָס דורך אַ באַזונדערן צוזאַמענטראַף פון די אומשטענדן האָבן זיי אַלע אין איין אָוונט אַריינגעשלאָגן.

אין ביאַלער שלאָס איז גראָד פאָרגעקומען אַ באַראַטונג, ווי עס איז אַריינגעקומען דער אָרדאָנאַנץ-אָפיציר און אָפּגעגעבן דעם העטמאַן עפּעס אַ בריף.

דער וואָיעוואָדע האָט קוים געוואָרפן אויף אים אַ בליק, חוץ ער האָט זיך פאַרענדערט אויפן פנים און געזאָגט די ביגעוועזענע:

מיין קרוב איז צעקלאַפּט געוואָרן אין יאַוואָראָוו דורך באָגוסלאַוון אַליין. ער איז קוים אַליין מיטן לעבן אַרויס!

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן, וועלכעס דער העטמאַן אַליין האָט ערשט איבערגעריסן.

— דער דאָזיקער בריף איז געשריבן פון בראַנסק, אין בהלה און מהומה — האָט ער געזאָגט — דערפאַר איז אין אים קיין וואָרט נישטאָ וועגן באָגוסלאַווס מאַכט. כ׳מיין, אַז זי האָט געמוזט זײַן גענוג גרויס, אויב ס׳איז, ווי כ׳לייען, פון צוויי פולקן און אַ רעגימענט פוס-גייער קיין שריד-ופליט נישט געבליבן!.. ס׳קאָן אָבער זײַן, אַז פירשט באָגוסלאַוו איז זיי באַפאַלן אומגעריכט. קיין זיכערקייט גיט דער דאָזיקער בריף נישט...

— הער העטמאַן — האָט פירשט מיכאל דערויף זיך אָנגערופן — כ׳בין זיכער, אַז באָגוסלאַוו וויל גאַנץ פּאָלעסיע פאַרכאַפּן, כדי זי ביי אונטערהאַנדלונגען צו באַקומען אַלס זעלבסטשטענדיקע מדינה, אָדער אַלס צינש-צאָלערין... דערפאַר איז ער בלי-ספק באַפאַלן מיט אַזאַ מאַכט, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט צונויפקלייבן...

— די סברות דאַרפן אונטערשטיצט ווערן מיט ראיות, גנעדיקער הער פירשט.

— אויף קיין אַנדערע ראיות שטיץ איך מיך נישט, אַחוץ אויף דעם, וואָס איך קען באָגוסלאַוון. נישט וועגן די שוועדן, און נישט וועגן די בראַנדענבורגער גייט עס אים, נאָר וועגן זיך אַליין... דאָס איז אַן אומגעווייגלעכער מלחמה-מאַן, וועלכער האָט בטחון אין זײַן מזלדיקן שטערן. ער וויל די פּראָווינץ געווינען, פאַר יאַנושן נקמה-נעמען, מיט רום זיך באַדעקן, און דערצו מוז ער האָבן און האָט אַ געהעריקע מאַכט. דערפאַר דאַרף מען פלוצלינג אויף אים זיך וואַרפן, אַ נישט וועט ער אויף אונדז זיך וואַרפן.

— צו אַלץ איז נויטיק גאָטס ברכה — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן — און די ברכה איז אונדז באַשערט!

— הויך-וווּל-געבוירענער הער העטמאַן — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ידיעות זענען נויטיק. גיט מיר מיט מײַנע טאָטערס פרייע הענט און איך וועל אײַך ברענגען ידיעות.

אָסקערקאַ, פאַר וועלכן ס׳איז קיין סוד נישט געווען וואָס באַבינעטש איז, האָט באַלד גענומען זיין פאָרשלאָג שטאַרק אונטער-שטיצן:

— ביי גאָט! דאָס איז אַ טייערער איינפאַל! אַזאַ ריטער און אַזאַ חייל איז דאָרט נויטיק. אויב די פערד זענען גאָר אויסגערוט...

דאָ האָט אָסקערקאַ מפסיק געווען, ווייל דער אָרדאָנאַנץ אָפיציר איז ווידער אין די שטוב אַריינגעקומען.

— הויך-וואויל-געבוירענער הער העטמאַן — האָט ער געזאָגט — עס זענען דאָ צוויי זעלנער פון האָראָטקעוויטשס פולק, וועלכע רייסן זיך צו אייך, הויך-וואויל-געבוירענער הער.

— געלויבט איז גאָט! — האָט הער סאַפּיעהאַ געזאָגט, אַ קלאַפּ-טוענדיק זיך מיט די הענט איבער די קני — עס וועלן אויך זיין ידיעות... לאָז אַריין!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אַריינגעקומען צוויי רייטער, אָפּגעריסענע און פאַרבלוטיקטע.

— פון האָראָטקעוויטשן? — האָט סאַפּיעהאַ געפרעגט.

— יאָ.

— וווּ איז ער איצט?

— דערהרגעט, און אויב נישט דערהרגעט, ווייסן מיר נישט, וווּ ער איז...

דער וואָיעוואָדע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָבער זיך אַוועק-געזעצט און באַלד גענומען רואיק חוקר-ודורש זיין:

— וווּ איז דער פולק?

— צעקלאַפּט דורכן פירשט באָגוסלאַוו.

— אַ סך זענען אומגעקומען?

— מ׳האָט אונדז פאַרטיליקט ביז איינעם, אפשר זענען אַפּאָר ניצול געוואָרן און מ׳האָט זיי, ווי אונדז, אין געפאַנגענשאַפט גענומען. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז אויך דער פולקאָווניק איז אַנטקומען; אָבער אַז ער איז פאַרוואונדעט, האָב איך אַליין געזען. מיר זענען אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט.

— וווּ איז מען אייך באַפאַלן?

— בײַ טיקאָטשין.

— פאַרוואָס האָט איר זיך הינטער די מויערן נישט געשיצט, אויב איר זענט נישט געווען בײַ די כוחות?

— טיקאָטשין איז גענומען.

דער העטמאַן האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן, דערנאָך האָט ער מיט איר געפירט איבערן שטערן.

— אַ סך מענטשן האָט באָגוסלאַוו מיט זיך?

— פאַראַן אַ פיר טויזנט רײַטער, אַ חוץ פוס-גייער און האַרמאַטן. די פוס-גייער האַלטן זיך זייער גוט, די רײַטער האָבן זיך אַ לאָז-געטאָן די ערשטע, פירנדיק אונדז מיט זיך, אָבער מיר האָבן זיך בשלום אַרויסגעריסן.

— פון וואַנען זענט איר אַנטלאָפן?

— פון דראָהיטשין.

סאַפּיעהאַ האָט ברייט די אויגן אויפגעמאַכט.

— הער אָפיציר, איר זענט שכור. ווי אַזוי האָט באָגוסלאַוו שוין געקאָנט צו דראָהיטשין צוקומען? ווען האָט ער אײַך צעקלאַפּט?

— מיט צוויי וואָכן צוריק.

— און ער איז אין דראָהיטשין?

— נאָר זײַנע פאָרפּאָסטנס, ער אַליין איז געבליבן פון הינטן, ווײַל דאָרט איז געכאַפּט געוואָרן עפּעס אַן אָפּטיילונג, וועלכע הער קמיטשיץ האָט געפירט.

— דאָס פרײַלײַן באַזשאָבאָהאַטאַ האָט ער געפירט! — האָט הער קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן.

און אַ שטילשווײַגן האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערס, ווי פריער. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גענומען. באָגוסלאַווס אַזוי אומגעריכטע דערפאָלגן האָבן די אָפיצירן שטאַרק צעטומלט. אַלע האָבן זיך אויך אין האַרצן געטראַכט, אַז שולדיק איז דאָ דער הער העטמאַן דורך זײַן פאַרשלעפּן, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט די העזה זיך וועגן דעם הויך אָנצורופן.

סאַפּיעהאַ ווידער האָט געפילט, אַז ער האָט געטאָן, וואָס מ'האָט געדאַרפט און געהאַנדלט שכלדיק. ער האָט זיך דעריבער

אויך דער ערשטער אויסגעניכטערט פון דעם רושם, האָט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט אַרויסגעשיקט די צוויי אָפּיצירן און דערנאָך געזאָגט:

— דאָס אַלץ זענען געוויינלעכע מלחמה־פּאַרלויפּענישן, פון וועלכע קיינער דאַרף נישט נתפּעל ווערן. גנעדיקע הערן, מיינט נישט, אַז מיר האָבן שוין עפּעס אַ מפּלה געליטן. אַ שאָד יענע פּולקן, אמת... אָבער הונדערט מאָל גרעסער וואָלט געקאָנט זיין דער שאָדן פאַרן פאָטערלאַנד, ווען באָגוסלאַוו וואָלט אונדז אין אַ ווייטע וואָיעוואָדזטווע אַוועקגעצויגן. ער גייט צו אונדז... ווי גאַסט־פריינטלעכע בעלי־הבתים וועלן מיר אים אָקעגנפאָרן.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די פּולקאָווניקעס:

— אויף מיינע באַפעלן דאַרפן אַלע זיין גרייט צום אַרויסמאַרשירן.

— זיי זענען גרייט — האָט אָסקערקאַ געזאָגט — נאָר די פערד צוימען אין אַ סיגנאַל צום אַרויספּוצן־זיך געבן.

— נאָך היינט דעם סיגנאַל געבן. מאָרגן פאַרטאָגס לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין, אָן שום שהיות... הער באַבינישט וועט אַ שפּרינג־טאָן פאַראויס מיט די טאָטערס און וואָס גיכער אונדז אַן אויסזאָגער אויפכאַפּן.

קמיטשיץ האָט קוים דערהערט, ווי ער איז שוין געווען הינטער דער טיר, און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין הענדום־פּענדום געפלויגן צו ראָקיטנאָ־צו.

און הער סאַפּיעהאַ האָט אויך לענגער קיין שהיות נישט געמאַכט.

ס'איז נאָך געווען נאַכט, ווען די טראָמפּייטן האָבן זיך צעצויגן אָנגערופן, דערנאָך האָבן די רייטער און פוס־גייער גענומען זיך אַרויסשיטן אין פעלד; הינטער זיי האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע שורה פון סקריפּנדיקע וועגנס. די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין די באַוועגונגען פון די פּיקסן און אויף די שפּיצן פון די שפּיזן.

און ס'איז געגאַנגען אַ רעגימענט נאָך אַ רעגימענט, אַ פּולק נאָך אַ פּולק זייער געשיקט. די רייטער האָבן געזונגען שעה־

געבעטן, און די פערד האָבן מונטער געשנאָרכט אין דער פרימאָרגן-קעלט, אין וואָס די זעלנער האָבן געזען אַ סימן פון אַ זיכערן נצחון.

די הערצער זענען פול געווען מיט מוט, ווייל די ריטער האָבן דאָס שוין געוווסט פון דער פּראַקטיק, אַז הער סאַפּיעהאַ איז זיך מיישב, דרייט מיטן קאָפּ און לייגט זיך גוט איבער יעדע אונטערנעמונג, אָבער אַז ער נעמט זיך עפּעס אונטער, פירט ער עס אויס, און אַז ער מאַרשירט אַרויס, שלאָגט ער.

אין ראָקיטנאָ האָט מען שוין קיין שפּורן פון די טאָטערס נישט אָנגעזען; זיי זענען נאָך נעכטן אויף דער נאַכט אַוועק און שוין געמוזט זיין זייער ווייט. דעם הער סאַפּיעהאַ האָט געחידושט דאָס, וואָס אויפן וועג איז שווער געווען זיך וועגן זיי צו דערפרעגן, הגם די אָפּטיילונג, וואָס האָט צוזאַמען מיט די פרייוויליקע געציילט ביז אַ פּאָר הונדערט מענטשן, האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין אומבאַמערקט.

די אָפיצירן, די מער דערפאַרענע, האָבן זייער באַוווּנדערט דעם דאָזיקן מאַרש און דעם הער באַבינישטש, וואָס ער האָט אַזוי געקאָנט פירן.

— ווי אַ וואָלף גייט ער דורך קשאַקעס און ווי אַ וואָלף וועט ער אַ ביס-טאָן — האָט מען געזאָגט — דאָס מוז שוין איין מאָל זיין אַן אויסגעפרווּוטער מלחמה-מאַן!

און הער אָסקערקאַ, וועלכער האָט, ווי געזאָגט, געוווּסט ווער באַבינישטש איז, האָט זיך געווענדט צום הער סאַפּיעהאַ:

— נישט בחנם האָט כאָוואַנסקי אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ באַשטימט. גאָט וועט געבן אַ נצחון ווען ער וועט וועלן, אָבער דאָס איז שוין זיכער, אַז באָגוסלאַוון וועט די מלחמה מיט אונדז אינגיכן נמאס ווערן.

— אַ שאָד נאָר, וואָס באַבינישטש איז ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן — האָט דער העטמאַן געענטפערט.

עס זענען טאַקע אַריבער דריי טעג אָן שום ידיעה. סאַפּיעהאַס הויפּט-כוחות זענען צוגעקומען ביז דראָהיטשין, אַריבער דעם בוג און נישט געפונען דעם שונא פאַר זיך. דער

העטמאַן האָט זיך גענומען באַאומרואיקן. לויט די אויסזאָגענישן פון די רייטער זענען באַגוסלאַווס פּערספּעקטנס שוין געווען צוגעקומען טאַקע ביז דראָהיטשין, ס'איז דעריבער קלאָר געווען, אַז באַגוסלאַוו האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוציען. אָבער וואָס באַדייט דאָס דאָזיקע צוריקציען זיך? צי האָט באַגוסלאַוו זיך דערוויסט וועגן סאַפּיעהאַס איבערוועגנדיקע כּוחות און זיך נישט דערוועגט צו פאַרמעסטן זיך מיט זיי, אָדער גאָר ער האָט געוואָלט דעם העטמאַן אָוועקשלעפּן ווייט אויף צפון, כּדי צו פאַרלייכטערן דעם שוועדישן קעניג דעם איבערפאַל אויף טשאַרניעצקין און די קרוין־העטמאַנס? באַבּיניטש האָט שוין געדאַרפט האָבן פאַרכאַפּט אַן אויסזאָגער און צו וויסן געבן דעם העטמאַן. די אויסזאָגענישן פון די רייטער בנוגע דער צאָל פון באַגוסלאַווס חיילות האָבן געקאָנט זיין טעותדיקע, מ'האָט דעריבער וואָס גיכער געדאַרפט האָבן וועגן איר אַ גענויען באַריכט.

דערווייל זענען אַריבער נאָך פינף טעג, און באַבּיניטש האָט וועגן זיך נישט געגעבן צו וויסן. עס איז געקומען פרילינג. די טעג זענען געוואָרן וואָס אַמאָל ווארעמערע, דער שניי איז צעגאַנגען. די געגנט האָט זיך באַדעקט מיט וואַסער, אונטער וועלכן ס'האָבן געדרעמלט זומפּיקע בלאָטעס, וואָס האָבן אומגעהייער שווער געמאַכט דעם מאַרש. דעם גרעסטן טייל פון די האַרמאַטן און וועגנס האָט דער העטמאַן געמוזט איבערלאָזן נאָך אין דראָהיטשין. דאָס האָט גורם געווען גרויסע אומבאַקוועמלעכקייטן און אַגעמורמעל, בפרט צווישן לאַנד־שטורעם. אין בראַנסק האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ זעלכע וואַסערן, אַז די פוס־גייער האָבן נישט געקאָנט ווייטער גיין. דער העטמאַן האָט איפּן וועג צונויפגענומען פערד ביי די פויערן און קליינער שלאַכטע און אויף זיי די שיסער אַרויפגעזעצט. די איבעריקע האָט גענומען די לייכטע קאַוואַלעריע; אָבער מ'האָט שוין צו ווייט זיך געהאַט געריקט און דער העטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז עס בלייבט נאָר איבער איין ברירה: צו גיין וואָס גיכער.

באַגוסלאַוו האָט זיך אַלץ צוריקגעצויגן. איפּן וועג האָט מען כּסדר אָנגעטראָפן אויף זיינע שפּורן, דאָ און דאָרט אויף

פֿאַרברענטע דערפֿער, אויף מענטשלעכע קערפּערס, וואָס זענען געהאָנגען אויף די בוימער. די קליינע, אָרטיקע שלאַכטע איז יעדע ווײַלע געקומען מיט ידיעות אין סאַפּיעהאַס לאַגער, אָבער דער אמת איז, ווי תּמיד, צעפֿלאָסן געוואָרן אין די סתּירהדיקע אויסזאָגענישן. דער האָט געזען איין פּולק און געשווירן, אַז דער פֿירשט האָט נישט מער קיין חיל; אַן אַנדערער האָט געזען צוויי, אַ דריטער דריי, אַפֿערטער אַ מאַכט, וואָס האָט אין מאַרש אויף אַ מייל זיך געצויגן. הקיצור, געווען זענען דאָס מעשׂות, וואָס עס דערציילן געוויינלעך מענטשן, וואָס זענען נישט באַהאָוועט אין מיליטערישע זאַכן און אין מלחמה-פֿאַך.

מ'האָט אויך דאָ און דאָרט געזען טאָטערס, אָבער גראָד די ידיעות וועגן זיי זענען אויסגעקומען אַממייסטן אומגלייבלעך; וואָרום מ'האָט דערציילט, אַז מ'האָט זיי געזען נישט הינטערן פֿירשטס חיל, נאָ'פֿאַרן חיל, גייענדיק פֿאָרויס. דער הער סאַפּיעהאַ האָט צאָרנדיק געסאַפּעט, ווען עמיצער האָט פֿאַר אים באַביניטשס נאָמען דערמאָנט און ער האָט געזאָגט צו אָסקערקאָן:

— איר האָט אים צופֿיל געגלייבט. אין אַ בייזער שעה האָב איך אַוועקגעשיקט וואָלאָדיאָווסקין, ווײַל ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך שוין לאַנג געהאַט אַזוי פֿיל געפֿאַנגענע, וויפֿיל כ'וואָלט אַליין וועלן, און דאָס איז אַ רוח, אָדער גאָר נאָך ערגער... ווער ווייסט אים, אפשר איז ער גאָר אויף אַן אמת צוגעשטאַנען צו באָגוסלאַוון און גייט אין דער פֿאָדערשטער וואַך!

אָסקערקאַ האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער זאָל קלערן. דערווײַל איז ווידער אַריבער אַ וואָך: דאָס חיל איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק.

געווען איז דאָס מיטאָג-צײַט.

מיט צוויי שעה שפּעטער האָבן די פֿאָדערשטע וואַכן געגעבן צו וויסן, אַז עפּעס אַן אָפּטיילונג דערנענטערט זיך.

— אפשר באַביניטש! — האָט דער העטמאַן אויסגעשריגן — איך וועל אים געבן אַן אָרנטלעכן פּסק!

אָבער דאָס איז נישט געווען באַביניטש אַליין. אין לאַגער איז אָבער געוואָרן אַזאַ גערודער צוליבן אָנקומען פֿון דער

ראָזיקער אָפּטיילונג, אַז הער סאַפּיעהאַ איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק-טאָן, וואָס עס קומט פּאַר.

דערווייל זענען אָפיצירן פון פאַרשידענע פּולקן אָנגעלאָפן, שרייענדיק:

— פון באַבינישטן! געפאַנגענע! אַ גאַנצע קופּע!.. אַ סך מענטשן האָט ער אָפּגעפליקט!

דער העטמאַן האָט טאַקע דערזען אַ פּאָר צענדליק מענטשן אויף אָפּגעמאָגערטע און אויסגעקראָכענע פערד. זיי האָבן אַרומגערינגלט אַן ערך פון דריי הונדערט מענטשן מיט געבונ-דענע הענט, שלאָגנדיק זיי מיט בייטשן פון רויען לעדער. די געפאַנגענע האָבן געהאַט אַ מוראדיקן אויסזען. געווען זענען דאָס גיכער מענטשלעכע שאָטנס, איידער מענטשן, אָפּגעריסענע, האַלב-נאַקעטע, אויסגעדאַרטע אַזוי, אַז די ביינער האָבן זיי דורך דער הויט אַרויסגעשטאַרט, פאַרבלוטיקטע, זענען זיי געגאַנגען האַלב-געבעדיקע, גלייכגילטיק אויף אַלץ, אַפילו אויפן געפייף פון רויען לערער, וואָס האָט זיי געשניטן די הויט, און אויף די ווילדע קולות פון די טאָטערס.

— וואָס פּאַר אַ מענטשן זענען דאָס? — האָט דער העטמאַן געפרעגט.

— באַגוסלאַווס מיליטער! — האָט געענטפערט איינער פון קמיטשיצס פּריוויליקע, וועלכער האָט די געפאַנגענע צוזאַמען מיט די טאָטערס באַגלייט.

— און פון וואַנען האָט איר זיי אַזוי פיל גענומען?

— כמעט אַ העלפט איז אונדז נאָך אויפן וועג פון פאַר-מאַטערטקייט געפאַלן.

אין דעם איז צוגעגאַנגען אַן עלטערער טאָטער, אַ וואַכמייס-טער מסתמא, און פאַרנייגנדיק זיך ביז צו דער ערד האָט ער דעם הער סאַפּיעהאַ אָפּגעגעבן קמיטשיצס אַ בריוו.

דער העטמאַן האָט נישט וואַרטנדיק דעם זיגל אָפּגעבראָכן און גענומען הויך לייענען:

„הויך-וויל-געבוירענער הער העטמאַן!

„אויב איך האָב ביז איצט נישט צוגעשיקט קיין ידיעות און

קיין געפאַנגענע, איז עס דערפאַר, וואָס איך בין געגאַנגען פאַר און נישט הינטער פירשט באָגוסלאַווס חיילות און כ׳האָב געוואָלט מיט אַ גרעסערער קופּע זיך צודיגען...

דער העטמאַן האָט איבערגעריסן דאָס לייענען.

— דאָס איז אַ טייוול! — האָט ער געזאָגט — אַנשטאָט צו גיין הינטערן פירשט, האָט ער זיך גאָר פאַר דעם פירשט אַרויסגעקריגן!

— אַז די קוילן זאָלן אים טרעפן!.. — האָט אָסקערקאַ שטילערהייט צוגעגעבן.

דער העטמאַן האָט געלייענט:

„ווייל הגם דאָס איז געווען אַ געפערלעכע אונטערנעמונג, מחמת די פאַרפּאָסטנס זענען געגאַנגען ברייט, האָב איך פונדעסטוועגן נאָכדעם, ווי איך האָב צוויי פון זיי פאַרטיליקט און קיינעם ביים לעבן נישט געלאָזט, זיך אַרויסגעקריגן פאָרנט, פון וואָס דער פירשט איז שטאַרק צעטומעלט געוואָרן, ווייל ער האָט באַלד זיך משער געווען, אַז ער איז אַרומגערינגלט און אַז ער קריכט ווי אין אַ נעץ אַריין...

— אָט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי אומגעריכט צוריקגעצויגן! — האָט דער העטמאַן אויסגערופן — אַ טייוול, אַן אמתער טייוול!

אָבער ער האָט געלייענט וואָס אַמאָל גייגעריקער:

„נישט פאַרשטייענדיק, וואָס עס איז געשען, האָט ער אָנגעהויבן דעם קאָפּ צו פאַרלירן און אַרויסגעשיקט איין פאָרפּאָסט נאָכן אַנדערן, וועלכע מיר האָבן אויך שטאַרק אַרומגעציפּט, אַז קיין איינער האָט אין דער זעלבער צאָל נישט צוריקגעקערט. און גייענדיק פאָרנט, האָב איך פּראָוויאַנט איבערגעכאַפּט, דאָמבעס פאַנאַנדערגעגראָבן און בריקן קאַליע-געמאַכט, אַזוי אַז זיי האָבן מיט גרויס מאַטערניש געקאָנט מאַרשירן ווייטער, נישט שלאָפנדיק, נישט עסנדיק נישט זייענדיק זיכער ביי טאָג און ביי נאַכט. פון לאַגער האָבן זיי נישט געקאָנט זיך אַרויסרירן, ווייל די טאָטערס האָבן די אומפאַרזיכטיקע געכאַפּט, און אַז דער לאַגער האָט איינגעדרעמלט, האָט אים פון די קשאַקעס אויפגעוועקט אַ מוראדיק

געבּרום, און מיינענדיק, אַז עס גייט אויף זיי אַ גרויסע אַרמיי, האָבּן זיי גאַנצע נעכט געמוזט שטיין גרייט צום קאַמף. דאָס האָט דעם פּירשט דערפירט צו אָפּהעטיקייט, ער ווייסט נישט, וואָס ער זאָל טאָן, ווו זיך קערן און ווו זיך ווענדן — דערפאַר דאַרף מען גיך אויף אים זיך אַ לאָז־טאָן, כּל־זמן דער טעראָר וועט נישט אַריבּערגיין. חייל האָט ער זעקס טויזנט, אָבּער קרוב צו טויזנט האָט ער פאַרלוירן. די פערד פאַלן אים. די רייטער זענען גוטע, די פוס־גייער לייטישע, גאָט האָט אָבּער געמאַכט, אַז פון טאָג צו טאָג ווערט דאָס איינגעשרומפּען, און זאָלן נאָר אונדזערע חיילות צו זיי אָנשפּאַרן, וועלן זיי זיך צעפליען. דעם פּירשטס קאָטשן, אַ טייל פון פּראָוויאַנט און טייערע חפצים האָב איך אין ביאַליסטאָק פאַרכאַפּט, מיט צוויי האַרמאַטן, אָבּער די גרעסערע האָב איך געמוזט אין וואַסער אַראָפּלאָזן. דער פּירשט דער בּוגד איז פון כּסדרדיקן עגמת־נפש שטאַרק קראַנק געוואָרן און ער קאָן קוים אויפן פערד איינזיצן, דאָס קדחת לאָזט אים נישט אָפּ בּייטאָג און בּיינאַכט. פרייליין בּאָזשאָבּאָהאַטאַ איז פאַרכאַפּט, אָבּער קראַנקערהייט קאָן ער אויף איר צניעות זיך נישט אָנזעצן. אַזעלכע ידיעות און אויסזאָגענישן וועגן יאוש האָב איך אַרויסבּאַקומען פון די געפאַנגענע, וועלכע מיינע טאָטערס האָבּן צוגעבּראָטן און וואָס אויב מ׳וועט זיי נאָך אַמאָל צובּראָטן, וועלן זיי דעם אמת איבּערחזורן. זייענדיק ווייטער גרייט דעם הויך־וויל־געבּוירענעם האַר און העטמאַן מיינעם הכנעהדיק צו דינען, בּעט איך מיר מוחל צו זיין, אויב כ׳בּין אין עפּעס בּאַגאַנגען אַ פעלער. די טאָטערס זענען ווילדע יינגן און זעענדיק אַ סך שלל, דינען זיי אויסגעצייכנט".

— הויך־וויל־געבּוירענער הער! — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן — ס׳איז אייך שוין אודאי נישט אַזאַ גרויסער שאָד, וואָס וואָלאָדיאָווסקי איז דאָ נישטאָ, ווייל אויך ער קאָן זיך מיטן דאָזיקן שטן־המשחית נישט פאַרגלייכן.

— דאָס זענען פּלאַי־פּלאַימדיקע זאַכן! — האָט הער סאַפּיעהאַ געזאָגט אָננעמענדיק זיך פאַרן קאָפּ — זאָגט ער נאָר נישט קיין ליגן?

— דאָס איז אַן אַמבּיציעזער בּעל־דבר! ער האָט אַפילו

דעם ווילנער פירשט וואָיעוואָדע דעם אמת אין די אויגן אַריין געזאָגט, אַלץ איינס, צי ס׳איז אים ניחא געווען צו הערן, אָדער נישט. אָט פּונקט אַזוי האָט ער זיך געשפּילט מיט כאָוואַנסקין, באָר כאָוואַנסקי האָט געהאַט פּופּצען מאָל אַזוי פיל מיליטער.

— אויב דאָס איז אמת, דאַרף מען אָנגרייפן וואָס גיכער — האָט סאַפּיעהאַ געזאָגט.

— כל־זמן דער פירשט וועט נישט קומען צו זיך.

— לאָמיר זיך לאָזן אין וועג אַריין, געדענקט אין גאָט! יענער גראָבט אים די דאַמבעס פאַנאַנדער און מיר וועלן דעריבער אים אָניאָגן!

די געפאַנגענע, וועלכע די טאָטערס האָבן אין אַ קופּע פאַרן העטמאַן געהאַלטן, האָבן דערוייל, זעענדיק פאַר זיך דעם העטמאַן, גענומען קרעכצן, וויינען, זייער בויט אַרויסווייזן און אויף פאַרשיידענע לשונות רחמים בעטן. וואָרום עס זענען צווישן זיי געווען שוועדן, דייטשן און שאָטן, וואָס האָבן באָגוסלאַוון באַגלייט. דער הער סאַפּיעהאַ האָט זיי אָפּגענומען פון די טאָטערס, געהייסן עסן געבן און די חקירה־ודרישה אָן ענויים פירן.

די אויסזאָגענישן האָבן באַשטעטיקט קמיטשיצס ווערטער. סאַפּיעהאַס אַלע היילות האָבן זיך דעריבער מיטן גאַנצן אימפּעט אַלאַז געטאָן פאָרויר

19 קאַפּיטל

קמיטשיצס ווייטערדיקער באַריכט איז געקומען פון סאָקולקאַ און איז געווען אַ קורצער:

„כדי אונדזערע חיילות אין אַ טעות אַריינצופירן, האָט דער פירשט סימולירט אַ מאַרש קיין שטשוטשין, וווהין ער האָט אַ פאָרפּאָסטן אַרויסגעשיקט. אַליין איז ער מיט די הויפּט־כּוחות אַוועק קיין יאַנאָוו און דאָרט באַקומען פאַרשטאַרקונגען אין פוס־גייער, וועלכע קאַפּיטאַן קיריץ האָט צוגעפירט: אַכט הונדערט גוטע מענטשן. פון אונדזערע מען דעם פירשטס פייער. אין יאַנאָוו זאָלן זיי אַ וואָך זיך אָפּרוען. די געפאַנגענע זאָגן, אַז ער איז אַפילו גרייט אַ שלאַכט אויפצונעמען. דאָס קדחת וואַרפט אים נאָך אַלץ".

נאָכן דערהאַלטן דעם דאָזיקן באַריכט האָט הער סאַפּיעהאַ, איבערלאָזנדיק דירעשט וועגנס און האַרמאַטן, מאַרשירט קיין סאָקולקאַ און צום סוף זענען ביידע אַרמייען געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים. מ'האָט אויך פאָרויסגעזען, אַז די שלאַכט איז אַן

אומפאַרמיידלעכע, ווייל די איינע האָבן שוין נישט געקאָנט ווייטער אַנטלויפן, און די צווייטע — נאָכיאָגן. דערווייל זענען זיי ווי די רינג-קעמפער וואָס דאַרפן זיך נאָך אַ לאַנגען יאָגעניש פאַר די אַקסלען אָנכאַפּן, געלעגן איינער אַקעגן צווייטן, שעפנדיק לופט מיט די פאַרקייכטע גאָרגלען, און אָפּגערוט.

דער העטמאַן, אַז ער האָט דערזען קמיטשיצן, האָט ער אים געכאַפּט אין די אָרעמס און געזאָגט:

— איך בין שוין געווען בייז אויף דיר, וואָס דו האָסט אַזוי לאַנג נישט געגעבן וועגן זיך קיין ידיעה, אָבער כ'זע, אַז דו האָסט מער אויפגעטאָן, ווי כ'האָב זיך געקאָנט ריכטן און אַז גאָט וועט געבן אַ נצחון, וועט עס זיין דיין פאַרדינסט, און נישט מיינער. ביסט ווי אַ באַשיצנדיקער מלאך באָגוסלאַוון נאָכגעגאַנגען!

אין קמיטשיצס אויגן האָט אַ בייז פייערל אויפגעבליצט:

— אויב כ'בין פאַר אים אַ באַשיצנדיקער מלאך, מוז איך אויך ביי זיין יציאת-נשמה זיין.

— דאָס איז פון גאָט אָפּהענגיק — האָט דער העטמאַן ערנסט געזאָגט — אָבער אויב דו ווילסט, אַז ער זאָל דיך בענטשן, זאָלסטו דעם שונא פון פאָטערלאַנד, און נישט דעם פּריוואַטן שונא רודפן.

קמיטשיץ האָט זיך שטילשווייגנדיק פאַרבויגן, אָבער ס'איז נישט קענטיק געווען, אַז דעם העטמאַנס שיינע ווערטער זאָלן אויף אים האָבן געמאַכט וועלכן עס איז רושם. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַן אומברחמנותדיקע שנאה און ס'איז באַזונדערס אימהדיק געווען דערפאַר, וואָס עס איז פון די מאַטערנישן פון דעם געיעג נאָך באָגוסלאַוון נאָך מער אויסגעמאָגערט געוואָרן. אַ מאָל האָבן אויפן דאָזיקן פּנים זיך געמאָלט נאָר מוט און עזות־דיקע צולאָזונקייט, איצט איז עס געוואָרן רוי און צוגלייך פאַרביסן. האָסט לייכט איינגעזען, אַז ווען דער דאָזיקער מענטש האָט אין האַרצן נקמה

אָנגעצייכנט, דער דאַרף זיין געוואָרנט, מצג ער אַפילו זיין אַ ראַדזיוויל.

ער האָט זיך טאַקע שוין שרעקלעך נוקם געווען. פֿאַרדינסטן האָט ער אין דער דאָזיקער מלחמה אָפּגעגעבן באמת געוואַלדיקע. אַרויסקריגנדיק זיך פֿאַר באַגוסלאַוון, האָט ער אים צעטומעלט, די חשבונות צעמישט, איינגעפּלאָנצט אין אים די איבערצייגונג, אַז ער איז אַרומגערינגלט און צום צוריקציען-זיך געצוווּנגען. ער איז ווייטער פֿאַר אים געגאַנגען טאָג און נאַכט. די פֿאַרפּאָסטנס צעקלאַפּט, פֿאַר די געפּאַנגענע געווען אומדערבאַרעמדיק. אין סעמיאַטיטש, אין באָצקי, אין אָרלאַ און אַרום ביעלסק איז ער אין דער שטילער נאַכט אָנגעפֿאַלן אויפֿן גאַנצן לאַגער.

אין וואָישקי, נישט ווייט פֿון זאַבלודאָוו, אויף ראַדזיווילס געביטן, איז ער ווי אַ בלינדער הוראַגאַן אַרויפֿגעפֿאַלן אויף די קוואַרטיר פֿון פֿירשט גופא, אַזוי, אַז באַגוסלאַוו, וועלכער האָט זיך גראָד געהאַט צום מיטאָג געזעצט, איז שיר אַ לעבעדיקער אין זיינע הענט נישט אַריינגעפֿאַלן און נאָר אַ דאַנק דעם הער סאַקאָוויטש, דעם אָשמיאַנער גרענעץ-ריכטער, איז ער ניצול געוואָרן מיטן לעבן. ביי ביאַליסטאָק האָט קמיטשיץ פֿאַרכאַפּט באַגוסלאַווס קאָטשן און שפּייז-שענק. דאָס חייל זיינס האָט ער פֿאַרמאַטערט, צערודערט, אויסגעהונגערט. די אויסגעצייכנטע דייטשע פֿוס-גייער און שוועדישע רייטער, וועלכע באַגוסלאַוו האָט מיט זיך געבראַכט, האָבן צוריקגעקערט, ענלעך אויף גייענדיקע סקעלעטן, צעדולטע, איבערגעשראָקענע, נישט אויסגעשלאָפֿענע. דאָס ווילדע געהייל פֿון קמיטשיצס טאָטערס און פֿרייווילליקע האָט זיך געלאָזט הערן פֿאַר זיי, פֿון די זייטן, פֿון פֿאָרנט, פֿון הינטן. קוים האָט דער פֿאַרמאַטערטער זעלנער די אויגן צוגעטאָן, ווי ער האָט געמוזט זיך צום געווער כאַפּן, וואָס ווייטער, אַלץ ערגער איז געווען.

די קליינע שלאַכטע, וואָס האָט באַוויזנט יענע מקומות, האָט זיך פֿאַראייניקט מיט די טאָטערס, אַ ביסל מחמת שנאה צו די בירזשער ראַדזיווילס, אַ ביסל מחמת מורא פֿאַר קמיטשיצן,

ווייל די ווידערשפעניקע האָט ער באַשטראָפט אָן רחמנות. זיינע כּוחות זענען בכן געוואַקסן, און באָגוסלאַווס זענען איינגעשרומפּן.

דערצו איז באָגוסלאַוו אַליין טאַקע קראַנק געווען, און הגם עס האָט אין האַרצן פון דאָזיקן מענטש קיין דאגה זיך קיינמאָל נישט באַזעצט אויף לאַנג און הגם די אַסטראָלאָגן, וועלכע ער האָט בלינד געגלויבט, האָבן אים אין פרייסן נביאות געזאָגט, אַז זיין פּערזאָן וועט קיין שום בייז נישט געשען אין דער דאָזיקער עקספּעדיציע, האָט אָבער זיין אַמביציע, די אַמביציע פון אַ פירער, נישט איינמאָל שווער געליטן. ער, וואָס זיין נאָמען, אַלס פירער, האָט מען איבערגעחזרט מיט באַוווּנדערונג אין האָלאַנד, איבערן רהיין און אין פראַנקרייך, איז אין די דאָזיקע טיפע וועלדער יעדן טאָג געשלאָגן געוואָרן דורך אַן אומגעזעענעם שונא און אַ שלאַכט געוואָרן באַזיגט.

דערביי איז אין דאָזיקן גייסט געווען אַזאַ אומגעווינלעכע פאַרביסנקייט און העפטיקייט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען יעדע געווינלעכע מלחמה־מאָס, אַז באָגוסלאַוו האָט מיט זיין איינגעבוירענעם פלינקען שכל נאָך אַ פּאָר טעג זיך אָנגעשטויסן, אַז עס רודפט אים עפּעס אַן אומברחמנותדיקער פערזענלעכער שונא. ער האָט זיך לייכט דערוווּסט דעם נאָמען: באַביניטש, ווייל עס האָט אים איבערגעחזרט די גאַנצע געגנט, אָבער דער דאָזיקער נאָמען איז אים פרעמד געווען. פונדעסטוועגן האָט ער שטאַרק חשק געהאַט צו באַקומען זיך מיט דער פערזאָן און אויפן וועג בעתן גייעג האָט ער אונטערגעשטעלט צענדליקער און הונדערטער פאַרבאָרגענע סכּנות. תמיד אומזיסט! באַביניטש האָט באַוויזן אויסצומיידן די פאַרוואָרפענע נעץ און פאַרשאַפט אַ מפּלה דאָרט, ווו מ׳האָט זיך אויף איר צום ווייניקסטן געריכט.

ביז ביידע אַרמייען האָבן זיך לסוף אַראָפּגעלאָזט אין די געגנטען פון סאָקולקאַ. באָגוסלאַוו האָט דאָרט טאַקע געפונען פאַרשטאַרקונגען אונטער דער קאָמאַנדע פון פאָן קיריץ, וועלכער האָט פריער נישט געוווּסט, ווו דער פירשט געפינט זיך און

איז אַוועק קיין יאַנאָוו. דאָרט האָט איך געזאָלט באַשטימט ווערן דער גורל פון באָגוסלאַווס עקספּעדיציע.

קמיטשיק האָט פעסט פאַרשפּאַרט אַלע וועגן, וואָס פירן פון יאַנאָוו קיין סאָקולקאַ, קאָריטשין, קוזשניצאַ און סוכאָוואָלע. די אַרומיקע וועלדער, זומפּען און געדיכטעניש האָבן פאַרנומען די טאָטערס. קיין בריף האָט נישט געקאָנט דורכגיין, קיין שום וואָגן מיט פּראָוויאַנט צוקומען - באָגוסלאַוו אַליין האָט זיך דעריבער געאיילט צו דער שלאַכט, כּל-זמן זיינע חיילות וועלן דעם לעצטן יאַנאָווער סוכאַר נישט אויפעסן.

אָבער ווי אַ געריבענער מענטש און בקי אין כּלערליי אינטריגעס, האָט ער באַשלאָסן צוערשט פירן אונטערהאַנדלונגען. ער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז הער סאַפּיעהאַ האָט אין אַזעלכע מינים געגנ אים אַ סך איבערגעשטיגן מיט זיין שכל און דורכגעטריבנקייט. קיין סאָקולקאַ איז בכן אין באָגוסלאַווס נאָמען אָנגעקומען הער סאַקאָוויטש, דער אָשמיאַנער גרענעץ-ריכטער און סטאַראָסטע, זיין הויף-מענטש און פערזענלעכער פריינט. ער האָט געבראַכט מיט זיך בריף און אַ כּוח-הרשאה צו שליסן שלום.

דער דאָזיקער הער סאַקאָוויטש, אַ מענטש אַ תקיף, וועלכער איז שפּעטער צו סענאַטאָרישן כּבוד דערגאַנגען, ווייל ער איז געוואָרן סמאָלענסקער וואָיעוואָדע און שאַץ-מייסטער פון גרויס-פירשטנטום, איז דערווייל געווען איינער פון די באַרימטעסטע ריטער אין ליטע און ער האָט געשמט סיי מיט זיין גבורה און סיי מיט זיין שיינקייט. פון מיטעלן ווקס, האָר אויפן קאָפּ און ברעמען האָט ער געהאַט שוואַרצע, ווי דער פליגל פון אַ ראָב, און אויגן האָט ער געהאַט העל-בלאָע, וועלכע האָבן געקוקט מיט אַ משונהדיקער און אומבאַשרייבלעכער עזותדיקייט, אַזוי, אַז באָגוסלאַוו פלעגט וועגן אים זאָגן, אַז ער דערלאַנגט מיט די אויגן ווי מיט אַ העמערל. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען ווי אַן אויסלענדער, און די דאָזיקע הלבשה האָט ער זיך מיטגעבראַכט פון די נסיעות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט באָגוסלאַוון, גערעדט האָט ער במעט אויף אַלע לשונות; אין

אַ שלאַכט ווידער האָט ער זיך געוואָרפן אין גרעסטן קאָכעניש אַזוי משוגע־ווילד, אַז צווישן די פריינט האָט ער געהייסן „דער מלחמה־קרבן".

אָבער אַ דאַנק זיין ריזיקן כוח און ניכטערקייט איז ער שטענדיק אַרויס בשלום. מ'האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט אַ קאָטש אין מיטן לויפן, אָנכאַפּנדיק פאַר די הינטערשטע רעדער, פאַרהאַלטן; טרינקען האָט ער געקאָנט אָן אַ שיעור. ער האָט צוגעביסן אַקוואָרט פלוימען צו בראָנפען און דערנאָך איז ער געווען אַזוי ניכטער, ווי ער וואָלט גאָרנישט אין מויל אַריין גענומען. מיט מענטשן האַרט, שטאָלץ, אַ גרעסיוו, איז ער אין באָגוסלאַוס הענט ווייך געוואָרן ווי וואַקס. זיטן האָט ער געהאַט געשליפענע און האָט זיך אַפילו אין קעניגלעכע סאַלאָנען געקאָנט געפינען, דערביי אָבער אויך עפּעס אַ ווילדקייט אין דער נשמה, וועלכע איז פון צייט צו צייט, ווי אַ פלאַם אויסגעבראָכן.

געווען איז דאָס גיבער אַ חבר, איידער אַ דינער פון פירשט.

באָגוסלאַוו, וועלכער האָט באמת קיינמאָל קיינעם אין לעבן נישט ליב געהאַט, האָט געהאַט פאַרן דאָזיקן מענטש אַ שוואַכקייט נישט צום בייקומען. בטבע אַ גרויסער קמצן, איז ער פאַר איין סאַקאָוויטשן געווען פרייגעביק. דורך זיינע השפעות האָט ער אים דערהויבן צו דער מדרגה פון גרענעץ ריכטער און מזכה געווען מיט דער אָשמיאַנער סטאַראָסטווע.

נאָך יעדער שלאַכט איז זיין ערשטע שאלה געווען: „ווו איז סאַקאָוויטש און צי האָט אים נישט עפּעס געשאַט?" אויף זיינע עצות האָט ער זיך אַ סך פאַרלאָזט און ער פלעגט אים באַנוצן סיי אין דער מלחמה און סיי צו אונטערהאַנדלונגען, אין וועלכע דעם אָשמיאַנער סטאַראָסטעס דרייסקייט און אַפילו חוצפּא פלעגן האָבן אַ גרויסע פּעולה.

איצט האָט ער אים אַרויסגעשיקט צו סאַפּיעהאַן. אָבער די שליחות איז געווען אַ שווערע, ערשטנס, ווייל ס'האָט אויפן סטאַראָסטע לייכט געקאָנט פאַלן אַ חשד, אַז ער איז געקומען בלויז אויסצושפּירן און בלויז צו זען סאַפּיעהאַס חיילות; צווייטנס,

ווייל דער שליח האָט געהאַט אַ סך צו פאָדערן, אָבער ווייניק צו געבן.

צום גליק, האָט הער סאַקאָוויטש נישט מיט אַבי-וואָס זיך געלאָזט פאַרטומלען. ער איז בכן אַריינגעקומען ווי אַ זיגער, וואָס קומט דיקטירן באַדינגונגען דעם באַזיגטן און ער האָט באַלד מיט זיינע העלע אויגן דורכגעדרונגען דעם הער סאַפּיעהאַ.

זעענדיק די דאָזיקע גדלות, האָט הער סאַפּיעהאַ אַ שמייכל געטאָן, נאָר האַלב מיט רחמנות. יעדער מענטש קאָן מיט דרייסקייט און חוצפּא אַ סך אימפּאָנירן, אָבער נאָר מענטשן פון אַ געוויסער מדרגה; דער העטמאַן איז אָבער לאַנג-ערך העכער געווען פון הער סאַקאָוויטש.

— מיין האַר, פירשט אויף בירזשע און דובינקי, שטאַל-מייסטער פון גרויספירשטנטום און הויפּט-קאָמענדאַנט פון די חיילות פון זיין פירשטלעכער הויכקייט דעם קורפירשט — האָט סאַקאָוויטש געזאָגט — שיקט מיך אַ הער פאַרנייגן-זיך און אָנפרעגן וועגן געזונט פון הויך-ווירדיקן הער.

— דאַנקט דעם פירשט און זאָגט, אַז איר האָט מיך געזען אַ געזונטן.

— כ'האָב דאָ אויך אַ בריוו צום הויך-ווירדיקן הער.

— סאַפּיעהאַ האָט גענומען דעם בריוו, אויפגעמאַכט געגנוג-פול, איבערגעליינט און געזאָגט:

— אַ שאָד די צייט... כ'קאָן נישט אַרויסדרינגען, וואָס דער פירשט איז אויסן... גיט איר זיך אונטער, אָדער איר ווילט פּרוון דאָס מזל?

סאַקאָוויטש האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פאַרחידושטן.

— צי מיר געבן זיך אונטער? כ'מיין, אַז דער פירשט לייגט דאָס טאַקע פאַר דעם הויך-ווירדיקן הער, אַז ער זאָל זיך אונטערגעבן; מיינע אינסטרוקציעס ווייניקסטנס...

סאַפּיעהאַ האָט איבערגעהאַקט:

— וועגן אייערע אינסטרוקציעס וועלן מיר שפּעטער שמועסן. מיין הער סאַקאָוויטש! מיר יאָגן זיך נאָך אייך קרוב צו דרייסיק מייל, ווי די יאַגד-הינט נאָך אַ האָז... האָט איר שוין אַמאָל געהערט, אַז אַ האָז זאָל יאַגד-הינט פאַרלייגן זיך אונטערצוגעבן?

– מיר האָבן באַקומען פאַרשטאַרקונגען.

– פאָן קיריץ מיט אַכט הונדערט מענטשן. די איבעריקע זענען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זיי וועלן זיך פאַר דער שלאַכט אַוועקלייגן. כ׳וועל אייך זאָגן, וואָס כמיעלניצקי פלעגט זאָגן: אַ שאָד די רייד!

– דער קורפירשט מיט דער גאַנצער מאַכט וועט שטיין הינטער אונדז.

– איז גוט... כ׳וועל אים פאַרשפּאָרן ווייט צו זוכן, ווייל איך וויל אים טאַקע פרעגן, מיט וואָס פאַר אַ רעכט ער שיקט מיליטער אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק, וואָס ער איז איר צינש-צאָלער און איז מחויב איר טריי צו זיין?

– מיטן רעכט פון אַ שטאַרקערן.

– אפשר עקסיסטירן אין פּרייסן אַזעלכע רעכט, ביי אונדז נישט... איבעריקנס, אויב איר זענט שטאַרקער, שלאָגט זיך!

– דער פירשט וואָלט שוין לאַנג דעם הויך-ווירדיקן הער געוואָרן אָנגעגריפן, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז חס אויף היימישן בלוט.

– האָט ער געדאַרפט פריער חס זיין!

– דעם פירשט חידושט אויך די פאַרביסנקייט פון די סאַפּיעהאַס אויף ראַדזיווילס הויז און וואָס דער הויך-ווירדיקער הער קווינקלט זיך נישט צוליב פּריוואַטער נקמה דאָס פאָטערלאַנד מיט בלוט צו באַגיסן.

– טפו! – האָט קמיטשיץ, וועלכער האָט הינטער דעם העטמאַנס שטול זיך צוגעהערט צום שמועס, אויסגעשריגן.

הער סאַקאָוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו אים און דורכגענומען מיט די אויגן.

אָבער ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיינס גלייכן, אָדער נאָך אויף אַ בעסערן און אין הער קמיטשיצס אויגן האָט דער סטאַראָסטע געפונען אַזאַ תשובה, אַז ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

דער העטמאַן האָט דעם שטערן געררונצלט.

— זעצט זיך, הער סאַקאָוויטש, און איר זייט דאָרט שטיל!

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דאָס געוויסן זאָגט נאָר דעם אמת, און דאָס מויל צעקייעט אים און שפּייט אַרויס אַ שקר אויף די וועלט. דער, וואָס באַפאַלט דאָס לאַנד מיט פרעמדע חיילות, זאָגט תוכחה דעם, וואָס פאַרטיידיקט עס. גאָט הערט דאָס און דער הימלישער כראָניקער פאַרשרייבט.

— איבער סאַפּיעהאָס שנאה צו די ראַדזיוווילס איז דער ווילנער פירשט וואָיעוואָדע אונטערגעגאַנגען.

— בוגדים און נישט די ראַדזיווילס האָב איך פיינט, און די בעסטע ראיה איז דאָס, וואָס דער פירשט טיש-מייסטער ראַדזיוויל איז אין מיין לאַגער... זאָגט, וואָס ווילט איר?

— הויך-ווירדיקער הער, כ'וועל זאָגן, וואָס איך טראַכט: עס האָט פיינט דער, וואָס שיקט אונטער פאַרבאָרגענע מערדער...

הער סאַפּיעהאַ איז נבהל-ונשתומם געוואָרן.

— איך שיק-אונטער מערדער דעם פירשט באָגוסלאַוו?

סאַקאָוויטש האָט איינגעגראָבן מוראדיקע אויגן אין העטמאַן און פעסט געזאָגט:

— יאָ!

— איר זענט משוגע געוואָרן!

— אייערנעכטן האָט מען הינטער יאַנאָוו געכאַפּט אַ מענטש, אַ רוצח, וועלכער האָט שוין אַמאָל געהערט צו אַ פערשוואָרונג אויפן פירשטס לעבן. די מאַטערנישן וועלן האָבן די פעולה, אַז ער וועט זאָגן ווער עס האָט אים געשיקט...

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט, אָבער אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט הער סאַפּיעהאַ דערהערט, ווי קמיטשיק, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אים, האָט צוויי מאָל דורך פאַרביסענע ליפּן איבערגעחזרט:

— אַ בראָך! אַ בראָך!

— גאָט משפט מיך — האָט דער העטמאַן מיט אַן עכט סענאַטאָרישע חשיבות געענטפערט — פאַר איך און פאַר אייער

פֿירשט וועל איך זיך נישט רעכטפֿערטיקן, ווייל איר זענט נישט באַשאַפֿן צו זיין מיינע שופֿטים. און איר, אַנשטאָט צומאַכן שהיות, זאָגט גלייך, מיט וואָס זענט איר געקומען און וואָסערע באַדינגונגען גיט דער פֿירשט אָן?

— דער פֿירשט און האַר מיינער האָט צעקלאַפּט האָראָט־קעוויטשן, פֿאַרשאַפֿט אַ מפּלה דעם הער קשישטאָף סאַפּיעהאַ, צוריק גענומען טיקאָטשין, דערפֿאַר קאָן ער מיט רעכט פֿאַר אַ זיגער זיך אָנגעבן און אַ גרעסערן נוצן פֿאָדערן. נישט ווילנדיק אָבער קיין קריסטלעך בלוט פֿאַרגיסן, באַגערט ער רואיק קיין פֿרייסן אַוועקצוגיין, פֿאַרלאַנגענדיק גאָרנישט מער, ווי, אַז ער זאָל מעגן זיינע גאַרניזאָנען אין די שלעסער איבערלאָזן. מיר האָבן אויך גענומען נישט ווייניק געפֿאַנגענע, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך חשובֿע אָפֿיצירן, נישט רעכענענדיק דאָס פֿריילײן באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ, וועלכע איז שוין קיין טוראָגי אָפּגעשיקט געוואָרן. זיי קאָנען גלייך אויף גלייך אויסגעטוישט ווערן.

— איר זאָלט זיך מיט נצחונות נישט באַרימען, ווייל אָט האָט מיין פֿאָדערשטע וואַך, מיט וועלכער דער דאָ אָנוועזנדיקער הער באַביניטש האָט אָנגעפֿירט, אייך דרייסיק מייל געשטויסן... און אַנטלויפֿנדיק פֿאַר איר, האָט איר פֿאַרלוירן צוויי מאָל אַזוי פֿיל געפֿאַנגענע, ווי איר האָט פֿריער גענומען; איר האָט פֿאַרלוירן וועגנס, האַרמאַטן, פּראָוויאַנט. דאָס פֿון הונגער אויסגעמאַטערטע מיליטער אייערס פֿאַלט, איר האָט נישט וואָס צו עסן, איר ווייסט נישט ווו זיך צו קערן און ווענדן. איר האָט געזען מיין מיליטער. כ'האָב בכּיון נישט געהייסן אייך די אויגן בינדן, כּדי איר זאָלט קאָנען זיך אַרומקוקן, צי איר זענט בכּוח זיך מיט אונדז צו פֿאַרמעסטן. וואָס שייך יענעם פֿריילײן, בין איך נישט איר אַפּוטרופּס, נאָר הער זאַמאָיסקי און פֿירשטין גריזעלדאַ ווישניאָוויעצקאַ. מיט זיי וועט דער פֿירשט האָבן חשבונות, אויב ער וועט איר אַן עוולה טאָן. און איר זאָגט, וואָס איר האָט נאָך צוזאָגן, און רעדט ווי אַ בר־דעת, ווייל אַ נישט וועל איך דעם הער באַביניטש באַלד הייסן אָנגרייפֿן.

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט סאַקאָוויטש זיך געווענדט צו קמיטשיצן:

— דאָס האָט איר, הייסט עס, אונדז אַזוי געיאָגט אויפן וועג? איר האָט געמוזט ביי קמיטשיצן זיך לערנען די רוצחישע געבג...

— איר האָט אויף דער אייגענער הויט געשפּירט, צי איך האָב גוט זיך אויסגעלערנט!

דער העטמאַן האָט ווידער דעם שטערן געקנייטשט.

— מען דאַרף אייך דאָ נישט האָבן! — האָט ער געזאָגט צו סאַקאָוויטשן — איר קאָנט פאָרן.

— זאָל מיר דער הויך-ווירדיקער הער על-כּל-פּנים געבן אַ בריף צום האַר פירשט.

— זאָל זיין אַזוי. איר וועט וואַרטן אויפן בריף ביים הער אָסקערקאַ.

דערהערנדיק דאָס האָט דער הער אָסקערקאָ באַלד אַרויס-געשפּירט סאַקאָוויטשן. דער העטמאַן האָט צום אָפּשייד אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט און דערנאָך האָט ער זיך תּיכּף געווענדט צום הער אַנדרושקי:

— פּאַרוואָס האָסטו געזאָגט: „אַ בראָך!" ווען מ'האָט וועגן דער געכאַפּטן מענטש גערעדט? — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק שאַרף און שטרענג דעם ריטער אין די אויגן אַריין — שוין-זשע האָט די שנאה אין דיר אַזוי דערשטיקט דאָס געוויסן, אַז דו האָסט טאַקע אונטערגעשיקט אַ מערדער קעגן פירשט?

— ביים הייליקסטן פרייליין, וואָס כ'האָב פאַרטיידיקט. שווער איך, אַז ניין! — האָט קמיטשיץ געענטפערט — נישט דורך פרעמדע הענט וואָלט איך וועלן צו זיין קאָפּ זיך דערקלייבן!

— פּאַרוואָס האָסטו געזאָגט: „אַ בראָך!" קענסט דעם דאָזיקן מענטש?

— כ'קען אים — האָט קמיטשיץ געענטפערט, בלייך-ווערנדיק פון אויפרעגונג און כּעס — כ'האָב אים נאָך פון לוווו אַרויסגע-שיקט קיין טויראָגי... פירשט באָגוסלאַוו האָט פאַרשלעפּט קיין טויראָגי דאָס פרייליין בילעוויטש... כ'האָב ליב דאָס דאָזיקע

פריילײן !.. מיר האָבן געזאָלט חתונה-האָבן... כ'האָב אַרויסגעשיקט דעם דאָזיקן מענטש, כדי ער זאָל מיר וועגן איר געבן אַ ידיעה... אין אַזאַ האַנט איז זי געוועז...

– באַרואיק דיך – האָט דער העטמאַן געזאָגט – האָסט אים געגעבן עפּעס בריף?

– ניין... זי וואָלט נישט וועלן לייענען.

– פאַרוואָס?

– ווייל באָגוסלאַוו האָט איר געזאָגט, אַז כ'האָב זיך אים אָנגעבאָטן דעם קעניג צו פאַרכאַפּן...

– גרויס זענען די סבות פון דיין שנאה צו אים. כ'בין מודה...

– יאָ, הויך-ווירדיקער הער, יאָ!

– דער פירשט קען דעם דאָזיקן מענטש?

– ער קען אים. דאָס איז דער וואַכמייסטער, סאָראָקאַ... ער האָט דאָס מיר געהאָלפן צו פאַרכאַפּן באָגוסלאַוון...

– כ'פאָרשט – האָט דער העטמאַן געזאָגט – עס וואַרט אויף אים דעם פירשטס נקמה.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

– דער פירשט איז אין דער קלעם – האָט דער העטמאַן אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט – ער וועט אפשר מסכּים זיין אים אָפּצוגעבן.

– הויך-ווירדיקער הער! – האָט קמיטשיץ געזאָגט – זאָל דער הויך-ווירדיקער הער פאַרהאַלטן סאַקאָוויטשן און מיך צום פירשט אַרויסשיקן, כ'וועל אים אפשר אַרויסקריגן.

– אַזוי גייט עס דיר וועגן אים?

– אַן אַלטער זעלנער, אַן אַלטער דינער.. אויף די הענט האָט ער מיך געטראָגן. אַ סך מאָל מיר דאָס לעבן געראַטעוועט... גאָט וואָלט מיך געשטראָפט, ווען איך וואָלט אים אין אַזאַ עת-צרה פאַרלאָזט.

און קמיטשיץ האָט גענומען ציטערן פון פאַרדראָס און אומרואיקייט, און דער העטמאַן האָט געזאָגט:

– עס חידושט מיך נישט, וואָס די זעלנער ליבן דיך, ווייל אויך דו ליבסט זיי. כ'וועל טון, וואָס איך קאָן. כ'וועל שרייבן צום פירשט, אַז כ'וועל אים ווערמען ער זאָל אַרויסלאָזן פאַרן

דאָזיקן זעלנער, וועלכער האָט איבעריקנס אויף דיין באַפעל, ווי אַן אומשולדיק ווערקצייג, געהאַנדלט.

קמיטשיץ האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— וואָס גייען אים דאָרט אָן געפאַנגענע, ער וועט אים גישט אָפּלאָזן, אַפילו פאַר דרייסיק.

— וועט ער אים אויך דיר גישט אָפּגעבן, ער וועט נאָך אויף דיין לעבן זיך וואַרפן.

— הויך-ווירדיקער הער... פאַר איינעם וואָלט ער אים אָפּגעגעבן: פאַר סאַקאָוויטשן.

— סאַקאָוויטשן קאָן איך נישט האַלטן געפאַנגען, ער איז אַ שליח!

— זאָל אים דער הויך-ווירדיקער הער פאַרהאַלטן, און איך וועל מיט אַ בריף צום פירשט אַוועקפאָרן. אפשר וועל איך פועלן... גאָט איז מיט אים! אויף די נקמה וועל איך מוותר זיין, אַבי ער זאָל מיר דעם דאָזיקן זעלנער אָפּלאָזן!..

— וואָרט — האָט דער העטמאַן געזאָגט - סאַקאָוויטשן פאַר-האַלטן קאָן איך. אַ חוץ דעם וועל איך שרייבן דעם פירשט, אַז ער זאָל צושיקן אַ נאָמענלאָזן באַגלייט-בריף.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער העטמאַן תיכף גענומען שרייבן. מיט אַ פערטל שעה שפּעטער איז אַ קאָזאַק אַ פלי-געטאָן מיט אַ בריף קיין יאַנאָוו און פאַרנאַכט איז ער צוריק געקומען מיט באָגוסלאַווס תשובה.

„דעם באַגלייט-בריף אויף פאַרלאַנג שיק איך — האָט באָגוסלאַוו געשריבן - און יעדער שליח וועט מיט אים בשלום צוריקקערן, הגם עס הידושט מיך, וואָס דער הויך-ווירדיקער הער פאַרלאַנגט אַ באַגלייט-בריף, האָבנדיק ביי זיך פאַר אַן ערובניק דעם דינער און פריינט מיינעם, דעם הער אָשמיאַנער סטאַראָסטע, וועלכן כ'האָב אַזוי ליב, אַז כ'וואָלט פאַר אים אַלע אייערע אָפיצירן אַרויסגעלאָזט. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז קיין שליחים שלאָגט מען נישט און אַז אַפילו די ווילדע טאָטערס, מיט וועלכע איר פירט מלחמה מיט מיין קריסטלעכן מיליטער, זענען געוויינט ניי נושא-פנים צו זיין, גוט-זאָגנדיק. פאַר דער

זיכערקייט פון שליח מיט מיין פערזענלעכן פירשטלעכן וואָרט, חתמע איך זיך א. א. וו."

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט קמיטשיץ גענומען דעם צאַגלייט־ בריוו, די צוויי קעמליטשס, און איז אָפּגעפאָרן. הער סאַקאָוויטש איז אַלס ערובניק געבליבן אין סאָקולקאַ.

20 קאַפּיטל

ס'איז שוין געווען באַלד האַלבע נאַכט, ווען הער אַנדזשעי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם פירשטס ערשטע וואַכן, אָבער אין באָגוסלאַווס גאַנצען לאַגער איז קיינער נישט געשלאָפן. די שלאַכט האָט זיך געקאָנט אָנהויבן אַ ליאַדע רגע, מ'האָט זיך דעריבער צו איר פלייסיק געגרייט. דעם פירשטס חיילות האָבן פאַרנומען יאַנאָוו גופא, האָבן געהערשט איבערן טראַקט פון סאָקולקאַ, ווען ס'האָט געהיטן זי אַרטילעריע, וואָס איז דורך דעם קורפירשטס מומחים באַדינט געוואָרן. האַרמאַטן זענען דאָרט געווען נאָר דריי, אָבער פולוורצר און קוילן די-והותר. פון ביידע זייטן יאַנאָוו, צווישן די וועלדער, האָט באָגוסלאַוו געהייסן אָנשיטן פאַרשאַנצונגען, און אויף זיי אויסשטעלן די האַרמאַטן און פוס-גייער. די קאַוואַלעריע האָט פאַרנומען יאַנאָוו אַליין, דעם וועג הינטער די האַרמאַטן און אויך די צווישנשיידן צווישן די פאַרשאַנצונגען, די פּאָזיציע איז געווען גענוג באַפעס־טיקט און מיט פרישע מענטשן, מ'האָט געקאָנט אין איר זיך לאַנג

און בלוטיק פאַרטיידיקן, אָבער פריש חייל איז געווען נאָר אַכט הונדערט פוס-גייער אונטער קיריצאַס קאָמאַנדע, די רעשט איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זי האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן. אַ חוץ דעם האָט מען דאָס טאָטערישע געהייל געהערט אין סוכאָוואָלע אויף צפון, דאָס הייסט הינטער באָגוסלאַווס רייען, צוליב וואָס עס האָט זיך פאַרשפרייט אַ געוויסע בהלה צווישן די זעלנער. באָגוסלאַוו האָט אין די דאָזיקע זייט געמוזט אַרויסשיקן די גאַנצע לייכטע קאַוואַלעריע, וועלכע האָט נאָכן אָפגיין אַ האַלבן מייל נישט דערוועגט זיך נישט צוריקצוקערן און נישט ווייטער צו גיין, מחמת מורא פאַר עפּעס אַן אונטערגעשטעלטער סכנה אין די וועלדער.

באָגוסלאַוו, הגם דאָס קדחת צוזאַמען מיט אַ שטאַרקער היץ האָט אים געפּייניקט מער, ווי ווען-עס-איז, האָט אַליין מיט אַלץ אָנגעפירט, און אַזוי ווי אויפן פערד האָט ער מיט מאַטערניש געקאָנט איינזיצן, האָט ער פיר טראַבאַנטען געהייסן זיך טראָגן אין אַן אָפענעם טראָג-שטול. אַזוי האָט ער באַזוכט דעם טראַקט, די וועלדער, און צוריקגעקערט גראָד קיין יאַנאָוו, ווען מ׳האָט אים מודיע געווען, אַז דעם פירשטס שליח קומט-אָן.

געווען איז דאָס שוין אויף דער גאַס. באָגוסלאַוו האָט קמיטשיצן נישט געקאָנט דערקענען צוליב דער פינסטערער נאַכט און דערפאַר, וואָס הער אַנדזשעי האָט צוליב דער גרויסער פאָרזיכטיקייט מצד די אָפיצירן פון דער פּאָדערשטער וואַך געהאַט דעם קאָפּ פאַרשטעלט מיט אַ זאַק, אין וועלכן ס׳איז נאָר אַן עפענונג פאַרן מויל געווען אויסגעשניטן.

פונדעסטוועגן האָט דער פירשט דעם זאַק באַמערקט, ווייל ווען קמיטשיץ איז פון פערד אַראָפּגעקראָכן, איז ער נעשטאַנען האַרט נעבן אים, ער האָט אים דעריבער געהייסן תיכף אַראָפּנעמען.

— דאָ איז שוין יאַנאָוו — האָט ער געזאָגט — און ס׳איז נישטאָ פון וואָס אַ סוד צו מאַכן.

דערנאָך האָט ער זיך אין דער פינסטערניש געווענדט צום הער אַנדזשעי:

— פון הער סאַפּיעהאַ?

— יאָ.

— און וואָס מאַכט דאָרט הער סאַקאָוויטש?

— ער איז הער אָסקערקאַס גאַסט.

— פאַרוואָס האָט איר אַ באַגלייט-בריף געפאָדערט, אַז איר האָט סאַקאָוויטשן? צו פאָרזיכטיק איז הער סאַפּיעהאַ און זאָל ער זען, אַז ער זאָל נישט צו קלוג זיין.

— דאָס איז נישט מיין עסק! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— אָבער כ'זע, אַז דער הער שליח איז נישט שטאַרק באַריידעוודיק.

— כ'האָב געבראַכט אַ בריף און וועגן מיין פּריוואַטן ענין וועל איך אין דער קוואַרטיר רעדן.

— איז אַ פּריוואַטער ענין אויך פאַראַן?

— ס'וועט זיך געפינען אַ בקשה צום גנעדיקען הער פירשט.

— כ'וועל גערן זי דערפילן. איצט בעט איך מיר נאָכפאָרן. זעצט זיך אויפן פערד. כ'וואָלט פאַרבעטן אויפן טראָג-שטול אָבער ס'איז צו ענג.

זיי זענען געפאָרן. דער פירשט אין טראָג-שטול און קמיטשיץ דערנעבן רייטנדיק. און אין דער פינסטערניש האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אַנדערן, נישט קאָנענדיק איינער דעם אַנדערנס פנים דערזען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער פירשט, נישט געקוקט אויף די פעלצן, גענומען זיך טרייסלען, אַזוי אַז ער האָט אַזש מיט די ציין געקלאַפּט. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— די נגע איז מיך באַפאַלן... ווען נישט דאָס... בררר!.. אַנדערע באַדינגונגען וואָלט איך געוועזן שטעלן...

קמיטשיץ האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָר מיט די אויגן האָט ער געוואָלט דורכבױערן די פינסטערניש, אין וועלכער דער קאָפּ און דאָס פנים פון פירשט האָבן זיך

געריסעוועט אין אומדייטלעכע גראָפֿע און ווייסלעכע שטריכן. אויפֿן קלאַנג פֿון באָגוסלאַווס קול און אויפֿן אָנבליק פֿון זיין געשטאַלט, האָבן אַלע אַמאָליקע תּרעומות, די אַלטע שׂנאה און ברענענדיקע נקמה-דורשט אַזוי איבערפֿולט זיין האַרץ, אַז זיי זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן כּמעט אין אַ שגעון... די האַנט האָט נישט ווילנדיק געזוכט די שווערד, וועלכע מ'האָט ביי אים אַראָפּגענומען, אָבער הינטער דער גאַרטל האָט ער געהאַט אַ שטאַב מיט אַן אייזערנעם קאָפּ, זיין פּולקאָווניק-צייכן, דער שׂטן האָט אים באַלד גענומען דעם מוח דולן און שעפּטשן:

— שריי אים אין אויער אַריין, ווער דו ביסט און צעהאַק אים דעם קאָפּ אויף פּיצלעך... די נאַכט איז אַ פֿינסטערע... דו וועסט זיך אַרויסקריגן... די קעמפּליטשעס זענען מיט דיר. וועסט דעם בוגד אומברענגען, פֿאַר די עוולות באַצאָלן... וועסט אָפּראַטעווען אָלענקאַן, סאָראָקאַן.... שלאָג! שלאָג!..

קמיטשיץ האָט זיך נאָך מער דערנענטערט צום טראָגשטול און מיט אַ ציטערדיקער האַנט גענומען אַרויסציען דעם שטאַב פֿון הינטער דער גאַרטל.

— שלאָג!.. — האָט דער שׂטן געשעפּטשעט — וועסט דעם פֿאָטערלאַנד אַ טובֿה טאָן...

קמיטשיץ האָט שוין אַרויסגעצויגן דעם שטאַב און געדריקט פֿאַרן הענטל, ווי ער וואָלט עס וועלן אין דער האַנט צעקוועטשן.

— איינס, צוויי, דריי!.. — האָט דער שׂטן אַ שעפּטשע געטאָן.

אָבער אין דער רגע האָט זיין פֿערד, צי דערפֿאַר, וואָס עס האָט מיט די נאָזלעכער אין העלם פֿון אַ טראַבאַנט אָנגעקלאַפּט, אָדער עס האָט זיך דערשראָקן, געבויג, אַז עס האָ[illegible] אַ מאָל מיט די קאָפּיטעס אין די ערד זיך איינגעגראָבן. דערנאָך זיך שטאַרק געשטרויכלט; קמיטשיץ האָט עס מיט די לייצעס פֿון אָרט אָוועקגעריסן. פֿאַר דער דאָזיקער צייט האָט דער טראָגשטול זיך דערווייטערט אויף אַ צוואָנציק טריט,

און דעם יינגן ריטער האָבן זיך די האָר אופן קאָפּ געשטעלט קאַפּויר.

— הייליקסטע מוטער, האַלט מיר די האַנט! — האָט ער דורך צונויפגעפּרעסטע ציין געשעפּטשעט — הייליקסטע מוטער, ראַטעווע! איך בין דאָ אַ שליח, איך קום פון העטמאַן. און וויל ווי אַ נאַכט-רוצח מאָרדן... איך בין אַ שלאַכטשיק, כ'בין דיין דינער... פיר מיך נישט צו אַ נסיון!

— און פאַרוואָס זענט איר הינטערשטעליק געבליבן? — האָט באָגוסלאַוּוס שטים, וואָס האָט פון קדחת געציטערט, זיך אָנגערופן.

— איך בין שוין דאָ!

— איר הערט... הינטער די פּלויטן קרייען די הענער... מ'דאַרף זיך איילן, ווייל כ'בין קראַנק און דאַרף רוען.

קמיטשיץ האָט דעם שטאָב הינטער דער גאַרטל אַריינגעשטעקט און איז ווייטער געפאָרן נעבן דעם טראָג-שטול. אָבער די רו האָט ער שוין נישט געקאָנט צוריקגעווינען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דורך קאַלטן בלוט און איבערוועלטיקן זיך וועט ער בכוח זיין סאָראָקאַן צו באַפרייען; דערפאַר האָט ער פריער זיך איבערגעלייגט, מיט וועלכע ווערטער ער זאָל זיך ווענדן צום פירשט, כדי אים צו באַוועגן און איבערצייגן. ער האָט זיך דעריבער געשוווירן, אַז ער וועט נאָר סאָראָקאַן אין זין האָבן, אַז ער וועט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך נישט דערמאָנען, און בפרט וועגן אָלענקאַן.

און ער האָט געשפּירט, ווי אַ הייסע רויטקייט באַגיסט אים אין דער פינסטערניש דאָס פּנים אויפן געדאַנק, אַז דער פירשט אַליין וועט אפשר וועגן איר דערמאַנען, און אפשר דערמאַנען עפּעס אַזוינס, וואָס הער אַנדזשעי וועט נישט קאָנען נישט איבערהאַלטן און נישט אויסהערן.

ער זי נישט באַרירן — האָט ער צו זיך אין האַרצן געזאָגט — זאָל ער זי נישט באַרירן, אַ נישט וועט זיין, זיין טויט און מיין טויט... זאָל ער אויף זיך אַליין רחמנות האָבן, אויב ער וועט אין זיך קיין בושה נישט האָבן...

און הער אַנדזשעי האָט שרעקלעך געליטן; אין דער ברוסט

האָט אים לופט אויסגעפּעלט, און אין האַלז האָט ער געפילט אַזאַ שטיקעניש, אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אויס־קומען צו רעדן, וועט ער קיין וואָרט פון זיך נישט קאָנען אַרויסבאַקומען.

מיטן דאָזיקן האַרץ־קלעמעניש האָט ער געגומען תפלה־טאָן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אים גרינגער געוואָרן, ער האָט זיך באַרואיקט און די אײַזערנע רײַף, וועלכע האָט אים דעם האַלז געשטיקט, איז לויזער געוואָרן.

דערווײַל זענען זיי אָנגעקומען אין פירשטס קוואַרטיר. די טראַבאַנטן האָבן אַוועקגעשטעלט דעם טראָג־שטול; צוויי הויף־מענטשן האָבן גענומען דעם פירשט אונטער די אָרעמס; ער ווידער האָט זיך געווענדט צו קמיטשיצן און קלינגנדיק כּסדר מיט די ציין, האָט ער געזאָגט:

— קומט, כ׳בעט אײַך, מיט מיר... דער שוידער וועט באַלד אַריבער... מיר וועלן זיך קאָנען אויסשמועסן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך ביידע געפונען אין אַ באַזונדערן חדר, אין וועלכן ס׳האָבן אויף אַ קאַמין געגליט קופּעס קוילן און ס׳איז געווען הייס נישט צום אַריבערטראָגן. דאָרט האָט מען דעם פירשט באַגוסלאַוו אויסגעלייגט אויף אַ פעלד־שטול, צוגעדעקט מיט פעלצן און געבראַכט ליכט. ביז די הויף־מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט דער פירשט אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ אויף הינטן, צוגעמאַכט די אויגן און אַזוי אַ געוויסע צײַט געבליבן אומבאַוועגלעך.

לסוף האָט ער געזאָגט:

— באַלד... כ׳וועל מיך אָפּרוען...

קמיטשיץ האָט אויף אים געקוקט. דער פירשט האָט זיך קיין סך נישט געענדערט, נאָר דאָס קדחת האָט אים דאָס פּנים צוזאַמענגעצויגן. אויסגעווייסט איז ער געווען, ווי תמיד, און אויף די באַקן מיט שמינקע באַמאָלט, אָבער טאַקע דערפאַר איז ער, ווען ער איז אַזוי געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַן אַריבערגעבויגענעם קאָפּ, אַ ביסל ענלעך געווען אויף אַ בר־מינן, אָדער אויף אַ וואַקסענער פיגור.

הער אַנדזשעי איז געשטאַנען פאַר אים אין ליכט פון לייכטער. דעם פירשטס אויגן-לידער האָבן זיך גענומען פויל אויפמאַכן, מיט אַמאָל האָבן זיי זיך אײַנגאַנצן אויפגעמאַכט און ווי אַ פלאַם וואָלט אים דורכן פנים דורכגעלאָפן. אָבער געדויערט האָט דאָס אַ רגע-כמימרא, דערנאָך האָט ער ווידער די אויגן צוגעמאַכט.

— אויב איר זענט אַ רוח, האָב איך פאַר אייך קיין מורא ניט — האָט ער געזאָגט — אָבער פאַרשווינדט!

— כ'בין געקומען מיט אַ בריף פון העטמאַן — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

באָגוסלאַוו האָט לייכט אויפגעשוידערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן פון אַ געשפענסט אָפטרייסלען; דערנאָך האָט ער אַ קוק-געטאָן אויף קמיטשיצן און זיך אָנגערופן:

— כ'האָב אין אייך ניט געטראָפן!..

— ניט אינגאַנצן — האָט הער אַנדזשעי טריב געענטפערט, טייטנדיק מיטן פינגער אויף די וווּנד.

— שוין דער צווייטער, הייסט עס!.. — האָט דער פירשט האַלב צו זיך אַ ברום-געטאָן.

און הויך צוגעגעבן:

— ווו איז דער בריוו?

— אָט איז ער — האָט קמיטשיץ געענטפערט, דערלאַנגנדיק דעם בריוו.

באָגוסלאַוו האָט גענומען לייענען און אַז ער האָט געענדיקט האָבן משונהדיקע פייערלעך אים אין די אויגן אויפגעבליצט.

— גוט! — האָט ער געזאָגט — גענוג געמאַכט שהיות!.. מאָרגן אַ שלאַכט... און כ'בין צופרידן, ווייל מאָרגן וועט מיך דאָס קדחת ניט וואַרפן.

— אויך ביי אונדז איז מען צופרידן — האָט קמיטשיץ אָפגעענטפערט.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן, בעת וועלכן די דאָזיקע צוויי דם-שונאים האָבן זיך געמאָסטן מיט די אויגן מיט אַ געוויסער שרעקלעכער נייגעריקייט.

דער פירשט האָט דער ערשטער גענומען רעדן:

— איך שטויס מיך אָן, אַז דאס האָט איר מיך אַזוי גערודפט מיט די טאַטערס!..

— איך...

— און איר האָט נישט מורא געהאַט דאָ אַהערצוקומען?...

קמיטשיץ האָט גאָרנישט געענטפערט.

— איר האָט אַודאי אויף די קרובהשאַפט דורך די קישעקס גערעכנט... מיר האָבן דאָך עפּעס צווישן זיך חשבונות... כ׳קאָן הייסן, הער ריטער, פון אייך די הויט אַראָפּשינדן.

— איר קאָנט, גנעדיקער הער פירשט.

— איר זענט געקומען מיט אַ באַגלייט-בריף, אמת... איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס הער סאַפּיעהאַ האָט אים געפאָדערט!.. אָבער איר האָט מיך געוואָלט אומברענגען... דאָרט איז סאַקאָוויטש פאַרהאַלטן; אָבער... דער הער וואָיעוואָדע האָט נישט קיין רעכט אויף סאַקאָוויטשן, און איך אויף אייך יאָ... קוזין...

— כ׳בין געקומען מיט אַ בקשה צום גנעדיקן הער פירשט...

— גוט! איר קאָנט רעכענען, אַז פאַר אייך וועל איך אַלץ טאָן... דהיינו, וואָס פאַר אַ בקשה?

— פאַראַן דאָ אַ געכאַפּטער זעלנער, איינער פון די, וואָס האָבן מיר געהאָלפן דעם גנעדיקן הער פירשט פאַרכאַפּן, איך האָב געגעבן באַפעלן, ער האָט זיי אויסגעפירט ווי אַ בלינד כלי-זיין. דעם דאָזיקן זעלנער באַוויליקט, גנעדיקער הער פירשט, אַרויסצולאָזן אויף די פריי.

באָגוסלאַוו האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— הער ריטער — האָט ער געזאָגט — איך באַקלער, וואָס עס איז גרעסער: אייער גבורה אַלס זעלנער, אָדער די אומפאַרשעמטקייט פון אייער בקשה...

— איך וויל דעם דאָזיקן מענטש בחנם פון אייך נישט האָבן...

— און וואָס גיט איר פאַר אים?

— זיך אַליין

— אַזוי, אַזאַ טט הארץ האָט איר!.. איר צאָלט ביד-רחבה.

אָבער גיט אַכטונג, אַז עס זאָל אייך קלעקן, ווייל איר וואָלט אודאי נאָך עמיצן וועלן פון מיר אויסקויפן...

קמיטשיץ האָט זיך אַרוק-געטאָן אויף אַ שריט נענטער און איז אַזוי שרעקלעך בלאַס געוואָרן, אַז דער פירשט האָט אומגערן אַ קוק-געטאָן אויף די טיר און נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן מוט געענדערט דאָס טעמא פּי׳ שמועס.

— הער סאַפּיעהאַ וועט אויף אַזאַ אָפּמאַך נישט מסכים זיין — האָט ער געזאָגט — כ׳וואָלט אייך גערן געוואָלט האָבן, אָבער כ׳האָב מיטן פירשטלעכן וואָרט פאַר אייער זיכערקייט גוט-געזאָגט.

— דורך דעם דאָזיקן זעלנער וועל איך שרייבן דעם הער העטמאַן, אַז כ׳בין גוטוויליק פאַרבליבן.

— און ער וועט פאָדערן, אַז כ׳זאָל אייך קענען אייער ווילן אָפּשיקן. צו גרויסע פאַרדינסטן האָט איר אים אָפּגעגעבן... און סאַקאָוויטשן וועט ער מיר נישט אָפּלאָזן, און סאַקאָוויטשן האַלט איך טייערער, ווי אייך...

— אויב אַזוי באַפרייט דעם דאָזיקן זעלנער און איך וועל זיך אויפן וואָרט שטעלן, ווו איר וועט מיך הייסן.

— מאָרגן איז מיר אפשר באַשערט אומצוקומען. כ׳קאָן נישט שליסן קיין אָפּמאַכן אויף איבערמאָרגן...

— איך בעט אייך, גנעדיקער הער פירשט! פאַרן דאָזיקן מענטש וועל איך...

— וואָס וועט איר?

— אויף די נקמה מוותר זיין.

— זעט איר, הער קמיטשיץ, אַסך מאָל האָב איך זיך מיט אַ יאַגד-שפּיז אויף אַ בער געוואָרפן, נישט דערפאַר, ווייל כ׳האָב געמוזט, נאָר ווייל איך האָב אַזוי חשק געהאַט. כ׳האָב ליב, אַז עס דראָט מיר עפּעס אַ סכנה, ווייל דאָס לעבן איז מיר דעמאָלט נישט אַזוי לאַנגווייליק. און אָט לאָז איך אויך אַ׳יער נקמה זיך איבער ווי אַן אָנגענעמען צייט-פאַרטרייב, הגם איך מוז מודה זיין, אַז איר זענט פון די בערן, וואָס זוכן אַליין דעם שיסער.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — פאַר אַ קליינער מצוה איז גאָט אָפּט מוחל גרויסע עבירות. קיינער פון

אונדז ווייסט נישט, ווען עס וועט אים אויסקומען זיך פאַר קריס־טוסעס משפּט צו שטעלן...

— גענוג! — האָט דער פירשט איבערגעהאַקט — איך שטעל מיר אויך צונויף פרומע דרשות, הגם איך לייד פון קדחת, כדי כ׳זאָל האָבן עפּעס אַ זכיה ביי גאָט, און אַז כ׳וואָלט גע־דאַרפט אַ בעל־דרשן, וואָלט איך מיין אייגענעם גערופן... איר קאָנט נישט בעטן געגוג הכנעהדיק און פטרט אומזיסט אייערע רייד... איך וועל אייך אַליין געבן אַן עצה: וואַרפט זיך מאָרגן אין דער שלאַכט אויפן הער סאַפּיעהאַ, און איך וועל איבער־מאָרגן דעם דאָזיקן זעלנער אַרויסלאָזן און אייך די חטאים פאַרגעבן... איר האָט געפּעלטשט אין די ראַדזיווילס, פּעלטשט־זשע אין סאַפּיעהאַן...

— איז דאָס אייער לעצט וואָרט, גנעדיקער הער פירשט?.. ביי אַלדאָס הייליקע באַשווער איך אייך...

— ניין! דער טייוול נעמט אייך, גוט!.. איר זענט אויך משנה־צורה... קומט נאָר נישט צו נאָענט, ווייל ס׳איז מיר אַפילו אַ חרפּה מענטשן צו רופן אָבער קוקט דאָ! איר שטעלט זיך צופיל איין!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט באָגוסלאַוו פון אונטערן פּעלץ, מיט וועלכן ער איז געווען באַדעקט, געוויזן די לופּע פון אַ פּיסטאָלעט און גענומען קוקן מיט פינקלדיקע אויגן אין קמיטשיצס אויגן.

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן, צונויפלייגנדיק אמת די הענט ווי צו געבעט, אָבער מיט אַ פּנים, פאַרענדערט שטאַרק פון כּעס.

— איר בעט און איר דראָט?.. — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט — איר בויגט דעם קאַרק און דער טייוול שטשירעט צו מיר די ציין פון הינטער אייער קאָלנער אַפּויר?.. די גאווה בליצט אייך פון די אויגן אַרויס און אין מויל דונערט ווי אין אַ וואָלקן? מיטן פּנים צו ראַדזיווילס פיס, אַז מען בעט, מיין הער!.. מיטן קאָפּ אין דער ערד שלאָגן! דעמאָלט וועל איך אייך ענטפערן!..

הער אַנדזשעיס פּנים איז געווען בלאַס ווי אַ טיכל, מיט דער האַנט האָט ער אַ פיר־געטאַן איבערן נאַסן שטערן, איבער די

אויגן, איבערן פנים און ער האָט געענטפערט מיט אַזאַ איבער-געהאַקטער שטים, גלייך ווי דאָס קדחת, פון וועלכן דער פירשט האָט געליטן, וואָלט מיט אַמאָל אויף אים זיך אַריבערגעוואָרפן.

— אויב דער גנעדיקער הער פירשט וועט מיר דעם דאָזיקן אַלטן זעלנער אַרויסלאָזן... בין... איך... דעם גנעדיקן הער פירשט... גרייט... צו די פיס... צו פאַלן...

אַ צופרידנקייט האָט אויפגעבליצט אין באָגוסלאַוס אויגן. דעם שונא דערנידריקט, דעם שטאָלצן קאַרג איינגעבויגן. קיין בעסערע באַפרידיקונג האָט ער נישט געקאָנט געבן דער נקמה און שנאה.

און קמיטשיץ איז געשטאַנען פאַר אים מיט אויפגעשטעלטע האָר אויפן קאָפּ און דאָס גאַנצע לייב האָט אין אים געציטערט. זיין פנים, וואָס איז אַפילו רואיקערהייט ענלעך אויף אַן אָדלערישן קאָפּ, האָט איצט ערשט רעכט דערמאָנט אַ צעיושעטן רויב-פויגל. ס'איז שווער געווען צו דרינגען, צי ער וועט אין אַ ווייל אַרום זיך וואַרפן צום פירשטס פיס, אָדער ברוסט...

און באָגוסלאַוו האָט נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים קיין אויג, געזאָגט:

— ביי עדות! ביי מענטשן!

און זיך געווענדט צו דער טיר:

— אַריין!

דורך דער אָפענער טיר זענען אַריינגעקומען אַ פּאָר הויף-מענטשן, פּאַליאַקן און אויסלענדער. נאָך זיי האָבן גענומען אַריינקומען אָפיצירן.

— גנעדיקע הערן! — האָט דער פירשט געזאָגט — אָט דאַרף הער קמיטשיץ, דער אָרשער כאָרנזשי און שליח פון הער סאַפּיעהאַן, בעטן ביי מיר אַ חסד און ער וויל אייך אַלע האָבן פאַר עדות!..

קמיטשיץ האָט זיך אַ וואַקל-געטאָן ווי אַ שכור, האָט אַ קרעכץ-געטאָן און איז געפאַלן צו באָגוסלאַווס פיס.

און דער פירשט האָט זיי בכיון אויסגעצויגן, אַזוי אַז דער שפּיץ פון זיין רייטער-שטיוול האָט אָנגערירט דעם ריטערס שטערן.

אַלע האָבן שטילשווייגנדיק געקוקט, פֿאַרבליפֿט פֿון דעם באַרימטן נאָמען, ווי אויך פֿון דעם, וואָס דער, וועלכער האָט אים געטראָגן, איז איצט געווען אַ שליח פֿון הער סאַפּיעהאַן. אַלע האָבן אויך פֿאַרשטאַנען, אַז עס קומט פֿאָר עפּעס אויסער־געוויינלעכס.

דערווייל האָט דער פּירשט זיך אויפֿגעשטעלט און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט איז ער אַריבערגעגאַנגען אין שכנותדיקן חדר, האָט נאָר אַ ווינק־געטאָן צו צוויי הויף־מענטשן, אַז זיי זאָלן אים נאָכגיין.

קמיטשיץ האָט זיך אויפֿגעהויבן. אין זיין פּנים איז שוין נישט געווען נישט קיין צאָרן און נישט קיין ווילדקייט, נאָר אַ פֿאַרטעמפּטקייט און גלייכגילטיקייט. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז ער ווייסט גאָרנישט, וואָס מיט אים טוט זיך און אַז זיין ענערגיע איז אינגאַנצן געבראָכן געוואָרן.

ס'איז אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה. הינטערן פֿענסטער האָט מען געהערט אַ אָפּהילך פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס און די ריטמישע טריט פֿון זעלנער, ער איז אַלץ געזעסן, ווי פֿאַר־שטיינערט.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר צום פֿאָדערהויז אויפֿגעמאַכט. ס'איז אַריין אַן אָפֿיציר, קמיטשיצס אַן אַלטער באַקאַנטער פֿון בירזשע, און אַכט זעלנער, פֿיר מיט ביקסן, פֿיר אָן ביקסן! נאָר מיט שווערדן.

— גנעדיקער הער פּולקאָווניק, שטעלט זיך אויף! — האָט דער אָפֿיציר מיט דרך־ארץ געזאָגט.

קמיטשיץ האָט פֿאַרחושט אויף אים אַ קוק־געטאָן.

— גלאָווביטש... — האָט ער געזאָגט, דערקענענדיק דעם אָפֿיציר.

— כ'האָב אַ באַפֿעל — האָט גלאָוויטש געזאָגט — צו בינדן אייך די הענט און אַרויסצופֿירן הינטער יאַנאָוו. דאָס בינדן איז נאָר אויף אַ צייט, שפּעטער וועט איר אַוועקפֿאָרן פֿריי... דערפֿאַר בעט איך אייך נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד...

— בינדט! — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט.

אוי ער האָט זיך געלאָזט אָן ווידערשטאַנד בינדן. אָבער

די פיס האָט מען אים נישט געפענטעט. דער אָפיציר האָט אים אַרויסגעפירט פון דער שטוב און געגאַנגען מיט אים צו־פוס דורך יאַנאָוו. דערנאָך זענען זיי נאָך געגאַנגען אַ שעה צייט. אויפן וועג זענען צו זיי צוגעשטאַנען אַ פּאָר רייטער. קמיטשיץ האָט געהערט, אַז זיי רעדן פּויליש, וואָרום די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן נאָך געדינט ביי באָגוסלאַוון, האָבן אַלע געקענט קמיטשיצס נאָמען און דערפאַר זענען זיי מער פון אַלע נייגעריק געווען, וואָס מיט אים וועט געשען. די אָפּטיילונג האָט געמיטן דעם וואַלד און זיך געפונען אויף אַ פוסטן פעלד, אויף וועלכן הער אַנדזשעי האָט דערזען אַן אָפּטיילונג פון באָגוסלאַווס אַ לייכטן פּוילישן פּולק.

די זעלנער זענען אין אַ ריי געשטאַנען אין אַ קוואַדראַט, אין דער מיט איז געווען אַ פּלאַץ, אויף אים נאָר צוויי זעלנער, וואָס האָבן געהאַלטן פערד, אָנגעטאָן אין כאָמעטס און אין לייצעס און אַ פּאָר מענטשן מיט שטורקאַצן.

ביי זייער שיין האָט הער אַנדזשעי דערזען אַ פרישן אָפּ־געשניצטן דראָנג, וואָס איז געלעגן האָריזאָנטאַל און איז מיטן צווייטן עק געווען צוגעפעסטיקט צו אַ גראָבן בוים־קלאָץ.

קמיטשיצן איז נישט ווילנדיק אַ שוידער אַ דורך איבערן לייב.

— דאָס איז פאַר מיר — האָט ער געטראַכט — מיט פערד וועט ער מיך הייסן אויפן דראָנג אַרויפציען... צוליב נקמה — איז ער מקריב סאַקאָוויטשן !

אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט, דער דראָנג איז באַשטימט געווען קודם כל פאַר סאָראָקאָן ; דער אַלטער זעלנער איז האַרט נעבן קלאָץ געזעסן אויף אַ בענקעלע, אָן אַ היטל און מיט געבונדענע הענט, געהיטן דורך פיר זעלנער. עפּעס אַ מענטש, אָנגעטאָן אין אַ פעלצל אָן אַרבל, האָט אים אין דער רגע דערלאַנגט בראָנפן אין אַ פלאַכן בעכער, וועלכן סאָראָקאַ האָט געטרונקען זייער גיריק, נאָכן אויסטרינקען האָט ער אַ שפּיי־געטאָן און אַזוי ווי מ׳האָט גראָד אין דער רגע אָוועקגעשטעלט קמיטשיצן צווישן צוויי רייטער אין דער ערשטער ריי, האָט דער זעלנער אים

דערזען, זיך אַריס-געטאָן פון בענקל און זיך אויסגעגלייכט, ווי אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד.

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע אויף זיך געקוקט. סאָראָקאָ האָט געהאַט אַ געװױנט רואיק און רעזיגנירט פּנים, ער האָט נאָר באַוויגן מיט די באַק-ציין, ווי ער וואָלט געקייעט.

— סאָראָקאָ !.. — האָט קמיטשיק לסוף אַרויסגעקרעכצט.

— אויף באַפעל! — האָט דער זעלנער געענטפערט.

און ווידער האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן. וואָס האָבן זיי געזאָלט רעדן אין אַזאַ מאָמענט? אין-דעם איז דער תּלין, וועלכער האָט פריער דערלאַנגט סאָראָקאַן דעם בראָנפן, צו אים צוגעגאַנגען.

— נו, אַלטער — האָט ער געזאָגט — דיין צייט איז געקומען!

— אָבער ציט גלייך אַרויף!

— האָב נישט קיין מורא!

סאָראָקאָ האָט נישט מורא געהאַט, אָבער ווען ער האָט דערשפּירט אויף זיך דעם אָרעם פון תּלין, האָט ער גענומען האַסטיק און הויך סאָפּען, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— נאָך בראָנפן...

— נישטאָ!

מיט אַמאָל האָט איינער פון די זעלנער זיך אַרויסגערוקט פון דער ריי און דערלאַנגט אַ בלעכערנע פלאַש.

— פאַראַן. גיט אים!

— אין די ריי! — האָט גלאָוביטש אַ קאָמאַנדע געגעבן.

אָבער דער מענטש אין פעלצל האָט פונדעסטוועגן אויסגעבויגן די פעלד-פלאַש צו סאָראָקאָס מויל, און ער האָט געטרונקען אַ סך און נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען האָט ער טיף אָפּגעעטעמט.

— אָט! — האָט ער געזאָגט — דער גורל פון זעלנער, פאַר דרייסיק יאָר דינסט... נו, אַז צייט, איז צייט!

דער צווייטער תּלין איז צוגעגאַנגען און מ'האָט אים גענומען אויסטאָן.

ס'האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ שטילקייט.

די שטורקאַצן האָבן געציטערט אין די הענט פון די

מענטשן, וואָס האָבן זיי געהאַלטן. אַ שרעק האָט אַלע אַרומגענומען.

ין-דעם האָט זיך דערהערט אַ געמורמעל צווישן די רייען, וואָס האָבן דעם פּלאַץ אַרומגערינגלט, און עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל העכער. דער זעלנער איז נישט קיין תּלין. אַליין פֿאַרשאַפֿט ער דעם טויט, אָבער דעם אָנבליק פֿון פּיין האָט ער נישט ליב.

– שטילשווייגן ! – האָט גלאָוביטש אַ געשריי-געטאָן.

דאָס געמורמעל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויכן גערויש, אין וועלכן ס'האָבן זיך געהערט איינצלנע ווערטער: „טייוולאָנים !" „רוחות !" „געצן-דינערײַ !..."

מיט אַמאָל האָט קמיטשיץ אַ געשריי-געטאָן אַזוי, ווי מ'וואָלט אים אַליין אויפֿן דראָנג אַרויפֿגעצויגן:

– שטיי !!

די תּלינים האָבן זיך נישט-ווילנדיק צוריק געהאַלטן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַקער-געטאָן צו קמיטשיצן.

– זעלנער ! – האָט הער אַנדזשעי אַ געשריי-געטאָן – פֿירשט באָגוסלאַוו איז אַ בוגד קעגן קעניג און דער רעפּובליק ! מ'האָט אייך אַרומגערינגלט און מאָרגן וועט פֿון אייך קיין שריד-ופּליט נישט בלייבן ! אַ בוגד דינט איר ! קעגן פֿאָטערלאַנד דינט איר ! אָבער ווער עס וועט די דינסט אַוועקוואַרפֿן, דעם בוגד אַוועקוואַרפֿן, דעם וועט דער קעניג פֿאַרגעבן, וועט דער העטמאַן פֿאַרגעבן !.. קלויבט-אויס ! טויט און שאַנד, אָדער מאָרגן אַ באַלוינונג ! די שכירות וועל איך אויסצאָלן און אַ דוקאַט אויף אַ קאָפּ, צוויי אויף אַ קאָפּ !.. קלויבט אויס !! נישט איר, ווירדיקע זעלנער, דאַרפֿט אַ בוגד דינען ! זאָל לעבן דער קעניג ! זאָל לעבן דער ליטווישער גרויס-העטמאַן !

דאָס גערויש איז אַריבער אין אַ געהײַל, די רייען האָבן זיך צערודערט.

אַ פּאָר שטימען האָבן אַ געשריי-געטאָן:

– זאָל לעבן דער קעניג !

– גענוג געדינט !

– אַ טויט דעם בוגד !

— שטייט! שטייט! האָבן אַנדערע קולות געליאַרעמט.

— מאָרגן וועט איר שטאַרבן אין שאַנד! — האָט קמיטשיץ געשריגן.

— די טאָטערס זענען אין סוכאָוואָלע!

— דער פירשט איז אַ בוגד!

— קעגן קעניג פירן מיר מלחמה!

— שלאָג!

— צום פירשט!

— שטיי!

אין דער מהומה האָט עפּעס אַ שווערד דורכגעשניטן די שטריק, וואָס האָבן געפּענטעט קמיטשיצס הענט. קמיטשיץ איז אין דער רגע אַרויפגעשפּרונגען אויף איינעם פון יענע פערד, וועלכע האָבן סאַראָקאַן אויפן דראָנג געזאָלט אַרויפציען און ער האָט אַ געשריי-געטאָן שוין פון פערד אַראָפּ:

— מיט מיר צום העטמאַן!

— כ'גיי! — האָט גלאָוביטש אויסגעשריגן — זאָל לעבן דער קעניג!

— זאָל לעבן! — האָבן פופציק שטימען געענטפערט און פופציק שווערדן האָבן גלייכצייטיק אַ בליק-געטאָן.

— סאַראָקאַן אויפן פערד אַרויף! — האָט קמיטשיץ ווידער אַ קאָמאַנדע געגעבן.

געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַקעגנשטעלן, אָבער אויפן אָנבליק פון די הוילע שווערדן זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. איינער האָט אָבער אויסגעדרייט דאָס פערד און איז אין אַ ווײַלע אַרום נעלם געוואָרן פון די אויגן. די שטורקאַצן האָבן זיך אויסגעלאָשן. אַ פינסטערניש האָט אַלעמען אַרומגענומען.

— מיט מיר! — האָט קמיטשיצס שטים אַ הילך-געטאָן.

און אַ פאַרפלאָנטערטער מענטשן-קנויל האָט זיך אַ ריר-געטאָן פון אָרט און דערנאָך זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגן שלאַנג.

נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ פּאָר הונדערט שריט, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ שמירה פון פוס-גייער, וואָס גרעסערע

מאַסן פון זיי האָבן פאַרנומען דעם וואַלד, וועלכער איז געלעגן פון דער צווייטער זייט.

— ווער גייט? — האָבן זיך שטימען אָנגערופן.

— גלאָוביטש מיט אַן אָפּטיילונג.

— לאָזונג?

— טראָמפּייטן!

— גייט-דורך!

— און זיי זענען דורכגעפאָרן, נישט איילנדיק זיך צו שטאַרק; דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט גאַלאָפּ.

— סאָראָקאַ! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

— אויף באַפעל! — האָט זיך דערנעבן אָנגערופן די שטים פון וואַכמייסטער.

קמיטשיץ האָט מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויסשטרעקנדיק די האַנט, האָט ער זי אָנגעשפּאַרט אויפן וואַכמייסטערס קאָפּ — ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי ער פאָרט דערנעבן.

דער זעלנער האָט שטילשווייגנדיק די דאָזיקע האַנט צום מויל צוגעדריקט.

אין-דעם האָט גלאָוביטש זיך אָנגערופן פון דער צווייטער זייט:

— גנעדיקער הער! כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט טאָן, וואָס איך טו איצט.

— איר וועט נישט חרטה האָבן!

— דאָס גאַנצע לעבן וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין!

— הער, גלאָוביטש, פאַרוואָס האָט עפּעס דער פירשט אַרויסגעשיקט אייך צו דער עקזעקוציע, און נישט דעם אויסלענדישן רעגימענט?

— ווייל ער האָט געוואָלט אייך פאַר פּאָליאַקן מבזה-זיין, דער פרעמדער זעלנער קען אייך נישט.

— און מיר האָט גאָרנישט געזאָלט געשען?

— אייך האָב איך געהאַט אַ באַפעל די שטריק דורכצושניידן, אויב איר וואָלט זיך אָבער געכאַפּט צו פאַרטיידיקן סאָראָקאַן; האָבן מיר אייך געזאָלט שטעלן פאַרן פירשט אויף צו באַשטראָפן.

— האָט ער, הייסט עס, געוואָלט אויך סאַקאָוויטשן מקריב זיין — האָט קמיטשיק אַ ברום-געטאָן.

פירשט באַגוסלאַוו איז דערווייל אין יאַנאָוו, אַ פּאַרמאַ-טערטער פון קדחת און פון דער טאָג-אַרבעט, שוין געגאַנגען שלאָפן. פון טיפן שלאָף האָט אים אויפגעוועקט אַ טומל פאַר דער קוואַרטיר און אַ קלאַפּן אין דער טיר.

— גנעדיקער הער פירשט! גנעדיקער הער פירשט! — האָבן אַ פּאָר שטימען געררופן.

— ער שלאָפט! נישט וועקן! — האָבן די פּאַשן געענטפערט.

אָבער דער פירשט האָט זיך אויפן געלעגער אויפגעזעצט און אַ געשריי געטאָן:

— ליכט!

מ'האָט אַריינגעטראָגן ליכט, גלייכצייטיק דערמיט איז אַריינגעקומען דער דינסט-אָפיציר:

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט ער געזאָגט — סאַפּיעהאַס שליח האָט גלאָוביטשס פולק אויפגעבונטעוועט און עס אַוועק-געפירט צום העטמאַן.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט.

— קלאַפּן אין די קעסלען און אין די פויקן — האָט זיך באַגוסלאַוו לסוף אָנגערופן — זאָל דאָס מיליטער שטיין אין שלאַכט-אָרדנונג!

דער אָפיציר איז אַרויסגעגאַנגען, דער פירשט איז געבליבן אַליין.

— דאָס איז אַ שרעקלעכער מענטש! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט צו זיך.

און ער האָט דערשפירט! אַז דאָס קדחת הויבט אים ווידער אָן צו וואַרפן.

קאַפּיטל 21

ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דעם הער סאַפּיעהאַס פאַרווונדערונג, ווען קמיטשיץ איז נישט בלויז צוריקגעקומען אליין בשלום, נאָר ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּאָר צענדליק רייטער און דעם אַלטן דינער. קמיטשיץ האָט צוויי מאָל געמוזט דערציילן דעם העטמאַן און דעם הער אָסקערקאַ, ווי אַזוי און וואָס עס איז פאָרגעקומען, און זיי האָבן נייגעריק זיך צוגעהערט, פּאַטשנדיק זיך אָפט אין די הענט און אָנכאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ.

— קאָנסט דערפון דרינגען — האָט דער העטמאַן געזאָגט — אַז ווער עס כאַפּט אַריבער די מאָס אין נקמה, דעם גליטש זי זיך אָפּטמאָל אַרויס פון די פינגער, ווי אַ פויגל. פירשט באָגוסלאַוו האָט געוואָלט האָבן פּאָליאַקן פאַר עדות פון דער דאָזיקער שאַנד און פּיין, כדי דיך נאָך מיאוסער מבזה צו זיין, און ער האָט די מאָס אַריבערגעכאַפּט. אָבער דו זאָלסט זיך דערמיט נישט איבערנעמען, ווייל דאָס האָט גאָט דיר

באַשטימט דעם נצחון, הגם אין תּוך גענומען וועל איך דיר נאָר דאָס איינע זאָגן: ער איז אַ טייוול, אָבער אויך דו ביסט אַ טייוול! דער פֿירשט האָט שלעכט געטאָן, וואָס ער האָט דיך מבזה געווען.

— איך וועל אים נישט מבזה זיין און אין דער נקמה מיט גאָטס הילף די מאָס נישט אַריבערכאַפּן!

— זאָג דיך פֿון איר אָפּ איינגאַנצן, ווי קריסטוס האָט זיך פֿון איר אָפּגעזאָגט הגם זייענדיק אַ גאָט האָט ער מיט איין וואָרט געקאָנט פֿון די יידן אַ תּל מאַכן.

קמיטשיק האָט גאָרנישט געענטפֿערט, ווייל עס איז אויך נישט געווען קיין צייט אויף וכּוחים; ס׳איז אַפֿילו קיין צייט נישט געווען אויף אָפּצורוען. דער ריטער איז געווען טויט־מיד, און פֿונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן נאָך די נאַכט צו פֿאָרן צו זיינע טאָטערס, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער יאַנאָוו אין די וועלדער און אויף די וועגן הינטער באָגוסלאַווס חיילות. אָבער די דעמאָקלטיקע מענטשן פֿלעגן גוט שלאָפֿן אויף זאָטלען. הער אַנדזשעי האָט דעריבער בלויז געהייסן אַ פֿריש פֿערד אָנזאָטלען, צוזאָגנדיק זיך, אַז אונטערוועגס וועט ער זיך געשמאַק אויסשלאָפֿן.

שוין ביים אַרויפֿזעצן זיך אויפֿן פֿערד איז געקומען סאָראָקאַ און זיך אויסגעגלייכט פֿאַר אים.

— גנעדיקער האַר! — האָט ער געזאָגט.

— און וואָס וועסטו זאָגן, אַלטער?

— כ׳בין געקומען פֿרעגן, ווען איך זאָל פֿאָרן?

— וווהין?

— קיין טוראָגי.

קמיטשיק האָט זיך צעלאַכט:

— וועסט בכלל נישט פֿאָרן קיין טוראָגי, וועסט פֿאָרן מיט מיר.

— לויט באַפֿעל! — האָט דער וואַכמייסטער געענטפֿערט, באַמיענדיק זיך נישט אַרויסצווייזן די צופֿרידנקייט.

זיי זענען טאַקע צוזאַמען געפֿאָרן. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, ווייל מ'האָט געדאַרפט מאַכן אומוועגן דורך וועלדער, כּדי זיך נישט אָנצושטויסן אויף באָגוסלאַוון, דערפאַר האָבן קמיטשיץ און סאָראָקאַ זיך גוט אויסגעשלאָפן און אָן שום סבה אָנגעקומען צו די טאָטערס.

אַקבאַ-אולאַן האָט זיך תּיכּף געשטעלט פֿאַר באַבינישן און אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון זיינע אויפטועכצן. העראַנדזשעי איז פֿון זיי צופֿרידן געווען; אַלע בריקן זענען פֿאַרברענט געוואָרן, די דאָמבעס צעשטערט; נאָך נישט גענוג דערמיט: די וואַסערן האָבן זיך מיטן אָנקומען פֿון פֿרילינג צעגאָסן, פֿאַרוואַנדלענדיק די פֿעלדער, לאָנקעס און נידריקערע וועגן אין קלעבעדיקע בלאָטעס.

באָגוסלאַוו האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי שלאָגן זיך, מנצח זיין אָדער אומקומען. וועגן צוריקציען זיך האָט ער שוין נישט געקאָנט טראַכטן.

— גוט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ער האָט אַ פֿיינע קאַוואַלעריע, אָבער אַ שווערע. ביי די היינטיקע בלאָטעס וועט ער מיט איר גאָרנישט קאָנען אויפטאָן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַקבאַ-אולאַנען:

— ביסט אָפּגעקומען! — האָט ער געזאָגט און אים מיט דער פֿויסט אין בויך אַ זעץ-געטאָן — אָבער נאָך דער שלאַכט וועסטו זיך מיטן פֿירשטס דוקאַטן די קישקעס אָנפֿילן.

— גאָט האָט באַשאַפֿן שונאים, כּדי די מלחמה-מענטשן זאָלן האָבן פֿון וועמען צו נעמען שלל — האָט דער טאָטער ערנסט געענטפֿערט.

—און באָגוסלאַווס רייטער שטייען קעגן אייך?

— פֿאַראַן אַ פּאָר הונדערט גוטע רייטער, און נעכטן האָט מען זיי צוגעשיקט אַ רעגימענט פֿוס-גייער און זיי האָבן זיך אַרומגעגראָבן.

— קאָן מען זיי נישט אין פֿעלד אַרויסנאַרן?

— זיי גייען נישט אַרויס.

— און אַרומגיין און איבערלאָזן, כדי זיך קיין יאַנאָוו צוצוקריגן?

— זיי ליגן אויפן וועג.

— מ׳וועט דאַרפן זוכן עפּעס אַן עצה!

ביי זיי דאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיק גענומען זיך גלעטן מיט דער האַנט איבער דער טשופּרינע.

— איר האָט געפּרוווט אונטערקומען? ווי ווייט פאַלן זיי אַרויס הינטער אייך?

— אויף אַ הונדערט, צוויי הונדערט שריט... ווייטער ווילן זיי נישט.

— מ׳וועט דאַרפן זוכן עפּעס אַן עצה! — האָט קמיטשיק איבערגעחזרט.

אָבער די נאַכט האָט ער שוין קיין עצה נישט געפונען. דערפאַר איז ער צוזאַמענגעס צוגעפאָרן מיט די טאָטערס צום לאַגער, וואָס איז געלעגן צווישן סוכאָוואָלע און יאַנאָוו און זיך איבערצייגט, אַז אַקבאַ-אולאַן האָט מגזם-געווען, זאָגנדיק, אַז די פוס-גייער האָבן זיך אַרומגעגראָבן פון דער זייט; וואָרום עס זענען דאָרט געווען נאָר פאַרשאַנצונגען, מער גאָרנישט. מ׳האָט זיך פון זיי געקאָנט לאַנג פאַרטיידיקן, בפרט קעגן די טאָטערס, וועלכע זענען נישט גיך געגאַנגען גלייך אין פייער צו אַן אַטאַקע, אָבער מ׳האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אויסהאַלטן וועלכע עס איז באַלאַגערונג.

— ווען איך וואָלט געהאַט פוס-גייער — האָט קמיטשיק געטראַכט — וואָלט איך געגאַנגען אין רויך.

אָבער וועגן אַראָפּברענגען פוס-גייער איז שווער געווען אַפילו צו חלומען, ווייל ערשטנס האָט זיי הער סאַפּיעהאַ אַליין נישט געהאַט צופיל, צווייטנס האָט קיין צייט נישט געקלעקט אויף צונויפנעמען זיי.

קמיטשיק איז צוגעפאָרן אַזוי נאָענט, אַז באָגוסלאַווס פוס-גייער האָבן גענומען אויף אים שיסן, אָבער ער האָט דערויף נישט געקוקט, ער איז געפאָרן צווישן קוילן, האָט זיך

אַרומגעקוקט, אַלץ באַטראַכט, און די טאַטערס, הגם זיי זענען אויף פייער געווען ווייניקער אויסהאַלטודיק, האָבן געמוזט אים נאָכגיין. דערנאָך ווידער איז אַרויסגעפאַלן די קאַוואַלעריע און איז אים פאַרפאָרן פון אַ זייט. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, איז אָפּגעגאַנגען דריי טויזנט טריט און מיט אַ מאָל זיך צו זיי אויסגעדרייט.

אָבער זיי האָבן זיך אויך פון אָרט צו די פאַרשאַנצונגען אומגעקערט. אומזיסט האָבן די טאַטערס אַרויסגעלאָזט נאָך זיי אַ כמאַרע פיילן. נאָר איין מענטש איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד און אויך אים האָבן זיי מיטגענומען און אַוועקגעטראָגן.

צוריקוועגס האָט קמיטשיץ, אַנשטאָט צו פאָרן גלייך קיין סוכאָוואָלע, געוואָרפן זיך צו מערב-צו און אָנגעשפּאַרט ביז קאַמיאַנקאַ.

דער זומפּיקער טייך האָט זיך ברייט צעגאָסן, ווייל דער פרילינג איז געווען אומגעוויינלעך רייך אין וואַסערן. קמיטשיץ האָט אַ קוק-געטאָן אויפן טייך, האָט אין וואַסער אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר צעבראָכענע צווייגעלעך, כדי די פלינקייט פון שטראָם אויסצופּרוּוון און געזאָגט צו אולאַנען:

— דאָ-אַרום וועלן מיר זיי דורך דער זייט אַרומגיין און פון הינטן זיי באַפאַלן.

— קעגן שטראָם וועלן די פערד נישט שווימען.

— עס גייט פויל. זיי וועלן שווימען! דאָס דאָזיקע וואַסער שטייט כמעט אויף אַן אָרט.

— די פערד וועלן פאַרפרוירן ווערן און נישט אויסהאַלטן די מענטשן. ס'איז נאָך קאַלט.

— די מענטשן וועלן שווימען הינטער די עקן. דאָס איז אייער טאַטערישער גאַנג.

— די מענטשן וועלן פאַרפרוירן ווערן.

— זיי וועלן זיך דערוואַרעמען אין פייער.

— קישמעט!

נאָך איידער ס'איז טונקל געוואָרן אויף דער וועלט,

האָט קמיטשיץ געהייסן אָפּשניידן בינטלעך צווייגן, פֿאַרוועלקטע ריטלעך, וואַסער-רוירן און צו די זייטן פֿון די פערד צובינדן.

ביים ערשטן שטערן האָט ער געוואָרפֿן אין וואַסער אַריין אַרום אַכט הונדערט פערד זיי האָבן גענומען שווימען. ער אַליין איז געשווימען בראש, אָבער באַלד האָט ער איינגעזען, אַז זיי רוקן זיך אַזוי לאַנגזאַם פֿאָרויס, אַז אין צוויי טעג וועלן זיי נישט אַריבערשווימען אויף יענע זייט פֿאַרשאַנצונגען.

דעמאָלט האָט ער געהייסן זיך אַריבערקריגן אויפֿן צווייטן ברעג.

דאָס איז געווען אַגעפֿערלעכע אונטערנעמונג. דער צווייטער ברעג איז געווען אַ גלייכער און אַ זומפּיקער. די פֿערד, הגם זיי זענען געווען לייכטע, זענען געבליבן שטעקן ביז איבער די בייכער. אָבער זיי האָבן זיך גערוקט ווייטער הגם לאַנגזאַם און ראַטעווענדיק איינער דעם צווייטן.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַ פּאָר הונדערט שריט.

די שטערן האָבן געוויזן האַלבע נאַכט. אין-דעם האָט פֿון דער דרום-זייט זיך דערטראָגן צו זיי אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ ווייטער שיסעריי.

— די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן.

— מיר וועלן דערטרונקען ווערן! — האָט אַקבאַ-אולאַן געענטפערט.

— מיט מיר!

די טאָטערס האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, ווי זיי האָבן מיט אַמאָל באַמערקט, אַז קמיטשיצס פֿערד האָט זיך אַרויסגענורעט פֿון דער בלאָטע, אָנטרעפֿנדיק אַפֿנים אויף אַ האַרטן גרונט.

ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ לאַווע זאַמד. אויבן-אויף האָט דאָס וואַסער געגרייכט ביז צו די ברוסטן פֿון די פערד, אָבער דער גרונט פֿון אונטן איז געווען אַ האַרטער. זיי זענען

דריבער געגאַנגען מונטערער. אויף לינקס האָבן צו זיי אַ פינקל-געטאָן ווייטע פייערלעך.

— דאָס זענען די פאַרשאַנצונגען! — האָט קמיטשיק שטיל געזאָגט — מיר מיידן זיי אויס! מיר וועלן זיי אַרומגיין!

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי טאַקע געמיטן די פאַרשאַנצונגען. דעמאָלט האָבן זיי זיך אַקער-געטאָן אויף לינקס און די פערד ווידער אַריינגעיאָגט אין טייך, כדי אַרויסצוגיין פון וואַסער הינטער די פאַרשאַנצונגען.

העכער הונדערט פערד זענען געבליבן שטעקן האַרט בײַם ברעג אָבער די מענטשן האָבן זיך כמעט אַלע אַרויסגעקריגן אויפן ברעג. קמיטשיק האָט געהייסן די מענטשן אָן פערד זיך זעצן הינטער די רייטער און ער האָט זיך אַ לאָז-געטאָן צו די פאַרשאַנצונגען. פריער האָט ער געהאַט איבערגעלאָזט צוויי הונדערט פרייוויליקע מיט אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן באַאומרואיקן די פאַרשאַנצונגען פון פאָרנט פאַר דער צייט, וואָס ער וועט זיי פון הינטן אונטערקומען. צוקומנדיק האָט ער טאַקע געהערט שאָסן, תחילת שיטערע, דער נאָך וואָס אַמאָל געדיכטערע.

— גוט! — האָט ער געזאָגט — אַטאַקירן!

און זיי האָבן זיך אַלאָז געטאָן פאָרויס.

אין דער פינסטערניש האָט מען געזען נאָר אַ מאַסע קעפּ, וואָס זענען אונטערגעשפּרונגען צום טאַקט פון פערדישן גאַנג; קיין שווערד האָט נישט אַ קלימפּער-געטאָן, קיין פּאַנצער האָט נישט אַ קלינג-געטאָן, די טאָטערס און די פרייוויליקע האָבן געקאָנט גיין אַזוי שטיל, ווי די וועלף.

פון דער זייט פון יאַנאָוו איז די שיסעריי געוואָרן וואָס אַמאָל מעכטיקער, ס׳איז קענטיק געווען, אַז הער סאַפּיעהאַ האָט אָנגעגריפן אויף דער גאַנצער ליניע.

אָבער אויף די פאַרשאַנצונגען, צו וועלכע קמיטשיק האָט געאײַלט, האָבן אויך געהילכט אויסגעשרייען. אַפּאָר שטויסן האָלץ האָבן געברענט אויף זיי, פאַרשפּרייטנדיק אַ שטאַרקע שיין. ביי

דער דאָזיקער שיין האָט קמיטשיץ דערזען פוס-גייער, וואָס האָבן זעלטן געשאָסן, מער געקוקט פאַר זיך, אין פעלד, אויף וועלכן די רייטער האָבן זיך געראַנגלט מיט די פריַיוויליקע.

מ׳האָט אויך אים דערזען פון די פאַרשאַנצונגען, אָבער אַנשטאָט מיט אַ שיסעריי, האָט מען די אָנקומענדיקע אָפּטיילונג באַגריסט מיט אַ הויכן אויסגעשריי. די זעלנער האָבן געמיינט, אַז דאָס שיקט זיי באָגוסלאַוו צו הילף.

ווען אָבער קוים הונדערט שריט האָבן די אָנפאַרנדיקע מחנה אָפּגעטיילט פון די פאַרשאַנצונגען, האָבן די פוס-גייער זיך גענומען אין זיי אומרואיק באַוועגן; אַלץ מער זעלנער האָבן, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די שטערנס, געקוקט, וואָס פאַר אַ חייל עס קומט אָן.

אין-דעם האָט אויף אַ פּופציק שריט אַן אימהדיק געהייל אויפגעטרייסלט די לופט און די אָפּטיילונג האָט זיך ווי אַ שטורם אַ וואָרף געטאָן, אַרומגענומען די פוס גייער, אַרומגערינגלט זיי מיט אַ רינג און די דאָזיקע גאַנצע מענטשן-מאַסע האָט זיך גענומען קאָנווולסיוו באַוועגן. וואָלסט געמיינט, אַ ריזיקער שלאַנג ווערגט זיין אויסדערוויילטן קרבן.

אין יענער קופּע האָבן געהילכט האַרץ-רייסנדיקע קולות: אַללאַ! הער יעזוס! מיין גאָט!

הינטער די פאַרשאַנצונגען האָבן געהילכט נייע אויסגעש־רייען, ווייל דערקענענדיק, אַז הער באַבּינימש איז שוין אין די פאַרשאַנצונגען, האָבן די פריַיוויליקע, הגם אין אַ קלענערער צאָל, מיט רציחה אַ שפּאַר-געטאָן אויף די קאַוואַלעריע. דערווייל האָט דער הימל, וועלכער האָט זיך שוין זייט אַ געוויסער צייט פאַרוואָלקנט, ווי געוויינלעך אין פרילינג, אַ כליאַפּ-געטאָן מיט אַ געדיכטן, אומגעריכטן רעגן. די ברענענדיקע שטויסן האָבן זיך פאַרלאָשן און דער קאַמף האָט ווייטער אָנגעהאַלטן אין דער פינסטערניש.

אָבער ער האָט שוין לאַנג נישט געדויערט. באָגוסלאַווס פוס-גייער, וואָס זענען אומגעריכט באַפאַלן געוואָרן, זענען אויסגעקוילעט געוואָרן. די קאַוואַלעריע, אין וועלכער עס זענען

געוועזן אַ סך אייגענע מענטשן, האָט געלייגט דאָס געווער, די פרעמדע, דהיינו; הונדערט דראַגונער, האָט מען פאַרטיליקט ביז איינעם.

ווען די לבנה האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט פון הינטער די כמאַרעס, האָט זי באַלויכטן נאָר די קופּעס פון טאָטערס, וואָס האָבן דערקוילעט די פאַרווונדעטע און גענומען שלל.

אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס'האָט זיך דערהערט די אימהדיקע שטים פון אַ פייפל: די טאָטערט און די פּרייוויליקע זענען ווי איין מאַן אויף די פערד אַרויפגעשפּרונגען.

– נאָך מיר! – האָט קמיטשיץ אַ געשריי-געטאָן.

און ער האָט זיי ווי אַ ווירבער קיין יאַנאָוו אַוועקגעפירט.

מיט אַ פערטל שעה שפּעטער האָט מען דאָס אומגליקלעכע דאָרף אונטערגעצונדן אין פיר עקן און אין משך פון אַ שעה האָט איין ים פלאַמען זיך צעגאָסן אַזוי ברייט, ווי ווייט יאַנאָוו האָט געגרייכט. איבער דעם פייער זענען צום רויטן הימל אַרויפגעפלויגן סלופּעס פון פייערדיקע פונקען.

אַזוי האָט הער קמיטשיץ געגעבן צו וויסן דעם העטמאַן, אַז ער האָט גענומען דעם הינטערשטן טייל פון באָגוסלאַווס אַרמיי.

און אַליין, רויט פון מענטשלעכן בלוט ווי אַ תלין, האָט ער אין די פלאַמען זיינע טאָטערס אין רייען אויסגעשטעלט כּדי זיי ווייטער צו פירן.

זיי זענען שוין געשטאַנען אין רייען און זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט, אָבער מיט אַמאָל האָבן זיי אויפן פעלד, וואָס איז פון פייער געווען באַלויכטן ווי בייטאָג, דערזען פאַר זיך די אָפּטיילונג פון קורפירשטס ריזיקע רייטער.

ס'האָט מיט זיי אָנגעפירט אַריטער, וועלכן מ'האָט געזען פון דער ווייטנס, ווייל ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זילבערנעם פאַנצער און געזעסן אויף אַ ווייסן פערד.

– באָגוסלאַוו! – האָט קמיטשיץ מיט אַן אוממענטשלעכער שטים אַ געשריי-געטאָן און מיט דער גאַנצער טאָטערישער לאַווע זיך אַלאָז געטאָן פאַרויס.

זיי זענען זיך אַקעגנגעגאַנגען, ווי צוויי כוואַליעס, געטריבן

פון צוויי וויכערס. ס'האָט זיי אָפּגעטיילט אַ היפּשער מהלך, די פערד אויף ביידע זייטן האָבן דעריבער געיאָגט מיטן גרעסטן אימפּעט און געגאַנגען מיט צוגעדריקטע אויערן אויסגעצויגן ווי די ווינט-הינט, ווישנדיק כמעט מיט די בייכער די ערד. פון איין זייט ריזיקע מענטשן, אין בלישטשנדיקע ברוסט-פּאַנצערס, מיט גלייכע שווערדן אין די רעכטע הענט אין די הויך אַרויפגעהויבן, פון דער אַנדערער זייט אַ גראָע געדיכטע טאַטערישע מאַסע.

לסוף האָבן זיי זיך אין אַ לאַנגער לאַווע אויפן ליכטיקן פעלד צונויפגעטראָפן, אָבער דעמאָלט איז געשען עפּעס שרעקלעכס. די טאָטערישע מאַסע איז געפאַלן ווי די זאַנגען פון אַ וויכער אומגעלייגט; און די ריזיקע רייטער זענען איבער איר אַריבערגעפאָרן און ווייטער געפלויגן, גלייך ווי די מענטשן און פערד וואָלטן געהאַט די קראַפט פון דונערס און די פליגל פון אַ שטורם-ווינט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן אַפּאָר צענדליק טאָטערס זיך אַ ריס-געטאָן און גענומען זיי נאָכיאָגן. איבער די ווילדע לייט קאָן מען אַריבערפאָרן, אָבער דערשטיקן זיי מיט איין מאָל אַריבערפאָרן איז אוממעגלעך. אַלץ מער מענטשן האָבן דעריבער זיך אַ לאָז-געטאָן נאָך די אַנטלויפנדיקע רייטער. די נעצן האָבן גענומען פייפן אין דער לופט.

אָבער בראש פון די אַנטלויפנדיקע איז דער רייטער אויפן ווייסן פערד אַלץ געלאָפן אין דער ערשטער ריי, און צווישן די נאָכיאָגנדיקע איז קמיטשיץ נישט געווען.

אין גראָען באַגינען האָבן ערשט די טאָטערס גענומען צוריקקערן און כמעט יעדער האָט געפירט אויף דער שטריק אַ רייטער. באַלד האָבן זיי געפינען קמיטשיצן און אַ באַוווסטלאָזן אָוועקגעפירט צום הער סאַפּיעהאַ.

דער העטמאַן אַליין איז געזעסן ביי זיין בעלעגער. מיטאָג-צייט האָט הער אַנדזשעי די אויגן אויפגעמאַכט.

— ווו איז באָגוסלאַוו ? — זענען זיינע ערשטע ווערטער געווען.

ער איז פולשטענדיק צעקלאַפּט... אין אַנהויב האָט אים

גאָט געגעבן הצלחה, ער איז דעריבער אַרויס פון די וועלדער און אויפן הוילן פעלד אַרויפגעפאַלן אויף הער אָסקערקאַס פוס-גייער, דאָרט האָט ער פאַרלוירן די מענטשן און דעם נצחון... כ'ווייס נישט, צי פינף הינדערט אַפילו זענען אַנטרונען, ווייל אַסך זענען נאָך דורך דיינע טאָטערס אויפגעכאַפּט געוואָרן.

— און ער אַליין ?

— איז אַנטקומען.

קמיטשיץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט :

— איך קאָן זיך נאָך מיט אים נישט פאַרמעסטן. ער האָט מיט דער שווערד אין קאָפּ אַשניט-געטאָן און צוזאַמען מיטן פערד אומגעוואָרפן... צום גליק האָט דער העלם פון פיינעם שטאָל נישט דורכגעלאָזט די שווערד, אָבער כ'בין געפאַלן אין חלשות.

— דעם דאָזיקן העלם דאַרפסטו אין דער קירך אויפהענגען.

— מיר וועלן אים נאָכיאָגן. אַפילו אין עק וועלט ! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

דערויף האָט דער העטמאַן זיך אָנגערופן :

— קוק, וואָס פאַר אַ ידיעה כ'האָב היינט דערהאַלטן נאָך דער שלאַכט.

און ער האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו.

קמיטשיץ האָט אויפן קול איבערגעלייענט די ווייטערדיקע ווערטער :

„דער שוועדישער קעניג האָט אַרויסמאַרשירט פון עלבינג, ער גייט אויף זאַמאָשטש, פון דאָרט אויף לוווו, אויפן קעניג. קומט הויך-ווירדיקער הער, מיט דער גאַנצער מאַכט דעם האַר און דעם פאָטערלאַנד צו הילף, ווייל כ'וועל אַליין נישט אויסהאַלטן. — טשאַרניעצקי".

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

— און דו וועסט גיין מיט אונדז, אָדער צו וועסט מיט די טאָטערס זיך לאָזן קיין טוראָגי ? — האָט דער העטמאַן געפרעגט.

קמיטשיץ האָט צוגעמאַכט די אויגן, ער האָט זיך דערמאַנט אין קסיאָנדז קאַרדעצקיס ווערטער, אין דעם, וואָס וואָלאָדיאָוווסקי

האָט אים וועגן סקשעטוסקין דערציילט און ער האָט געענטפערט:
אויף שפּעטער די פּריוואַטע עניגים! ביים פאָטערלאַנד וויל איך מיטן שונא זיך שלאָגן!
דער העטמאַן האָט אים פאַרן קאָפּ געדריקט.
— אָט אַזוי ביסטו מיר אַ ברודער! — האָט ער געזאָגט — און היות איך בין אַלט, נעם-אָן מיין ברכה...

סוף פון ערשטן טייל.